STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03237

DI TSUKUNFT FUN DER IDISHER RELIGYE

Mordecai Menahem Kaplan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

די צוקונפט
פון דער אידישער רעליגיע

אָדער

די רעליגיאָ-קולטוריסטישע
אויפפאסונג פון יודנטום

פון

מרדכי מנחם קאַפּלאַן

פראָפעסאָר פון אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו יאָרק;
דירעקטאָר פון לערער־אינסטיטוט ביים סעמינאַר;
איצט גאַסט־פראָפעסאָר אין העברייאישן
אוניווערזיטעט פון ירושלים.

פאַרפאַסער פון פאָלגנדיקע ווערק אין ענגליש:

"JUDAISM AS A CIVILIZATION" — "JUDAISM IN TRANSITION" — "THE MEANING OF GOD IN MODERN JEWISH RELIGION"

◆ ◆ ◆

Published in 1938 *by*

THE SOCIETY FOR THE ADVANCEMENT OF JUDAISM

15 West 86th Street, New York, N. Y.

הויפּט־פאַרקויף:

„אידישע בוך געזעלשאַפט"

149 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק

Copyright, 1938
By MORDECAI M. KAPLAN
NEW YORK

Printed in the United States of America

369

אינהאַלט:

קאַפּיטל איינס

איינלייטונג: — די נויטיקייט פון אַ נייער אָריענטאַציע אין פּראָבלעם פון רעליגיע: —

רעליגיע אַן אומבאַדינגטער טייל פון דער אידישער ציוויליזאַציע.

די שייכות פון רעליגיע צו וויסנשאַפט.

די פאַלשע אויספירן פון דער „פסיכאָלאָגישער" אויסטייטשונג פון רעליגיע.

היסטאָרישע רעליגיע פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט.

זז. 11 — 32

קאַפּיטל צוויי

דער אָרט פון רעליגיע אין אידישן לעבן: —

די שייכות פון רעליגיע צום רעשט פון אידישן לעבן לויט די אנשויאונגען פון פאַרשידענע אידישע גרופּירונגען.

די צעטיילונג צווישן נאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן לויט דער נעאָ־אָרטאָדאָקסישער אויפפאַסונג.

ווי די ניט־אָרטאָדאָקסישע רעליגיאָניסטן באַנעמען די געטלעכע זייט פון דער רעאַליטעט.

דער מיין פון דער גאָט־אידייע אין אַ גרופּע־רעליגיע.

דער טעות אין דער רעפאָרמיסטישער אויפפאַסונג פון דער אי־דישער רעליגיע.

דער טעות אין דער וועלטלעך קולטוריסטישער אויפפאַסונג פון דער אידישער רעליגיע.

עטלעכע אילוסטראַציעס צו דער רעליגיאָ־קולטוריסטישער אויפ־פאַסונג.

ווען רעליגיע איז לעבנסוויכטיק.

זז. 33 — 62

אינהאלט

קאַפּיטל דריי

דער פֿאָלקס־כאַראַקטער פֿון דער אידישער רעליגיע: —

די שייכות פון רעליגיעזע ריטואלן צום גרופּע־באַוואוסטזיין.
פֿאָלקס רעליגיע אַ מיטל צום המשכדיקן קיום פון דער גרופּע.
פּאַטריאָטיזם איז בלויז די מאָדערנע פאָרם פון פֿאָלקס־רעליגיע.
קריסטנטום און אימפּעריאַליסטישער פּאַטריאָטיזם.
די פֿאָלקס־רעליגיע איז געזיכערט מיט קיום.
די הויפּט־פֿאָלגן פון דער פֿאָלקס־רעליגיע פאַר די אידן פון חוץ לארץ.
עפנטלעכע עבודה און אומבאַדינגט נויטיקער עלעמענט פון פֿאָלקס־רעליגיע.
די עיקרים פון דער עפנטלעכער אידישער עבודה.
זז. 63 — 87

קאַפּיטל פיר

די אַנטוויקלונג־שטופן פון דער אידישער רעליגיע: —

נויטיק אַ נייער צוגאַנג צו דער געשיכטע פון דער אידישער רע־ליגיע.
די פֿאָלקס־גאָט־שטופע פון דער אידישער רעליגיע:
א) דער עטריט צווישן סינקרעטישע און אַנטי־סינקרעטישע טענדענצן.
ב) דער אורשפּרונג פון „טאָג פון יהוה".
ג) די פּראָפעטישע באַוועגונג.
די טעאָקראַטישע שטופע פון דער אידישער רעליגיע:
א) די פונקציע פון בית המקדש.
ב) די תורה ווי דער אויסדרוק פון גאָטס ווילן.
ג) דער וואוקס פון יענע־וועלטיקע לערנונגען.
די יענע־וועלטיקע שטופע פון דער אידישער רעליגיע:
א) רעליגיע דער איינציקער אָרגאַן פון נאַציאָנאַלן לעבן.
ב) דער תלמודישער באַגריף פון גאָט.
ג) דער תלמודישער באַגריף פון דער תורה.
ד) דער תלמודישער באַגריף פון ישראל.
דער באַטייט פון המשך אין דער אידישער רעליגיע.
זז. 88 — 133

אינהאלט

קאפיטל פינף

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפרעטירן דעם גאָט־געדאַנק: —

ניי־אינטערפרעטירונג ווי א מיטל ארויסצוציען באהאלטענע ווערטן.

די דערגרייכונגען און הינטערשטעליקייטן פון דער היסטאָרי־שער שולע.

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפרעטאציע ווי א מיטל אויפצוהאלטן דעם המשך פון דער אידישער רעליגיע.

דער גאָט־געדאנק אין פּראָבלעם פון ניי־אינטערפרעטאציע.

די פארשיידענע טיפּן פון גאָט־געדאנק.

דער פארענדערלעכער גאָט־געדאנק אין דער אידישער געשיכטע.

דער עמאָציאָנעלער און דער ווילנס־עלעמענט אין גאָט־געדאנק.

ווי מאָראלער פּראָגרעס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין גאָט־געדאנק.

וואָס איז געמיינט מיט דער אומשאצונג פון גאָט־געדאנק?

די פונקציאָנעלע אינטערפרעטאציע פון די געטלעכע אטריבוטן.

די פונקציאָנעלע אינטערפרעטאציע פון יענע־וועלטיקייט.

ווידערשטאנד צו דער ניי־אינטערפרעטאציע איז צו דערווארטן.

זז. 134 — 162

קאפיטל זעקס

ווי דער רמב"ם האָט באַנייט דאָס יודנטום דורך ניי־אינטערפרעטאַציע: —

אין וועלכן זין קאָן דער רמב"ם אונז דינען פאר א וועגווייזער?

ווי דער רמב"ם האָט איבערגעטייטשט די לערע פון עולם הבא.

ווי דער רמב"ם האָט איבערגעטייטש דעם אידישן גאָט־געדאנק.

ווי דער רמב"ם האָט איבערגעטייטשט דעם באגריף פון ישראל.

ווי דער רמב"ם האָט איבערגעטייטשט דעם באגריף פון דער תורה.

די לעקציע פון רמב"ם אף אונזער צייט.

זז. 163 — 181

אינהאלט

קאַפּיטל זיבן

אני מאמינס און לעבנס־נויטן: —

ווי מענדעלזאָן האָט אָפּגעענטפערט אויף דעם ארויסרוף פון דער השכלה.

דאָגמעס אַלס צייכן גיכער פון גרופּע־געטרייהייט, איידער פון הסכמה.

ס'האָט געפעלט דאָגמע אויף די צוויי ערשטע שטופן פון דער אידישער רעליגיע.

דאָגמעס — א פּראָדוקט פון דעם גלויבן אין עולם הבא. מענדעלזאָנס פּארזוך צו פאָרמולירן א גאַנץ נייעם איינשטעל פארן יודנטום.

ניט דאָגמעס, נאָר „באַדאַרפן" זיינען די קריטעריומס פון אידישער געטרייהייט.

זז. 182 — 213

קאַפּיטל אַכט

די אידישע רעליגיע און די באַזיצלאָזע: —

די פּאַרציייטיקע אידישע שטעלונג צו אָרעמקייט.

הומאַניסטישע אויסטייטשונג פון די געטלעכע אַטריבוטן פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט.

די אידישע רעליגיע א שטוים־קראַפט צום קאַמף פאַר סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט.

זז. 214 — 241

קאַפּיטל ניין

אַ פּראָגראַם פון שעפערישן יודנטום.

זז. 242 — 258

***

נאָטיצן און ציטאַטן־אָנווייז.

זז. 259 — 272

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

קאַפּיטל איינס

איינלייטונג: די נויטיקייט פון אַ נייער אָריענטאַציע אין פּראָבלעם פון רעליגיע

רעליגיע אַן אומבאַדינגטער טייל פון דער אידישער ציוויליזאַציע

פון אַלע ציוויליזאַציעס קאָן די אידישע ציוויליזאַציע צום ווינ־ציקסטן זיך דערלויבן אויסצולאָזן רעליגיע. רעליגיע האָט פאַרנומען אַזאַ גרויסן פּלאַץ אין לעבן פון אידישן פאָלק, דורך דעם גאַנצן פאַר־לויף פון זיין געשיכטע, אַז די באַזייטיקונג פון רעליגיע וואָלט איבער־געלאָזט דאָס אידישע לעבן שטאַרק פאַראָרעמט — ספּעציעל, ווען די אַנדערע עלעמענטן פון דער אידישער ציוויליזאַציע זיינען נאָך אין פּראָצעס פון אָננעמען אויף זיך רעאַליטעט און סטרוקטור. אויב די אויסצייכנונג פון אַ ציוויליזאַציע איז אין דער איינאַיינציקייט פון איר ביישטייער צו דער מענטשלעכער קולטור, איז עס רעליגיע געווען און וועט בלייבן די אויסצייכנונג פון דער אידישער ציוויליזאַציע. נעמט אַרויס רעליגיע, בלייבט אידישקייט אַ ליידיקע שאָלעכץ. ווי מען זאָל זיך ניט אויסשטערקן מיט דער פאַנטאַזיע, קאָן מען זיך אַלץ ניט פאָרשטעלן, אַז אַ פאַרוועלטלעכטע קולטור זאָל קאָנען איבער־נעמען די פולע גייסטיקע ירושה, וואָס האָט אויסגעפורעמט דאָס אי־דישע פאָלק איז אַ גאַנצקייט, וואָס איז איינציק און אַליין. דאָס גופא, וואָס אידן זיינען געצוואונגען ווידער אַמאָל צו אונטערשטרייכן זייער סטאַטוס אַלס אַ נאַציע, לייגט אויף זיי אַרויף אַ פליכט צו זיין אַ רע־ליגיעזע נאַציע, ווייל בלויז דורך רעליגיע קאָנען אידן צוריקגעווינען זייער זין פאַר וועלט־איינהייט און פאַר דער ספּיריטועלער איינהייט־לעכקייט פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַזוי אַז די אידישע ציוויליזאַ־ציע מוז שוין איינשליסן רעליגיע. פון דער אַנדער זייט אָבער, באַ־הויפּטן, אַז רעליגיע מוז איינגעהאַלטן ווערן אין אידישן לעבן, מיינט בלויז פאָרמולירן דאָס פּראָבלעם, אָבער ניט לייזן עס. וואָרים אַזוי גיך מיר שטעלן אַוועק אַזאַ באַהויפּטונג, פאָדערן מיר אַרויס אויף אַן אידעאָלאָגישן פאָרמעסט די שוין איינגעשטעלטע שיטות, וואָס טייטשן די אידישע ציוויליזאַציע אַלס רעליגיע און בלויז רעליגיע. און ניט נאָר דאָס פּראָבלעם פון רעליגיעזע שיטות דאַרף מען האָבן אין זינען.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

ס'איז ניט גענוג אויסצואַרבעטן אַ באַגריף פון אַ אידיש לעבן, אַלס אַ ציוויליזאַציע וואָס שליסט איין רעליגיע, און צוטראַכטן צו דעם אַ סאָציאַלן אַפּאַראַט פאַר איר אויפהאַלטונג. עס איז נאָך נויטיק צו פאָרמולירן אַן אויפפאַסונג פון רעליגיע פאַר די יעניקע, וואָס זיינען אומצופרידן מיט אַלע ביז אַהער פאָרגעשלאָגענע אויפפאַסונגען.

עס איז ניט קיין לייכטע אונטערנעמונג. דער פאָרבאַדינג און הויפּט־באַדינג פאַר דעם פאַרשטיין פון דעם אָרט פון רעליגיע אין דער אידישער ציוויליזאַציע איז אַ רעוויזיע פון באַגריף רעליגיע. עס פאָדערט אַ נייע איינשטעלונג בנוגע רעליגיע בכלל און דער אידישער רעליגיע בפרט. און דער סאַמע ערשטער און שווערסטער שריט אין אָט דעם פּראָצעס פון רעליגיעזער ניי־איינשטעלונג אין דער איצטיגער צייט איז דאָס שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז עס איז מעגלעך אַ רעליגיע, וואָס קאָן זיך באַגיין אָן דעם גלויבן אין דעם איבערנאַטירלעכן כאַראַקטער פון איר אורשפּרונג.

כדי צו מאַכן זיך פריי דעם וועג צווישן פאַרשטייפטן טראַדיציאָנאַליזם און הוילער אומרעליגיעזיטעט, אויסמיידנדיק די געפאַרן פון ביידע זייטן, וועט דער איד זיך מוזן דעראַרבעטן צו דער השגה, אַז רעליגיע איז איינגעוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נאַטור, און אַז דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון גאָט און אין די אַטריבוטן, וואָס ווערן אים צוגעשריבן, דאַרף אַרויסגעדרונגען ווערן פון דער דערפאַרונג פון יעדן דורכשניטלעכן מאַן און פרוי און דאַרף געבראַכט ווערן אין שייכות צו דער דאָזיקער דערפאַרונג. אַ־דער נויטיק געוואָרענער איבערגאַנג פון דער טעאָורגישער (מאַגישער) השגה צו דער ראַציאָנעלער השגה פון רעליגיע איז בלויז אַ טייל פון אַ פיל גרעסערן פּראָבלעם, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאַרן מענטשן זייט די טעג פון קאָפּערניקוס און וואָס האָט פאַר אים נויטיק געמאַכט די רעוויזיע פון זיין גאַנצן וועלט־באַנעם אין צופּאַסונג צו דער נייער טעאָריע פון אוניווערס. דאָס פּראָבלעם איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן מיט דעם אויפשטייג פון דער דאַרווינישער טעאָריע פון עוואָלוציע. וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם פיזישן אוניווערס איינער זאָל זיך ניט צורעכטמאַכן, די דאַרווינישע טעאָריע קאָן ער בשום אופן ניט פאַרבייגיין. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אַ מענטש מוז דאָך סוף כל סוף קומען צו אַ פאַרשטענדניש מיטן לעבן, און מוז געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיינע ספּיריטועלע שטרעבונגען, דאַרף אויך מעגלעך זיין אויסצואַרבעטן אַ פּאָזיטיוו־ספּיריטועלן אויסגלייך אין אידישן לעבן אין הסכם מיט דער עוואָלוציאָנערער אויפפאַסונג פון רעליגיע.

די נויטיקייט פון אַ נייער אָריענטאַציע

די שייכות פון רעליגיע צו ווּיסנשאַפט

אַז די נײַ־אָריענטירונג, וואָס איז אַזוי גרונט־וויכטיק פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון דער אידישער רעליגיע, קאָן ניט דורכגעפירט ווערן — לויט דעם אַלט־באַקאַנטן מעטאָד — בלויז דורך דעם, וואָס מ׳וועט פּרובן ווי עס איז צונויפצושלאָגן אַ וועלכן עס איז שלום צווישן די טראַדיציאָנעלע לערעס פון דער רעליגיע און די רעזולטאַטן, צו וועלכע די מאָדערנע וויסנשאַפט איז געקומען. עס פאָדערט ניט מער און ניט ווייניגער ווי אַ צוגאַנג צו דער רעליגיעזער אינטערפּרעטאַציע פון לעבן אין שטרענגען גייסט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, וואָס פאַרהאַלט זיך צו פאַקטן אָן דעם מינדסטן פאָראורטייל; וואָס באַטראַכט ניט דעם אמת פאַר אַבסאָלוט און ענדגילטיק, נאָר ווי אַ לעבעדיקן פּראָצעס, דורך וועלכן דער שכל דערנענטערט זיך צום אמת, שטופנווייז זיך באַפרייענדיק פון טעותן. אַ קאָנפליקט צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע איז נאָר דאַמאָלס מעגלעך, ווען מיר נעמען אָן, אַז אונזער קענטניש פון גאָט שטאַמט ניט פון אונזער באַנעמען דעם אוניווערס און דאָס מענטשלעכע לעבן, נאָר פון עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער אַנטפּלעקונג, וואָס איז אינגאַנצן מחוץ און איבער דער נאַטירלעכער קראַפט פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ווען אָבער עס איז אין פאָרויס ביי אונז אָפּגעמאַכט, אַז אונזער קענטניש פון גאָט קאָן אַנדערש ניט ווי נאָר געשטיצט זיין אויף דערפאַרונג און זיך אַנטוויקלען צוזאַמען מיט דער דערפאַרונג — דאַמאָלס איז אויסגעשלאָסן יעדער קאָנפליקט צווישן רעליגיע און וויסנשאַפט; ווייל דאַמאָלס אַלץ וואָס עס איז נויטיק אויפצוהאַלטן די רעליגיע אין לעבעדיקן צושטאַנד, איז צו לאָזן זי וואַקסן פּאַראַלעל מיט דער דערפאַרונג.

אָבער דאָס אַריינעמען רעליגיע אין רשות פון וויסנשאַפטלעכן דענקען זעצט פאָרויס אַ פיל ברייטערן באַגריף פון וויסנשאַפט, ווי בלויז אַ מעטאָד פון מעסטן דערשיינונגען אָדער פון נאָכשפירן דעם סדר ווי זיי פאָלגן איינע פון דער אַנדערער. דער וויסנשאַפטלעכער גייסט דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן אין זין פון אָנווענדונג פון שכל אויף אַלץ, וואָס איז אין די גרעניצן פון מענטשלעכער דערפאַרונג, וואָס דאָס שליסט איין צוועקן אַזוי גוט ווי מיטלען, סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן אַזוי גוט ווי פיזישע עקזיסטענץ. אַזוי פאַרשטאַנען, וועט עס דווקא זיין אין אינטערעס פון רעליגיע צו אונטערוואַרפן זיך דעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג. צו דערקלערן דעם ענין קאָנקרעטער — מיר וועלן ספּיריטועל בלויז געווינען, ווען מיר וועלן אונטערוואַרפן

אַלע אונזערע רעליגיעזע אידייען, געוויינהייטן און עמאָציעס צום עקזאַמען פון שכל. עמיל דורקהיים האָט אָט דאָס פאַרהעלטניש פון דער וויסנשאַפט צו רעליגיע אויסגעדריקט מיט אומפאַרגלייכלעכער קלאָרקייט:

„וואָס די וויסנשאַפט זאָגט זיך אָפּ צו באַוויליקן דער רעליגיע, איז ניט דאָס רעכט אַף עקזיסטירן, נאָר דאָס רעכט צו דאָגמאַטיזירן וועגן דער נאַטור פון זאַכן; און זי וויל איר ניט נאָכגעבן איר פּרעטענזיע, אַז זי, די רעליגיע, באַזיצט אַ ספּעציעלע קאָמפּעטענץ צו קענען דעם מענטשן און די וועלט. דער פאַקט איז, אַז זי קען אפילו זיך אליין אויך ניט. זי ווייס ניט פון וואָס פאַר אַ שטאָף זי איז געמאַכט און וועלכע נויטן זי באַפרידיקט. זי איז אַליין אַ קעגנשטאַנד פאַר דער וויסנשאַפט. אַזוי ווייט איז זי פון זיין בכוח צו מאַכן געזעץ פאַר דער וויסנשאַפט. . . עס שיינט אָבער, אַז עס שטייט איר פאַר ניכער זיך צו טראַנספאָרמירן, איידער צו פאַרשווינדן" 1).

דער שכל, וואָס די רעליגיע דאַרף זיך לערנען צו לאָזן זיך עקזאַמענירן פון אים, איז ניט סתם שכל, נאָר יענער אַלץ אַרומנעמענדיקער פּראָצעס פון געדאַנק, וואָס דערקענט אין יעדער געשטאַלט פון דער רעאַליטעט אַ טייל פון דער גרויסן גאַנצן, וואָס אַלע זיינען טיילן זיינען אין ענגען צוזאַמענהאַנג. אָט דער שכל שליסט ניט אויס ניט אינטואיציע און ניט מיסטיציזם, נאָר די אינטואיציע דאַרף ניט צונויפגעמישט ווערן מיט איבערנאַטירלעכער אַנטפּלעקונג, און מיסטיציזם מיט רעזיגנאַציע פון שכל.

אַמאָל, ווען מענטשן פּלעגן אויסגעפינען, אַז די רעליגיע פון נסים און גאָט אַנטפּלעקונגען האָט מער פאַר זיי קיין האַפט ניט, פלעגן זיי זיך אַריינלאָזן אין פילאָזאָפישע חקירות אין דער האָפנונג אַזוי אַרום צוצוקומען צו אַזעלכע אוניווערסאַלע און אייביקע אמתן, וואָס זיינען אויסער יעדן ספק. אָבער דער מאָדערנער דענקער האָט צו זיין דינסט די געשיכטע און די פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיעזע דערפאַרונגען. דאָס קענטניש פון די פאַרשיידענע מאַניפעסטאַציעס פון רעליגיע צווישן פעלקער אַף די באַזונדערע שטופן פון זייער אַנטוויקלונג; און דאָס קענטניש פון די כוחות פון דער מענטשלעכער נאַטור, סיי דער יחידישער און סיי דער קאָלעקטיווער, וואָס אין זייער צוזאַמענשפּיל בילדן זיי די פּילפּאַכקייט פון די רעליגיעזע גלויבונגען און טואונגען — אָט די קענטנישן מאַכן עס מעגלעך פאַר דעם מאָדערנעם דענקער צו אַנטדעקן יענע פונדאַמענטאַלע נויטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, אַף וועלכע די גאָט־אידייע קומט צו ענטפערן.

די נויטיקייט פון א נייער אָריענטאציע

יענע נויטן זיינען פון אן אוניווערסאַלערן כאַראַקטער און פון א סך א גרעסערן באַטייט, ווי דער לאָגישער אַרגומענט, אַז עס מוז דאָך זיין אַן ערשטע סיבה אָדער אַן אור־באַוועגער — דער אַרגומענט, וואָס פאַר דעם רעליגיעזן פילאָזאָף פון די פריערדיקע צייטן איז ער געווען דער הויפּט־טעם פאַר זיין גלויבן אין גאָט.

די פאַלשע אויספירן פון דער „פּסיכאָלאָגישער" אויסטייטשונג פון רעליגיע

צום באַדויערן איז אויפגעשטאַנען א ווִיסנשאַפט פון רעליגיע, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר א פּאַסטקע און נאַרעריי. דאָס איז יענער מין צוגאַנג, וואָס איבערטרעטנדיק דער שטח פון זיין אונטערזוכונגס געביט, נעמט ער זיך אָן מיט העזה צו פאַרלייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט. דערקלערנדיק, ווי אַזוי מען האָט אַמאָל געגלויבט אין גאָט, מיינט אָט די כמו־ווִיסנשאַפט, אַז זי דערקלערט אַוועק גאָט. צו אָט דער איבערנעמערישער ווִיסנשאַפט וועלן מיר באַלד צוקומען. דאָס דאַרף אָבער ניט אויפוועקן אין אונז א פאָראורטייל קעגן דער אמת'ער ווִיסנשאַפט פון רעליגיע, וועלכע האַלטנדיק זיך שטרענג אין די גרעניצן פון אונטערזוכונג, באַשרענקט זי איר אויפגאַבע מיט דערקלערן, ווי אַזוי די גאָט־אידייע האָט פונקציאָנירט אין דער געשיכטע. אַזאַ ווִיסנשאַפט איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר א געהעריקער פאַרשטענדניש פון רעליגיע, ווי מאַטעמאַטיק איז נויטיק פאַר אַסטראָנאָמיע. די רעליגיע, וואָס זי העלפט אונז פאַרשטיין, איז ניט די רעליגיע פון דעם מעטאַפיזיקער, וואָס זיין פּראָבלעם איז די רעאַליטעט פון גאָט, נאָר דאָס איז די רעליגיע פון דער מענטשן־גרופּע און פון דעם יחיד אין דער גרופּע, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס גאָט מיינט פאַרן מענטשן און וואָס ער דערוואַרט פון אים. דאָס פּראָבלעם פון מעטאַפיזיקער קומט פאַר דער ווִיסנשאַפט; דער אינטערעס פון דער רעליגיעזער גרופּע אָדער פון רעליגיעזן יחיד קאָן צום בעסטן פאַרשטאַנען ווערן אין ליכט פון ווִיסנשאַפט. צום באַדויערן, דאַרפן מאַנכע ווִיסנשאַפטסלייט זיך נאָך לערנען ווי צוצוגיין ווִיסנשאַפטלעך צו רעליגיע. איין זאַך איז אויסצוגעפינען און אָנצורופן די פאַקטאָרן, וואָס שאַפן די באַדינגונגען פאַר דעם גאָט־באַגריף — מורא, חלומות, גייסטער, אַנימיזם (די פאַרלעבעדיקונג פון דער נאַטור), די בענקשאַפט נאָך פּערפעקציע; און גאָר אַן אַנדער זאַך איז אַרויסצודרינגען דערפון, אַז די גאָט־אידייע קאָן אין גאַנצן אויפ־

געלייזט ווערן אין די פאקטארן, וואס באדינגען זי. דער אויספיר, וואס רעדוצירט די גאט־אידייע צו אן אילוזיע, איז לאגיש ניט בארעכטיגט דורך די פסיכאלאגישע פאקטן פון רעליגיעזן לעבן; עס איז גיכער א פראדוקט פון אנטיפאטיע צו רעליגיע. די פסיכאלאגן, וואס רעדוצירן די גאט־אידייע צו אן אילוזיע, פארקוקן דעם פארענדערלעכן כאראקטער פון דער גאט־אידייע. געוויינלעך אטאקירן זיי א פארעלטערטע גאט־אידייע, און פארזעען דעם פאקט, וואס האט ווענִיקסטנס געדארפט פאר זיי גילטן ווי א פסיכאלאגישע באאבאכטונג, אז אזוי גיך איין גאט־אידייע ווערט פארווארפן, קומט גלייך אויף א צווייטע, וואס ווערט באטראכט ווי א נעענטערער צוטריט צום אמת. זיי פארגעסן אויך, אז די פארדאמונג גופא פון אן אידייע אלס אן אילוזיע, זעצט שוין פארויס די עקזיסטענץ פון עפעס א רעאליטעט וואס ווערט אנגענומען פאר דער נארמע. פארוואס זאל די קוואליטעט פון געטלעכקייט ניט איינשטיין טאקי אין יענער רעאליטעט, וואס דינט פאר דעם קריטעריום צו פארווארפן אלס אילוזיעס די טראדיציאנעלע אדער קאנווענציאנעלע אידייען פון גאט?

אט צ. ב. ש. הויבט פרויד אן די אטאקע, וואס ער האט קירצלעך געמאכט אף רעליגיע 2), מיט דער גרונטלאזער הנחה, אז רעליגיע באשטייט פון געוויסע דאגמעס, באהויפטונגען וועגן פאקטן און קאנדיציעס פון אויסערלעכער (אדער אינערלעכער) רעאליטעט, וואס דערציילן אייך עפעס, וואס איר אליין האט ניט דערפארן און וואס באשטייען דעריף אז זיי דארפן געגלויבט ווערן" 3). ס'איז ניטא קיין לייכטערע זאך ווי צעשטערן א מענטשן פון שטרוי. פארוואס באשרענקען רעליגיע אף דאגמעס, וואס דארפן געגלויבט ווערן? אמת, אויטאריטעט שפילט נאך א וויכטיקע ראלע אין דער רעליגיע פון די מערסטע מענטשן. אבער ביז ניט לאנג צוריק איז דאס אויך געווען דער פאל מיט דער וויסנשאפט. דאך וועט קיינעם ניט איינפאל! צו פארעכענען אויטאריטעט ווי אן אנגעהעריקער טייל פון דער וויסנשאפט. פונקט ווי די וויסנשאפט האט זיך דערהויבן צו א נייער שטופע אין איר אנטוויקלונג, ווען זי האט פארביטן דעם דעדוקטיוון מעטאד מיט דעם אינדוקטיוון, אזוי קאן אויך די רעליגיע נאכהאלטן דעם פראגרעס פון דער וויסנשאפט דורך אונטערווארפן צו אן אנאליז אירע אייגענע הנחות און פראצעסן. אז א מאן פון פרוידס אינטעלעקטועלן גראד זאל זיך פארשולדיקן מיט צונויפמישן „רעליגיע" מיט א ספעציעלן טיפ פון „רעליגיעזע דאקטרינעס" איז ווירקלעך א פאל, וואס פארדינט א פסיכאאנאליז.

די נויטיקייט פון אַ נייער אָריענטאַציע

די פּסיכאָלאָגיע פאַר זיך גופא איז ניט פאַראינטערעסירט אין דער ריכטיקייט אָדער ניט ריכטיקייט פון די אויספירן וואָס מיר מאַכן פון אונזער וויסן וועגן דעם אורשפרונג און דער נאַטור פון רעליגיע־זער דערפאַרונג. און ווען מיר דאָ באַנוצן זיך מיט די פּסיכאָלאָגישע דאַטן פאַר אַ ניי־פאָרמולירונג פון אונזער גאָט־באַגריף, זיינען מיר אין פאָרויס מודה, אַז מיר טרעטן אַריבער די פּראָווינץ פון פּסיכאָ־לאָגיע, פּונקט אַזוי ווי דאָס טוען די יעניקע וואָס דרינגען, אַז די גאָט־אידייע איז אַן אילוזיע. פרעגט זיך אָבער, פאַרוואָס געבן פאָרצוג דעם אויספיר, וואָס באַשטעטיקט די גאָט־אידייע, קעגן דעם אויספיר, וואָס פאַרלייקנט זי? ווייל מיר קענען זיך שטיצן אַף דעם אומבאַ־שטרייטבאַרן פאַקט, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן פון דער פּסי־כאָלאָגיע פון רעליגיע, אַז די גאָט־אידייע איז אַן אויסדרוק פון דעם מענטשנס ווילן צום לעבן. די אידייע, וואָס מיר מאַכן זיך וועגן גאָט, קאָן אונז געבן אַ פאַלשן באַגריף וועגן אים. אָבער די רעאַליטעט, וואָס זי זוכט אַנצוטייטן, איז קיין אילוזיע ניט. גאָט קאָן אין קיין פּרט זיך ניט ענלעכן אָדער ניט אונטשפּרעכן דער אידייע, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעפורעמט וועגן אים. אָבער ער איז דאָ אין דעם עצם ווילן צום לעבן, וואָס אים שפּירן מיר מיט יעדן פיבער פון אונזער וועזן. — אַט דעם ווילן צו לעבן, וואָס מיר שפּירן אין זיך, קאָנען מיר אַנדערש ניט, ווי נאָר אויסטייטשן אַלס אַ דערשיינונג פון קאָסמישער באַדייטונג. דער וועלט־אַל, זייענדיק אַן אָרגאַניש־געבונדענע איינהייט, באַשטימט און ווערט באַשטימט דורכן קלענסטן טייל־בעלע זיינעם — פּאָלגלעך באַשטימט ער און ווערט באַשטימט, זאָל זיין אין מינימאַלסטן גראַד, דורך דעם מענטשנס לעבן. אַט דער וועלט־אַל מוז באַגריפן ווערן ווי אין עפּעס אַ האַרמאָנירנדיקער שייכות מיט דעם ווילן צו לעבן, וואָס פונקציאָנירט אין יעדער לעבעדיקער באַשעפע־ניש. קאָאָפּערירנדיק מיט דעם לעבנס־דראַנג, מיט דעם ווילן צו לעבן, האָט דער וועלט־אַל געבראַכט ביז צום גראַד אַנטוויקלונג, צו וועלכן דער מענטש האָט דערגרייכט. און וואָס בעסער מיר פאַרשטייען זיך אַליין און אונזער סביבה, אַלץ קלאָרער ווערט אונזער וויסן פון די אומשטענדן, וואָס באַדינגען די קאָאָפּעראַציע צווישן דעם לעבעדיקן וועלט־אַל און אונזער ווילן צום לעבן. און אַ־דאָס שטייגנדיקע פאַר־שטענדניש שליסט אויך איין די איינזעעניש, אַז רעליגיעזע אויפ־פירונג, פון יעדן מין, איז אַ פאַרזוך צו אַנטדעקן און אַריינ־צונעמען אין חשבון די באַדינגונגען, אונטער וועלכע די קאָאָפּעראַציע געשעעט. מיר האַלטן אין איין מאַכן טעותן וועגן יענע באַדינגונגען,

אָבער עס קאָן קיין טעות ניט זיין וועגן דעם, אז די קאָאָפּעראַציע איז רעאַל און דרינגנדיק.

אפילו די וויסנשאפטלעכע אינטערפּרעטאַציע פון דער רעאַליטעט איז אן אויספלוס פון אונזער סוביעקטיווער באַדערפניש נאָך אָרד־נונג און איינהייט. און עס איז ניטאָ קיין וועג צו באַווייזן, אז דאָס בילד פון רעאַליטעט, וואָס איז אויסגעבויט דורך די פיזישע וויסנ־שאַפטן, שטימט טאַקי מיט דער ווירקלעכער נאַטור פון די זאַכן. דאָך ווערן מיר ניט סאָליפּסיסטן, וואָס גלויבן נאָר אין זייער אייגענער עקזיסטענץ, און ציען דערפון ניט קיין שלוס, אז מיר קאָנען קיינמאָל ניט וויסן דעם אמת וועגן דער דרויסנדיקער וועלט. „וואָס פאַר א טיפער גלויבן אין דער פאַרנינפטיקייט פון וועלט געבוי" — שרייבט אַלבערט איינשטיין — „און וואָס פאַר א דראַנג צו כאַפּן כאָטש א שימער פון דער פאַרנונפט, וואָס איז אַנטפּלעקט אין דעם וועלט־אַל, האָבן געדאַרפט זיין אין קעפּלער, אין ניוטאָן, זיי פּייאיק צו מאַכן אויסצופּלאָנטערן דעם מעכאַניזם פון די הימלען דורך לאַנגע יאָרן פון איינזאַמער מי" 4). — דער גלויבן אין פאַרנינפטיקייט פון דעם וועלט־געבוי איז בלויז אַן אַנדער געשטאַלטונג פון דעם גלויבן, וואָס האָט גענעבן געבורט צו רעליגיע. די אַנטיטעזע פון אָט דעם גלויבן איז דער סקעפּטיציזם, וואָס גלייכט צו לעבן צו אומפאַרנונפט.

היסטאָרישע רעליגיע פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט.

פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט זיינען היסטאָרישע רע־ליגיעס אָרגאַנישע איינגלידערונגען אין באַשטימטע ציוויליזאַציעס און קאָנען ניט פאַרשטאַנען ווערן אָפּאַרט פון זיי. און אַזוי אויך די אי־דישע רעליגיע — זי איז א גרונט־טייל פון דער אידישער ציוויִלי־זאַציע. רעליגיעס דריקן אַלעמאָל אויס די קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט פון דער באַזונדערער געזעלשאַפט, צו וועלכער זיי געהערן זיך אָן. אַזוי, אז די אידישע רעליגיע דריקט אויס די פּערזענלעכקייט פון אידישן פאָלק. רעליגיעס קאָנען ניט איבערגעטראָגן ווערן און קאָנען ניט מיטגעטיילט ווערן, פונקט ווי מען קאָן דאָס ניט טאָן מיט אַן אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט. וואָס די רעליגיעס מיינען פאַר זייערע אנהענגער און וואָס זיי מיינען פאַר אַנדערע קאָן קיינמאָל ניט זיין דיזעלביקע זאַך, פונקט אַזוי ווי איך קאָן ניט מיינען פאַר אייך וואָס איך מיין פאַר זיך. די נפקא מינה'ס צווישן רעליגיעס זיינען ניט בלויז קוואַנטיטאַטיווע אונטערשיידן אין גראַד פון אמת, וואָס יעדע

רעליגיע האַלט איינגעפּאַסט אין איר טראַדיציע — דאָס מיינט, אַז איינע זאָל זיין מער אמת'דיק, ווי די אַנדערע — נאָר יעדע רעליגיע איז אַ יחידישע אומפאַרגלייכבאַרע לעבנס־מאַניפעסטאַציע. דער גאַנ־צער באַגריף פון רעליגיעזער סופּעריאָריטעט, פון דער העכערקייט פון איין רעליגיע איבער דער אַנדערער, פאַלט דאַרום צוזאַמען. עס איז זינלאָז, ווייל עס איז ניטאָ קיין געמיינשאַפטלעכער מאַסשטאַב צו מעסטן איין רעליגיע מיט דער אַנדערער. און ווייל דער זין פון אַ רעליגיע איז איינגעוועבט אין אירע שייכותן צו די אַנדערע פאַזן פון דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט זי פּראָדוצירט, קאָן איר זין דאַרום ניט אַרויסגעצויגן ווערן אָן שאָדן פאַר דעם גאַנצן געוועב. מיר קאָנען פּונקט אַזוי וועניק אָפּטיילן אַ רעליגיע פון אַ ציוויליזאַציע, ווי מיר קאָנען אָפּטיילן אַ ווירבל־שטראָם פון אַ טייך. און אַזוי קאָן אויך די אידישע רעליגיע ניט אָפּגעטיילט ווערן פון אידישן לעבן.

אַ־די אויפפאַסונג פון רעליגיע, ווי אַ פונקציע פון דער באַ־שטימטער ציוויליזאַציע, צו וועלכער זי געהערט, איז אַזוי אומבאַקאַנט צו די מערסטע מענטשן, אַז זי וועט מסתמא באַגעגנט ווערן מיט אַ גאַנץ היפּשן ווידערשטאַנד. מיר וועלן מוזן דעריבער צוריקגיין אין אונזער פאָרשטעלונג, מיט דער הילף פון דעם וויסן, וואָס אַנטראָפּאָ־לאָגיע און עטנאָלאָגיע שטעלן אונז צו, דעם טרעפגאַנג מיט וועלכן די רעליגיעס זיינען געגאַנגען אין זייער אַנטוויקלונג. דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז מיר מוזן אָננעמען די אַלע אויספירן, וואָס די אַנטראָפּאָ־לאָגן און עטנאָלאָגן האָבן אַרויסגעלייענט פון די פאַקטן. וואו אַזעלכע אונטערזוכונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פון מענטשן, וואָס ס'האָט זיי געמאַנגעלט אין רעליגיעזן סענטימענט, זיינען די געפינסן צייטנ־ווייז אויסגעטייטשט געוואָרן אין אַן אומרעליגיעזן גייסט. אָבער די פאַקטן גופא זיינען באַטייטפול, און דער אַנאַליז פון די פאַקטן וועט נויטיק מאַכן אַ ראַדיקאַלע רעוויזיע פון מערערע פון אונזערע רעלי־גיעזע באַגריפן.

די פאָרשונג פון די עלטסטע ציוויליזאַציעס און די הינטערשטע־ליקסטע פעלקער אין דער מאָדערנער צייט האָט איבערצייגט די גע־לערנטע, אַז זינט דאָס מענטשלעכע לעבן האָט גענומען אָפּליגן שפּורן אויף דער ערד ביז אין אונזער היינטיקן טאָג אריין, זיינען קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען ניט אין פיזישן און ניט אין פּסיכאָלאָגישן געבוי פונם מענטשן. ער האָט ניט אַנטוויקלט קיין נייע אָרגאַנען און זיינע גייסטיקע פּראָצעסן זיינען באַזירט אויף די זעלביקע פונדאַמענטאַלע אינסטינקטן, אַפּעטיטן און פיאַיקייטן. ווי

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

גרויס עס זאָל אונז זיך ניט אויסווייזן דער אונטערשייד צווישן פּרימיטיוון און מאָדערנעם מענטשן, אָדער צווישן די מיטגלידער פון די היינטיקע אָפּגעשטאַנענע ראַסן און די פּראָגרעסיווערע, זיינען די אונטערשיידן אַ רעזולטאַט ניט פון אַן אָרגאַנישער, נאָר אַ סאָציאַלער עוואָלוציע, ניט פון ענדערונגען אין דער מענטשלעכער נאַטור, נאָר פון ענדערונגען אין דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, אין די מוסטער־פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן, וואָס מענטשן האָבן אויסגעאַרבעט, און אין דער קולטור, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן פון דור צו דור.

קיין ציוויליזאַציע, פון וועלכער מיר האָבן וויפיל ניט איז קענט־ניש, איז ווען געווען אינגאַנצן אויסגעטאָן פון יענע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיקעס דורך וועלכע רעליגיע מאַניפעס־טירט זיך, הגם אין אסך פאַלן זיינען די מאַניפעסטאַציעס ניט דער־קענט געוואָרן אַלס רעליגיע. קאָן מען דאַרום מיט זיכערקייט אָננע־מען, אַז רעליגיע ענטפערט עפּעס אַן עצמדיקער פונדאַמענטאַלער מאָנונג פון דער מענטשלעכער נאַטור, באַפרידיקט אַ פּסיכאָלאָגישע באַדערפעניש, וואָס לאָזט זיך אויסשפּירן אומעטום סיי אין דער פּרי־מיטיווסטער און סיי אין דער פאָרגעשריטענסטער ציוויליזאַציע. צו־ליב דער גרעסערער פאַרוויקלטקייט פון די פּראָגרעסיווערע געזעל־שאַפטן, קאָן די נאַטור פון רעליגיע שטודירט ווערן מיט מער פּעולה אין אירע איינפאַכערע מאַניפעסטאַציעס. אַט ווי מיר געפינען זיי צווישן די פּרימיטיווע פעלקער.

עס איז ניט לייכט פאַר אונז אריינצולעבן זיך אין צושטאַנד פון אַ פּרימיטיווער געזעלשאַפט און צו פּרובן אין פאַרשטעלונג אָנצוקוקן דאָס לעבן מיט די אויגן פון אַ מיטגליד פון אַזאַ געזעלשאַפט. מיר דאַרפן זיך היטן ניט אויסצוטייטשן די פאַקטן פון יענעם צושטאַנד אין ליכט פון אָנגעזאַמלטן וויסן און די דערוואָרבענע געוויינהייטן, מיט וועלכע אונזער אייגענע ציוויליזאַציע האָט אונז איינגעטיילט. נאָר טאָן מוזן מיר עס, אויב מיר ווילן דערשפּירן יענע פּסיכאָלאָגישע נויטן וואָס האָבן געצוואונגען יעדע ציוויליזאַציע, פון דער פּרימי־טיווסטער ביז דער פּראָגרעסיווסטער, צו זוכן אויסדרוק דורך רעלי־גיעזע אינסטיטוציעס.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן דאָס לעבן פון אַ פּרימיטיוון וואַנדער־שבט אין מדבר. לייענען און שרייבן איז זיי אומבאַקאַנט. זיי לעבן פון די טשערעדעס, וואָס זיי היטן אָפּ מיט גרויס זאָרג. פון זיי באַקו־מען זיי מילך און קעז, ווי אויך פלייש. די טשערעדעס שטעלן זיי אויך צו פעלן אָדער וואָלענע קליידונג, און אויך געצעלטן, וואָס באַשיצן

זיי קענען די נאַטור־עלעמענטן. אָן די טשערעדעס וואָלט דאָס לעבן פֿאַר זיי אוממעגלעך געווען. אָבער די טשערעדעס אַליין וואָלטן ניט געקאָנט עקזיסטירן אָן פּיטער־פּלעצער. פּיטער־פּלעצער זיינען זייער װעניק אין מדבר. נאָר דאָ און דאָרט איז צו געפינען אָן אָאַזיס, וואו אַ וואַסער־קוואַל און דער שאָטן פון עטלעכע פּאַלם־ביימער, פֿאַר שוץ קעגן דער ברענענדיקער זון, מאַכן מעגלעך רייכן גראָזוואוקס — האָט דאָס פֿי שפּייז צום עסן, מענטש און חיה וואַסער צום טרינקען, און דער מענטש נאָך דערצו אַ פּאָר דערפרישנדיקע טייטלען, ווי אַ צוגעגעבענעם מאכל. דער שבט נעמט באַזיץ פון אָאַזיס און פֿאַרטיידיקט אים קעגן אַלע מעגלעכע איינדרינגער, וואָס סטראַשן אָוועקצורייבן ביי זיי דעם מקור פון זייער חיונה. די מיטגלידער פון שבט האָבן עס גוט אין קאָפּ, אַז ווען דער קוואַל זאָל אויסגעטריקנט ווערן און די ביימער אָרונטערגעשניטן ווערן, קאָן דער גאַנצער שבט אומקומען.

דער געפיל, מיט וועלכן זיי פֿאַרהאַלטן זיך צום קוואַל און צו די פּאַלם־ביימער, אונטערשיידט זיך גאַנץ שטאַרק פון דעם געפיל, וואָס אַ ציוויליזירטער מענטש האָט צו דעם וואַסער וואָס פֿליסט פון זיין קראַנט, און צו די ביימער, וואָס באַשאָטענען דאָס גערטענדל פֿאַר זיין הויז. עס איז אַ געפיל פון גרויל און ערפורכט. דער קוואַל און די ביימער זיינען דער מקור פון שבטס לעבן. די מיטגלידער פון שבט זיינען דאַנקבאַר צו זיי. עס גרוילט זיי פֿאַר דער מיסטעריע פון די דאָזיקע פּראָצעסן, דורך וועלכע דער קוואַל און די ביימער באַזאָרגן זייערע טעגלעכע נויטן. און ווייל זיי האָבן ניט קיין וויסנשאַפטלעכן בליק אויף דער נאַטור, נעמט די פֿאַנטאַזיע זייערע צושרייבן צו די קעגנשטאַנדן אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז פֿאַרוואַנדט צו זייערער. זיי פֿאַרערן די קעגנשטאַנדן, ווי געטער. צו פֿאַרזיכערן זיך די גנאָד פון די דאָזיקע געטער, זוכן זיי צו פֿאַרגיטיקן זיי מיט מתנות און קרבנות. זיי אַדרעסירן צו זיי הימנען און תּפילות. אַזוי מיט דער צייט אַרבעט זיך אויס אַ ליטורגיע.

אָבער אַפילו פּרימיטיווע פֿעלקער לעבן ניט אויף ברויט אַליין. אין יעדער געזעלשאַפט זיינען די באַציאונגען פון די יחידים איינע צו די אַנדערע און צו דער גרופּע אַלס גאַנצער, פּונקט אַזוי לעבנס־וויכטיק, ווי זייער באַציאונג צו זייער נאַטור־סביבה. אויב זיי וועלן פֿאַרניכטן איינע די אַנדערע, צי דורך אַ דירעקטער אַטאַקע אָדער דורך פֿאַרכאַפּן דאָס אייגנטום, וואָס דער שכן באַדאַרף עס אומבאַדינגט האָבן פֿאַר שפּייז און אָפּדאַך, וועט אַ שטאַרקערער, בעסער

אָרגאַניזירטער און אין זיינע אינערלעכע באַציאונגען געטרייערער
שבט געפינען עס זייער לייכט אָפּצונעמען דעם אַזים און אפשר נאָך
אויסראָטן דעם שבט דערצו. זיינען דארום נויטיק געזעצן איינצואָרד־
נען די לעבנס־באַציאונגען. אין יעדער משפחה איז עס געוויינלעך
דער פאָטער, וואָס לייגט אוועק דאָס געזעץ. אָבער ווען צווישן די
מיטגלידער פון פאַרשיידענע משפחות קומען אויף שטרייט־פּראַגן,
צוליב קעגנגעזעצטע תביעות, וועלן זיי העכסט וואַרשיינלעך איבער־
געגעבן ווערן צום עלטסטן אָדער פייאיקסטן משפחה־הויפּט פון שבט,
און ער ווערט דער רעגירנדיקער עלטסטער. און אָט ווערט אַ וויכטיקער
ענין פאָרגעבראַכט צו זיין באַשלום. ער איז באַוואוסט ביי זיך וועגן
דער וויכטיקייט פון דעם ענין. עס איז ניטאָ קיין מענטשלעכער ראַט־
געבער מיט מער חכמה און אויטאָריטעט, צו וועמען ער זאָל זיך צו־
הערן, אַ חוץ אים אַליין. אָבער אָט האָט ער פאַר זיינע אויגן דעם
געמלעכן קוואַל און די הייליקע בוימער, וואָס זיינען דאָס סאַמע לעבן
פון שבט. די פאַנטאַזיע האָט זיי שוין באַשאָנקען מיט חכמה און
מאַכט, וואָס שטייגן אַריבער דעם שטערבלעכן מענטשנס חכמה און
מאַכט. האַלט ער געריכט אין זייערע הייליקע גרעניצן. ער קומט צו
אַ באַשלום. ווי אַזוי דער באַשלום איז געקומען צו אים, ווייס ער ניט.
אפילו די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע קאָן ניט געבן אַ גענויעם חשבון,
ווי אַזוי עס טויכט פּלוצלונג אויף אין אונז די לייזונג פון אַ פּראָבלעם
וואָס האָט פאַר אַ לאַנגער צייט געמאַטערט אונזער מוח. אונזער
עלטסטער פילט דארום, אַז דער באַשלום האָט געמוזט קומען צו אים
פון אַ העכערער מאַכט. אָן ספק, דאָס האָבן די רוישנדיקע פּאַלם־
צווייגן אים אַריינגעשושקעט אין אויער דעם באַשלום. אָדער דער
קוואַל האָט עס אים אַריינגעמורמעלט. ער אַנאָנסירט דארום דעם
באַשלום אין פולער אויפריכטיקייט, ניט אַלס זיין פערזענלעכע מיי־
נונג, נאָר אַלס אַנטפּלעקונג מצד דעם גאָט פון שבט — דעם פּאַלם־
בוים אָדער דעם קוואַל; און די מענטשן גלויבן, ווייל זיי פאַרשטייען
און טיילן זיין ערפורכט פאַר זייערע געטער. אַזעלכע אַנטפּלעקונגען
ווערן נעכאָוועט אין זכרון פון שבט און ווערן איבערגעליפערט אין
זיינע טראַדיציעס. און ווען זיי קומען אַמאָל צו דער שטופע, וואו זיי
לערנען זיך אויס די קונסט פון שרייבן, וועלען די געזעצן גיכער פון
אַלץ פאַרשריבן ווערן און די פאַרשרייבונגען וועלן ווערן פאַרן שבט
זיינע הייליקע שריפטן. אַף אַזאַ אופן אויס דעם גרופּע־לעבן פון אָט
דעם איינפאַכן פאָלק, שפּרינגען געוויסע קעגנשטאַנדן אַרויס ווי
הייליקע, און אַזעלכע הייליקע קעגנשטאַנדן, וואָס זייער הויפּט־וויכ־

די נויטיקייט פון אַ נייער אָריענטאַציע

טיקייט פאַרן שבט ווערט פון אַלעמען געפילט, ווערן געטער. דער העכסטער, טייערסטער ווערט פאַרן לעבן פון דער גרופע איז אַלזאָ דער גרונט־קריטעריום פון גאָטהייט.

מיט דעם ווייטערן פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע ענדערן זיך די קעגנשטאַנדן, צו וועלכע עס ווערט צוגעשריבן איבער־ווערט — פּאַראַלעל צו די ענדערונגען אין די באַשעפטיקונגען און אינטערעסן פון די מענטשן. אַ פאָלק, צום ביישפּיל, וואָס לעבט פון אַגריקולטור, אַזוי גוט ווי פון פיצוכט, קאָן זיך ניט באַציען מיט עקסטרעמער ערפורכט צו הייליקע קוואַלן און אויסדערוויילטע ביימער. אַן אַגריקולטורעלע ציוויליזאַציע וואַקסט נאַטירלעך אויס דאָרט, וואו עס איז דאָ איבערגענוג רעגן און וואו די פרוכטבאַרקייט פון באָדן איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער שפּייזונג פון דער באַפעלקערונג. די מענטשן זעען באַשיינפּערלעך זייער אָפּהענגיקייט פון רעגנפאַל און פון זונשיין און פון דער קראַפט פון באָדן צו פּראָדוצירן אַנדערע פלאַנצונגען אַחוץ הייליקע ביימער. דאָס פירט צו דער פאַרערונג פון גאָט פון הימל און פון גאָט פון ערד, וועלכע אין אַנאַלאָגיע צו די געשלעכטלעכע פּראָדוצירער, ווערן אָפט פּאַראַנשווילעכט — דער ערשטער אַלס מאַן־גאָט, דער צווייטער אַלס פרוי־געטין. (אין מצרים האָט די פאַרגעטערונג פון טייך נילוס פאַרנומען דעם אָרט פון דער פאַרגעטערונג פון רעגן). די הימלשע קערפּערס, צוליב זייער פּערמאַנענץ און דער באַשטענדיקייט פון זייערע באַוועגונגען און זייער באַטייט פאַרן מענטשלעכן לעבן אין רעגולירן דעם קאַלענדאַר, וואָס דער לעצטער איז געווען אַ העכסט וויכטיקער סאָציאַלער אויפטו — צוליב דעם אַלעמען ווערן די הימלשע קערפּערס באַקליידט מיט געטלעכקייט און קרעדיטירט מיט געוואַלטיקער מאַכט און איינפלוס איבערן מענטשנס גורל. אַנדערע קעגנשטאַנדן, וואָס זיינען פריער פאַררעכנט געווען פאַר געטלעך, זינקען אַראָפּ צו קלענערן באַטייט, אָבער זיי ווערן ניט אין אינגאַנצן זייער הייליקייט. זיי ווערן נישט מער ווי גייסטער, דעמאַנען און געניוסן. אַזוי, אַז די באַגריפן פון גאָטהייט ענדערן זיך. אָבער וואָס די באַגריפן זאָלן ניט זיין, הענגען זיי אַלץ אָפּ פון דעם, וואָס די גרופע האַלט פאַר אַן ענין פון הויפּטוויכטיקייט פאַר זיך. און דערזעלביקער פּראָצעס פון צושרייבן צו דער גאָטהייט אַלצדינג, וואָס די גרופע שפּירט אַז עס איז פון העכסטן אינטערעס און ווערט פאַר איר עקזיסטענץ — דערזעלביקער פּראָצעס אָפּערירט נאָך היינט. דער קריטעריום פון גאָטהייט בלייבט — העכסטער ווערט און הויפּט־וויכטיקייט.

עס איז ניט שווער אויפצודעקן אַן ענלעכן פּראָצעס ביי אַלע גרויסע רעליגיעס — אין יעדער פון זיי אנטוויקלט זיך זייער גאָטגעדאַנק פּאַראַלעל צו דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע צווישן אירע אָנהענגער. אַזוי, בעת גאָטהייט ווערט צוערשט צוגעשריבן צו קאָנקרעטע נאַטור־קעגנשטאַנדן, פּירט דאָס שטייגנדיקע קענטניש פון דער נאַטור און פון דער אַרבעט פון די נאַטור־געזעצן דערצו, אַז די מענטשן זאָלן אַלץ מער געוואָר ווערן וועגן די געמיינשאַפטלעכע איינגשאַפטן, וואָס צייכנען אויס די קעגנשטאַנדן און גיבן זיי צו באַזונדערע וויכטיקייט. גאָטהייט ווערט דעמאָלט צוגעשריבן צו אַ וועזן, וואָס געפינט זיך הינטער די דערשיינונגען! און וואָס עס ווערט אָנגענומען אַז ער מאַניפעסטירט זיך דורך די דערשיינונגען. אנשטאָט צו פאַרערן בוימער, הויבן מענטשן אָן פאַרערן דעם גייסט, וואָס מאַכט וואַקסן; אנשטאַט צו פאַרערן דעם קוואַל, ווערט די פאַרערונג אַריבערגעטראָגן אַף דעם גייסט, וואָס גיט רעגן. די גאָטהייטן ווערן נאָך אַלץ באַשאָנקען פון דער פאַנטאַזיע מיט מענטש־ענלעכע שטריכן. זיי ווערן באַגריפן ווי וועזנס וואָס זיינען פריינטלעך צו מענטשן, אָדער לכל הפּחות וואָס זייער פריינטשאַפט מענטשן קאָנען געווינען דורך אָנבעטונג. גלייכצייטיק גייט אָן אַ צווייטער פּראָצעס: די סאָציאַלע אידעאַלן, וואָס זיינען אריינגעמיינט אין דעם פאָלקס געזעצן, ווערן איבערגעגעבן פון טאַטעס צו קינדער דורך דערציאונג; און די מענטשן ווערן אַלץ באַוואוסטזיניקער וועגן די מאָראַלע כוונות פון די געזעצן — און ביסלעכווייז לערנען זיי זיך אויס צוצושרייבן צו זייער גאָט־באַשיצער די פאַרפאַסונג פון די געזעצן און צו אַפּעלירן צו זיין מאַכט לטובת זייער אויפהאַלטונג. דאָס איז דער וועג, ווי אַזוי דער פאַרצייטיקער מענטש האָט אויסגעדריקט זיין שעצונג פון דער סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס דערלאָזט ניט, אַז דער צוזאַמענשטויס פון אינטערעסן זאָל צעשטערן דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט. און אַזוי איז גאָט געוואָרן דער אויבער־משגיח איבער די מאָראַלע שטאַנדאַרטן פון דער געמיינדע. ער איז באַגריפן געוואָרן אַלס דער יעניקער, וואָס באַלוינט און באַשטראָפט, און וועלכער גיט צו פילן זיין אויבערהערשאַפט דורך דער ווירקונג פון מאָראַל־געזעץ.

אַזוי ווי אָ־די באַגריפן זיינען דער אויסוואוקס פון דער אנטוויקלונג פון קאָלעקטיוון לעבן פון אַ באַשטימטן פאָלק, איז דאַרום די ערשטע פאָרשטעלונג וועגן גאָט, אַז ער איבט אויס זיין אויבערהערשאַפט בלויז אינעווניק, אין דער סביבה פון פאָלק, ניט אויסשפּרייטנדיק זי איבער די נאַציאָנאַלע גרעניצן. אָבער דער ווייטערדיקער פאַר־

שריט פון דער ציוויליזאַציע פירט צו דער פאַראַלגעמיינערונג פון גאָט־באַגריף. דאָס קאָן פּאָרקומען, ווי ביי די פילאָזאָפן פון גריכנלאַנד, דורך פאַר'שכל'ען די אָבסערווירטע איינפאָרמיקייט פון דער אָרדנונג פון דער נאַטור, וואָס שטייגט אַריבער אַלע געאָגראַפישע און עטנאָלאָגישע גרעניצן. אָדער דאָס קאָן פּאָרקומען, ווי אין דעם פאַל פון די אידישע נביאים, דורך דער אויסברייטערונג פון די עטישע שטעלונגען — אַן אויסברייטערונג, וואָס שטיצט זיך אויף היסטאָרישער דערפאַרונג און וואָס שפּרייזט פונקט אַזוי אַריבער די נאַציאָנאַלע גרעניצן.

אַ צווייטע אַלגעמיינע טענדענץ לאָזט זיך נאָכשפּירן אין דער אַנטוויקלונג פון רעליגיעס, בעת זיי זוכן נאָכצוהאַלטן דעם וואוקס פון די ציוויליזאַציעס, פון וועלכע זיי זיינען אַ טייל — איז זייער טענדענץ צו פאַרקערפּערן זיך אין אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס. אמת, דער רעליגיעזער אויסבליק פון אַ פאָלק, דורך וועלכן דאָס פאָלק גיט אַרויס זיין אורטייל וואָס פאַר אים איז זיין הויפּט־ווערט — דער רעליגיעזער אויסבליק געפינט אויסדרוק אין יעדער געשטאַלטונג פון דעם פאָלקס וואַקסנדיקער קולטור — אין זיינע געזעצן, מנהגים, קונסט, א. אַז. וו. אָבער ווען עס זאַמלט זיך אָן גענוג ערפאַרונג פון גרופּע־לעבן, טיילן זיך אַרויס געוויסע עלעמענטן פון פאָלקס ציוויליזאַציע, וואָס ווערן אַלץ מער און מער אַרויסגעהויבן; זיי ווערן די ציל־פּונקטן, צו וועלכע דעם פאָלקס אויפמערקזאַמקייט ווערט צוקלאַמערט מיט באַזונדערער האַפט.

אַזוי אַ שטייגער, בעת יעדע ציוויליזאַציע פּראָדוצירט אַ ליטעראַטור, דריקן אויס געוויסע ווערק פון דער ליטעראַטור צום אויסגעצייכנטסטן די אידעאַלן פון דער גרופּע און צוליב זייער הויפּט־וויכטיקייט ווערן זיי באַטראַכט פאַר אַ געטלעכער פאַרפאַסונג, און זיי ווערן פאַררעכנט פאַר הייליקע שריפטן, און עס ווערט ספּעציעל באַוואָרנט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך לאָזן אונטעררי‎כטן פון זיי און אַז זיי זאָלן איבערגעליפערט ווערן צו די נאָכקומענדיקע דורות. די פלעצער וואָס זיינען אַמאָל, צוליב די אויבן אָנגעגעבענע טעמים, פאַררעכנט געוויזן פאַר הייליק ווייל די גאָטהייט הויערט דאָרט, האַלטן נאָך אָן זייער הייליקן כאַראַקטער אין דעם געפיל פון פאָלק, אפילו נאָכדעם ווי עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ באַגריף פון גאָט, וואָס איז ניט באַגרעניצט אין רוים. זייער הייליקייט ווערט דאַן איבערגעטייטשט — צוגעהעפט צו וועלכער עס איז געדענקווירדיקער רעליגיעזער דערפאַרונג אין לעבן פון דער נאַציע אָדער פון אירע נאַצי־

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

נאַלע העלדן; און דער געפיל פון ערפורכט, וואָס איז צוגעקלעפּט צו זיי, ווערט אויסגענוצט אַף אָפּצוזונדערן זיי אין אַנבעטונג־פּלעצער. אַן אָרגאַניזירטע פּריסטערשאַפט ווערט אויפגעהאַלטן צו האַלטן וואַך איבער די הייליקטימער.

וויכטיקע געשעענישן אין עקאָנאָמישן לעבן פון פאָלק, ווי זריעה־צייט און שניט־צייט, ווערן געפייערט דורך געוויסע גרופּע־אַקטיוויטעטן. לכתחילה זיינען זיי מעגלעך געפּלאַנעוועט געוואָרן פאַר דעם זייער „פּראַקטישן" צוועק צו העלפן דער זריעה וואַקסן. דער פּרימיטיווער מענטש שטעלט זיך קענטיק פאָר, אַז נאָכמאַכנדיק די נאַטור־פּראָצעסן, העלפט ער זיי מיט: — גיסנדיק וואַסער אַפן מזבח, מיינט ער, קאָן ער אַרויסרופן רעגן; און ברענענדיק אַ פייער, מיינט ער, אַז ער קאָן אונטעראיילן דעם אומקער פון וואַרעמקייט און ליכט נאָך דער זומערדיקער זון־ווענדונג. אָבער לאַנג נאָכדעם, ווי די דאָזיקע צערעמאָניעס האָבן אָנגעוואָרן זייער מאַגישן באַטייט, ווערן זיי נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן צוליב זייער עמאָציאָנעלער באַהערשונג פון פאָלקס געמיט. נאָר איצט ווערן זיי אויסגעטייטשט סימבאָליש, ווי אויסדרוקן פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם רעגן און פאַר דער זון און ווי אַקטן פון באַהעפטונג מיט דעם גאָט, וועלכער באַזאָרגט רעגן און זון.

וויכטיקע געשעענישן אין לעבן פון דער נאַציע ווערן אָפּגעהיט אין זכרון און געפייערט אַף אַן אופן, וואָס זאָל איינקריצן אין די מוחות פון די נאָכפאָלגנדיקע דורות די אידייען, וואָס גיבן לויט דער פאָרשטעלונג פון פאָלק יענע געשעענישן זייער באַדייטונג. אָט די היסטאָרישע פייערונגען, פּונקט ווי די נאָר וואָס באַשריבענע נאַטור־פייערונגען, ווערן הייליקע טעג. אַזוי ווי די נאָכפאָלגנדיקע דורות גיבן צו זייער אויסטייטשונג צו דעם באַטייט פון די פאַרגעדענקטע געשעענישן, האַלטן זיי אין איין צוקריגן נייעס און טיפערן מיין פאַר דעם ספּירישועלן לעבן פון פאָלק.

געוויסע גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין לעבן פון פאָלק, ווערן פון די פאָלקס־לערער און על־טערן אַרויסגעשטעלט פאַר די נאָכקומנדיקע דורות אַף צום באַוואונדערן און נאָכצוטאָן. אויך זיי ווערן אַף אַזאַ אופן פאַרערט ווי דעם פאָלקס הייליקע און העלדן, און זייערע קברים און די פּלעצער, וואָס זיינען פאַרבונדן געווען מיט זייער לעבן, ווערן אויך איינגעווייט אין הייליקייט.

די נויטיקייט פון אַ נייער אָריענטאַציע

דער גרויסער באַטייט און היכער ווערט פון אַט די קאָנקרעטע קעגנשטאַנדן, אינסטיטוציעס, געזעצן, מנהגים, געשעענישן און פּערזאָנען, וואָס ווערן פאַרערט פון אַ באַשטימטער ציוויליזאַציע — דאָס איז איר רעליגיע. זייער באַטייט און ווערט זיינען באַשטימט דורך דער פּראַקטישער דערפאַרונג פונם גרופּע־לעבן, און זיי קאָנען ניט מיטגעטיילט ווערן צו די אַנדערע, וואָס האָבן די דערפאַרונג ניט געטיילט. דער גאָט־געדאַנק, ביי וועלכן אַ פאָלק אָדער אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט האַלט זיך, ווייל ער איז אַן אויסדרוק פון דעם, וואָס דאָס פאָלק באַטראַכט פאַר זיין הויפּט־וויכטיקן ענין — אַט דער גאָט־געדאַנק ווערט באַשטימט דורך די ווערטן און איז דער איינפאַס פון די ווערטן, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די קעגנשטאַנדן פון דער גרופּע־פאַרערונג. אַט די קעגנשטאַנדן וועלן מיר דאָ אַ נאָמען געבן: סאַנקטאַ. — דאָס איז דער וועג, ווי אַזוי פאַרשיידענע רעליגיעס ווערן געבאָרן, און אַט וואָרום זייער אינערליכקייט קאָן ניט מיטגעטיילט ווערן. כדי צו קאָנען פול אָפּשעצן דעם עצם פון אַ רעליגיע, דאַרף מען זיין פּסיכיש איינגעשטעלט דורך דעם גאַנצן סך הכל פון דער ציוויליזאַציע, צו וועלכער די רעליגיע באַלאַנגט. יעמאָלט ערשט קאָן מען באַגרייפן ביז וואָס פאַר אַ גראַד אַ רעליגיע איז דער אויסדרוק פון דעם, וואָס דאָס פאָלק האַלט פאַר די הויך־פּונקטן פון זיין לעבן.

אָבער מענטשן, וואָס זיינען געוואוינט צו דעם אַנטפּלעקונגס־צו־גאַנג אָדער צום טעאָלאָגישן צוגאַנג צו רעליגיע, וועלן אפשר נאָך אַלץ זיך קווינקלען אָנצונעמען אַט דעם סאָציאַל פּסיכאָלאָגישן צו־גאַנג, ווייל עס קאָן זיי זיך אויסווייזן, אַז אַט דער צוגאַנג פאַרמינערט די וויכטיקייט און דעם באַטייט פון עצם ענין רעליגיע, וואָס דורך־דעם איז עס שוין במילא אין סתירה מיט לאָיאַליטעט צו דער אייגענער רעליגיע. אַנדערע וועט עס פאָרקומען, אַז מיר רויבן אוועק ביים רעליגיעזן אמת זיין אָביעקטיווע רעאַליטעט, וויבאַלד מיר נעמען אָן, אַז אונזער גאָט־געדאַנק שטאַמט ניט פון איבערנאַטיר־לעכער אַנטפּלעקונג, נאָר איז אַ פּראָדוקט פון פאָלקס פאַנטאַזיע. אויב אַ פאָלק באַשאַפט זיינע געטער דורך אָנטאָן הייליקייט אויף נאַ־טור־קעגנשטאַנדן און נאַטור־כוחות און שרייבט צו געטלעכקייט צו פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן לויט ווי זיין דערפאַרונג ענדערט זיך, וויפל גילטיקייט בלייבט שוין אין אונזער גאָט־געדאַנק? זיינען מיר אויף אייביק פאַר׳משפּט צו געצנטום, צו דער אָנבעטונג פון די ווערק פון אונזערע אייגענע הענט אָדער פון די באַשעפענישן פון אונזער

איינענער פאַנטאַזיע? באַשאַפן מיר גאָט אין אונזער אייגענער געשטאַלט, און ניט ער באַשאַפט אונז אין זיין געשטאַלט?

דער ענטפער איז, אַז מיר זיינען באמת פאר׳משפט צו איגנאָראַנץ בנוגע דער נאַטור פון גאָט, און אַז פאָלגלעך זיינען אַלע אונזערע באַגריפן פון גאָט פאַלש — אין דעם זין, וואָס זיי זיינען ניט קיין גענויע באַשרייבונג פון דער רעאַליטעט, וואָס מיר מיינען מיט גאָט. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז גאָט איז ניט רעאַל. דאָס מיינט בלויז, אַז אונזער גאָט־דערפאַרונג איז באַדינגט פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן. אין וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט מיר זאָלן ניט לעבן, זיינען מיר באַוואוסט ביי זיך, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן איז ניט זעלבסט־גענוג, נאָר איז אַ טייל פון אַ גרעסערן אוניווערסאַלן לעבן. דאָס מענטשלעכע לעבן שליסט איין אין זיך די שפירונג פון נויטן, וואָס זייער באַפרידיקונג הענגט אָפּ פון דער נאַטור פון דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן. די רעליגיעזע אינטואיציע איז געשטיצט אַף דער השערה, אַז דער וועלט־אַל, ווען מיר שטעלן זיך צו אים און האַנדלען קעגן אים ווי געהעריק, קאָן באַפרידיקן סיי אונזערע העכסטע און סיי אונזערע עיקרדיקע נויטן. אָט די השערה קאָן ניט באַוויזן ווערן, אָבער זי איז פונדאַמענטאַל פאַר אונזער סאָציאַלן לעבן, פונקט ווי די השערה וועגן דער אוניווערסאַליטעט פון נאַטור־געזעץ איז פונדאַמענטאַל פאַר דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

אַף פאַרשיידענע שטופן פון ציוויליזאַציע באַנוצן מיר פאַרשיידענע מעטאָדן פון באַהאַנדלען דאָס לעבן פון דער נאַטור און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַנשטאָט צו נוצן „סימפּאַטעטישע מאַגיק” (דאָס מיינט מאַכן די נאַטור נאָכטאָן אונזערע סימבאָלישע האַנדלונגען) — כדי אַרויסצורופן דער ערדס פרוכטבאַרקייט, נוצן מיר היינט צו טאָג וויסנשאַפטלעכע באַוואַסערונג; אָבער מיר נעמען נאָך אַלץ אָן, אַז די וועלט „איז אונז שולדיק חיונה” און קאָן עס אונז געבן, ווען מיר זוכן עס ריכטיק. ווי דער פרימיטיווער מענטש ווערן מיר געפּלאָגט פון אינטערעסן־צוזאַמענשטויסן, און מיר נויטיקן זי אין אַ סאָציאַלער געזעצגעבונג פאַר אַ ריכטיקער וועגווייזונג צו שלום און יושר. מיר זוכן מער ניט אויס קיין הייליקע וועלדלעך און קיין הייליקע טייכלעך, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי באַשלוסן פאַר אונז. אָבער מיר האַנדלען נאָך אַלץ, אויב מיר זיינען רעליגיעז, אין דעם גלויבן, אַז אונזערע אַספּיראַציעס פאַר שלום און יושר זיינען אָנגעשטעלט צו אַ צוועק און אַ ציל, וואָס זיינען דערגרייכבאַר, ווייל

זיי זיינען אין האַרמאָניע מיט דער וועלט און דריקן אויס דעם זין פון מענטשלעכן לעבן.

אין דעם אינערלעכן צוואַנג, וואָס טרייבט אונז זוכן די ספּיריטועלע צילן פון גוטס, אמת, שענקייט, שפּירן מיר נאָך אַלץ די איבערהערשאַפט פון אַ גייסט, וואָס נוצט אונז ווי אינסטרומענטן צו דערגרייכן מער, וויפיל מיר אַליין קאָנען פול באַנעמען. מיר דערקענען זין, ווערט, כונה אַלס תוך־עלעמענטן פון דער רעאַליטעט. ניט פּרעטענדירנדיק צו וויסן די ענדגילדיקע נאַטור פון דער רעאַליטעט, פאַרהערלעכן מיר יענע געשטאַלטונג אירע, דורך וועלכער דער מענטש איז באַשאָנקען מיט פּערזענליכקייט און ווערט אינספּירירט צו אידעאַלן. אַ דאַנק אָט די אייגבליקן זיינע אין לעבנס מעגלעכקייטן, האַלט דער מענטש אין איין איבערשאַפן די וועלט. דעם מענטשנס פיייקייט פאָראויסצוזן נאַטור־געשעענישן און צו מאַניפּולירן די כוחות פון דער אויסערלעכער נאַטור צו פּראַקטישע צוועקן — דאָס גיט גילטיקייט דער וויסנשאַפט. זיין פיייקייט פאָראויסצוזען סאָציאַלע קאָנזעקווענצן און צו רעגולירן סאָציאַלע אויפפירונג לויט דער פאָדערונג פון דער מענטשלעכער נאַטור פאַר אַ שפּע'דיקערן און האַרמאָנישערן פּערזענלעכן און סאָציאַלן לעבן — דאָס גיט גילטיקייט דער רעליגיע. אָט די גילטיקייט־שאַפונג איז מעגלעך אָן דער אייגנרעדעניש, אַז גראַד צו דעם באַשטימטן ברוכשטיקל פון דער מענטשהייט, צו וועלכן מיר באַלאַנגען, איז באַוויליקט געוואָרן אָן אַנטפּלעקונג פון אַ וויכטיקן אמת, וואָס אַלע אַנדערע פעלקער האָבן צו דעם די זכיה ניט געהאַט.

נאָך אַ טענה, וואָס קאָן אויפגעהויבן ווערן קעגן דעם סאָציאַלפּסיכאָלאָגישן צוגאַנג צו רעליגיע, איז וואָס ער ציט ניט קיין שאַרפע אָפּגרעניצונג־ליניע צווישן נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרופּירונגען. ער באַהאַנדעלט רעליגיע ווי אַ פונקציע פון דער ציוויליזאַציע. אָבער „ציוויליזאַציע" איז אַ וועלטלעכער טערמין, וואָס פאַרבינדט זיך אין אונזער געדאַנק אַסך אָפטער מיט דער קאַטעגאָריע „נאַציע", איידער מיט דער קאַטעגאָריע „רעליגיע". — איז עס גיכער דער קאָנווענציאָנעלער, שאַבלאָנער וועג פון זען זאַכן, וואָס זעט ניט דעם גאַנצן אמת, וועלכער איז, אַז אויך דאָס נאַציאָנאַלע לעבן האָט אַ טענדענץ צו וועקן ערפורכט פאַר געוויסע אָביעקטן און אויסצונוצן זיי פאַר דער באַפרידיקונג פון מערערע ספּיריטועלע נויטן, וואָס גיבן געבורט צו רעליגיע. די פאָן, די קאָנסטיטוציע, די נאַציאָנאַלע ימים טובים נעמען אָן די כאַראַקטעריסטיקעס פון יענע סאַנקטאַ, וואָס זיינען דער יסוד

פון פאָלקס רעליגיעס. זיי דריקן אויס דער נאַציעס געפיל פאַר ווערטן און ווערן גענוצט צו באַרייכערן און צו אַנטוויקלען די פּערזענליכ־קייטן פון אירע מיטגלידער.

און ביי מערערע ווידער קאָן זיין אַ געפיל, אַז ווען מען באַהויפּט, אַז אונטערשיידן צווישן רעליגיעס זיינען אין תוך אונטערשיידן אין די פּסיכאָלאָגישע אָפּרופן, וואָס כאַראַקטעריזירן די אָדער יענע ציווי־ליזאַציע־גרופּירונג — אַז ווען מען טוט אַזוי, קערט מען זיך אום צו דער רעליגיע פון פאָלקס־שטאַם, און דאָס איז אַן אָפּווענדונג פון דער מער אוניווערסאַליסטישער אויפפאַסונג פון גאָטס הערשאַפט. אָבער דאָס איז אויך ניט אמת. אַן אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט דער־הויבט זיך צו אַ העכערער עטישער מדרגה, ווען אַנשטאָט צו זוכן אַרויפצופּרעסן איר ווילן אויף אַלע אַנדערע, אַנערקענט זי די היילי־קייט פון זייערע אינדיווידואַליטעטן און זייער רעכט אויף זעלבסט־אויסדרוק און אומאָפּהענגיקער שעפערישקייט. פּונקט אַזוי וועט יעדע רעליגיע, וואָס רעפּרעזענטירט די קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט פון אַ היסטאָרישער ציוויליזאַציע, אַרויפשטייגן צו אַ העכערער עטי־שער מדרגה, ווען זי וועט אָפיציעל אַנערקענען, אַז אויך אַנדערע רע־ליגיעס זיינען אויסדרוקן פון לעבנסדראַנג, פון אומאויסשעפּלעכן שעפערישן גייסט. אַלע בוימער וויקלען פונאַנדער זייערע בלעטער אין אויספאָלגונג פון דעם זעלביקן נאַטור־געזעץ, טראָצדעם וואָס ניט נאָר זיינען ניטאָ קיין צוויי גלייכע בוימער, נאָר אפילו ניט קיין צוויי גלייכע בלעטער. אַלע רעליגיעס זיינען אַנטפּלעקונגען צום מענטשן פון אידעאַלן, וואָס שטאַמען פון דער שעפערישער קראַפט, וואָס ווירקט אין דעם וועלט־אַל. דינענדיק צו דעם, וואָס איז גוט, אמת און שיין, לויט ווי אונזערע דערפאַרונגען, וואָס זיינען באַדינגט פון אונזערע גרופּן־צוגעהעריקייטן, האָבן עס אַנטפּלעקט צו אונז — דינען מיר אין דערזעלביקער צייט צו דעם איין גאָט, וואָס זיין וועזן קאָן קיינער פון אונז אין פולן אמת ניט משיג זיין, אָבער ווען מיר אַלע, ווי טעותדיק אונזערע באַגריפן פון אים זאָלן ניט זיין, פאַרערן מיט דעם בעסטן, וואָס מיר פאַרמאָגן.

עס וועט ניט זיין לייכט פאַר די היסטאָרישע רעליגיעס אָנצו־נעמען אָט דעם סאָציאַל פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג אין זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען. אומזיסט זייער שרעק. דער צוגאַנג פאָדערט ניט די פאַר־וואַרפונג פון אונזערע סעפּאַראַטע טראַדיציעס; ער פאַרלאַנגט אָבער יאָ אַן אומשאַצונג פון געוויסע עלעמענטן זייערע און אַן איבער־טייטשונג פון זייערע סאַנקטאַ. מיר וועלן דאַרפן צוקומען צו דער

די נויטיקייט פון אַ נייער אָריענטאַציע

אויפגאַבע מיט אַ געוויסער באַשיידנקייט, און זיין גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון איבערטריבענע פּרעטענזיעס און פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס לטובת אונזער אייגענער באַזונדערער רעליגיע. אָבער מיר קאָנען צוקומען צו דער אויפגאַבע אָן שום מורא, אַז די אומשאַצונג־איבערטייטשונג וועט אַוועקנעמען ביי אונזער רעליגיעזער ירושה עפּעס אַ ווערט, אָדער וועט אָפּשוואַכן אונזער איבערגעבענקייט צו די העכסטע אינטערעסן פון דער רעליגיעזער געמיינשאַפט, צו וועלכער מיר געהערן.

ווען מיר אַנערקענען, אַז רעליגיע איז אַ פונקציע פון גרופּע־לעבן און אַן אויסדרוק פון דער קאָלעקטיווער פּערזענלעכקייט פון דער גרופּע, ווייסן מיר, אַז זי קאָן וואַקסן און גדייען אָן שום אָנווער צו איר אייגענער זעלבסטיקייט. קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייטן זיינען אין דעם פּרט ענלעך צו יחידישע פּערזענלעכקייטן. יעדער מאָרגן ברענגט נייע דערפאַרונגען צו אונז אַלס יחידים און רעגיסטרירט זיין איינדרוק און איינפלוס אויף אונזער כאַראַקטער; דאָך בלייבן מיר דיזעלביקע פּערזאָנען. דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פון יחיד פאַרזיכערט דעם המשך פון זיין לעבנסגעשיכטע און די איינגקייט און זעלבסטיקייט פון זיין פּערזענלעכקייט, עס מאַכט ניט וואָס זאָל מיט אים פּאַסירן.

פונקט אַזוי דאַרפן רעליגיעזע ציוויליזאַציעס ניט מורא האָבן פאַר ענדערונגען. זייער פאָרגעזעצקייט און זעלבסטיקייט הענגען בשום אופן ניט אָפּ פון אַ פאַרשטייפטן קלאַמערן זיך אָן אַ וועלכער ניט איז ספּעציעלער טעאָריע פון אַנטפּלעקונג. זיי קאָנען באַהויפּטן צו נעמען קענטניש פון מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און סאָציאַלע דערפאַרונגען. און אין געטריישאַפט צו דעם, וואָס זייער אייגענע דערפאַרונג האָט באַשטעטיקט פאַר עכט און גוט, וועלן זיי אויך ווייטער, ווי ביז אהער, אַריינזען אין גאָט אַלץ איידעלערע, געהויבענערע עטישע און ספּיריטועלע אידעאַלן. די טראַדיציע וועט זיי דינען, ווי דער זכרון דינט דעם יחיד, בילדנדיק אַן אויפנעמענדיקן הינטערגרונט וואָס העלפט פאַרטייטשן די נייע דערפאַרונג. און פונקט ווי די נייע דערפאַרונגען פון אַ יחיד קאָנען אים מאַכן זען די געדענקטע דערפאַרונגען אין אַ נייעם ליכט, אַזוי וועלן אויך די נייע דערפאַרונגען פון אַ ציוויליזאַציע צוטראָגן נייע מיינען און טייטשן צו איר ספּיריטועלער ירושה. אָבער די קולטורעלע ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט וועט אַלעמאָל בלייבן דער אייגנס פון דער ציוויליזאַציע.

און די עקזיסטענץ פון אַנדערע רעליגיעזע גרופּן דאַרף אויך ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן ארויספאָדערונג צום שטרייט. וואָסערע פּרעטענזיעס אַף סופּעריאָריטעט די מאַיאָריטעט רעליגיעס האָבן ניט אַרויסגעשטעלט צו באַרעכטיקן און צו ראַציאָנאַליזירן זייער רודפן די רעליגיעזע מינאָריטעטן, אָדער וואָסערע ענלעכע פּרעטענזיעס די מינאָריטעט־גרופּן האָבן ניט ארויסגערוקט אויפצומונטערן זייער שטאָלץ קעגן די דערנידריקונגען — אי די אי יענע פּרעטענזיעס זיינען נ״צלאָז און צוועקלאָז. דאָס געפיל פון ערפורכט, וואָס פון פריער קינדהייט ייִנען מיר איינגעשטעלט אַנטקעגנצוטראָגן די סאַנקטא פון אונזער רעליגיע, איז ניט געווענדט אָן אונזער פייאיקייט צו באַווייזן זייער סופּעריאָריטעט איבער די סאַנקטא פון אנדערע רעליגיעס. וואָרום זשע זוכן פאַרוויקלטע טעאָלאָגישע דערקלערונגען צו באַרעכטיקן אַ לאָיאַליטעט, וואָס איז פאַר אונז סיי ווי אַ פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיקייט? יעדע רעליגיע האָט איר באַרעכטיקונג אין איר פייאיקייט צו באַפרידיקן די ספּירימועלע נויטן פון אירע אייגענע אָנהענגער. קיין אַנדער רעליגיע, אויסער אונזערער, איז ניט אויסגעוואַקסן אין אָפּענטפערונג אַף אונזערע היסטאָרישע אומשטענדן. דאָס איז דער יסוד פון טאָלעראַנץ, וואָס דערלויבט אונז צו באַטראַכטן אַנדערע רעליגיעס, ווי גלייכווערטיקע צו אונזער אייגענער, און מאַכט דאָך פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט אונזער באַזונדערע איבערגעבנקייט צו די ספּעציעלע אידעאַלן און אינסטיטוציעס פון אונזער אייגענער רעליגיעזער טראַדיציע.

קאַפּיטל צוויי

דער אָרט פון רעליגיע אין אידישן לעבן

די שייכות פון רעליגיע צום רעשט פון אידישן לעבן — לויט די אַנשויאונגען פון פאַרשיידענע אידישע גרופּירונגען

עס איז אומזיסט צו קלאָגן אף דעם אָנוועד פון דער אמונה־איינהייטלעכקייט, וואָס האָט אויסגעצייכנט דאָס אַמאָליקע אידישע לעבן. די צאָל אידן, וואָס שטעלן זיך מער ניט צופרידן מיט אָננעמען אָן שאלות די רעליגיעזע טראַדיציעס פון זייער פאָלק, האַלט גאַנץ באַשטימט אין וואַקסן. זיי באַשטייען אף זייער רעכט צו דענקען פאַר זיך אַליין. די איינציקע באַגרעניצונג צו וועלכער זייער רעכט דאַרף אונטערוואָרפן זיין, איז — אַז אויב זיי ווילן פאַרבלייבן אידן, מוזן זיי לכל הפּחות אָננעמען אָן שום תנאים די אָנהאַלטונג פון אידישן קיום. אָן ספק די גלויבנס־פאַרשיידנאַרטיקייט וועט איבעראָנשטרענגען די אידישע אחדות; פון דער אַנדער זייט אָבער אָן אַנערקענונג פון רעכט אף ניט איינצושטימען וועט די אידישע אחדות נאָך זיכערער צעשטערט ווערן. „אַ שטרייט, וואָס איז פון הימלס וועגן", זאָגן אונזערע חכמים, „וועט סוף כל סוף ברענגען צו אַ בלייבנדיקן געווינס". אַ סכסוך, וואו די צדדים קרעדיטירן איינע די אַנדערע מיט ערלעכע כוונות, מוז פירן צו קאָנסטרוקטיווע אידייען און צו באַפרוכפּערטער מי.

בנוגע דער שייכות פון רעליגיע צום רעשט פון אידישן לעבן, קאָנען די אידן, וואָס נעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום אידישן קיום, היינט צו טאָג צעטיילט ווערן אף פיר באַזונדערע גרופּן, וואָס זייערע יודנטום־פילאָזאָפיען ווערן דאָ געגעבן אין קיצור:

א. — די נעאָ־אָרטאָדאָקסן:

1. — די אידן זיינען אין באַזיץ פון תורה שבכתב און תורה שבעל פּה, וואָס איז איבערנאַטירלעך אַנטפּלעקט געוואָרן צו די בני ישראל דורך משה רבנו אין פאַרלויף פון זייערע וואַנדערונגען דורכן מדבר צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד.

2. — בלויז יענע אמתן, וואָס זיינען איבערנאַטירלעך אַנטפּלעקט פון גאָט צו מענטשן, שטעלן מיט זיך פאָר די אמת'ע רעליגיע.

3. — די אידישע באַזונדערקייט מוז אויך ווייטער, ווי ביז אַהער, באַשטיין אין אָנהאַלטונג און קולטיווירונג פון דער רעליגיע, וואָס איז איבערנאַטירלעך אַנטפּלעקט געוואָרן אַפן באַרג סיני.

די דריי פונקטן גיבן די עסענץ פון „נעאָ־אָרטאָדאָקסיע. *)

ב. — די רעפאָרמיסטן:

1. — אין דער פאַרגאַנגנהייט איז די אידישע באַזונדערקייט באַשטאַנען אין אַן אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן און אין אַן אייגנאַרטיקער רעליגיע.

2. — דאָס נאַציאָנאַל־קולטורעלע לעבן איז געבונדן געווען צו פּאַלעסטינא און האָט געגעבן געבורט צו אַן אייגנאַרטיקער אידישער ציוויליזאַציע.

3. — אין יענער ציוויליזאַציע האָט דער עלעמענט פון רעליגיע, אַלס די סומע פון אַלע גלויבונגען אַרום דער שייכות פון מענטשן צו גאָט, זיך אַנטוויקלט צו אַן עטישן מאָנאָטעאיזם.

4. — הגם דער עלעמענט פון רעליגיע איז ביז דער מאָדערנער צייט ענג פאַרקניפּט געווען מיט דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן פון די אידן, האָט עס זיך אָנגענומען מיט גענוג אייגענעם אינהאַלט צו פאַרדינען קולטיווירט צו ווערן אין אייגענעם רעכט.

5. — איצט ווען די עמאַנציפּאַציע מאַכט עס נויטיק פאַר אידן אויפצוגעבן זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן, קאָנען זיי זיך באַגיין אָן די קולטורעלע עלעמענטן פון זייער ירושה און איינהאַלטן בלויז דעם עלעמענט פון רעליגיע.

---

*) — דער טערמין „נעאָ־אָרטאָדאָקסיע", אנשטאָט פשוט אָר־טאָדאָקסיע, מיינט דאָ די באַנייטע שבועה צו דער אָרטאָדאָקסיע, דאָס באַוואוסטזיניקע יאָ־זאָגן אף טראַדיציאָנאַליזם — אין אָפענט־פער אף דער אויפפאָדערונג פון דער נייער צייט: זיך צו ענדערן, זיך צוצופאַסן צום לעבן — בעת די אַלטע אָרטאָדאָקסיע וויל לכתחילה פון קיין שום ענדערונג, פון קיין שום צופאַסונג ניט הערן. ניט זי פרעגט שאלות, ניט זי ענטפערט אָפּ אף זיי. די „נעאָ־אָרטאָדאָקסיע" אין די זעלביקע אַלטע פילאָזאָפיש־רעליגיעזע איינשטעלונג פון אַ פילאָן פון אַלעקסאַנדריען, פון רמב"ם — אין איר ניי־באַשטעטיקונג דורך שמשון רפאל הירש, וועלכער האָט אין דער ערשטער העלפט

6. — די אידישע באַזונדערקייט פון איצט אָן דאַרף אָננעמען די פאָרם פון דער היסטאָריש אַנטוויקלטער רעליגיע פון עטישן מאָנאָטעאיזם.

ג. — די וועלטלעכע קולטוריסטן:

די וועלטלעכע קולטוריסטן זיינען מסכים מיט די רעפאָרמיסטן אין די ערשטע דריי פונקטן און זיי גיבן צו זייערע אייגענע צוויי:

4. — איצט אַז די אויפקלערונג האָט אונז געלערנט צו באַטראַכטן רעליגיע אַלס איבעריק אָדער אַלס אַ פּריוואַט־זאַך, וואָס דאַרף איבערגעלאָזן ווערן אין גאַנצן צו דעם יחיד, דאַרפן די אידן קולטיווירן זייער נאַציאָנאַלן לעבן לויט וועלטלעכע ליניען.

5. — די אידישע באַזונדערקייט פון איצט אָן דאַרף אָננעמען די פאָרם פון אַ פּאַרוועלטלעכטער נאַציאָנאַלער קולטור.

ד. — די רעליגיאָ־קולטוריסטן: *)

די רעליגיאָ־קולטוריסטן זיינען מסכים מיט די רעפאָרמיסטן אין די ערשטע דריי פונקטן, און זיי גיבן צו זייערע אייגענע דריי:

4. — די רעליגיע און דאָס נאַציאָנאַל־קולטורעלע לעבן זיינען אין זייער תוך אַזוי געבונדן, ווי טיילן פון איין גאַנצעס, אַז זיי קאָנען ניט פונקציאָנירן סעפּאַראַט.

5. — די עמאַנציפּאַציע און די אויפקלערונג האָבן נויטיק געמאַכט פּאַראַלעלע ענדערונגען אין ביידע.

6. — די אידישע באַזונדערקייט דאַרף פון איצט אָן אָננעמען די פאָרם פון אַ היסטאָריש אַנטוויקלטער ציוויליזאַציע, וואָס דאַרף זיך רעכענען מיט די סאָציאַלע און ספּיריטועלע נויטן פון די אידן, סיי אַלס יחידים און סיי אַלס נאַציאָנאַלער כלל.

פון 19־טן יאָרהונדערט אויפגענומען דעם קאַמף פאַר דער אָרטאָדאָקסיע קעגן דעם אויפשטייגנדיקן רעפאָרמיזם אין דייטשלאַנד. פאַר די צוועקן פון קלאָרקייט וועט די אָרטאָדאָקסיע, ווי זי איז פאַרטיידיקט געוואָרן פון שמשון רפאל הירש, דאָ אין דעם בוך באַצייכנט ווערן אַלס „נעאָ־אָרטאָדאָקסיע".

*) — די גרופּע פורעמט זיך איצט אויס, און עס איז די אויפגאַבע פון אָט דעם ווערק איר אויפפאַסונג פון יודנטום צו קריסטאַליזירן.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

עס איז קלאָר פון דעם נאָר וואָס געגעבענעם קיצור, אַז דער הויפּט־שטרייט־פּונקט איז בנוגע דער נאַטור פון רעליגיע און איר שייכות צום רעשט פון מענטשלעכן לעבן. די עיקרדיקע מיינונגס־צעטיילונג איז צווישן דער נעאָ־אָרטאָדאָקסישער גרופּע, פון איין זייט, און די דריי ניט־אָרטאָדאָקסישע, פון דער אַנדער זייט. די נעאָ־אָרטאָדאָקסיע גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז רעליגיע מוז זיין געשטיצט אַף איבערנאַטירלעכער אַנטפּלעקונג, געהעריק באַשטעטיגט דורך דעם באַגלויביקסטן עדות־זאָגן. די הנחה זעצט פאָרויס אַ שאַרפן חילוק צווישן נאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן. צו פאַרזען דעם חילוק, באַטראַכטן אים אַלס רעלאַטיוו — אַלס אַן אונטערשייד בלויז אין גראַד אָדער גאָר אַלס אומוויכטיק — הייסט מיספאַרשטיין די אָרטאָדאָקסיע. דאָס איז ספּעציעל שייך דעם גלויבן בנוגע דער אָפּשטאַמונג פון דער תורה. די גרונט־לערע פון יודנטום, לויט דער אָרטאָדאָקסיע, איז — אַז די תורה איז מן השמים, דאָס מיינט איבערנאַטירלעך אַנטפּלעקט. זיינען פאַראַן מערערע, וואָס גיבן דעם אויסדרוק מן השמים אַ מעטאַפאָרישע, אַ משלדיקע אויסטייטשונג. דאָ איז ניט די פראַגע צי זיי זיינען גערעכט אָדער אומגערעכט. אָבער צורעכענען זיך צו די יעניקע וואָס רופן זיך אָרטאָדאָקסן דאָס טאָרן זיי ניט, וואָרום זיי לייקענען די פונדאַמענטאַלע אידייע פון אָרטאָדאָקסישער אַנשויאונג, אויב זיי פאַרוואַרפן די אויספירן, וואָס פאָלגן אַרויס פון דער הנחה וועגן אַבסאָלוטן אונטערשייד צווישן נאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן.

די צעטיילונג צווישן נאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן לויט דער נעאָ־אָרטאָדאָקסישער אויפפאַסונג

פון שטאַנדפּונקט פון דער אָרטאָדאָקסישער פונאַנדערשיידונג צווישן נאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן איז לייכט צו באַשטימען דעם אָרט פון אידישן פאָלק אין דעם געשיכטלעכן פּלאַן. וואָס עס טיילט אויס די אידן פון רעשט פון דער מענטשהייט איז דער פאַקט, וואָס זיי זיינען געוועזן די איינציקע מקבלים פון אַ דירעקטער קאָמוניקאַציע פון גאָט. דאָס הייסט ניט, אַז די געטלעכע קאָמוניקאַציע איז געמאַכט געוואָרן בלויז פאַר זיי. דאָס מיינט אָבער יאָ, אַז זיי זיינען אויסדערוויילט געוואָרן צו זיין די כהנים אָדער די פאַרמיטלער צווישן גאָט און דער מענטשהייט און זיי האָבן צו פאַרדאַנקען די פּריווילעגיע דעם זכות פון זייערע אבות. נאָר פון זייערטוועגן זיינען נסים געשען. אַלע אַנדערע פעלקער, אויב זיי ווילן געניסן די פּרוכט פון גע־

האָרכזאַמקייט צו גאָטס ווילן, מוזן אַף וועלכן עס איז אופן אָנערקענען אָט די אינטימערע שייכות פון די אידן צו דער איבערנאַטירלעכער אָרדנונג פון זאַכן.

אין דער היינטיקער וועלט איז דיזעלביקע איינטיילונג צווישן נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך, מיט אַלע אירע לאָגישע קאָנזעקווענצן, אָנגענומען פון דער קאַטוילישער קירך און פון די פירנדיקע פּראָטעסטאַנטישע קירכן אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכער טייל פון זייער גלויבן־באַקענטניש. וואו זיי צוגייען זיך מיט די אידן איז נאָר אַרום דער פראַגע, וואָס עס דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס די ענדגילטיקע, אויטאָריטעטישע אַנטפּלעקונג פון גאָט, און וועלכע ספּעציעלע גרופּע האָט אַ רעכט צו פּרעטענדירן צו זיין אין באַזיץ פון דער ענדגילטיקער אויטאָריטעטישער אַנטפּלעקונג.

ווי די ניט־אָרטאָדאָקסישע רעליגיאָניסטן באַנעמען די געטלעכע זייט פון דער רעאַליטעט

די וואָרט־פירער פון די ניט־אָרטאָדאָקסישע גרופּן האָבן קוים ווען עס איז זיך פאַרמאָסטן אַף אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון זייערע אייגענע יודנטום־פילאָזאָפיען. דאָס איז אָן ספק די סיבה פון דער היפשער מאָס פּאַראַדאָקסאַלישקייט אין זייער דענקען און סתירהדיקייט אין זייער האַנדלען. און איינער אַזאַ פאַרנאַכלעסיקטער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ באַציט זיך אַף אָט דער שפּאַלטונג פון דער רעאַליטעט אַף נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך. אָבער הגם די ניט־אָרטאָדאָקסן האָבן זעלטן ווען געהאַט פיל צו זאָגן וועגן דער פראַגע, דאָך איז עס קיין ספק ניט, אַז פאַר זיי עקזיסטירט ניט אַזאַ שפּאַלטונג. פאַקטיש איז אָט די ניט־אָנערקענונג פון דעם חילוק צווישן נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך דער הויפּט־טעם פון זייער שטרייט מיט דער אָרטאָדאָקסיע. פאַרדינט די פראַגע אויספירלעכער און אויסשפּראָכענער אַרומגערעדט צו ווערן, ווי עס איז ביז אַהער פּראַקטיצירט געוועזן. ספּעציעל איז דאָס נויטיק לטובת די רעפאָרמיסטישע און רעליגיאָ־קולטוריסטישע אידעאָלאָגיעס, אין וועלכע די רעליגיע פיגורירט אַלס קעגנזייטיק זיך דעקנדיק מיטן יודנטום, אָדער אַלס דער דאָמינירנדיקער עלעמענט זיינער.

עס איז די זעלבסטפאַרשטענדלעכע הנחה אין דער רעפאָרמיסטישער און אין דער רעליגיאָ־קולטוריסטישער אידעאָלאָגיע, אפילו וואו זי ווערט ניט בפירוש אַרויסגערעדט, אַז רעליגיע, אַנדערש ווי מען

נעמט עס געוויינלעך אָן, איז בשום אופן ניט געשוואָרן צו דער צע־טיילונג פון רעאַליטעט אַף נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך. עס איז דער געוויינלעכער טעות צו דענקען, אַז די רעליגיע איז אַלעמאָל באַוואוסט געווען וועגן דער צעטיילונג. אין דער דערפאַרונג פון יענע וואָס האָבן געלעבט אין דעם וואָס מ׳קאָן אָנרופן קלאַסישן צייטאַלטער פון רעליגיע, איז דער אונטערשייד צווישן נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך נאָך ניט דערשפירט געוואָרן. פאַר דעם אויפקומען פון יער פילאָזאָפיע איז דער עצם קאָנטראַסט צווישן נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך גאָר געווען אומבאַגרייפלעך. יאָ, אמת, אַ געוויסער אונטערשייד איז יאָ געמאַכט געוואָרן, אָבער נאָר צווישן די געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען און די אויסערגעוויינלעכע, ווי שטורעמס, ערד־ציטערנישן, מגפות און מלחמות. אָבער עס איז ניט געמיינט גע־ווען, אַז זיי באַלאַנגען צו אַזעלכע פאַרשיידענע מדרגות פון עקזיס־טענץ, ווי די נאַטירלעכע און איבערנאַטירלעכע מדרגה.

דאָס „נאַטירלעכע" איז מער ווי אַ צווייטער נאָמען אָדער סינאָ־נים — צום געוויינלעכן און רעגולערן. „נאַטירלעך" האָט אַ ספּעציעלן מיין, מיט וועלכן מען האָט געזוכט צו פאַרריכטן איינעם פון די גרונט־טעותן פון אומפילאָזאָפישן פאַרשטאַנד. עס האָט באַצייכנט דעם פאַקט, אַז די האַנדלונג פון יעדער זאַך איז אָפּהענגיק פון דעם געזעץ פון איר אייגענעם וועזן. און דער געזעץ קאָן ניט געענדערט ווערן פון אַ ווילן וואָס ווירקט פון דרויסן. דעם אומפילאָזאָפישן אָדער אומוויסנשאַפטלעכן פאַרשטאַנד קומט פאָר, אַז אַלע זאַכן ווערן באַווירקט פון דרויסן — דורך כמו־מענטשלעכע ווילנס אָדער דורך אַן איינאיינציקן כמו־מענטשלעכן ווילן. די שפּעטעדיקע פילאָזאָפישע אויסטייטשונגען און פאַרענטפערונגען אַראָפּגערעכנט, ווערט גאָט באַגריפן אין די הייליקע שריפטן און דער תלמודישער ליטעראַטור מער אָדער ווייניגער מענטש־ענלעך. זיין ווילן, הגם אומענדלעך אריבערשטייגנדיק דעם מענטשנס ווילן אין מאַכט, גערעכטיקייט און גנע־דיקייט, גלייכט זיך דאָך אויס מיט אים אין דעם, וואָס ער איז זיך באַוואוסט פון ספּעציפישע צילן, וואָס ער זוכט צו דערגרייכן. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט באַזיצט קיין זאַך ניט אַ געזעץ פון איר אייגענעם וועזן. אַלע זאַכן ווירקן לויט דעם ווילן פון גאָט — אַ ווילן, וואָס איז אינגאַנצן דרויסן פון זייער תוך און זייער אייגנשאַפטן. אין אַזא געדאַנקן־וועלט איז ניטאָ אַזוינס ווי איבערנאַטירלעך, ווייל עס פעלט דער באַגריף פון נאַטירלעך. און פאַר 15 יאָרהונדערטער כסדר זיינען די טעאָלאָגן — אידישע, קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע — באַ־

שעפּטיקט געווען מיט דעם פּאַרזוך צו ברענגען אין האַרמאָניע דעם פֿאַר־פֿילאָזאָפֿישן געדאַנקען־גאַנג מיט דעם פֿילאָזאָפֿישן געדאַנקען־גאַנג, וואָס איז גע׳ירש׳נט געוואָרן פֿון די גריכישע דענקער. און די שפּאַלטונג פֿון דער רעאַליטעט אַף אַ נאַטירלעכער און איבערנאַטיר־לעכער העלפֿט איז פּאַקטיש ניט מער ווי א מודה זיין זיך פֿון זייער זייט, אַז זיי זיינען דורכגעפֿאַלן אין זייער פּאַרזוך צו געפֿינען א צופֿרידנשטעלנדיקע לייזונג פֿון דעם פּראָבלעם.

דער צוגאַנג צו דער רעאַליטעט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם מאָ־דערנעם געדאַנק, האָט איבעריק און צוועקלאָז געמאַכט דעם גאַנצן חילוק צווישן נאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן. די טענדענץ היינט צו טאָג איז אַזוי אויסצוברייטערן דעם באַגריף פֿון נאַטירלעך, אַז ער זאָל אריינגעמען אויך יענעם צוגאַב צו דער רעאַליטעט, וואָס דער טראַדיציאָנעלער אויסקוק האָט געשפּירט, נאָר אינגאַנצן ניט באַנומען. דער מאַטעריאַליזם האָט דעם צוגאָב אויך ניט באַנומען. אָבער פֿון פֿאַרשיידענע זייטן האָט מען זיך איצט ארויסגעלאָזט אין אן אטאַקע אָף יענעם איבערפֿאַראיינפֿאַכטן בליק אָף דער נאַטור, וואָס מאַכט זי גלייך אין באַטייט צו אַ בלינדן פּראָצעס פֿון מעכאַנישע קרעפֿטן. אַלע פֿאָרגעשריטענע דענקער היינט צו טאָג זיינען נוטה צוצוגעבן, אַז די מעכאַניסטישע אינטערפּרעטאַציע פֿון דער עקזיסטענץ איז בלויז א האַלבער אמת. דער פֿאַקט, וואָס דאָס מינימאַלסטע ברוכשטיק פֿון דער רעאַליטעט ווערט באַשטימט אין זיינע באַדינגונגען דורך דער גאַנצער גאַנצקייט פֿון דער רעאַליטעט, און וואָס יעדע לעבעדיקער אָרגאַניזם אַלס גאַנצער באַשטימט און באַדינגט די אויפֿפֿירונג פֿון יעדן טיילכעלע זיינעם — אָט דער פֿאַקט האָט צוריק אריינגעפֿירט אין דער רעאַליטעט דעם גאַנצן געפֿלעכט פֿון מיינען און ווערטן, וואָס בילדן דעם ספּיריטועלן אָנבליק פֿון לעבן.

אָט די אָפּווענדונג פֿון דער מעכאַנישער אינטערפּרעטאַציע פֿון דער עקזיסטענץ האָט א ספּעציעלן באַטייט פֿאַר דעם מענטשלעכן לעבן און די מענטשלעכע באַציאונגען. אין פֿאַל פֿון מענטשן קומט צו צום חשבון דער פֿאַקטאָר פֿון זעלבסטבאַוואוסטזיין. דער פֿאַקטאָר גיט דעם מענטשן דאָס באַוואוסטזיין פֿון זיין אייגענער איינהייט אַלס פּערזענלעכקייט. דורך דער איינהייט פֿון זיין איך ווערט ער אינטו־איטיוו געוואָר פֿון יענער העלפֿט פֿון רעאַליטעט, מיט וועלכער ער האָט געזוכט זיך צו רעכענען — טאַפּנדיק און בלאָנדזשענדיק — אין זיינע פֿאַרשיידענע רעליגיעס. אָבער דער מענטש פֿון אַמאָל האָט תמיד זיך גופֿא באַטראַכט ווי שטייענדיק אין דרויסן פֿון דער רעאַליטעט —

ארויסנעמענדיק זיך פון איר סך־הכל. דערפאַר, ווען ער האָט גע־שפּירט דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט געגעבן דעם רעאַלי־טעט דעם זין, פון וועלכן ער האָט געצויגן זיינע פאַרשיידענע באַגריפן פון גאָטהייט, איז אים גאָרניט איינגעפאַלן צו זוכן און ענלעכן זיין אין זיין אייגענער פּערזענלעכקייט. נאָר ווען ניט ווען פלעגט דורך זיין באַוואוסטזיין דורכלויפן א שימער פון אמת, אַז דאָס מענטשלעכע באַשעפעניש באַזיצט עפּעס מער פון דער גאָטהייט, ווי יעדע אַנדערע זאַך אין דעם אַרום. ווי צום ביישפּיל, ווען ער האָט זיך דערטראַכט צו דעם באַגריף, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ מאָמענטאַלער אויפבליץ. ערשט מיט זיין געשטיגענער זעלבסט־קענטעניש איז ער ביכולת געווען צוריק אויפ־צוכאַפּן די אנונג, אַז ער אַליין באַלאַנגט אינעווייניק צום סאַמע תמצית פון דער רעאַליטעט וואָס אין איר סך הכל באַשטימט זי און באַשליסט זיין לעבן.

דער מענטש האָט זיך דערהויבן צום געדאַנק, אַז דער אַקט זיינער פון אָבסערווירן די רעאַליטעט אין איר סך הכל שטעלט אים נאָך ניט אוועק דרויסן פון דער רעאַליטעט. איצט באַגרייפט ער, אַז די קענט־זייטיקע געבונדקייט, די אינערלעכע קרובהשאַפט פון די זאַכן, וואָס דאָס איז געווען דער קוואַל פון זיין גאָטהייט־שפּירונג, אָפּערירט אין אים, ניט ווייניגער ווי דרויסן פון אים. דאָס האָט איבעריק געמאַכט די סאַמע נויטיקייט צו מאַכן א חילוק סיי צווישן אוניווערס פון מענטשן און אוניווערס פון גאָט — צווישן מענטשלעך און געטלעך — און סיי צווישן נאַטירלעך און איבערנאַטירלעך. ס'איז דאָ בלויז איין אוניווערס, אין וועלכן ביידע, סיי מענטש, סיי גאָט, עקזיסטירן. די אַזוי גערופענע נאַטור־געזעצן רעפּרעזענטירן דעם אופן פון גאָטס אימאַנענטן פונקציאָנירן — אינווייניק אין דער נאַטור. דער עלעמענט פון שעפערישקייט, וואָס לאָזט זיך ניט דעקן מיט די אַזוי גערופענע נאַטור־געזעצן און וואָס טייטלט צום אָרגאַנישן כאַראַקטער פון אוני־ווערס, ווי צו אַ לעבעדיקער גאַנצקייט, גיט אונז אַ שפּור פון גאָטס טראַנסצענדענטן פונקציאָנירן — אין איבערשטייגונג פון די נאַטור־געזעצן. גאָט איז ניט דערקענבאַר אַלס א וועזן פאַר זיך — וואָס שטייט דרויסן פון אוניווערס. גאָט איז דאָס לעבן פון אוניווערס, אימאַנענט אף וויפיל יעדער טייל ווירקט אף יעדן אַנדער טייל, און טראַנסצענדענט אַף וויפיל דאָס גאַנצע ווירקט אף יעדן טייל.

צי דער גאָט־באַגריף פון מאָדערנעם מענטשן, ווי דאָ פאָרמולירט, איז קאָרעקט אָדער ניט, דינט עס אָבער דעם צוועק, אַלס אילוסטראַ־

ציע, ווי אזוי די יעניקע וואָס קאָנען ניט אָננעמען דעם אָרטאָדאָקסישן בליק אַף רעליגיע, קאָנען דאָך באַהויפּטן צו געפינען אַ פּלאַץ פאַר דער גאָט־אידייע אין די ראַמען פון נאַטירלעכער דערפאַרונג. זיי לייזן אויף דעם קאָנפליקט צווישן רעליגיע און וויסנשאַפט. פון זייער שטאַנדפּונקט באַציט זיך רעליגיע ניט צו עפּעס אַ געשטאַלט פון רעאַליטעט, וואָס עקזיסטירט אינגאַנצן דרויסן פון דער אָרדנונג, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס נאַטור, — ווי די אָרטאָדאָקס־גלויביקע שטעלן זיך פאָר — נאָר צו יענער געשטאַלט פון רעאַליטעט, וועל־כע פלעגט אויס:עלאָזט ווערן פון חשבון דורך דעם אזוי גערופענעם נאַטוראַליסטישן צוגאַנג. אָבער ווען דער מאָדערנער מענטש שטודירט די רעאַליטעט וויסנשאַפטלעך, ציט ער ארויס פון איר געוויסע ספּעציפישע עלעמענטן — פיזישע, כעמישע, ביאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע. און ווען אַלס צוגאָב צו דעם וויל ער נאָך כאַפּן דעם באַטייט פון די טיילן פון רעאַליטעט אין זייער שייכות צום גאַנצן, און פון גאַנצן אין זיין שייכות צו די טיילן, דעמאָלט טויכט אויף פאַר אים יענער גאַנצער אוניווערס פון ווערטן, וואָס ענטפּערן אַפּ זיין אייגענעם דראַנג צו ווערן איינס מיט דעם פאַר־נעמסטן און אײדעלסטן אין לעבן. דאָס צו דערקענען איז צו שפּירן דעם געטלעכן עלעמענט פון דער רעאַליטעט.

פילע זייען פאַראַן, וואָס האַלטן, אַז אַ גאָט־גלויבן, וואָס שטיצט זיך בלויז אַף מענטשלעכער דערפאַרונג, קאָן ניט האָבן די זעלביקע אָביעקטיווקייט וואָס מיר שרייבן צו אַ וויסנשאַפטלעכן אמת. דורך אָט דער שטעלונג זייערער גיבן זיי בלויז אויסדרוק צום געפיל פון בענקשאַפט נאָך גלויבן אין איבערנאַטירלעכן. פון וועלכן זיי זיינען נאָך ניט אינגאַנצן ארויסגעוואַקסן. עס איז ניטאָ קיין שום גרונט פאַרוואָס אַזאַ גאָט־באַגריף זאָל זיין ווייניקער אָביעקטיוו, ווי יעדער אַנדער באַגריף, וואָס איז געשטיצט אַף דערפאַרונג. און ס׳איז דאָ אַ וועג ווי אויסצופּרובן די גילטיקייט פון אַ גאָט־באַגריף. ער דאַרף ניט נאָר האַרמאָנירן מיט די אַנדערע עלע־מענטן פון אונזער דערפאַרונג, נאָר ער דאַרף נאָך אַריינגעבן אַפילו אַ גרעסערע איינהייט און אַ טיפערן מיין, ווי אונזער דערפאַרונג קריגט עס ארויס פון די קונסטן און וויסנשאַפטן. און דאָס טוט דער וויסנ־שאַפטלעכער גאָט־באַגריף. די קראַפט צו העלפן אונז זיך אָריענטירן אין לעבן, ארויסצוציען פון אונז דאָס בעסטע, צו וואָס מיר זיינען פייאיק, און צו פאַרפאַנצערן אונז קעגן דאָס ערגסטע, וואָס קאָן אונז באַפאַלן — דאָס איז גענוג פּראַגמאַטישער פּראַקטישער פּרוב

פאַר דער גילטיקייט פון אַ גאָט־באַגריף. ביז צו דעם גראַד לכל הפחות קאָן די גאָט־אידייע, וואָס איז געשטיצט אַף דערפאַרונג, נעגליכן ווערן צו אַ וויסנשאַפטלעכן אמת און זי פאַרמאָגט פונקט אַזויפיל אָביעקטיוויטעט.

דער מיין פון דער גאָט־אידייע אין אַ גרופּע־רעליגיע ....

די וואָס האָבן בדעה צו קולטיווירן אידישע רעליגיע אַלס אַ נאָרמאַלן אָפּרוף אַפן לעבן, דאַרפן איינזען, אַז זי איז אונטער־וואָרפן צו דיזעלביקע געזעצן פון מענטשנס נאַטור, וואָס באַשטי־מען בכלל דאָס פאַרהעלטעניש פון רעליגיע צו די אַנדערע פונקציעס פון מענשלעכן לעבן. דאַרפן זיי דערפאַר זיך ווענדן צו די עמפּירישע וויסנשאַפטן וועגן דער מענטשלעכער נאַטור און דער געזעלשאַפט, כדי צו דערגיין ווי די גאָט־אידייע האָט פאַקטיש פונקציאָנירט אין לעבן פון מענטשן און פעלקער. וועלן זיי גאָר גיך אַנטדעקן, אַז די גאָט־אידייע פון אַ גרופּע־רעליגיע איז צום ווינציקסטן אַן אידייע, אָדער אַ סיסטעם פון אידייען. ראַציאָנאַליזירונג שפּילט אַ זייער קליינע ראָל אין אַ קאָלעקטיווער רעליגיע; עמאָציעס און אַקטיווי־טעטן מאָנאָפּאָליזירן פאַקטיש איר גאַנצן געביט. די גאָט־אידייע אין אַ קאָלעקטיווער רעליגיע פונקציאָנירט ניט ווי אַן אַרויפשטייגן מיטן שכל, אַף די טרעפּן פון לאָגיק, פון אַרגומענט צו אַרגומענט, צו אַ געהויבענער פּראָפּאָזיציע, וואָס ווערט אָנגערופן גאָט; נאָר דאָס פונקציאָנירן פון דער גאָט־אידייע איז גיכער ענלעך צו אַן אָרגאַנישן פּראָצעס, דורך וועלכן דער יחיד זויגט אַריין געוויסע עלעמענטן פון לעבן און פון דער אינוועניקסטער סביבה פון זיין גרופּע, אָדער פון דער גאַנצער דרויסנדיקער רעאַליטעט — דער נאַטור — אין איר שייכות צו דער גרופּע — יענע עלעמענטן, סיי פון דער אינעוועניקסטער און סיי פון דער דרויסנדיקער רעאַליטעט, וואָס העלפן דעם יחיד צו זיין זעלבסטדערפילונג אָדער דערלייזונג. אָט די אָרגאַנישע אויפנעמונג פון די עלעמענטן מיטהעלפער צו דער־לייזונג — דאָס איז עס וואָס ווערט אויסגעדריקט מיט דער באַ־צייכנונג „הייליק", וואָס ווערט אָנגעווענדט אַף יעדן קעגנשטאַנד, וואָס ווערט דערקענט און אויפגענומען אין אָט דעם גייסט.

האָבן מיר דאָ אַ געלעגנהייט גרינטלעכער דורכצואַנאַליזירן דעם פּראָצעס פון דער אויסבילדונג פון דער גאָט־אידייע, ווי מיר האָבן עס געטאָן אין פאָריקן קאַפּיטל. מיר האָבן געזען, ווי דער פּרימיטיווער מענטש, נאָך איידער ער איז ביכולת געווען צו פאַר־

מוּלירן די אידייע פון „גאָט“, האָט ער שוין געוואוסט, אַז עס זיינען פאַראַן עלעמענטן אין זיין סביבה, געוויסע לעבעדיקע אָדער ניט-לעבעדיקע זאַכן — באַשטימטע פּלעצער, ספּעציעלע פּערזאָנען, וואָס פון זייער הילף איז ער אָפּהענגיק פאַר דער באַפרידיקונג פון זיינע נויטן. האָט ער זיי צוגעשריבן מאַכט, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז ער קאָן זי קערעווען צו זיין טובה דורך אָנווענדן געוויסע האַנד־לונגען אָדער פאָרמולעס, וואָס מיר באַצייכענען אַלס מאַגיק, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין אמתע, אינוועניקסטע פאַרבינדונג מיט די רעזולטאַטן, וואָס ער האָט געוואָלט דורך זיי דערגרייכן. און וואָס מער ער איז געוואַקסן אין זעלבסטבאַוואוסטזיין, אַלץ באַ־וואוסטזיניקער איז ער געוואָרן וועגן דעם קלאַן, אָדער שבט, צו וועלכן ער האָט באַלאַנגט. און דאָ איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די מאַגישע פּראַקטיקעס, מיט וועלכע ער האָט זיך באַדינט, ווערן אויך געטיילט פון אַנדערע מיטגלידער פון זיין גרופּע. און דאָס איז געווען דער באַגינען פון זיין דערקענטניש, אַז איבערשטייגנדיק זיין אָפּהענגיקייט פון די באַזונדערע עלעמענטן אין זיין סביבה איז זיין אָפּהענגיקייט פון דער גרופּע. אַלס א פּועל יוצא דערפון, האָבן די אומבאַדינגט נויטיקע עלעמענטן אין לעבן און אין דער סביבה פון דער גרופּע באַקומען א פאַרגרעסערטן באַטייט פאַר אים — וואָס ער האָט עס געזוכט אויסצודריקן דורך דעם, וואָס ער האָט געקוקט אויף זיי און זיך באַנומען צו זיי, ווי צו הייליקע זאַכן. אויף אָט דער שטופע האָט דער באַגריף פון גאָטהייט גענומען אויפ־טויכן, ווייל פּסיכאָלאָגיש איז דער באַגריף פון גאָטהייט די קריסטאַ־ליזירונג פון באַגריף פון הייליק. א הייליק וועזן איז גלייכבאַטייטנדיק מיט א געטלעכן וועזן. מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון מענטשן האָט ער אויסגעשפּרייט דאָס געביט פון הייליקייט ביז צום איינ־שליסן ניט נאָר די זיכטבאַרע און בילדלעכע זאַכן, און ניט נאָר געשעענישן און פּערזאָנען, נאָר אויך מנהגים, געזעצן, סאָציאַלע באַציאונגען, אמתן און אידעאַלן.

דער נאַטירלעכער מענטשלעכער דראַנג, וואָס גיט פון זיך וויסן אין דער שפּירונג פון הייליקייט, איז אַסך עלטער פון טראַדיציאָ־נעלן באַגריף פון רעליגיע אַלס איבערנאַטירלעכע דערשיינונג; און ער וועט פונקציאָנירן לאַנג נאָכדעם, ווי דער סופּערנאַטוראַ־ליזם, אַלס א מעטאָד פון לעבנס־אויסטייטשונג וועט שוין זיין פאַר־שוואונדן. הגם די ווערטער „הייליק“, „הייליקייט“ זיינען ניט אַזוי אָפט אין שפּראַך־געברויך פון היינט צו טאָג, ווי אַמאָל, וועט זיין

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

א טעות דערפון צו דרינגען, אז דער מענטשלעכער גייסט געוואוינט זיך אפ אפצוזונטערן מיט דעם געפיל, וואס די ווערטער טראגן אין זיך. פסיכאלאגיש גענומען, באציען זיך די טערמינען „ווערט", „ווערדע" אף דעם זעלביקן טיפ געפילס־אפרוף, ווי היליקייט. עס זיינען דא מאדעס אין ווערטער, ווי אין קליידונג. היינטיקע מענטשן, ריידנדיק וועגן זאכן אדער פערזאנען, וואס זיי האלטן, אז זיי זיינען אומבאדינגט נויטיק פארן מענטש־לעבן, וועלן גערנער זיך אויסדריקן, אז זיי באזיצן א הויכן ווערט, איידער צו זאגן, אז זיי זיינען הייליק. אבער עס זיינען דא מאמענטן אין לעבן פון יעדן מענטשן, ווי פראזאאיש אדער וואכעדיק ער זאל ניט זיין, אז בלויז דאס ווארט הייליק קאן ווי געהעריק אויסדריקן, וואס ער פילט וועגן געוויסע זאכן, פערזאנען אדער אידעאלן.

די אויבן געגעבענע באשרייבונג פון דעם אופן, ווי אזוי די גאט־אידייע איז געקומען און זיך אנטוויקלט, טייטלט צו א מענטש־לעכן פאקטאר, וואס איז געמיינשאפטלעך פאר אלע רעליגיעס. און גלייכצייטיק העלפט עס אונז צו פארשטיין, מיט וואס באמת איין רעליגיע אונטערשיידט זיך פון דער אנדערער. עס ווערט גלייך קלאר, אז מיר וועלן נאכגיין א גאנץ פאלשער שפור, ווען מיר וועלן זוכן אין די וועלט־אנשויאונגען זייערע די אונטערשיידן צווישן איין רעליגיע און דער אנדערער. אן אויפמערקזאם שטודירן וועט אויפ־דעקן אן איבערראשנדיקע מאסע געמיינשאפטלעכקייט אפילו צווישן אזעלכע רעליגיעס, וואס זיינען די פיינטלעכסטע איינע צו דער אנדערער. וואס עס אונטערשיידט הויפטזעכלעך איין גרופע־רעליגיע פון דער אנדערער, איז דער פאקט, וואס זיי באלאנגען צו פארשיי־דענע גרופן, און במילא באציען זיי זיך צו פארשיידענע גרופירונגען פון הייליקטימער — „סאנקטא". יעדע רעליגיע האט אירע אייגענע אביעקטן, פערזאנען, ערטער, געשעענישן, וואס דערשיינען ווי היי־ליק, אדער פארנעמען א פלאץ פון העכסטער ווערדע אין קאלעק־טיוון באוואוסטזיין פון אירע אנהענגער.

דער אמת דערפון לאזט זיך לייכט דערקענען, ווען מיר האבן צו טאן מיט די פארצייטיקע רעליגיעס, וואס יעדע פון זיי האט געהאט אירע אייגענע הייליקע בוימער, קוואלן, שטיינער און בערג; אבער ער לאזט זיך ניט אזוי לייכט כאפן, ווען מיר טרעטן צו צו די גרויסע היסטארישע רעליגיעס. דאך, א רגע פון געניויערער בא־טראכטונג וועט אויפדעקן, אז דער זעלביקער אמת גילט אויך פאר די לעצטע. דער באגינען פון דער אידישער רעליגיע צייכנט זיך

דער אָרט פון רעליגיע אין אידישן לעבן

אוים מיט דער קאָנקורענץ צווישן די סאַנקטא פון די כנענים און די סאַנקטאַ, וואָס די ישראלים האָבן מיטגעבראַכט פון מדבר; צווישן דעם אָקסן־בילד און דעם ארון פון יהוה; צווישן די לאָקאַלע הייליקע הייזער און דעם בית המקדש אין ירושלים. אָבער טאַקי אין פּראָצעס פון אויפהאַלטן די חזקות פון ישראלס הייליקטימער — די סאַנקטא — האָבן געגומען שפּראָצן און וואַקסן גרויסע ספּיריטועלע אמתן און מאָראַלישע אידעאַלן, וואָס האָבן אין די הייליקטימער — די סאַנקטא — אריינגעגעבן אן אוניווערסאַלע וויכטיקייט. און עס איז אינטערעסאַנט צו מערקן, אַז דער פאַקט אַליין, וואָס די שומרונים זיינען באַשטאַנען צו האָבן זייער הייליקטום אפן הר גריזים, איז גענוג געווען צו מאַכן זיי פאַר אָנהענגער פו! גאָר אַן אַנדער רעליגיע, ווי די אידישע. פּונקט אזוי האָט דאָס קריסטנטום זיך אָפּגעצווייגט פון דער אידישער רעליגיע דורך צוגעבן די פּערזאָן פון יעזוס צו די אַנדערע אידישע סאַנקטאַ, הגם די ערשטע קריסטן, ווי באַוואוסט, האָבן אָפּגעהיט אַלע אידישע מנהגים און געגלויבט אין אַלע אידישע גלויבונגען און געערט אַלע סאַנקטא פון דער אידישער רעליגיע. און עס איז געווען א ריכטיקער אינסטינקט, וואָס האָט אונטערגעזאָגט דער קירך צו דערקלערן דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך אנשטאָט דעם זיבעטן פאַר הייליק, וואָרום ווען די קירך הייליקט דעמזעלבן טאָג, וואָלט איר רעליגיע ניט געווען גענוג אָפּגעשיידט פון דער אידישער.

נאָר טראָץ דער אומצווייפלדיקער פאַרשיידנקייט פון די רעליגיעס פון שטאַנדפּונקט פון זייערע הייליקטימער — די סאַנקטא — מוזן זיי אָבער מיט זייערע סאָציאַלע טענדענצן און אוניווערסאַלע אמתן און אידעאַלן גאַנץ באַשטימט אריבערשפּרייזן די גרעניצן, וואָס צעשיידן זיי, און זיי מוזן היפשלעך דעקן איינע די אַנדערע. און אָט דער אומשטאַנד איז עס, וואָס נאַרט אָפּט אריין מענטשן אין דעם גלויבן, אַז אַלע רעליגיעס זיינען פונדאַמענטאַל איין רעליגיע. און אז די סיבה פאַרוואָס מיר האָבן אזוי פיל רעליגיעס זאָל, הייסט עס, זיין אין דעם, וואָס זייערע אָנהענגער זיינען צו בלינד, צו פאַרבלענדט דורך פאָראורטייל, כדי צו דערקענען דעם פאַקט פון דער גרונט־ענלעכקייט פון די רעליגיעס.

און דאָ דאַרף געמאַכט ווערן א חילוק צווישן יחיד און כלל. דער יחיד, בעת ער פאַרטיפט זיך אין גאָט, קאָן טאַקי דורכגענומען ווערן מיט „שכורער פרייד און התפּעלות" איבערן וואונדער פון לעבן. די גאָט־אידייע קאָן ביי אים פאַרבלייבן ריינער „צושטאַנד פון

גייסט", וואָס פאָדערט ניט קיין שום פאַראויסערלעכונג. אָבער ווען די גאָט־אידייע איז אַן אויסוואוקס פון אַ קאָלעקטיווער דערפאַרונג, קאָן זי ניט פאַרמיידן פאַראויסערלעכונג. און ניט פּרעטענדירנדיק אויף נעגוויאיקייט, לאָזט זיך זאָגן, אַז פון די דריי גרונט־עלעמענטן, וואָס גייען אריין אין יעדן גייסטיקן פּראָצעס: אידייע, עמאָציע, דראַנג — איז אין דער קאָלעקטיווער גאָט־אידייע דאָ אַ קליין טייל־כעלע אידייע, אסך מער עמאָציע, געפילס־איבערלעבונג, בעת דער גרעסטער עלעמענט אין איר איז ווילנס־דראַנג. קאָנקרעטער גערעדט, מיינט עס, אַז אַ גרופּע־רעליגיע איז צום ווינציקסטן פילאָזאָפיע פון לעבן. איר פונקציע איז פריער פון אַלץ אריינצוטאָן הייליקייט ניט אין לעבן בכלל, נאָר אין געוויסע באַשטימטע אָביעקטן, פּערזאָנען, פּלעצער, געשעענישן א. אז. וו. און אין געוויסע באַשטימטע געזעץ־קאָדעקסן, מנהגים און מאָראַלישע פאָרשריפטן.

און ווילן מיר זיך פאָרשטעלן די ראָלע פון רעליגיע אויף אַ רעאַליסטישן שטייגער, דאַרפן מיר ניט מאַכן קיין טעות און דער־וואַרטן פון דער קאָלעקטיווער רעליגיע, אַז זי זאָל באַרעכטיקן איר עקזיסטענץ מיט דעם, וואָס זי איז מיט איר לאָגישן אינהאַלט פאַר־שיידן פון די אַנדערע קאָלעקטיווע רעליגיעס. יעדע גרופּע־רעליגיע אונטערשיידט זיך — אין איר קערן אָדער מהות — פון יעדער אַנדער גרופּע־רעליגיע, אומגעפער אַזוי ווי איין באַוואוסטזיין אונט־טערשיידט זיך פון אַנדערן. די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון די סעפּאַראַטע באַוואוסטזיינס איז בשום אופן ניט אין זייערע לאָגישע אַנדערשקייטן. קאָלעקטיווע רעליגיע, זייענדיק פאַר דער גרופּע וואָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פאַרן אינדיווויד, קריגט פּונקט אַזוי איר באַרעכטיקונג פון איר פייאיקייט מיטצוהעלפן אין דער עקזיסטענץ פון דער גרופּע און אין דער אַנטוויקלונג פון אירע ספּירימועלע קראַפט־מעגלעכקייטן.

דער טעות אין דער רעפאָרמיסטישער אויפפאַסונג פון דער אידישער רעליגיע

אויב אָט די אַלגעמיינע אויספירן בנוגע רעליגיע זיינען קאָ־רעקט, האָבן מיר אַ קריטעריום, לויט וועלכן מיר קאָנען אורטיילן וויפיל האַפט עס איז פאַראַן אין די פאַרשיידענע ניט־אָרטאָדאָק־סישע אויפפאַסונגען פון דער אידישער רעליגיע. די אַנטשיידנדיקע הנחה פון דער רעפאָרמיסטישער פּאָזיציע איז, אַז רעליגיע און נאַציאָנאַל־קולטורעל לעבן זיינען אין תוך אומאָפּהענגיק איינס פון

אַנדערן; און דאָס איז עס וואָס דערמעגלעכט איינצוהאַלטן דעם עלעמענט פון רעליגיע אָן די אַנדערע עלעמענטן, וואָס מאַכן אויס דאָס נאַציאָנאַל־קולטורעלע לעבן. נו, אום צו זיין קאָנזעקווענט, וואָלט דער רעפאָרמיזם געדאַרפט אַרויסוואַרפן פון דער אידישער רעליגיע אַלע יענע עלעמענטן, וואָס טראָגן א ממשותדיקן כאַראַקטער, ווייל דאָס איז גראד די ממשותדיקייט זייערע, וואָס מאַכט זיי איינס מיט דעם סאַמע תוך פון נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן. דער אָנגעזעענסטער ממשותדיקער אביעקט, וואָס דער רעפאָרמיזם האָט מיט סיסטעמאַטישער אויסגעהאַלטנקייט אַרויסגעוואָרפן פון דער אידישער רעליגיע, איז ארץ ישראל. אָבער ער וואָלט געדאַרפט גיין אסך ווייטער. ער וואָלט געדאַרפט אזוי פולשטענדיק אַנטאידישן די אידישע רעליגיע ביז ניט צו דערלויבן קיין שום נאַציאָנאַלע געשעעניש אַרויסצוהויבן זיך ביז צו גרויסן אָנזען. יציאת מצרים, די וואַנדערונגען דורכן מדבר אָדער דער אויפשטאַנד פון די השמונאים האָבן געמעגט האָבן א וויכטיקע באַדייטונג פאַר דעם ספּיריטועלן לעבן פון דער מענטשהייט, אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי אויסגעזונדערט ווערן ביז צו דער אויסשליסונג פון אַזויפיל אַנדערע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן געהאָלפן פורעמען דעם מענטשלעכן גורל? דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן די העלדן פון דער אידישער געשיכטע. אַן אוניווערסאַלע רעליגיע דאַרף ניט געבן קיין פאָרצוג צו די העלדן פון איין באַשטימטן פאָלק. זי וואָלט געדאַרפט איינשאַפן זיך א מין פּאַנטעאָן, וואוהין די העלדן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן זאָלן צוגעלאָזן ווערן. און גאָר אומבאַרעכטיקט איז דאָס איינהאַלטן פון דער העברעיאישער שפּראַך ווי א טייל פון דער אידישער רעליגיעזער פּראַקטיק. זי וואָלט אינגאַנצן געדאַרפט אויסגעלאָזט ווערן פון אידישן געבעט־בוך. אַן אויסגעהאַלטענע דורכזעצונג פון דער טעאָריע, אַז די אידישע רעליגיע קאָן פולשטענדיק אָפּגעשיידט ווערן פון די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע ווערטן פון אידישן לעבן, וואָלט נויטיק געמאַכט, אַז זי זאָל זיך באַשרענקען אויסשליסלעך אַף די אַבסטראַקטע אמתן וועגן דער נאַטור פון גאָט, וועלט און מענטש און אַף די עטישע פּרינציפּן פון אוניווערסאַלן כאַראַקטער. זי וואָלט אפילו ניט געדאַרפט איינשליסן אַזעלכע פליכטן, וואָס א איד איז שולדיק זיינע ברידער־אידן, מחמת געוויסע היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע און ראַסן־פאַרבונדנקייטן. פון רעפאָרמיסטישן שטאַנדפּונקט וואָלט בלויז פרייוויליקער אויסוואַל, אָבער ניט געבורט, גע־

דארפט זיין דער באַזיס פון אָנגעהעריקייט צו דער אידישער רעליגיע.

אמת, דער רעפאָרמיזם האָט געזוכט צו פאַרענטפערן אָט די ניט אויסגעהאַלטנקייט מיט דער אידייע, אַז אידן זיינען ניט בלויז מיטגלידער פון איין רעליגיע, נאָר אויך מיטגלידער פון איין ראַסע, און אַז די איינהאַלטונג פון מערערע כאַראַקטעריסטישע אידישע געברויכן איז באַרעכטיקט ניט אזוי אפן סמך פון רעליגיע, נאָר אפן סמך פון ראַסע. און קענטיק מורא האָבנדיק, אַז די דערקלערונג וועט ניט זיין גענוג צופרידנשטעלנדיק, האָט דער רעפאָרמיזם צוגעגעבן נאָך איינע. דאָס איז די באַהויפּטונג, אַז הגם רעליגיע איז אין תוך א סיסטעם פון אמתן און אידעאַלן, וואָס דאַרפן געפינען זייער אויסדרוק אין עטישער פּראַקטיק, נויטיקט זי זיך דאָך אין איניקע ריטואַלן און צערמאָניאַלן, כדי אָנצוהאַלטן דעם כאַראַקטער פון א המשך. אַז די פאַרענטפערונג הינקט שטאַרק אונטער איז אויבן־אויף; ווייל קיין זאַך אין דער רעפאָרמיסטישער אויפפאַסונג פון דער נאַטור פון עטישן מאָנאָטעאיזם פאָדערט ניט המשך. המשך שיקט זיך, האָט א זין און איז געוואונשן פון שטאַנדפּונקט פון א לעבעדיקן, פאַרענדערלעכן באַשעפעניש. די אידישע רעליגיע, פאַרשטאַנען אַלס די נשמה־עקספּרעסיע פון אידישן פאָלק, פאָדערט אומבאַדינגט גאַראַנטיעס פאַר המשך. אָבער א סיסטעם פון אוניווערסאַלן אמת באַדאַרף אַזעלכע גאַראַנטיעס ניט האָבן.

דער פונדאַמענטאַלער טעות פון דער רעפאָרמיסטישער שטעלונג איז, וואָס זי מישט צונויף רעליגיעזע פילאָזאָפיע מיט היסטאָרישער רעליגיע. א רעליגיעזע פילאָזאָפיע איז א וועלטאַנשויאונג, וואָס גיט זיך אין רעזולטאַט פון א פאַרטיפטן דענקען. זי איז בעיקר אַן ענין פון פּערזענלעכער ברירה און בדרך כלל באַשרענקט זי זיך אַף אַן אויסדערוויילטער גרופּע אמתן, אידעאַלן און פּרינציפּן פון אויפפירונג, וואָס זיינען מעגלעך פון העכסטער וויכטיקייט פאַר דער דערלייזונג פון די מענטשלעכע באַשעפענישן, אָן אונטערשייד פון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט אָדער היסטאָרישן הינטערגרונט. א רעליגיעזע פילאָזאָפיע קאָן אריינגעפּאַסט ווערן אין יעדער ציוויליזאַציע, ווייל זי דאַרף ניט זיין דער אויסוואוקס פון דער אָדער יענער ציוויליזאַציע. אַלס כלל איז זי קאָסמאָפּאָליטיש אין איר אורשפּרונג און קאָסמאָפּאָליטיש אין איר אָנווענדונג. ווי ווייסנשאַפט,

קאָן זי דינען אַלס דער אויסגלייכנדיקער באַגלייט־סימן פון אַלע ציוויליזאַציעס.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט אַ היסטאָרישער רעליגיע. אַ היסטאָרישע רעליגיע איז אַ גרופּע־רעליגיע. זי באַשטייט לכתחילה פון גרופּע־געוווינהייטן, איידער זי קומט אין באַוויז פון קלאָר פאָרמולירטע אידייען. און מען שאַפט זיך זי איין דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ציוויליזאַציע, אין וועלכער מען ווערט געבאָרן. און זי ווערט איבערגעליפערט פון פאָטער צום קינד, אַפן זעלבן אופן ווי שפּראַך. דאָס קינד האָט פונקט אַזוי ווייניק ברירה אין פּרט פון אַ גרופּע־רעליגיע, ווי עס האָט אין פּרט פון שפּראַך. אַ גרופּע־רעליגיע פונקציאָנירט הויפּטזעכלעך ווי אַ פּראָצעס פון פאַרהייליקן געוויסע קאָנקרעטע עלעמענטן פון דער באַשטימטער ציוויליזאַציע, צו וועלכער זי באַלאַנגט. דער פּראָצעס פון פאַרהייליקונג באַשטייט אין באַהאַנדלען מיט יראת הכבוד געוויסע פאַקטן, געשעעניסן, פּלעצער, זאַכן, צייטן און מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס פיגורירן פּראָמינענט אין דעם לעבן פון דער גרופּע און וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער זעלבסטדערפילונג אָדער דערלייזונג פון דער גרופּע. דער אונטערשייד צווישן אַ פילאָזאָפישער און אַ היסטאָרישער רעליגיע איז ווי דער אונטערשייד צווישן די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון סימפאָנישער קאָנסטרוקציע און דער ניינטער סימפאָניע פון בעטהאָווען.

דער פּראָצעס פון פאַרהייליקונג קומט פאַר לויט אַ געזעץ, וואָס מען וואָלט אים געקאָנט אָנרופן „דער געזעץ פון ספּעציפישקייט אָדער פּאַרטיקולאַריטעט". עס ווירקט פּאַרקערט צו דעם שטייגער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ רעליגיעזער פילאָזאָפיע. אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע איז אַ סעריע פון פאַראַלגעמיינערונגען, וואָס זיינען אָפּגעצויגן פון די פאַרשיידנאַרטיקע דערפאַרונגען פון דער מענטשהייט און קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס אָנווענדבאַר צום מענטשלעכן לעבן בכלל. אין אַ גרופּע־רעליגיע אָבער איז דער אָביעקט פון אויפמערקזאַמקייט די ספּעציפישע סביבה, צו וועלכער מענטשלעכע באַשעפענישן זיינען געבונדן, געוויינלעך דורך געבורט און ירושה. די אויפגאַבע פון אַ היסטאָרישער רעליגיע איז צו מאַכן די סביבה וואָס ווירקזאַמער אין אַרויסברענגען פון אירע אָנהענגער דאָס בעסטע וואָס איז אין זיי פאַראַן און זי דערגרייכט עס דורך שטעמפּלען מיט הייליקן ווערט און באַדייטונג געוויסע קאָנקרעטע עלעמענטן פון דער סביבה. די צונויפגרופּירונג פון קאָנ־

קרעטע עלעמענטן, וואס זי קליבט אף אזא אופן אפ — דאס איז דער אינהאלט פון דער היסטארישער רעליגיע. די אידישע רעליגיע איז די צונויפגרופירונג פון קאנקרעטע עלעמענטן אין דעם אידנס ציוויליזאציע, וואס פיגורירן אין דעם אידנס באוואוסטזיין אלס אומבאדינגט נויטיקע פאר זיין זעלבסט־דערהאלטונג אדער דעו לייזונג. אז זי פארמאגט בשותפות מיט אנדערע היסטארישע רעליגיעס און רעליגיעזע פילאזאפיען הויכע עטישע און ספּיריטועלע אידעאלן — דאס קאן אודאי ניט אפגעלייקנט ווערן. און עס איז איבעריק צו זאגן, אז איר ווערט אין לעצטן סך הכל הענגט אפ פון דעם גראד, אף וויפיל עס געלינגט איר צו מאכן דעם אידן עטיש און ספּיריטועל אין זיינע האנדלונגען און באציאונגען מיט זיינע מיט־מענטשן. אבער דאס אלץ פארמינערט ניט אף א האר דעם אמת, אז די איינציקארטיקייט, די אומפארגלייכלעכקייט פון דער אידישער רעליגיע, דער קענטיקסטער און קאלירפולסטער טייל אירער, איז דער קנופ פון ספּעציפישע סאנקטא — העלדן, געשעענישן, זאכן, פלעצער א. אז. וו. וואס קאנען אנדערש גאר ניט פארשטאנען ווערן, סיידן אלס טיילן פון א נאציאנאלער ציוויליזאציע.

דער טעות אין דער וועלטלעך קולטוריסטישער אויפפאסונג פון דער אידישער רעליגיע

דער באגריף, וואס די וועלטלעכע קולטוריסטן האבן וועגן דער אידישער רעליגיע, איז אין א געוויסן זין אן איבערגעקערטער, אויס־געלינקטער רעפארמיזם. זייער באגריף נעמט זיך פון זעלביקן טעות — אויך זיי איגנארירן דעם פונדאמענטאלן אונטערשייד צווישן א רעליגיעזער פילאזאפיע און א היסטארישער רעליגיע. אויך זיי פארפעלן צו זען דעם ענגען צוזאמענהאנג צווישן דער אידישער רע־ליגיע און דעם נאציאנאלן־קולטורעלן לעבן פון אידישן פאלק. אבער גראד אט דעם טעות מאכן די קולטוריסטן פאר זייער הויפּט־הנחה — אף צו ציען פון איר דעם שלום, אז עס איז מעגלעך — נאך מער, עס איז נויטיק — פאר אידן צו באזייטיקן רעליגיע אלס דעם אויסדרוק פון זייער קאלעקטיוון לעבן. עס איז אמת, אז זיי פארגייען ניט אין זייער פארזען אזוי ווייט ווי די רעפארמיסטן, וועלכע פארפעלן אינגאנצן צו מאכן די נויטיקע לאגישע אויס־פירן פון דעם פאקט, אז אידן זיינען אנגעוויזן אף אן אייגנארטיקער סאציאלער און קולטורעלער סביבה. פארקערט, די וועלטלעכע קול־טוריסטן גייען זייער ווייט אין זייער מי נאכצוקומען די פאר־

פליכטונגען, וואָס דרינגען זיך ארויס פון דעם אידנס אָנגעוויזנקייט אף זיין איינענער סביבה. פאַר זיי איז דאָס אידישע פּראָבלעם בעיקר דאָס פּראָבלעם פון גליק פאַר די מענער און פרויען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דאָס אידישע פאָלק. זייער באַהויפּטונג איז, אַז דאָס גליק פון אָט די מענער און פרויען קאָן דערגרייכט ווערן און באַוואָרענישן פאַר דעם קאָנען געשאַפן ווערן — אָן רעליגיע. אויב דער אידישער יחיד איז פאַראינטערעסירט אין אויסטייטשן דעם אינהאַלט פון אידישן לעבן אין טערמינען פון דער גאָט־אידייע, מעג ער עס טאָן אף זיין איינענער אחריות. אָבער די אידן אַלס כלל זיינען ניט מחויב צו געבן פאָרצוג איין לעבנס אינטערפּרעטאַציע קעגן אַלע אנדערע מעגלעכע אינטערפּרעטאַציעס.

אָט די באַהויפּטונג פון די וועלטלעכע קולטוריסטן קאָן נאָך האָבן א שיינבאַרע גילטיקייט, כל זמן מיר טראַכטן וועגן רעליגיע אין די טערמינען פון אַן אינדיווידועלן וועלט־בליק, וואָס דריקט זיך אויס אין אבסטראַקטע אמתן און אידעאַלן בנוגע לעבן און פליכט. אָבער אין ליכט פון דער אַקטועלער ווירקלעכקייט פון א היסטאָרישער רעליגיע, איגנאָרירט אָט די באַהויפּטונג די געזעצן פון מענטשלעכער נאַטור און געזעלשאַפט. וואו נאָר מענטשלעכע באַשעפענישן קאָאָפּערירן פאַר א שטיק צייט און אַרבעטן אויס געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן, פּאַסירט עס כסדר, אַז זיי קאָנען אַנדערש ניט זען זייער דערלייזונג און זעלבסטפאַרווירקלעכונג, ווי נאָר אין די קאָנדיציעס פון זייערע געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס קאָנצענטרירן זיך אומפאַרמיידלעך ארום ספּעציפישע אָביעקטן, פּערזאָנען, פּלעצער און געשעענישן. אין דער הנחה גופא, אַז אויסלייזונג איז א דערגרייכבאַרער ציל, איז שוין איינגעשלאָסן א פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער ווירקלעכקייט, ווי זי האָט זיך היסטאָריש אויסגעלייגט — א שטעלונג, וואָס קריגט אַן אויסגעשפּראָכענע פאָרמולירונג אין א געוויסן נוסח פון דער גאָט־אידייע.

די וועלטלעכע קולטוריסטן פאַרזיכערן, אַז עס איז די טענדענץ פון די מאָדערנע ציוויליזאַציעס אויסצולאָזן רעליגיע פון רייסטער פון אַקטיוויטעטן, פאַר וועלכע די פּאָליטישע גרופּע, זאָל עס זיין שטאָט אָדער שטאַט, ווען אָרגאַניזירט אף מאָדערנע פּרינציפּן, איז וויליק צו נעמען אף זיך פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי האַלטן, אַז אויב די אידן ווילן, אַז זייער ציוויליזאַציע זאָל זיך געפינען אַן אָרט צווישן די מאָדערנע ציוויליזאַציעס, דאַרפן זיי נאָכפאָלגן דעםביישפּיל פון די פּראָגרעסיווע נאַציעס, וועלכע האָבן אָפּ־

געטיילט די קירך פון שטאַט. — מיט אָט דער ארגומענטאַציע זייערער ווייזן די וועלטלעכע קולטוריסטן, אַז זיי זיינען קרבנות פון האַלבע אמתן, וואָס שטאַמען פון אַן אויבערפלעכלעכן לייענען די פאַקטן. זיי טייטשן אַבסאָלוט פאַלש, וואָס עס האָט באמת פאַסירט צו די אינסטיטוציאָנעלע רעליגיעס. עס איז אמת, אַז צווישן די גרויסע נאַציעס פון דער וועלט גייען די היסטאָרישע רעליגיעס דעם וועג פון ירידה. אָבער דאָס נעמט זיך פון דעם פאַקט, וואָס די גרויסע נאַציעס, אין פּראָצעס פון ווערן נאַציעס און אויסאַרבעטן נאַציאָנאַלע קולטורן, האָבן דערשפּירט די דיסהאַרמאָניע צווישן זייער אייגן לעבן און זייער אָפּהענגיקייט פון די סאַנקטאַ פון אַ פאַרצייטיקער, אָריענטאַלישער ציוויליזאַציע פאַר דער דערגרייכונג פון אינדיווידועלן און קאָלעקטיווע וואוילזיין פון זייערע בירגער. די קריסטלעכע רע־ליגיע איז ניט איינגעבאָרן קיין איינעם פון די פעלקער, וואָס האַלטן זיך מיט איר, און זי איז דערום קיינמאָל באמת ניט געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון וועלכער עס איז אייראָפּעאישער קולטור. דאָס איז אין תוך דער זין פון דעם קולטור־קאַמף, וואָס איז כסדר אָנ־געגאַנגען אין דער מערב־וועלט זינט די קירך האָט זיך איינגעשטעלט. און דער קאַמף וועט נאָך אָנגיין פאַר אַ לאַנגער צייט. סוף כל סוף אָבער וועט יעדע ציוויליזאַציע אָרגאַניזירן אירע אייגענע סאַנקטאַ אין אַ קאָלעקטיווער רעליגיע, כדי אויסצופילן די ליידיקייט, וואָס קריסטנטום לאָזט איבער אין דעם איינשרומפּונג־פּראָצעס.

עס איז אָבער אַן אומזין אָנצונעמען, ווי די וועלטלעכע קול־טוריסטן טוען עס, אַז די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין אינע־ווענייקסטן לעבן פון די אידן, איז אַן אָפּשלאַג פון יענעם קולטור־קאַמף. דאָס פאַרהעלטניש פון דער אידישער רעליגיע צום אידישן פאָלק איז בשום אופן ניט קיין אַנאַלאָגיע צום פאַרהעלטניש פון דער קריסטלעכער רעליגיע צו די אַזוי גערופענע קריסטלעכע פעל־קער. די אידישע רעליגיע באַשטייט פון דעם סאַמע שטאָף, פון וועלכן עס האָט זיך אויסגעאַרבעט דאָס קאָלעקטיווע באוואוסטזיין פון אי־דישן פאָלק. נעמט אוועק די טראַדיציאָנעלע סאַנקטאַ ביי די קריסטלע־כע פעלקער, און עס וועלן אויפגעדעקט ווערן די באמת שעפערישע עלעמענטן פון זייערע ציוויליזאַציעס. נעמט אוועק די טראַדיציאָנעלע סאַנקטאַ ביים אידישן פאָלק, וועט גאָרנישט בלייבן וואָס זאָל אונז אָפּגעבן חשבון פאַר זיין פאַרגאַנגענהייט. ס'וועט באמת זיך אָפּשטעלן אַ גאַנץ קליינער ספּיריטועלער קאַפּיטאַל, אַף וועלכן אויפצובויען די אידישע צוקונפט. ענדערונגען וועלן זיכער פאָרקומען אין די

אופנים פון אמונה און עבודה, וואָס האָבן ביז אהער צונויפגעשטעלט די אידישע רעליגיע, אָבער די ענדערונגען וועלן זיין אין די ראַמען פון די היסטאָרישע סאַנקטאַ. די אידישע רעליגיע וועט קיינמאָל ניט געטראָפן ווערן פון דעם גורל פון דער קריסטלעכער רעליגיע. זי וועט קיינמאָל ניט דאַרפן פאַרביטן ווערן מיט א רעליגיע, וואָס איז מער איינגעבאָרן און מער איינגעפלאָכטן אין דער סאָציאַלער ירושה, פון וועלכער זי איז אַ טייל.

וואָס עס זאָל ניט זיין דער אויסגאַנג פון די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין ספּיריטועלן לעבן פון אַנדערע נאַציעס, קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז וואָס שייך די אידן, וועט זייער קאָלעקטיוו לעבן אַף אַ נאַטירלעכן אופן איינהאַלטן זייער איצטיקן פלעין פון זעלבסטבאַוואוסטזיין, און וועט דאַרום אויך ווייטער זוכן עקספּרעסיע דורך זייערע היסטאָרישע סאַנקטאַ. וועגן דעם מעגן מיר זיכער זיין, ווייל די אידן האָבן אַ רעליגיע, וואָס איז ניט אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אַף זיי פון דרויסן; ווייל דער געשטאַלטונגס-דראַנג פון אידישן קאָלעקטיוון לעבן אין גלות, ציענדיק זיין חיות בעיקר פון דעם אימפּעט פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט פונקציאָנירט הויפּ-זעכלעך דורך ספּעציפישע אָביעקטן — פּלעצער, פּערזענלעכקייטן און געשעענישן — ארום וועלכע די אידן האָבן אויפגעבויט זייערע אי-דייען-אַסאָציאַציעס פון הייליקייט.

האָבנדיק אין זינען, אַז היסטאָרישע רעליגיע איז די פאַרהיי-ליקונג פון ספּעציפישע עלעמענטן אין גרופּע-לעבן, און פאַרקערט, איז גרופּע-לעבן פּירט צו דער פאַרהייליקונג פון געוויסע ספּעציפישע עלעמענטן אין אים, קאָנען מיר קיין אַנדער שלוס ניט ציען דערפון, ווי נאָר אַז היסטאָרישע רעליגיע אָן אַ גרופּע-לעבן איז ליידיק פון יערן אינהאַלט און איז נישט מער ווי אַ פראַזע. אַ גרופּע-לעבן, וואָס וויל ניט יוצא זיין מיט קאַפּירן אַ מוראַשניק, מוז זוכן און געפינען עקספּרעסיע אין אַ קאָלעקטיווער רעליגיע.

עטלעכע אילוסטראַציעס צו דער רעליגיאָ-קולטוריסטישער אויפפאַסונג

וואָס שייך די רעליגיאָ-קולטוריסטן, איז זייער אויפפאַסונג פון יודנטום אין פולן הסכם מיט דער נעאָ-אָרטאָדאָקסישער אין דעם עיקר-פּונקט: ביידע נעמען אריין אין חשבון די אָרגאַנישע שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן דער אידישער רעליגיע און דעם רעשט פון אידישן לעבן. פּונקט ווי די נעאָ-אָרטאָדאָקסן קאָנען די רעליגיאָ-

קולטוריסטן מאכן פאר זייער אייגנס דעם אפט ציטירטן מאמר, אז גאט און דאס פאלק ישראל און די תורה זיינען איינס. מיט אט דעם הסכם, וואס ווארפט זיך אין די אויגן, דערקלערט זיך די טענ־דענץ צו פאררעכענען די מיטגלידער פון דער גרופע אלס ארטא־דאקסן. אבער פאר קלארקייט וועגן איז דא גלייך נויטיק אויפמערק־זאם צו מאכן, אז איינשטימיקייט בנוגע דער ארגאנישער שייכות צווישן רעליגיע און נאציאנאליטעט קאן גאנץ גוט גיין צוזאמען מיט ראדיקאלער ניט־איינשטימיקייט בנוגע די פראקטישע פועל־יוצא׳ם וואס לאזן זיך ארויסדרינגען פון אט דער שייכות.

עס איז מעגלעך, צום ביישפיל, פאר די נעא־ארטאדאקסן און רע־ליגיא־קולטוריסטן איינצושטימען, אז די אידישע רעליגיע איז אומ־אויפלויזלעך צונויפגעבונדן מיט ארץ ישראל. אבער די אויספירן, וואס זיי מאכן פון אט דער שותפותער הנחה, זיינען הימל ווייט איינס פון אנדערן. פאר די נעא־ארטאדאקסן מיינט דער בונד צווישן דער אידישער רעליגיע און ארץ ישראל, אז דער גאנצער געוועב פון אידייען בנוגע דעם לאנד, וואס מען געפינט אין דער ביבעל און דער תלמודישער ליטעראטור, זאל אויפגעהאלטן ווערן גאנץ, ווי אין פסוק שטייט. און יעדער איינער, וואס איז אנגעזאפט מיט די אידייען, האלט זיך פאר שטרענג אויסגעהאלטן ווען ער טוט נישט מער, ווי חזרן טעגלעך די פארשיידענע תפילות, וואו גאט ווערט געדאנקט פאר געבן ארץ ישראל צו די אבות. די אויספירן אבער, וואס דער רעליגיא־קולטוריסט מאכט פון דער ארגאנישער שייכות צווישן קולטור און רעליגיע, פארפליכטן אים צו ערנסטע באמיאונ־גען מיטצוהעלפן אין אלע די ארבעטן פאר דער אויפבוי פון ארץ ישראל, וואס זיינען א טייל פון דער ציוניסטישער באוועגונג. מיט איין ווארט, עס איז א גרויסער מהלך צווישן די אויספירן, וואס ווערן געמאכט פון דערזעלביקער הנחה וועגן דער ארגאנישער שייכות צווישן דער אידישער נאציאנאליטעט און דער אידישער רע־ליגיע, וואס צום בולטסטן איז עס צו זען פון דעם תהום, וואס צע־טיילט די אגודיסטן און די ציוניסטן. און דאס אילוסטרירט וועלכע ווידערשפרעכיקע שלוסן עס קאנען געצויגן ווערן פון דער הנחה וועגן דער קעגנזייטיקער אפהענגיקייט פון רעליגיע און גרופע־לעבן. דער כאראקטער פון דעם שלום הענגט אפ אין גאנצן פון דעם פירוש, וואס מען מאכט אף דער קעגנזייטיקער אפהענגיקייט.

אויב דער רעליגיא־קולטוריסטישער שטאנדפונקט גיט דעם איינדרוק פון איינס זיין מיט דער נעא־ארטאדאקסיע בנוגע דער

דער אָרט פון רעליגיע אין אידישן לעבן

קענגזייטיקער אָפּהענגיקייט פון די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע עלע־מענטן אין יודנטום, גיט ער גלייכצייטיק דעם איינדרוק פון אייניק זיין מיטן רעפאָרמיזם בנוגע דעם עוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון די ביידע עלעמענטן. דער רעליגיאָ־קולטוריסט נעמט אָן, אַז די פאָרם, אין וועלכער דאָס יודנטום האָט זיך דערטראָגן צו אונז, איז אַ רעזולטאַט פון סעריעס פון ענדערונגען און צופאַסונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט, און אַז ניט נאָר מעג מען, נאָר מען מוז פון דאָס ניי צופאַסן, איבערטייטשן און איבערבויען סיי די קולטורעלע און סיי די רעליגיעזע ווערטן פון יודנטום, כּדי זיי זאָלן קאָנען פונק־ציאָנירן אונטער די היינטיקע לחלוטין אַנדערע אומשטענדן. אָט די באַטאָנונג אַף דער נויטיקייט פון איבערבוי, וואָס הערט זיך אַרויס פון דער רעליגיאָ־קולטוריסטישער אויפפאַסונג פון יודנטום, מאַכט עס מעגלעך אַז אין די מוחות פון מאַנכע זאָל אָט די אויפפאַסונג צונויפגעמישט ווערן מיט רעפאָרמיזם. און מערערע רעליגיאָ־קולטו־ריסטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רעפאָרמיסטישע קאָנגרעגאַציעס, פאַרנאַרן זיך טאַקי אין דער אילוזיע, אַז זיי קאָנען אָן ווידער־שפּרוך מיט זיך אַליין אָננעמען די רעפאָרמיסטישע אידעאָלאָגיע. דאָס פאַרשטאַרקט בלויז די מהומה אין אידישן לעבן.

ניט דער פאַקט, וואָס דער רעליגיאָ־קולטוריסט האַלט יאָ, אַז די אַלטע ווערטן דאַרפן באַוואוסטזיניק און פּלאַנמעסיק איבערגע־שאַצט ווערן און צוגעפּאַסט ווערן צו די ספּיריטועלע נויטן פון היינטיקן אידן; און אפילו אויך ניט זיין ניט האַלטן פון די טראַ־דיציאָנעלע איינגלויבענישן אין דעם איבערנאַטירלעכן אורשפּרונג פון דער אידישער רעליגיע — ביידע פאַקטן זיינען ניט קיין גע־נוגנדיקער גרונט אַף צונויפמישן אין איינעם די רעליגיאָ־קול־טוריסטישע מיט דער רעפאָרמיסטישער אויפפאַסונג. די צוויי אויפ־פאַסונגען אונטערשיידן זיך ראַדיקאַל אין זייער צוגאַנג צו דער פּראַקטישער אויפגאַבע פון אויסלעבן זיך אַלס איד. די רעפאָרמיסטן נעמען עס אָן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזוי גיך די אידישע רעליגיע וועט מאָדערניזירט ווערן, וועט זי זיין בכוח אַזוי צו באַ־איינפלוסן דעם אידנס גלויבן און אויפפירונג, אַז ער וועט זיך דער־פילן פולשטענדיק היימיש אין דער היינטיקער וועלט און ער וועט שוין גיין דעם וועג, וואָס פירט צום גוטן לעבן. אַלץ וואָס דער איד וועט דאַרפן טאָן צו דערגרייכן דערלייזונג איז אויסצוליפערן זיך צו דער אידישער רעליגיע אין איר פאַרפולקאָמטער פאָרם. דער רעפאָר־מיזם נעמט זיך אונטער צו געבן דעם מאָדערנעם אידן אַ פּערפעקטע

רעליגיע. אָבער וואו איז ערשטנס די גאַראַנטיע, אַז די פּערפעקטע רעליגיע וועט זיין ספּיריטועל גענוג צופרידנשטעלנדיק? און צווייטנס, אויב דער ערשטער און הויפּט־צוועק פון דער אידישער רעליגיע איז צו באַפרידיקן דעם ספּיריטועלן הונגער פון דער אינדיווידועלן אידן, פאַרוואָס פאַרדאַמען אים, ווען ער געפינט אויס, אַז צום טיכטיקסטן וועט ער באַפרידיקן זיין הונגער , ווען ער וועט ווערן אַ „קריסטשן סייענטיסט”? דער רעפאָרמיסטישער צוגאַנג, וואָס ליגט אַרויף אַף דער אידישער רעליגיע די לאַסט צו באַרעכטיקן זיך און „אויס־צופיינען זיך” פאַר דעם אידישן יחיד, קאָן ניט אויסמיידן אַריינגע־שטויסן צו ווערן אין אַזאַ מין קלעם.

פון רעליגיאָ־קולטוריסטישן שטאַנדפונקט איז ניט די פונקציע פון דער אידישער ירושה זיך צו באַרעכטיקן דורך דעם, וואָס זי וועט צושטעלן דעם אידן אַ פול־צופרידנשטעלנדיקע רעליגיע — נאָר פאַרקערט, עס איז די פליכט פון דעם אידן אַזוי צו פאַרשטיין און צו באַאַרבעטן און צו פאַרברויכן די עלעמענטן פון זיין ירושה, ער זאָל דורך זיי דערפילט ווערן, „מקוים ווערן”. אַזוי גיך דער איד געפינט אויס, אַז דער אינהאַלט פון דער ירושה גיט אים גענוג צופרידנשטעלונג און עקזאַלטאַציע צו קאָנען דינען אלס מיטל פון זיין דערלייזונג, אין וואָס ער זאָל זיין דערלייזונג ניט זען — יעמאָלט האָט ער אידישע רעליגיע. אָט דאָס אַריבערטראָגן פון דער אחריות פאַר דער ווירקזאַמקייט פון דער ירושה פון דער רעליגיע אַף דעם אידישן יחיד שטעלט דעם מאָראַלישן חוב פון דעם אידן אין ריכ־טיקן ליכט. אַזוי ווי דאָס ווענדט זיך אָן אים צו מאַכן די ירושה דערלייזונגס־פּיאַיק פאַר אים, האָט ער קיין רעכט ניט צו פאַרוואַרפן די ירושה, ווען ער געפינט, אַז עס איז ניט לייכט זי צו קולטי־ווירן, אָדער אַז זי פּראָדוצירט ניט גענוג ספּיריטועלע ווערטן אָן אַ געוואַלטיקער אָנשטרענגונג פון זיין זייט. אמת, ער ווערט אָפט גע־פּלעפט פון דער סתירה צווישן די גרונט־הנחות פון זיין ירושה און די מאָנונגען פון דער מאָדערנער וועלט. אָבער ניט געקוקט דערויף, אויב ער וויל בלייבן אַ איד און האָבן אידישע רעליגיע, וועט ער דאַרפן געפינען אַ וועג ווי צו דערהויבן זיין ירושה צו דעם הויפּט־וויכטיקסטן ענין פאַר אים.

אויב אַזוי, אויב אונטער אידישער רעליגיע דאַרפן מיר פאַר־שטיין אַזאַ פאַרטייטשונג און אַזאַ פאַראַרבעטונג פון אַלץ וואָס גייט מיט אידישן לעבן, אַז זי זאָל ווערן אַן אינסטרומענט פון זעלבסט־דערפילונג, אָדער זעלבסט־רעאַליזירונג, אָדער דערלייזונג, סיי פאַר

דעם אידישן פּרט און סיי פאַר דעם אידישן כּלל — דאַרף אונז ניט שווער זיין צו פאָרמולירן קאָנקרעט אַזאַ מין פּראָגראַם, וואָס די אידישע רעליגיע פאָדערט לויט די נויטן פון היינטיקן טאָג. נעמענדיק פאַר דעם יסוד דעם דערמאָנטן מאמר חז״ל וועגן גאָט, ישׂראל, תּורה־דרייאייניקייט, וועט אַזאַ פּראָגראַם שוין אָנווייזן וועלכע אינטערפּרעטאַציעס און וועלכע פאַרווענדונגען פון תּורה און ישׂראל וועלן דעם היינטיקן אידן געבן די דערפאַרונג פון דער רעאַליטעט פון גאָט. דאָס זעצט פאָרויס אַזאַ מין אידישע נאַציע און אַזאַ פאָרם פון אידישער ציוויליזאַציע, וואָס וועלן אַרויסרופן דעם מאַקסימום גוטס, וואָס דרעמלט סיי אין דעם אידישן פּרט און סיי אין דעם אידישן כּלל. צו זיין אַ איד אין רעליגיעזן זין מיינט צו גייז די גאַנצע לענג, טאָן דאָס גרעסטע, כּדי אַרויסצוברענגען מכח אל הפּועל די אַלע פּאָטענציעלע קרעפטן פון אידישן פאָלק, אַזוי עס זאָל זוכה זיין צו דערגרייכן זיין מאָראַלישן און ספּיריטועלן מאַקסימום.

דאָס רעליגיאָ־קולטורעלע פּראָגראַם וואָלט פריער פון אַלץ פאַרלאַנגט, אַז דער איד זאָל מאַכן זיין גרעסט־מעגלעכע אָנשטרענגונג, צו העלפן זיין פאָלק ווערן אַ פאַקטאָר צום גוטן לעבן. די קעגנזייטיקע סאָציאַלע באַציאונגען צווישן אידישן יחיד און זיינע אידישע צייט־גענאָסן זאָלן אַזוי אויסגעאַרבעט ווערן, אַז זיי זאָלן פירן צו אַן עטישער און ספּיריטועלער באַרייכערונג פון אידישן לעבן. דאָס איז אַ צוגאַנג, וואָס אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל פון רעפאָרמיסטישן פּראָגראַם, וואו דער קוואַל פון אינספּיראַציע צו אַ גוט לעבן איז ניט דאָס אַקטועלע פאַרהעלטעניש פון „גיב און נעם", פון אויס־טויש פון טובות, איצט און היינט, צווישן אידישען יחיד און אידישן פאָלק, נאָר אַ שפּיגלען זיך אין געדאַנק מיט אַ „פאָלק ישׂראל", וואָס איז מער גדעכעניש, ווי אַקטועלער פאַקט. פון שטאַנדפּונקט פון רעליגיאָ־קולטורעלן פּראָגראַם, אַלץ וואָס העלפט צו פּראָדוצירן שע־פערישע סאָציאַלע קעגנזייטיקייט צווישן אידן באַלאַנגט מיט רעכט צו די קאַטעגאָריע פון אידישער רעליגיע, ווייל עס טראָגט צו צו דערלייזונג פון דעם אידן. אַ באַוועגונג ווי דער גייסטיקער ציוניזם, וואָס זיין צוועק איז צו האַלטן די אידן פון דער וועלט פאַראייניקט און שעפעריש, איז דאַרום באַרעכטיקט צו פאַרנעמען אַן אָרט אין דער אידישער רעליגיע.

גייסטיקער ציוניזם קאָן זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט דעם אויפבוי פון פּאַלעסטינא. כּדי די אידן פון דער וועלט זאָלן זיין פאַראייניקט און שעפעריש, איז וועניק זיי זאָלן האָבן אַ גייסטיקן

צענטער אין פּאַלעסטינאַ; וואו נאָר זיי לעבן אין היפּשע צאָלן, דאַרפן זיי זיך אָרגאַניזירן אין ענערגישע קהילות. דאָס געמיינשאַפט־לעבן פון אַ אידישן קהילה דאַרף ניט באַטראַכט ווערן ווי עפּעס דרויסנדיקעס צו דער אידישער רעליגיע. דאָס איז דער סאַמע שטאַף, פון וועלכן דער איד דאַרף אויסשמעלצן זיינע רעליגיעזע ווערטן. קאָאָפּעראַציע אַף אַ קהילה־מאַסשטאַב איז דער עיקר־תנאי פאַר אַן עכטן דויערהאַפטן אינטערעס אין אידישער רעליגיע. דער איצטיקער תהו־ובוהו צושטאַנד פון אידישן לעבן ברענגט דערצו, אַז יעדער סאָציאַלער אָדער ספּיריטועלער אידעאַל, וואָס מוז אָנקומען נאָך הכשר צום אידישן פאָלק, באַקומט אַ שאָטנדיקן אומרעאַלן כאַראַקטער און מ׳דאַרף שוין צופיל, צום באַדויערן, זיך באַרופן אַפן זכות פון זייערע אבות און אַף די גדולות, וואָס זיינען צוגעזאָגט געוואָרן צו זייערע קינדסקינדער, כדי צו באַוועגן די היינטיקע אידן מקריב צו זיין זייער היינט פאַר דער צוקונפט. דאָס איז ווייט ניט קיין סימן פון מאָראַלישער געזונטקייט. ערשט ווען די אידן וועלן אויפגעהויבן ווערן פון זייער איצטיקן צושטאַנד פון אַ צעברעקלטער מאַסע יחידים צו אַן אָרגאַנישער איינהייט — צו דער איינהייט פון גאַנצן פאָלק, אָדער פון וועלכן עס איז טייל זיינעם — יעמאָלט ערשט וועלן באַשאַפן ווערן די קאָנדיציעס, וואָס וועלן מעגלעך מאַכן אַ אידישע רעליגיע. וואָס אויל און קנויט איז פאַר דער פלאַם, איז אָרגאַניזירט אידיש לעבן פאַר דער אידישער רעליגיע.

ווען רעליגיע איז לעבנסווichטיק

כל זמן די גאָט־אידייע האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער פאַרהייליקונג פון קאָנקרעטע אָביעקטן, געשעענישן, אידעאַלן, אינסטיטוציעס און אַנדערע עלעמענטן אין פאָלקס לעבן, האָט זי געהאַט אַ שאַנס צוגויפגעוועבט צו ווערן מיט דעם פאָלקס נויטן און אינטערעסן און אַזוי אַרום זיך אָנצונעמען מיט לעבנסקראַפט. אָבער אַזוי גיך זי ווערט אַרויסגעריסן פון דעם געוועב פון די סאַנקטאַ — ווערט זי אַן אַבסטראַקציע — אַן ענין פאַר מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס. די מיטלאַלטערלעכע טעאָלאָגיע, וועלכער עס האָט אויסגעפעלט חוש פאַר אָט דער איינציקאַרטיקייט פון דער גאָט־אידייע אין דער רעליגיע, האָט די גאָט־אידייע באַהאַנדלט אין אַבסטראַקטער פאָרם, פונקט ווי מען באַהאַנדלט אין מאַטעמאַטיק ציפערן — אַפּאַרט פון די עקזיסטירנדיקע זאַכן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ צונויפמישעניש פון רעליגיע און מעטאַפיזיק, צום גרויסן שאָדן פוןביידע. אַזוי

צום ביישפיל איז די פראגע צי גאט האט באשאפן די וועלט פון גאר־
נישט אדער פון עפעס א סובסטאנץ פון פאר־באשאף, געווארן א
ברענענדיקע פראגע אין דער מיטלאלטערלעכער רעליגיע. און עס איז
גוט, וואס די מאדערנע טעאלאגן צווישן אידן און ניט אידן זוכן
אויסצומיידן דעם טעות פון אבסטראהירן די גאט־אידייע, ארומ־
שוילנדיק זי פון דער לעבעדיקער ראלע, וואס זי איז בארופן צו
שפילן אין רעליגיע: — א ראיה דערויף האבן מיר אין דעם פאקט,
וואס דער גאנצער וויכוח וועגן באשאפן א יש מאין איז דערקלערט
געווארן פאר צוועקלאז 1).

פונקט אזוי פלעגט די מיטלאלטערלעכע טעאלאגיע אנהויבן פון
דער הנחה, אז גאט איז דאס איינציקע פערפעקטע וועזן, אלמעכטיק
און אלוויסנדיק — און דערנאך ארגומענטירן ריקווערטס צו די
פונדאמענטאלע אקסיאמען, כדי צו באפעסטיקן דעם אמת פון דער
הנחה — און דערנאך ארגומענטירן פארווערטס אויסצוגלייכן די
הנחה מיט די עקשנותדיקע פאקטן פון לעבן, וואס האבן גע'עדותט
אף דער רעאליטעט פון בייז. אומזיסט און אומנישט האט די טרא־
דיציאנעלע טעאלאגיע זיך געדרייט א קאפ זוכנדיק צו בארעכטיקן
די ליידן און די איבלען פון דער וועלט. זי וואלט געקאנט אזוי אנ־
גיין מיט איר קאפדרייעניש ביז משיח'ס צייטן און ניט קומען אף
א האר ווייטער איידער די פריינט פון איוב'ן, וועלכע נאך זייער
גאנצער הארעוואניע פון פארטיידיקן גאט, זיינען זיי אויסגעמוסרט
געווארן: „ווילט איר פאר גאט ריידן אומרעכט, און פאר אים רעדן
באטרוג"? 2) — ניט נאר איז די טעאלאגיע געפאלן פון איר גדולה,
נאר זי שלעפט נאך מיט אין איר ירידה די רעליגיע — די רעליגיע,
וואס איז די באיאונג פון לעבנס ווערטפולקייט און וואס נויטיקט זיך
ניט אין קיין שום ספעציעלער טעאלאגיע פאר איר אונטערשטיצונג.

די גאט־אידייע איז ניט קיין אויסגעפילפולטער טייטל, וואס
ווייזט אן דעם כאאס, דער אכזריות, דער פיין, דעם טויט
זייערע ערטער אין עפעס א נעטער לאגישער סכעמע. ס'איז א
ליידנשאפטלעכער פראטעסט־אויסגעשריי פון יעדן אטאם אין מענטש־
לעכן וועזן, וואס וויל זיך ניט לאזן איינשרעקן פון אט די פארזע־
עניש. די גאט אידייע איז ניט קיין אידייע, נאר דער אפענטפער פון
גאנצן מענטשלעכן ארגאניזם אף די קלעפ פון לעבן — אן אפענט־
פער, דורך וועלכן דעם מענטשנס ווילן צום לעבן איז מנצח די שרעקן
און גרוילן, וואס נאר א באשעפעניש פון זיין גייסטיקער מדרגה קאן
זיי פילן. אסוואלד שפענגלער באשרייבט גאנץ ריכטיק רעליגיע ווי —

„דער וואונטש זיך צו באַפרייען פון די מורא'ס און קוועלענישן פון וואַכעדיקן באַוואוסטזיין; דער וואונטש צו דערהאָלן זיך פון דער כסדרדיקער שפּאַנונג פון פרעגענישן און זוכענישן, וואָס שרעק טוט זיי געבערן; דער וואונטש אָפּצומעקן און צו דערווייטערן פון באַוואוסטזיין דעם איך'ס אַליין־זיין אין דעם אוניווערס, די שטייפע געבונדנקייט פון דער נאַטור און דעם פאָרגעפיל פון פאַרצאַמטן גרעניץ, וואָס עלטער און טויט האָבן געשטעלט צום גאַנצן באַשאַף" 3).

די גאָט־אידייע אין רעליגיע איז נישט אַ פּראָדוקט פון שכלדיקן אַרגומענטירן, נאָר פון אַ צוזאַמענשפּיל פון פאַקטאָרן אין דער געשיכטע פון פאָלק, וואָס האָבן פאַר אים באַטעמט דעם מיין פון לעבן, און זיינען דערום פון אים פאַרטייערט געוואָרן ווי סאַנקטא. אויב די סאַנקטא, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן די רעליגיע ביים לעבן אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועלן זיך אָננעמען מיט גבורה צו ליפערן דעם פאָלק אַ גרעסערע מאָס געזונטקייט, גוטסקייט, אָרדנונג, פאַרנונפט, שיינקייט און וועלט־זין, וועט די רעליגיע פון דער פאַרגאַנגענהייט דורכמאַכן אַ פאַרוואַנדלונג, וואָס וועט איר געבן אַ נייעם זכות אויף לעבן. צי די אידן וועלן זיין ביכולת ניי צו באַלעבן די „סאַנקטא" פון זייער רעליגיע — בלייבט נאָך צו זען. אויב אַלס אַ פאָלק וועלן זיי דורכפאַלן אין דעם, איז שוין גאָרנישטאָ, וואו זיי קאָנען האָבן דערפאָלג.

די האָפנונג, אַז עס וועט אויפשטיין אַ רעליגיע, וואָס וועט זיין אוניווערסאַל אין כאַראַקטער, אַזוי אַז אַלע פעלקער וועלן זי אָננעמען — איז אַ פּוסטע פאַנטאַזיע. אין דער צוקונפט וועט רעליגיע, סיי די גרופּע־רעליגיע, סיי די יחידישע, זיין געשטיצט אויף יענעם מין דערפאַרונג, וואָס וועט זיך לאָזן באַהעפטן מיט דעם מאָדערנעם צוגאַנג צו רעאַליטעט. דאָס מיינט, אַז אַ גרופּע, וואָס וועט וועלן אויסדריקן איר לעבן, אירע זכרונות און אַספּיראַציעס אין די טערמינען פון רעליגיע, וועט זיך מוזן מיען צו ברענגען איר רעליגיע אין איינקלאַנג מיט די העכסטע נויטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, וועלכע זיינען אוניווערסאַל. דאָך, וועט עס נישט זיין אַן אוניווערסאַלע רעליגיע. די באַזונדערקייט פון דער רעליגיע, וואָס וועט זי מאַכן צוגעהעריק צו אַ באַשטימטער גרופּע, וועט נישט קומען דערפון, וואָס די רעליגיע וועט האָבן פאַרצולייגן אַ געוויסן אמת, אָדער תורה, וואָס וועט נאַטירלעך גלייך אויפן אָרט אָפּגעלייקנט ווערן פון אַ צווייטער גרופּע; נאָר נעמען וועט זי זיך פון דעם פאַקט, וואָס די דערפאַרונגען, אויף וועלכע די באַזונדערע רעליגיע וועט זיין געשטיצט און וועל־

כע וועלן געפינען זייער עקספּרעסיע אין אירע ליטורגישע פאָרמען, וועלן זיין אייגנטימלעך פאַר דער גרופּע, וואָס האַלט אָן די רעליגיע. — און דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דעם דורכשניטלעך אינטע־ליגענטן וועלטלעכן אידן, וועלכער ווייזט אָפּט ארויס א פיינערע אינ־טואיציע בנוגע דער נאַטור פון רעליגיע, איידער דער געלערנטער טע־אָלאָג. קלאָוד דזש. מאָנטעפיאָרע, אויסדריקנדיק דעם אָפּיציעלן שטאַנדפּונקט פון רעפאָרמיזם, דערקלערט, אַז די צערעמאָניאַלן פון יודנטום דאַרפן האָבן פּונקט אַזאַ אוניווערסאַלע באַדייטונג, ווי זיינע דאָקטרינעס. אָבער זיינע קריטיקער האָבן אסך א קאָרעקטערן איינ־זען אין דעם ענין: „אמתדיקע רעליגיעזע דאָקטרינעס", שרייבט איי־נער פון זיי, „מוזן סוף כל סוף אָנגענומען ווערן פון אלע מענטשן. אמת איז אוניווערסאל, ניט נאַציאָנאַל. אָבער פאַרוואָס זאָל יעדע ראַסע ניט איינהיטן אירע אייגענע נאַציאָנאַלע צערעמאָניאַלן? דאָס פאָלק ישראל, האַלטנדיק פּסח, פייערט ישראלס באַפרייאונג פון מצרים. פרעגט זיך אָבער, וועט (אָדער קען) דאָס פייערן פּסח ווען עס איז אַלגעמיין אָנגענומען ווערן צווישן די יעניקע, וואָס דער פּסח איז פאַר זיי ניט פאַרבונדן מיט די זעלביקע היסטאָרישע דערי־נערונגען? אָנגענומען, אַז עס וועט אמאָל קומען צו איינהייט, אָבער די פאַרשיידנקייט פון צערמאָניאַלן דאַרף גאָר ניט האַלטן ראַסן און נאַציעס אָפּגעזונדערט. איך זע פאָרויס, אַז דאָס יודנטום פון דער צוקונפט וועט זיך באַוואוסט ווערן אלס א צווייג פון דער אוניווער־סאַלער רעליגיע" 4). — א צווייטער קריטיקער: „א דענאַציאָנאַליזיר־טער פּסח, ד. ה. א רעליגיעזער יום־טוב אַראַנזשירט פאַר אַלע נאַ־ציעס, מיט דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אויסגעלאָזט, קאָן זיך זיין רע־ליגיעז אין א טעאָרעטישן זין, אָבער קאָן ניט באַצייכנט ווערן אלס אידיש" 5).

אויב פּראָגרעס מיינט אלץ ווייטערע קאָמפּליצירונג און די־פערענצירונג, דאַרף רעליגיע פאַלפילפאַכט ווערן, כדי צו באַפרידיקן דעם מענטשנס נויטן. אַף וויפיל רעליגיע וועט אלץ מער צוגעבראַכט ווערן צו דער איבערלעבונג פון לעבנס וויכטיקייט און ווערטפול־קייט, וועט זי אַלץ מער ווערן די איינע, אוניווערסאַלע פאַר אַלע מענטשן. אָבער רעליגיעס וועלן זיין אסך און פילפאָרמיק, אַף וויפיל פאַרשיידענע יחידים און גרופּן וועלן אַרויסקוקן צו פאַרשיידענע סאַנקטא אלס סימבאָלן און באַשטעטיקונגען פון לעבנס ווערט און באַטייט. די פאַראייניקונג פון אוניווערסאַליזם און פילפאַכקייט אין רעליגיע וועט פירן צו א נייער טאָלעראַנץ, וואָס וועט דיקטירט זיין

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

ניט פון דער נויט אין געמיינשאפטלעכער פאָליטישער אקציע, נאָר פון דער פארטיפטער פארשטענדניש פאר דער ראָלע פון רעליגיע אין מענטשלעכן לעבן 6). די קעגנזייטיקע טאָלעראנץ פון רעליגיעס וועט קומען בלויז דורך דער דערקענונג, אז יעדע רעליגיע מוז שטרעבן דערצו, אז אירע גלויבונגען און האנדלונגען זאָלן ענטפערן אף די אוניווערסאַלע נויטן פון דער מענטשלעכער נאטור, און אז גלייכ־צייטיק מוז יעדע רעליגיע קולטיווירן איר איינאיינציקייט, וואָס שטאמט פון דער באזונדערער ציוויליזאציע, וואָס דינט איר פאר א הינטערגרונט.

רעליגיע, אזוי פארשטאנען, וועט זיין לעבנסקרעפטיק, ווייל זי וועט ענטפערן ניט אף איינגעבילדעטע, נאָר רעאַלע נויטן. אין אָט דעם גייסט וועט די אידישע ציוויליזאציע מוזן טראנספאָרמירן, איי־בערשאצן און פארמערן אירע טראדיציאָנעלע רעליגיעזע ווערטן און מאכן זיי אזוי ארום לעבנסוויכטיק פאר אונזער היינטיקן טאָג.

קאַפּיטל דריי

דער פאָלקס-כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיע

די שייכות פון רעליגיעזע ריטואַלן צום גרופּע-באַוואוסטזיין

רעליגיע האָט אַלעמאָל מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אָרגאַנישן טייל פון אַ ציוויליזאַציע, אַף וויפיל זי האָט באַטאָנט די באַדייטונג און די וויכטיקייט פון דער אָדער יענער סאָציאַלער גרופּע, דורך יועל-כער דער מענטש האָט „זיך דערגרייכט" — אָדער מיט אַנדערע ווער-טער: —— פאַרווירקלעכט זיין פּערזענלעכקייט. און באַטייליקונג אין דער רעליגיעזער הנהגה פון דער גרופּע איז אַלעמאָל געלעגן ווי אַ אַ חוב אַף יעדן מיטגליד פון משפחה, שבט אָדער נאַציע. און דורך אָט דער באַטייליקונג איז די גרופּע געוואָרן דער אינסטרומענט אַרויס-צוקריגן די שאַרפסטע סאָציאַלע עמאָציעס פון דעם מענטש-וועזן, אַזוי אַרום צוגעוואוינענדיק אים צו שטאַרקן זיך איבער זיינע זעלבסטזיכטיקע אינסטינקטן. און ווען נאָר עס פלעגט זיך מאַכן אַ סיטואַציע, וואו די וואונשן פון דעם יחיד זיינען געקומען אין ווי-דערשפּרוך מיט דעם וואוילשטאַנד פון דער גרופּע, האָט ער געדאַרפט אויסקלייבן איינס פון דיביידע. אָבער אַזוי ווי די רעליגיע, וואָס ער האָט געטיילט צוזאַמען מיט זיין גרופּע, האָט קיין ספק ניט איבערגעלאָזט וואָס זיין באַשלוס דאַרף זיין, האָט זי אים אויסגעלערנט צו האָבן שטענדיק פאַרן אויג די באַפעלערישע פאָדערונג פון דער גרופּע. לכתחילה האָט ער אפשר נאָכגעגעבן ניט גערן, אָבער צום סוף האָט ער זיך אַזוי אידענטיפיצירט מיט דעם גרופּע-ווילן, אַז ערשט דורך אונטערוואַרפן זיך צום גרופּע-ווילן האָט ער געשפּירט דעם טעם פון זעלבסט-דערפילונג. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער פּראָצעס פון מענטשנס זעלבסט-צאַמונג — אַ פּראָצעס, וואָס איז נאָך איצט אַף זיין אָנפאַנגערישער שטופע.

אַלע אַזעלכע מיטלען פון קאָנטראָל און געלעגנהייטן פאַר זעלבסט-אַנטזאָגונג און קרבן, וואָס טראָגן אַזויפיל צו צו דער אַנט-וויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט, האָבן זייער אָפּשטאַמונג אין קאָ-לעקטיוון לעבן פון דער גרופּע. אָבער כדי דער יחיד זאָל זיך אונ-טערגעבן צום קאָנטראָל פון דער גרופּע, אפילו ביז צו זעלבסט-אַנט-

זאגונג און קרבן, דאַרף ער באוואוסט געמאכט ווערן וועגן דעם דרוק פון קאָלעקטיוון לעבן, אפילו ווען דער דרוק נעמט ניט אָן די פאָרמע פון פיזישן צוואנג. און אָט די פונקציע איז דערפילט גע־וואָרן פון זיין גלויבן אין געטער. די געטער דאַרפן ניט געשטעלט ווערן אין איין קלאַס מיט די אַלערליי רוחות און שדים. די לעצטע זיינען געווען באַשעפענישן פון דער פאַנטאַזיע, וואָס האָבן זיך ארומ־געדרייט איבער דער וועלט, פון קיינעם ניט געזען און צו קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטלעך; די געטער אָבער ווי אייגנווויליק און קאַפּריזנע מען האָט זיך זיי ניט פאָרגעשטעלט, זיינען פאָרט באַטראַכט גע־וואָרן פאַר פאַטראָנען און באַשיצער פון מענטשן, וואָס זיינען פאַר־אינטערעסירט אין דעם וואוילשטאַנד פון דער גרופּע, וואָס האָט זיי אַנערקענט פאַר געטער. זיי האָבן אַף אַזאַ אופן געדינט אַלס סימ־באָלן, וואָס האָבן פאַרבילדלעכט פאַר דעם יחיד דאָס וואָס ער וואָלט אַף אַן אַנדער אופן ניט געקאָנט באַנעמען — דעם שבט, דעם שטאַט, אָדער דאָס פאָלק, אַלס אָרגאַנישע גאַנצקייט.

עמיל דורקהיים, וועלכער האָט אויפגענומען אַן אונטערזוכונג פון די עלעמענטאַרע פאָרמען פון רעליגיע, כדי צו באַשטימען זייער שייכות צום סאָציאַלן לעבן, ברענגט דייטלעך ארויס די ראָלע, וואָס די רעליגיעזע ריטואַלן האָבן געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון גרופּע־באַוואוסטזיין:

„ווען די אויסטראַליער — דערציילט ער — זיינען צעשפּרייט אין קליינע לאַגערן און פאַרברענגען זייער צייט אין געיעג אָדער אין פיש פאַנג, פאַרגעסן זיי אַלץ וואָס געהערט זיך אָן מיטן קלאַן אָדער שבט: זייער איינציקער געדאַנק איז צו כאַפּן אַזויפיל חיות און פיש, וויפיל עס איז נאָר מעגלעך. פאַרקערט, אין די פייער־טעג ווערן יענע דאגות אומפאַרמיידלעך פאַרדרענגט; זייענדיק אין עצם פון אַ וואָ־כעדיקן כאַראַקטער, זיינען זיי אויסגעשלאָסן פאַר דעם פּעריאָד פון די הייליקע טעג. אין אָט דער צייט איז זייער געדאַנק באַשעפטיקט מיט דעם קאָלעקטיוון אידעאַל, פון וועלכן די אבות זיינען די פאַר־קערפּערונג; מיט איין וואָרט, זיי זיינען פאַרנומען מיט סאָציאַלע ענינים. אפילו די מאַטעריעלע אינטערעסן, וואָס מען איז זיי מכוון מיט די גרויסע רעליגיעזע ריטואַלן, וואָס ווערן באַטראַכט ווי מיט־לען צו זייער באַפרידיקונג — האָבן אויך אַ שייכות צו דער עפנט־לעכער אָרדנונג און זיי זיינען דארום אויך פון אַ סאָציאַלן כאַראַק־טער. די געזעלשאַפט אַלס גאַנצע איז דאָך פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דאָס געוועקס זאָל זיין אין איבערפלוס, אַז דער רעגן

זאָל פאַלן אין דער ריכטיקער צייט, אָבער ניט אין איבערפלוס. און אז די הויז־חיות זאָלן זיך פרוכפערן רעגולער. אזוי אז די געזעל־שאַפט איז אין פאָדערגרונט פון יעדן באוואוסטזיין; זי דאָמינירט און דיריגירט יעדע אויפפירונג. דאָס איז אַזוי גוט ווי זאָגן, אז זי איז מער לעבעדיק און אַקטיוו און פאָלגלעך אויך מער רעאַל אין די ימים־טובים, ווי אין וואָכעדיקע צייטן" 1).

פאָלקס־רעליגיע א מיטל צום המשכדיקן קיום פון דער גרופע

אָפשפיגלנדיק די וויכטיקסטע גרופע־אינטערעסן דורך די ריטו־אַלן און סימבאָלן, וואָס זיינען אגב אַרויסגעצויגן פון די טעטיקייטן, מיט וועלכע די אינטערעסן ווערן באַדינט — באַפעסטיקט די רעלי־גיע דערמיט דאָס קאָלעקטיווע באַוואוסטזיין. דאָס רעליגיעזע באַ־וואוסטזיין איז אַף אַזאַ אופן די אינטימסטע פאַזע פון גרופע־באַ־וואוסטזיין 2).

די אוניווערסאַלע פאַרשפרייטונג פון די איינווייאונג־צערעמאָ־ניעס (צום „בר־מצוה" ווערן) — מאַכט עס קלאָר, אז די פונקציע פון רעליגיע איז צו האַלטן פאַרן אויג פון יחיד דעם ווערט פון דער גרופע און די וויכטיקייט פון זיין פולשטענדיקן איינס ווערן מיט איר. יענע צערעמאָניעס אָן אויסנאַם, ציען די אויפמערקזאַמ־קייט פון דעם יחיד צו די גרויסע טובות, וואָס קומען אים אַרויס פון דעם זכות צו זיין א שותף צו דעם לעבן פון זיין משפחה, קלאַן, שטאַם — און זיי עדותן אַף אַזאַ אופן אפן הויכן גראַד באַוואוסט־זיניקייט פון דעם קאָלעקטיוון איינס, פון וועלכן דער יחיד איז א טייל. דער קאָלעקטיווער איינס שליסט איין ניט נאָר די צייט־גע־נאָסן פון איינגעווייטן — דעם „בר־מצוה" — נאָר אויך זיינע פאַרשטאָרבענע פאַרפאָטערס. דער בונד, וואָס פאַראייניקט די לע־בעדיקע מיט די טויטע, איז ניט בלויז אַ פיזישער, נאָר אויך א ספּיריטועלער, וואָרום די לעבעדיקע האַלטן זיך פאַר צוגעבונדן צו זייערע אבות דורך די טראַדיציעס און לערנונגען, וואָס זיינען אי־בערגעליפערט געוואָרן צו זיי. די איינווייאונגס צערעמאָניעס, ניט נאָר זוכן זיי צו באַשיצן דעם איינגעווייטן פון די מיסטעריעזע כוחות, וואָס ווערן אַרויסגעלאָזט פריי דורך דעם פיזיאָלאָגישן פאַקט פון זיין קער־פּערלעכן צייטיק ווערן; און ניט נאָר ווערן די מאגישע האַנדלונגען דורכגעפירט אלס מיטלען פאַר א באַלדיקן אָדער פּראַקטישן צוועק, נאָר זיי באַצוועקן אסך מער —

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

„מיר זענען גלייך — זאָגט ב. מאַלינאָווסקי — אַז די רעליגיע טוט עפעס מער, . . . ווי בלויז „הייליקן אַ קריזיס אין לעבן". פון אַ נאַטירלעכן געשעעניש מאַכט זי אַ סאָציאַלן איבערגאַנגס־אַקט; צום פאַקט פון קערפּערלעכער רייפקייט גיט זי צו דעם ברייטערן באַגריף פון איינטריט אין מענערשטאַנד, מיט די אַלע פליכטן, פּריווילעגיעס און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן דערמיט; פאַרבונדן פריער פון אַלץ מיט דעם וויסן פון טראַדיציע, מיט דער באַהעפטונג צו אַלע הייליקע זאַכן און וועזנס. איז אויף אַזאַ אופן פאַראַן אַ שעפערישער מאָמענט אין די ריטואַלן פון רעליגיעזער נאַטור. דער אַקט שטעלט פעסט ניט נאָר אַ סאָציאַלן געשעעניש אין לעבן פון יחיד, נאָך אויך אַ ספּיריטועלע פאַרוואַנדלונג, וואָס איז אי פאַרבונדן מיט אַ ביאָלאָגישן געשעעניש, אי עס שטייגט אים אַריבער אין וויכטיקייט און באַדייטונג" [3].

די רעליגיע האָט ניט נאָר געהאָדעוועט דעם חוש פאַר גרופּע־איינהייט צווישן די צייטגענאָסישע מיטגלידער פון קלאַן, שבט, נאָר אויך דעם חוש פאַר גרופּע־המשך. אין די פריעסטע רעליגיעס פון דער מענטשהייט האָבן די געטער ניט באַלאַנגט צו דער „טראַנסצענדענטער", איבערשכלדיקער אָרדנונג פון עקזיסטענץ. זיי זיינען בלויז געווען אַ העכערער קלאַס הויפּטלינגע אָדער רעגירער, אַ טייל פון דער געזעלשאַפט פון זייערע אָנבעטער. אָבער אַזוי ווי די געטער האָבן נאָך פאַרמאָגט די צוגעגעבענע מעלה פון אומשטערבלעכקייט, האָבן זיי דערמיט פאַרבונדן ניט נאָר די פרומע אָנבעטער זייערע פון דעם צייט־דור, נאָר אויך פון די פילע פריערדיקע דורות. אַזוי אַז ערשט דורך דער פאַרמיטלונג פון די געטער איז דער יחיד געוואָר געוואָרן וועגן זיין פאָלק, ניט נאָר אַלס אַ גרופּע וואָס עקזיסטירט היינט, נאָר וואָס איר לעבן איז אויסגעשפּרייט ווייט אין דער פאַרגאַנגנהייט און וואָס מען האָט דערוואַרט, אַז עס זאָל אָנהאַלטן אייביק [4].

ווען מיר קוקן אַריין טיפער אין דעם פאַקט, וואָס איז אויבן אויף — אַז דער מענטשלעכער מין האָט זיך דערהויבן פון ווילדקייט צו ציוויליזאַציע דורך דער אַרבעט פון סאָציאַלן אינסטינקט, געפינען מיר, אַז יענע גרופּן אָדער קולטור־איינהייטן זיינען געבליבן לעבן, אין וועלכע דער יחיד האָט זיך אויסגעלערנט צו שאַצן זיין פערזענלעכע עקזיסטענץ ווייניקער ווערטפול, ווי די עקזיסטענץ פון דער גרופּע. און אָט די פיינע מידה אין דעם מענטשנס אויפפירונג, אָן וועלכער מען קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן די ציוויליזאַציע, איז

אַריינגעפּלאָנצט געוואָרן אין דער סאַמע סובסטאַנץ פֿון גייסטיקן לעבן פֿון דער מענטשהייט דורך דער רעליגיע. דורך אירע אידעאַלן, מנהגים און טראַדיציעס, האָט רעליגיע פֿאַרפֿלאַכט די וויכטיקייט פֿון דער קולטורעלער גרופּע, צו וועלכע דער יחיד האָט באַלאַנגט.

אפילו יענע רעליגיעזע דאָקטרינעס און דאָגמעס, וואָס באַציען זיך לפּנים אויף אַלגעמיינע אמתן, האָבן אויך געדינט צו קאָנסאָלידירן די גרופּע און צו שטאַרקן איר וויכטיקייט. אָן אַ זייט פֿון דעם אינ־האַלט, דער פֿאַקט גופא, וואָס רעליגיעזע גלויבונגען האָבן געדאַרפֿט אָנגענומען ווערן אָן שום פֿראַגן, און אַז מיט צווייפֿלען אין זיי, און מיט פֿאַרוואַרפֿן זיי אוודאי, האָט מען זיך פֿאַרשולדיקט מיט גאָט לעס־טערונג — דער פֿאַקט גופא ווייזט אויף זייער סאָציאַלן דינסט. ווען מען זאָל אורטיילן פֿון דעם כאַראַקטער פֿון די גלויבונגען וואָס ווערן בדרך כלל אין די היסטאָרישע רעליגיעס באַזונדערס שטאַרק באַטאָנט, דאַרף מען קומען צו דעם מאָדנעם שלוס, אַז געפּרעסט האָט מען דוקא אויף זאַכן, וואָס זיינען אומגלויבלעך, וואָס ליגן זיך ניט אפֿן שכל, פּונקט ווי די סתירה צום שכל איז געווען דער פּראָביר־שטיין אויף אויסצופּרובן די געטרייהייט פֿון יחיד צו דער גרופּע. ווירקלעך, עס שיינט צו זיין אַסך אמת אין דעם וויץ, אַז אַ רעליגיעזע דאָגמע איז אַ דאָקטרינע, אין וועלכער מענטשן האָבן אויפֿגעהערט גלייבן.

אָבער עס איז געווען הויפּטזעכלעך אין הויך־אַנטוויקלטע רע־ליגיעס, וואו די אומבאַדינגטע נויטיקייט פֿון דער גרופּע אַלס מיטל פֿון דערלייזונג איז באַוואוסטזיניק געפּרעסט געוואָרן. קריסטנטום האָט דערקלערט: „קיין דערלייזונג אויסער דער קירך!‟ 5). אַ־דער גלויבנס־כלל איז נים מער ווי די אריבערגעטראָגענע פֿון דער אידישער רעליגיע פֿאָדערונג, אַז מען מוז זיין אַ מיטגליד פֿון פֿאָלק ישׂ־אל, כדי זוכה צו זיין צו דערלייזונג. אַזאַ פֿאָדערונג איז דורכאויס אין איינקלאַנג מיט דעם אומפֿאַרמיידלעכן געזעץ פֿון דער מענטשלעכער נאַטור, אַז ערשט אין דער אינטער־אַקציע צווישן יחיד און גרופּע, דורך זייער קעגנזייטיקער באַאיינפֿלוסונג, דערגרייכט דער יחיד צו פּערזענלעכקייט, צו זעלבסט־דערפֿילונג, צו דערלייזונג. אפילו די יעני־קע וואָס אַנטלויפֿן פֿון דער געזעלשאַפֿט צוליב דעם געפֿיל פֿון אומזיס־טיקייט, ניט־דערגרייכקייט, ברכה־לבטלהדיקייט — האָבן דעם געפֿיל גופא זיך דערוואָרבן בלויז דורך דער געזעלשאַפֿט. די נשמה־נויטן, וואָס זיי האָפֿן צו באַפֿרידיקן אין איינזאַמקייט — אָט די נויטן וואָלטן זיי קיינמאָל ניט דערשפּירט דרויסן פֿון זייער סאָציאַלער סביבה.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

די טענדענץ פון מענטשלעכן לעבן איז צו מאכן דעם יחיד אלץ מער אָפּהענגיק פון דער גרופּע, אין וועלכער ער איז געבאָרן, אין וועלכער ער איז דערצויגן. דאָס מיינט, אז פאר דעם יחיד וועט זיין פאָלק זיין דער הויפּט־קוואַל פון זיין דערלייזונג און פאָלגלעך אויך דער הויפּט־אינסטרומענט פון זיין רעליגיע.

פּאַטריאָטיזם איז בלויז די מאָדערנע פאָרם פון פאָלקס־רעליגיע

די רעליגיעזע ווערטן, וואָס האָבן אַקצענטירט דעם ווערט און די באַדייטונג פון דער גרופּע, האָבן דערגרייכט אַזאַ הויכן גראַד פון אַנטוויקלונג אין דער אידישער ציוויליזאַציע, אז זיי זיינען איבערגענומען געוואָרן ווי זיי שטייען און גייען פון די אַנדערע ציוויליזאַציעס. דער רעזולטאַט איז געווען די קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע ציוויליזאַציעס. אָבער די צייט איז געקומען, ווען די פעלקער, וואָס האָבן זיך צוגעאייגנט די רעליגיעזע ווערטן פון אידישן פאָלק, הויבן זיך אָן באַנוצן מיט ווערטן, וואָס זיינען געשטיצט אַף זייער אייגענער נאַציאָנאַלער דערפאַרונג. דאָס מיינט, אז די קירך ווערט גראַדנוויז פאַרדרענגט דורך די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליזמען, אָדער דורך די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטיזמען, דורך וועלכע די נאַציאָנאַליטעטן קומען צו זייער זעלבסטבאַוואוסטזיין. באמת, דער איינפלוס פון פּאַטריאָטיזם איז אַזוי מעכטיק אין לעבן פון די מאָדערנע נאַציעס, אז ער סטראַשעט שוין צו פאַרנעמען אינגאַנצן דעם פּלאַץ פון דער קירך 6).

דאָס, וואָס מען האָט פאַרפעלט צו דערזען און אָפּצושאַצן די סאָציאַלע כונות און פונקציעס פון רעליגיע, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טעות וואָס מען מאַכט געוויינלעך בנוגע רעליגיע און נאַציאָנאַליזם, אז זיי זיינען אַזעלכע צוויי אַבסאָלוט אומפאַרגלייכבאַרע פאַקטאָרן, אַז ניט מען קאָן זיי מעסטן און ניט זיי קאָנען זיך פאַרמעסטן איינס מיטן אַנדערן. נאָר עס איז אַ פאַקט וואָס ווערט שוין פון אַלעמען באַמערקט, אַז די סוביעקטיווע צופרידנשטעלונג, וואָס דער יחיד האָט פריער געצויגען פון רעליגיע, באַקומט ער איצט פון נאַציאָנאַליזם. אָבער ווי אַזוי האָט עס גאָר געקאָנט מעגלעך זיין? ווי קומט עס, וואָס צוויי אַזעלכע לפנים אומגלייכע צוגעבונדנקייטן זאָלן ביידע גלייך קאָנען ליפערן דעם יחיד דעם געפיל פון זעלבסטדערפילונג? משמעות האָבן די מערסטע סאָציאָלאָגן, טראָץ עמיל דורקהיימס אויפלויכטנדיקן אַנאַליז פון רעליגיעזער דערפאַרונג, אַף

וועלכן עס איז אופֿן פֿאַרזען דעם אמת, צו וועלכן דער פֿאַקט טײַטלט — נעמלעך, אַז ווען איינער טראַגט אַריבער זיין אינטערעס און אײַ־בערגעבענקייט פֿון רעליגיע צום נאַציאָנאַליזם, פֿאַרבײַט ער איין ליבע אַף אַן אַנדערער — טראָגט ער אַריבער זיין פֿריערדיקע צוגעבונד־קייט צו דער קירך אַפֿן שטאַט. דער שטאַט פֿאַרבײַט די קירך.

עס זעט אויס, אַז דער באַדאַרף אין אַ גרופּע, וואָס זאָל דינען אַלס מיטל פֿון דערלייזונג, ווערט איצט באַפֿרידיקט מערסטנס דורך דער בירגערלעכער געמיינדע. ווי אַזוי די קירך, וועלכע פּרעטענדירט צו זיין דער איינציקער קוואַל פֿון דערלייזונג, וועט אַפּענטפֿערן אַף דער קאָנקורענץ פֿון דער בירגערלעכער געמיינדע — איז שווער פֿאָרויס־צוזאָגן. די אידישע פֿאָלקס־גרופּע וועט פֿונדעסטוועגן ניט זיין צופֿיל באַזאָרגט וועגן דעם פּראָבלעם. זי קאָן באַהויפּטן שלום צו מאַכן מיט דעם פֿאַקט, אַז זי וועט ניט זיין די איינציקע גרופּע, דורך וועל־כער דער אידישער יחיד וועט זיך צושלאָגן צו זעלבסט־דערפֿילונג. זי איז וויליק צו טיילן מיט דער בירגערלעכער געמיינדע די אויפֿגאַבע אויסצואַרבעטן דערלייזונג פֿאַר דעם אידן. אָבער אָט די וויליקייט, כדי צו זיין עפּעס מער ווי אַן אונטערגעבן זיך צום אומפֿאַרמיידלעכן, דאַרף זיין געשטיצט אַף דער קלאָרער דערקענטניש פֿון פּסיכאָלאָגישן פֿאַקטאָר, וואָס ווירקט דורך רעליגיע — אַז זי איז לאָיאַליטעט צו דער היסטאָרישער געמיינדע, בעת פּאַטריאָטיזם איז לאָיאַליטעט צו דער בירגערלעכער געמיינדע.

די סיבה, פֿאַרוואָס מיר פֿאַרפֿעלן איינצוזען דאָס אויסגלייכן זיך פֿון פּאַטריאָטיזם מיט רעליגיע, איז וואָס מיר פֿאַרשטייען רע־ליגיע הויפּטזעכלעך ווי אַ פּערזענלעכע און אינדיווידועלע אָפּענט־פֿערונג אַפֿן לעבן; ווי אַ דערפֿאַרונג, וואָס איז כלומרשט אַ פּראָדוקט פֿון פֿולשטענדיקער זעלבסט־אָפּזונדערונג. אָבער מיר וועלן קיינמאָל ניט געפֿינען קיין אויסוועג פֿונם פּלאָנטער פֿון רעליגיעזע פּראָבלעמען, סיידן מיר זאָלן זיך געוויס ווערן, אַז דער אופֿן ווי אַזוי רעליגיע האָט פֿונקציאָנירט ביז אַהער איז ניט געווען ניט קיין צופֿעליקער און ניט קיין אַרויפֿגעצוואונגענער פֿון דרויסן, נאָר אין אָפּרוף אַף די געזעצן פֿון מענטשלעכער אויפֿפֿירונג. און אַזוי ווי די מענטשלעכע נאַטור בלייבט וואָס זי איז, וועט די רעליגיע פֿון דער צוקונפֿט מוזן גיין אין דערזעלביקער ריכטונג ווי ביז אַהער. דער אופֿן ווי מאַנכע פֿון אונז וואָלטן געוואָלט זי זאָל נעמען פֿונקציאָנירן — אַנדערש ווי ביז אַהער — איז העכסט וואַרשיינלעך אַן אָנווייז אַף אַ נייער צוגעקומענער מענטשלעכער נויט, וואָס האָט אויפֿגעטויכט אין רע־

זולטאַט פון די מער קאָמפּליצירט געוואָרענע קאָנדיציעס פון מענטש־לעבן. די צוגעקומענע נויט וועט דאַרפן באַגעגנט און באַפרידיקט ווערן אָן דעם זי זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון די פריערדיקע נויטן, וואָס די רעליגיע האָט באַדינט. לאָמיר האַלטן אין זין דעם אונטערשייד צווישן דער נייער און די אַלטע נויטן, און באַצייכענען דעם אופן ווי די רעליגיע האָט פונקציאָנירט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַלס „פאָלקס רעליגיע", רעזערווירנדיק דעם טערמין „פּערזענלעכע רעליגיע" פאַר דער צוגעקומענער פונקציע, וואָס די רעליגיע האָט דערפילט פאַר יחידי סגולה אין דער פאַרגאַנגענהייט און וואָס מאַנכע פון אונז וואָלטן געוואָלט, זי זאָל דערפילן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אין דער צוקונפט. דאָס וועט אונז דערמעגלעכן צו שטודירן אָביעקטיוו אַזעלכע פון אויבן אויף אומענלעכע דערשיינונגען, ווי בירגערלעכע לאָיאַליטעט און היסטאָרישע רעליגיע. און מיר וועלן אַנטדעקן, אַז בירגערלעכע לאָיאַליטעט, וואָס געפינט איר אויסדרוק אין פּאַטריאָטיזם, איז פונדאַמענטאַל אַ פאָרזעצונג פון דער ראָלע, וואָס די רעליגיע האָט געשפּילט אין דער פאַרגאַנגענהייט. עס איז ביז צו אַ גרויסער מאָס די מאָדערנע פאָרמע פון פאָלקס־רעליגיע.

די פאַרצייטיקע געצנדינערישע רעליגיעס האָבן פונקציאָנירט אַלס רעליגיעס, אַף וויפיל זיי זיינען געווען סיסטעמען פון געוויינהייטן און ווערטן, דורך וועלכע דאָס גרופּע־לעבן האָט זיך אַזוי פאַרווערטיקט פאַרן יחיד, אַז עס איז געוואָרן זיין הויפּט־מיטל פאַר זעלבסט־דערפילונג. די היסטאָרישע רעליגיעס פונקציאָנירן נאָך פאַרן זעלביקן דינסט. עס מאַכט ניט אויס, צי אַ־די סאָציאַלע געוויינהייטן און ווערטן זיינען בלויז אַ פאָרם פון סאָציאַל באַגלויבטער און גוטגעהייסענער מאַגיק, אָדער זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ געבינדן סיסטעם פון ספּיריטועלע באַיאָונגען און סימבאָלישע ריטואַלן. וואָס שייך פּערזענלעכע רעליגיע, איז סיי צווישן די פּרימיטיווע און סיי צווישן די ציוויליזירטע פעלקער געוויינלעך זייער וועניק געלעגנהייט פאַראַן פאַר דעם, בעת דאָס לעבן איז אין אַ צושטאַנד פון גלייכגעוויכט. ווען אַ הייליקער אָדער אַן אסקעט פאַרלאָזט זיין פאָלק כדי צו קאָנען זיך באַהעפטן מיט גאָט, אומגעשטערט פון וועלטלעכע צעשטרייאונגען, מיינט עס נאָך ניט, אַז ער פּראַקטיצירט דווקא פּערזענלעכע רעליגיע. בדרך כלל אַנערקענט ער די פאָרמעס פון דער געזעלשאַפט וואָס ער לאָזט הינטער זיך. ער איז בלויז אומצופרידן, וואָס די געזעלשאַפט קומט ניט נאָך די נאָרמעס, וואָס זי האָט זיך

אַליין פֿאָרגעשריבן. איז עס דאַרום אַן אינדיווידואַליזירטע פֿאָרם, אָדער אַן אינדיווידואַליזירטע עקספּרעסיע פֿון דער פֿאָלקס־רעליגיע, אָבער ניט פּערזענלעכע רעליגיע. רעליגיע איז פּערזענלעך, ווען זי לייגט דעם דרוק אַף דער אויטאָריטעט פֿון דער אייגענער פּערזענלעכקייט אין קאָנטראַסט אָדער אפילו אין אָפּאָזיציע צו דער אויטאָריטעט פֿון דער גרופּע. ווען דאָס סאָציאַלע לעבן נעמט זיך אויפֿלייזן, זיינען עס די ספּיריטועל סענסיטיווע נאַטורן די ערשטע, וואָס דערשפּירן דעם אויפֿלייזונגס־פּראָצעס; און זיי פֿילן אַ באַדערפֿעניש פֿונדאַסניי זיך צו אָריענטירן סיי בנוגע דער וועלט און סיי בנוגע יענער וועלט; איז דער פּועל יוצא דערפֿון פּערזענלעכע רעליגיע. די פּערזענלעכע רעליגיע קאָן אָננעמען די פֿאָרם פֿון אַ נייער רעליגיעזער איינזעעניש. די וואָס מאַכן דורך די דערפֿאַרונג, ווערן נביאים. אַנדערע קאָן עס פֿירן צו אַ אַקטיווער באַנוצונג פֿון מענטשלעכן שכל. די, וואָס ווייזן דעם וועג , ווערן פֿילאָזאָפֿן. ביי מענער און פֿרויען פֿון מיטלמעסיקער אָדער נידעריקער גייסטיקער און ספּיריטועלער מדרגה נעמט עס אָן די פֿאָרם פֿון אַבערגלויבנס און מיסטעריען. — אָבער אין געוויינלעכן גאַנג פֿון זאַכן איז פּערזענלעכע רעליגיע די אויסנאַם און פֿאָלקס רעליגיע דער כלל.

איצט כדי צו באַשטימען דעם אָרט פֿון פּאַטריאָטיזם אין ספּיריטועלן לעבן, דאַרף מען אים נעמען מיט דער פֿאָלקס־רעליגיע פֿאַר זיין הינטערגרונט, אָדער נעמען אים אין שייכות צו דעם, ווי די רעליגיעס האָבן פֿונקציאָנירט ביז אַראָפּ צו אונזער מאָדערנער צייט. די רעליגיעס, מיט וועלכע די מאַסע מענטשהייט האָט געלעבט, און לעבט נאָך עד היום, זיינען געווען פֿאָלקס־רעליגיעס, — אַלץ איינס, צי די געמיינדע, וואָס האָט געגעבן דעם יחיד זיין פֿאָלקס־רעליגיע, איז געווען אַ שבט, אַ פֿאָלק, אַן אימפּעריע, אָדער אַן אוניווערסאַלע קירך. אין יעדן פֿון די פֿאַלן האָט דער יחיד געדאַרפֿט אָננעמען זיין געמיינדע פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אָדער לכל הפּחות פֿאַר דעם צענטראַלן און וויכטיקסטן טייל פֿון דער וועלט. „די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון פֿאָלקס ישראל׳ס וועגן“, זאָגט דאָס יודנטום. „די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון דער קירך וועגן“, זאָגט דאָס קריסטנטום. יאָ אויך קריסטנטום, אָט די גרויסע היסטאָרישע רעליגיע, וואָס נעמט אַרום פֿעלקער און לענדער, איז אין תוך אַ פֿאָלקס רעליגיע, און ניט, ווי אירע מערסטע אַדוואָקאַטן פֿאַרזיכערן, אַ רעליגיע פֿון דער אינדיווידועלער מענטשלעכער נשמה. כדי עס איינצוזען, איז נויטיק צו וויסן דעם היסטאָרישן הינטערגרונט, וואָס

האָט קריסטנטום מעגלעך געמאַכט און וואָס האָט באַשטימט די ראָלע, וואָס עס האָט געשפּילט אין מענטשלעכן לעבן.

פּאַרצייטן, ווען די קאָמוניקאַציע־מיטלען זיינען געווען באַגרעניצט, און די גרויסע מאַיאָריטעט פון פאָלק האָט זעלטן געהאַט א געלעגנהייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער וועלט דרויסן פון זייער שטעטל אָדער שטאָט, האָט די קליינע בירגער־גרופּע פון שטעטל אָדער שטאָט אויסגעמאַכט די גאַנצע וועלט פון דורכשניטלעכן מענטשן. און אַזוי ווי די קליינע בירגער־גרופּע איז געווען זיין גאַנצע וועלט, האָבן רעליגיע און לאָיאַליטעט צו דער גרופּע געדעקט דעם זעלביקן שטח. די געטער פון אַלטערטום האָבן אָנגעהויבן זייערע קאַריערעס אַלס אָרטיקע געטער, און ווען זייער הערשאַפט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַנדערע ערטער, האָט דער באַגריף פון זייער כאַראַקטער זיך געענדערט, כדי צו קאָרעספּאָנדירן מיט זייער אויסגעברייטערטער מאַכט. די געטער האָבן אַלעמאָל געהאַט זייערע געשיכטעס, וואָס זיינען אין תוך געווען די פּערזאָניפיצירטע פאָרם פון די געשיכטעס פון זייערע פעלקער ד). כדי א גאָט זאָל קריגן העגעמאָניע איבער אַנדערער געטער, האָבן זיינע אָנבעטער געדאַרפט באַצווינגען די אָנהענגער פון די אַנדערע געטער. אַזוי אַז ווען א באַשטימטער גאָט האָט זיך דערהויבן צו אויבערהערשאַפט, איז עס געווען הויפּטזעכלעך דורך דעראָבערונג, צעשטערונג און אויפלייזונג פון פרעמדע פעלקער.

כל זמן פאָלק און וועלט האָבן געדעקט איין שטח, איז מעגלעך געווען פאַר דעם גלויביקן פאָלקס־מיטגליד צו זיין פּערפעקט צוגעפּאַסט צו זיין סביבה. אָבער אַט דער גלייכגעוויכט פלעגט צעשטערט ווערן, ווען מען איז געוואָר געוואָרן פון א וועלט מיט טעטיקייט איבער די גרעניצן פון אייגענעם פאָלק. אַזוי גיך די מיטגלידער פון א פאָלק פלעגן אויסגעפינען, אַז זיי זיינען בלויז א טייל פון דער וועלט, איז דער ערשטער אימפּולס זייערער געווען צו אַנעקסירן די דרויסנדיקע וועלט צו זייער אייגענער. די איינציקע קאָאָפּעראַציע פון גרויסן פאַרנעם, וואָס דער פּאַרצייטיקער מענטש האָט אָנערקענט, איז געווען די קאָאָפּעראַציע, וואָס מען געווינט דורך דעראָבערונג. פּאָליטיש האָט די דעראָבערונג געמיינט מיליטערישער קאָנטראָל און אַרויספּרעסונג פון צינזן. רעליגיעז האָט עס געמיינט, אַז פון די אַנעקסירטע פעלקער האָט זיך געפאָדערט, זיי זאָלן אָננעמען די געטער פון די דעראָבערער און ווערן א טייל פון זייער וועלט. עס איז ניט אַלעמאָל נויטיק געווען פאַר דעם דעראָבערער אַרויפצוצווינגען זיין רעליגיע

אף די באַזיגטע אף דעמזעלביקן וועג, ווי ער האָט אַרויפגעצוואונגען אף זיי זיין הערשאַפט. ס׳באַזיגטע פאָלק פלעגט אָפט מיטן אייגענעם ווילן אָננעמען די רעליגיע פון די זיגער. על כל פנים איז עס געווען דער אינטערעס פון דער זיגרייכער נאַציע, אז איר גאָט זאָל אָנערקענט ווערן אלס דער אויבער־גאָט פון אַלע איר אונטערטעניקע פעלקער.
א פאַרצייטיקע אימפעריע האָט פאַר אַלע אירע מיטגלידער — סיי די זיגער און סיי די באַזיגטע — געדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן איין וועלט, אין וועלכער יעדער איינער האָט זיך געדאַרפט אויסאַרבעטן דערלייזונג. און דאָס איז געווען דער אימפעריאַלער גאָט (אָדער געטער), וואָס האָט פּרעזידירט איבער דער וועלט און געגעבן איר איינהייט. איינע פון די סיבות פון דער שנעלער צעפאַלונג פון דער פערזישער אימפעריע איז געווען, וואָס זי האָט זיך ניט געהאַלטן ביי דער פּאָליטיק פון אַרויפפרעסן רעליגיעזע סאָלידאַריטעט. פאַרקערט, די פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער מוקדון האָט איינגעשלאָסן רעליגיעזן אַזוי ווי קולטורעלן אימפעריאַליזם, און די פּאָליטיק איז ענערגיש פאָרגעזעצט געוואָרן פון די סעלעווקידן, די דינאַסטיע, פון וועלכער עס איז אַרויסגעשפּרונגען דער אַנטיאַכוס, וועמען עס איז שיער ניט געלונגען אומצוברענגען דאָס יודנטום.

דער אינסטינקטיווער אָפּרוף אף דער עקזיסטענץ פון א ברייטן און פאַרשיידנאַרטיקן לעבן איבער די גרעניצן פון אייגענעם פאָלק — דער אָפּרוף, וואָס האָט געגעבן געבורט צו דער אימפעריאַליסטישער אַמביציע — האָט געקאָנט איבערזעצט ווערן אין פּאַקטישער דעראָבערונג בלויז פון א קליינער צאָל מעכטיקע פעלקער. און וואָס מכח די פעלקער אָדער נאַציעס, וואָס זיינען ניט געווען שטאַרק גענוג אַריינצולאָזן זיך אין דעראָבערונג מלחמות? אַזוי ווי זיי האָבן ניט געקאָנט אונטערוואַרפן און אָנעקסירן די גרויסע וועלט, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט איבער זייערע אייגענע גרעניצן, האָבן זיי, ווי א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, געמוזט אָננעמען פאַר ליב אונטערוואַרפונג און אַנעקסירונג דורך יענער גרויסער וועלט. און זיי האָבן קיין ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעוויזן צום איינגעשלונגען ווערן אויך קולטורעל און רעליגיעז דורך די שטאַרקערע נאַציעס. פריער אָדער שפּעטער איז יעדע נאַציע אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אימפעריע־צירקל פון וועלכער עס איז דאָמינירנדיקער נאַציע. און יעדע ענדערונג אין צוזאַמענשטעל פון אַן אימפעריע איז באַגלייט געווען פון א רעאָרגאַניזירונג פון די רעליגיעזע צוגעשוואָרנקייטן פון די צוזאַמנגערופירטע פעלקער. די איינציקע נאַציע פון פאַרצייטן וואָס,

טראָץ איר מיליטערישער שוואַכקייט, האָט זי זיך ניט געלאָזט איינזויגן פון קולטורעלן און רעליגיעזן אימפעריאַליזם פון קיין איי־נער פון די גרויסע אימפעריעס, פון וועלכער זי איז געוואָרן א טייל, איז געווען די אידישע נאַציע.

קריסטנטום און אימפעריאַליסטישער פּאַטריאָטיזם

מיט דעם צעוואַקסן זיך פון דער רוימישער אימפעריע, האָט זי אפילו דערלויבט די פאַרשיידענע לענדער וואָס זי האָט אַנעקסירט איינצוהאַלטן זייערע אייגענע געטער־קולטן, אָבער אַלס צוגאָב צו דעם האָט זי נאָך פאַרלאַנגט פון זיי רעליגיעזע סאָלידאַריזירונג מיט רוים. ווען די צאָל פון די לענדער איז געוואָרן אומגעלומפּערט גרויס, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז די אָריגינעלע רעליגיע פון רוים איז געווען צו שוואַך צו קאָנען דינען ווי א צונויפשמעלצנדיקע קראַפט; האָט רוים צוגעטראַכט א רעליגיע, וואָס איז אָנגעשפּאַרט געווען אַף קייזער־פאַרערונג. אַרום אָנהויב פון פערטן יאָרהונדערט האָט די קייזער־פאַרערונג דעגענערירט ביז צו אַזא גראַד, אַז עס איז מער ניט בכוח געווען צוזאַמענצוהאַלטן די אימפּעריע. עס האָט זיך גע־פילט א נויט אין אַ טיכטיקערן רעליגיעזן אימפּעריאַליזם. אָט די נויט איז פאַרענטפערט געוואָרן מיטן מעסיאַניזם, אָדער ספּיריטו־עלן אימפעריאַליזם, וואָס די קריסטלעכע סעקטע האָט פּראָקלאַמירט. „וואָס דאָס איינשאַפן זיך רוימישע בירגערשאַפט האָט געמיינט פאַר דעם גאַל אָדער פאַר דעם גריך אין צעזאַרס צייט", זאָגט שפּענג־לער[8], „האָט די קריסטליכע טבילה געמיינט פאַר אים — אריינטריט אין דער פירנדיקער נאַציע פון דער פירנדיקער קולטור". פאַר א צאָל יאָרהונדערטער נאָכדעם זיינען רוימישע קירך און רוימישע אימפעריע געווען גלייכבאַדייטנדיק[9]. זי האָט זיך גערימט מיט דעם נאָמען קאַטוילישׂ, וואָס עס מיינט אוניווערסאַל. די לערע אַז קיי־נער קאָן ניט דערגרייכן דערלייזונג סיידן דורך דער קירך — האָט געמיינט פונקט אַזוי פיל, ווי די פאָדערונג, אַז די רעאָרגאַניזירטע רוימישע אימפעריע דאַרף פאַר יעדן איינעם זיין גאַנצע וועלט[10].

קריסטנטום האָט תמיד געהאַט די אַמביציע אויסצושטרעקן זיך ביז ארומצונעמען די גאַנצע מענטשהייט. קעגן איר ווילן האָט זי זיך געמוזט באַגרעניצן מיט דער מערב־וועלט. זי האָט גע־ירשנט די אַמ־ביציעס פון רוימישן אימפּעריאַליזם. דער פאַרבייט פון נאַציאָנאַלן מיטן אימפּעריאַלן פּרינציפּ האָט זי כסדר געטריבן ארויפצוצווינגען איינפאָרמיקן טיפּ פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע אַף דער פאַרשיידנאַר־

טיקסטער פילמיניקער מענטשהייטס־מאַסע. „די קירך. . . האָט געזוכט צו זיין אוניווערסאַל אין אַ טאָפּלטן זין", זאָגט ערנעסט באַר־קער, „זי האָט געוואָלט ארומכאַפּן די גאַנצע וועלט אין איר אויס־שפּרייטונג, אַלס אַן איינאיינציקע קאַטוילישע געזעלשאַפט אונטער אַן איינאיינציקן קירכלעכן הויפּט, און זי האָט געוואָלט דורכדרינגען די גאַנצע וועלט מיט דער שאַרפקייט פון אירע אַפּעראַציעס, זוכנדיק צו ברענגען יעדן לעבנסבאַרוף און יעדע מענטשלעכע טעטיקייט אונטער דעם קאָנטראָל פון געזעץ פון קריסטוס, וואָס איז אַנגטרויט געוואָרן צו איר השגחה"[11].

היינט צוטאָג, אַלס פּועל יוצא פון די כוחות, פּאָליטישע, עקאָ־נאָמישע, סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע, וואָס האָבן ארויסגעפירט אויף דער סצענע די מאָדערנע אייראָפּעאישע נאַציעס, ווערט די קירך פאַרביטן מיט קאָנקורירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן גוטע פּראָספּעקטן צו זיין בכוח צוצושטעלן דעם יחיד די סביבה און די אינטערעסן, וואָס זיינען נויטיק צו פולער זעלבסט־פאַרווירקלעכונג. אין 13־טן און 14־טן יאָרהונדערט מערקן זיך שוין די אָנהייבן פון דעם פּראָצעס — פון דער געבורט פון נייע נאַציעס אין אייראָפּאַ. גלייכצייטיק מיט דעם פּאָליטישן פאַרזוך אָפּצוברעכן מיט דער הע־געמאָניע פון רוים, איז אויפגעקומען אַ רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פּראָטעסטאַנטישער שפּאַלטונג אין דער קירך.

זינט די מענטשהייט האָט זיך גענומען צופּאַסן צו די אינדוס־ריעלע און עקאָנאָמישע ענדערונגען, האָט דער פרייער געדאַנק זיך גענומען אַנטוויקלען זייט ביי זייט מיטן נאַציאָנאַליזם; וואָס דאָס האָט געפירט דערצו, אַז צו פיל גאָט־באַגריפן זיינען אויפגעקומען. עס זאָל מעגלעך זיין פאַר די אַלע וואָס באַלאַנגען צו איין נאַציע זיך צו אייניקן אויף איין ספּעציעלער רעליגיע. איז צוליב דעם איינגעפירט געוואָרן אַ נייע פּאָליטיק בנוגע רעליגיע — אָדער אָפּצוטיילן די קירך פון שטאַט אָדער צו לעגאַליזירן די עקזיסטענץ פון אַנדערע קירכן, אַ חוץ דער עטאַבלירטער. אָבער מיט דער אָפּטיילונג פון דער קירך אין כמעט אַלע אייראָפּעאישע לענדער איז דאָס פּראָב־לעם וועגן דער שייכות צווישן רעליגיע און נאַציאָנאַליזם נאָך ניט געלייזט געוואָרן. די קירך איז אַפילו געצוואונגען געווען מסכים צו זיין, אַז די פונקציעס פון קירך און שטאַט זיינען פאַרשיידן און שליסן איינע די אַנדערע אויס. אָבער די הסכמה האָט ניט געענדערט דעם

פאַקט, אַז די פונקציעס מישן זיך דורך און שטערן איינע די אַנדערע. וואָרום דער מאָדערנער שטאַט ווייזט זיך אַרויס אַלץ מער און מער געניייגט צו זיין אַליין דער נשמה־פאַרזאָרגער פון זיינע בירגער — ער האָט זיי אָנצובאָטן זיין אייגענעם דערלייזונגס־פּלאַן. פון סאַמע מאָמענט, ווען דער שטאַט האָט גענומען אויף זיך די אחריות פאַר דער דערציאונג, האָט ער גענומען ווירקן אויף דעם גייסטיקן לעבן פון זיינע בירגער און די ווירקונג איז איצט ווייטגרייכנדיקער און עפעקטפולער אין אירע רעזולטאַטן, ווי דער איינפלוס פון דער קירך.

די פאָלקס־רעליגיע איז געזיכערט מיט קיום

אָנגענומען, אַז די היסטאָרישע רעליגיעס וועלן אַלץ מער איינגעשרומפט ווערן און וועלן סוף כל סוף פאַרשווינדן, פרעגט זיך: וועט דען ניט די פּערזענלעכע רעליגיע איבערלעבן די קירכלעכע? — יע, די פּערזענלעכע רעליגיע וועט בלייבן — ענטפערן אַלע די, וואָס זעען פאָרויס דעם זיכערן סוף פון דער אָרגאַניזירטער רעליגיע. אָבער עס וואָלט געווען אַסך לאָגישער צו דערוואַרטן דעם סוף פון רעליגיע בכלל, איידער פאָראויסצוזאָגן לאַנג לעבן דער פּערזענלעכער רעליגיע, בעת מען טראָגט אַרוים אַ טויט־אורטייל דער פאָלקס־רעליגיע. וואָרום אויב מיר נעמען אָן, אַז די עיקרדיקע פונקציע פון רעליגיע איז צו פאַרלייכטערן די זעלבסט־דערפילונג פון דעם יחיד, דאַרפן מיר גלייך איינזען, אַז די זעלבסט־דערפילונג איז אומדערגרייכבאַר, סיידן די גרופּע שטעלט צו דעם קולטורעלן הינטערגרונט. מעג אפילו די פּערזענלעכע רעליגיע אויסאַרבעטן דעם קריטעריום פאַר זעלבסט־דערפילונג — וואָס זי דאַרף און זאָל זיין! — איז דאָך אָבער קלאָר, אַז דער יחיד איז אָנגעוויזן אויף דער געמיינדע, כדי אפילו צו באַפרידיקן דאָס באַדערפעניש אין זעלבסט־דערפילונג.

דער אופן ווי אַזוי רעליגיע האָט פונקציאָנירט אין דער פאַרגאַנגנהייט איז געווען אין פולן איינקלאַנג מיט די סאָציאַלע באַדערפענישן פון דער מענטשלעכער נאַטור. וועט זי דאַרום אויך אין דער צוקונפט פונקציאָנירן אויפן זעלביקן אופן, ניט שטערנדיק דערביי דעם וואוקס פון דער פּערזענלעכער רעליגיע. קאָנען מיר על פי שכל אָננעמען פאַר זיכער, אַז זי וועט אַלעמאָל איינהאַלטן די פאָרם און כאַראַקטעריסטיק פון אַ פאָלקס־עקספּרעסיע. זי וועט אויך ווייטער דינען אַלס מיטל אויף צונויפהעפטן די אַספּיראַציעס פון דעם יחיד מיט

דער פֿאָלקס־כאַראַקטער פֿון דער אידישער רעליגיע

די אידעאַלן פֿון דער געמיינשאַפֿט. אמת, אַלע פֿאָלקס־רעליגיעס וועלן פֿאַרלירן זייער מאַגישן, „וואונדער שאַפֿנדיקן" כאַראַקטער. קיין פֿאָלקס־רעליגיע וועט פֿון איצט אָן ניט קאָנען אַרויסקומען מיט דער פּרעטענזיע, אַז אירע אָנהענגער זיינען ספּעציעל באַגינסטיקט פֿון גאָט און אַז נאָר זיי אַליין זיינען מיט אַלע מעלות, וואָס באַרעכ־טיקן צו דערלייזונג.

אָננעמען פֿאָלקס־רעליגיע מיינט איינזען דעם אמת, אַז דער יסוד פֿון אינדיווידואַליטעט און כאַראַקטער ווערט צוגעשטעלט ניט פֿון דער וועלט אין גרויסן גאַנצן, מיט איר טויזנטפֿאַכער קולטור, נאָר פֿון יענער סעקציע פֿון דער מענטשהייט, וואָס שטעלט צונויף דאָס באַשטימטע פֿאָלק, צו וועלכן דער יחיד באַלאַנגט. דאָס ערשטע באַגעגעניש פֿון יחיד מיט דער געמיינשאַפֿט קומט פֿאָר אין דער ענגער סביבה פֿון דער היים, וואָס באַאיינפֿלוסט דאָס קינד צום גוטן דורך איינפֿלאַנצן אין אים — ניט אוניווערסאַלע באַגריפֿן און לאָ־יאַליטעטן, נאָר אַ ספּעציפֿישע טראַדיציע אָדער סאָציאַלע ירושה. אַפֿילו ווען דער יחיד זאָל דערצויגן ווערן פֿאַר וועלט־בירגערשאַפֿט, מוז ער אָנהויבן אַלס מיטגליד פֿון דעם ספּעציעלן שטאַם, פֿאָלק אָדער נאַציע, אין וועלכע ער איז געבאָרן.

אַזוי ווי די געמיינשאַפֿט אָדער די געמיינדע איז דורכאויס נויטיק פֿאַר דער דערציאונג און אויסבילדונג פֿון יחיד, ווערט פֿון אים דערוואַרט, אַז ווען פּאָליעריק, זאָל ער פֿאַרזעצן איר לעבן דורך זיין אָנהענגערשאַפֿט און געטרייהיים. און לויט דעם גראַד, וויפֿיל די דערוואַרטונגען וועלן מקוים ווערן, וועלן מיר האָבן פֿאָלקס־רע־ליגיע. יעדעס פֿאָלק וועט מוזן באַזיצן די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס טראָגן די סימנים פֿון רעליגיע אין קאָנווענציאָנעלן זין פֿון וואָרט. עס וועלן זיין ריטואַלן, ימים טובים, געמיינדע־אסיפֿות, סימבאָלן און פֿאַרהערלעכונג פֿון העלדן און מאַרטירער. און ס'וועלן זיין די איבער־געחזרטע שבועות צו די אַלע אידעאַלן, און גרייטקייט צו קרבן און התלהבותן, וואָס זיי אַלע זיינען עס געווען די גרונט־עלעמענטן פֿון די היסטאָרישע רעליגיעס. אָט די אַלע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון נאַציאָ־נאַליזם זיינען ניט נאָר להבא זאַכן, זיי זיינען דאָ. מיר זיינען אַזוי געוואוינט צו זיי, אַז מיר שאַצן ניט אָפּ ווי געהעריק זייער וויכ־טיקייט, אוועקמאַכנדיק זיי מיט דער טענה, אַז זיי זיינען נישט מער ווי אויסדרוקן פֿון פּאַטריאָטיזם. און עס פֿאַלט אונז גאָר ניט איין, אַז די פּאַטריאָטיזמען זיינען פֿאָלקס־רעליגיעס אין אמתן זין

פון וואָרט, וואָס שטופנווייז פאַרדרענגען זיי די פאָלקס רעליגיעס פון די קירכן. ווען מיר וועלן פול פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין ספּיריטועלן לעבן פון דער מענטש־הייט, וועלן מיר אומפערמיידלעך קומען צום שלוס, אַז אַ ציוויליזאַציע, אחוץ אירע אַלע אַנדערע אויסלויף־און אויסדרוק־פאָרמען, וועט אויך דאַרפן געפינען איר עקספּרעסיע אין פאָלקס־רעליגיע. ערשט דורך דער פאָלקס־רעליגיע דערגרייכט אַ ציוויליזאַציע ביז צום גראַד זעלבסטבאַוואוסטזיין, וואָס איז פון גרונט־וויכטיקייט פאַר איר זעלבסטדערהאַלטונג.

אָט דער גאַנצער אַנאַליז ווערט באַשטעטיקט דורך דער קאַריערע פון קאָמוניזם, וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקס־רעליגיע אין רוסלאַנד. דער עקאָנאָמיסט דזש. מ. קעינס איז געווען צווישן די ערשטע צו דערקענען, אַז דער רוסישער קאָמוניזם איז אַ נייע רעליגיע ניט וועניקער ווי אַ ניי עקאָנאָמיש סיסטעם 13). דער קאָמוניזם האָט די הויפּט־באַשטאַנד־טיילן פון אַ פאָלקס־רעליגיע — די סאַנקטאַ. זיינע סאַנקטאַ: די פּערזאָנען פון מאַרקס און לענין, די פאַרשיידענע פעלצער, וואו ער האָט געפאָכטן זיינע שלאַכטן, זיינע טעקסטן און עיקרים, וואָס פאַרקערפּערן זיין דאָקטרינע; און ער זאָגט צו דעם שכר פון פולער באַפרייאונג — פון דערלייזונג — דורך דער פולשטענדיקער אונטערוואַרפונג פון דעם יחיד צו דער טובה פון כלל.

איז כדי די אידישע ציוויליזאַציע זאָל זיין ביכולת אויפצואוועקן אין יחיד זיינע דרעמלענדע כוחות, ווי אויך צו באַרייכערן די וועלט מיט נייע ווערטן, מוז זי האָבן פאָלקס־רעליגיע. איז דערצו נויטיק — ערשטנס, פונדאַסניי איבערצוטייטשן די טראַדיציאָנעלע גלויבונגען און איבערפורעמען די ריטואַלן, וואָס האָבן פריער געדינט צו אונטערשטרייכן און אַרויסצוהייבן די רעליגיעזע אייגנאַרטיקייטן פון אידישן לעבן — אַזוי איבערפורעמען זיי, אַז אַנשטאָט צו זיין אַ טייל פון אַ מאַגישער דערלייזונג־סכעמע, זאָלן זיי קאָנסטיטואירן אַ מאָדערנע פאָלקס־רעליגיע, אַרויסצווייגנדיק, אָבער ניט מאָנאָפּאָליזירנדיק, די לאָיאַליטעט פון אידישן יחיד. צווייטנס, איז עיקרשט נויטיק אויסצוליגן פּלענער און פאָרמולירן קריטעריומס פאַר ־יעם קינפטיקן אָנגאַנג און פאַר דער באַרייכערונג פון דער אידישער פאָלקס־רעליגיע. און דריטנס, איז הויפּטוויכטיק צו סטימולירן אַן אינטערעס אין פּערזענלעכער רעליגיע, לויט דעם ביישפּיל פון אַנדערע נאַציעס — דורך פּלעגע פון מוזיק און פון די פּלאַסטישע קונסטן.

דער פאָלקס־כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיע

די הויפּט־פאָלגן פון פאָלקס־רעליגיע פאַר די אידן פון חוץ לארץ

דאָס אידישע פאָלק האָט די מעלה איבער דער קירך אין דעם וואָס עס באַזיצט אַ מעטאַד פון פאָלקס־רעליגיע, וואָס גראַדנוויז נעמט עס זיך באַהויפּטן אין דעם נאַציאָנאַלן און קולטורעלן אײַבערבוי, וואָס קומט איצט פאָר אין דער מאָדערנער וועלט. דאָס אידישע פאָלק האָט דעמאָנסטרירט די גילטיקייט פון דעם פּרינציפּ, וואָס איז ווידערהאָלט באַקרעפטיקט געוואָרן דורך דער דערפאַרונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַז אַ פאָלקס־רעליגיע האַלט אײַן איר צוועקמעסיקייט און לעבנסקראַפט, כל זמן זי בלײַבט אין די גרעניצן פון דער סביבה, וואָס האָט זי אויסגעטראָגן און געבאָרן. אַ פאָלקס־רעליגיע איז געגליכן צו דער נשמה פון אַ מענטשן. כל זמן אַ נשמה איז פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן, וואָס האָט זי אויסגעטראָגן, אַרבעט זי נאָרמאַל. אָבער אַזוי גיך זי ווערט אַרײַנגעזעצט אין קערפּער פון אַ צווייטער פּערזאָן, ווערט זי — אין דער שפּראַך פון דער אידישער לעגענדע — אַ דבוק, און רעדט מיט אַ קול, וואָס איז ניט אירס. אַזוי אויך מיט אַ רעליגיע, וועלכע איז די נשמה אָדער דאָס זעלבסטבאַוואוסטזײַן פון אַ באַשטימטן פאָלק — זי פירט זיך אויף משונהדיק, מאַכט ווילדע שטיק, ווען זי ווערט אַרויפגעצוואונגען, אָדער ווען זי ווערט אפילו פרייוויליק אָנגענומען פון אַ צווייטן פאָלק. דאָס אידישע פאָלק, מיט דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצוגעבן זײַן נאַציאָנאַל לעבן און קולטור — די פונדאַמענטאַלע עלעמענטן פון יודנטום — האָט אינטואיטיוו זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם סעקרעט פון דינאַמישער רעליגיע — אָן אינטואיציע, וואָס איז איצט באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַנטראָפּאָלאָגישע אונטערזוכונגען. נאָר ניט זײַענדיק גענייגט צום אַבסטראַקטן דענקען, האָבן די אידן פאַרפעלט צו געבן לשון אָט דער אינטואיציע אין זייערע שריפטן.

דער ערשטער גרויסער מוסר השכל, וואָס לאָזט זיך אָפּלערנען פון דער געשיכטע פון יודנטום און פון זײַן איצטיקן קאַמף פאַר קיום, איז — אַז ספּיריטועלע ווערטן, סיי וואָס זײַנען שייך צו גאָט און סיי וואָס זײַנען שייך דעם מענטשנס דערלייזונג, זײַנען אומשייכותדיק, צוועקלאָז און אָפּנאַרעריש, סיידן זיי זײַנען געשטיצט אויף די אינטערעסן און אויף דער געשיכטע פון אַ באַשטימטער קאָנקרעטער געמיינדע און סיידן זיי זײַנען אָנגעווענדט אויף די לעבנסבאַדינגונגען, וואָס הערשן אין יענער געמיינדע. דאָס טעגלעכע לעבן

און די אקטיוויטעטן פון א פאָלק דארפן זיין דער הויפט־קוואל פון זיינע ספּירימועלע ווערטן. סיידן אַט די אקטיוויטעטן — פארוואנדלט, געלייטערט און סימבאָליזירט — ווערן אריינגעפעדימט אין געוועב פון רעליגיעזע ווערטן, טוט אים זיין רעליגיע גוט; אָניט פארבלייבט עס א גייסטיקער קארליק. און פארקערט: אויב א רעליגיע ז'ניט קיין פּראָדוקט פון לעבעדיקער אקטיוויטעט, ווערט זי פארטריקנט אין א פארצייטיקער שמה. דאָס איז דער פּרינציפּ, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געדעכטפערטיקט מיט זיין עקשנותדיקן זיך פעסטהאַלטן קעגן דער צוציאונגס־קראפט און צוואנגסקראפט פון קריסטנטום און מאכמעדאנענטום און אלע אנדערע רעליגיעזע טראדיציעס, מיט וועלכע דאָס פאָלק איז געקומען אין בארירונג.

א וויכטיקער פועל יוצא, וואָס פאָלגט במילא פון אָט דעם אנאַליז פון פאָלקס־רעליגיע איז — אז יענע, וואָס לעבן אין צוויי ציוויליזאציעס וועלן זיין גענייגט צו צאָלן רעספעקט צו צוויי פאָלקס־רעליגיעס. און אזוי דארף עס זיין. אידן אין דער צעשטרייאונג לעבן על פּי נויטווענדיקייט אין צוויי ציוויליזאציעס; מוזן זיי זיך צופּאַסן צו אָט דער נויטווענדיקייט דורך באטייליקט זיין אין ביידע. בדרך כלל פּראקטיצירן זיי נאָך זייער אייגענע היסטאָרישע רעליגיע, און זיי באטייליקן זיך שוין אין די פאָלקס־רעליגיעס פון די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן. אין אמעריקע טוען זיי זיך אריין מיט לייב און לעבן אין גייסט פון טהענקסגיווינג דעי־פייערונג, שוין אָפּגערעדט פון אינדעפּענדענס דעי און אלע אנדערע נאציאָנאלע פייערטעג. בלויז וואו דער פייערטאָג אָדער רו־טאָג איז אָפּן קריסטלעך אין כאראקטער, קווייקלט זיך דער איד, וואָס איז געטריי צו זיין היסטאָרישער רעליגיע, מיטצופייערן די טעג מיט זיינע מיטבירגער.

אזוי אָבער ווי בלויז אין פּאלעסטינא, קאָן מען רעכענען, וועט די אידישע ציוויליזאציע מסוגל זיין צו דערגרייכן א נאָרמאלע אומגעשטערטע עקספּרעסיע, איז צו דערוואַרטן, אז בלויז דאָרט וועט זי צוריקגעווינען די איינגעבאָרענע קראפט, וואָס א פאָלקס רעליגיע דארף באזיצן. און דאָס וועט זיין דאָס מקוים ווערן פון דעם נבואה פון חז"ל, אז די שולן פון חוץ לארץ וועלן אריבערגעטראָגן ווערן קיין ארץ ישראל" 14) - - ווען אָבער ס'וועט באשערט זיין אז אידן זאָלן אויך ווייטער פלעגן זייער ציוויליזאציע אין חוץ לארץ, זאָל זיין אפילו אין דער פאָרם פון א ביישטייער צו די ציוויליזאציעס פון די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן, וועלן זיי סוף כל סוף אויסארבעטן א טיפּ

פאָלקס־רעליגיע, וואָס וועט זיין צוגעפּאַסט צו זייער אייגענעם גייס־טיקן באַרוף.

אין די איצטיקע אומשטענדן פון אידישן לעבן זעט מען באַשיינפּערלעך, ווי אַ פאָלק מאַכט אַ שטעפערשע אָנשטרענגונג צו רעאַליזירן אין זיין אייגענעם לעבנס שטייגער די קאָנדיציעס, וואָס מאַכן אַ רעליגיע קערנדיק און פרוכטבאַר. דאָס איז עס וואָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אונטער דער דערקלערונג, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט „גאונות פאַר רעליגיע". אָט די גאונות האָט זיך מאַניפעסטירט ניט אין דער אַנטדעקונג פון וועלכער עס איז באַשטימטער עטישער אָדער רעליגיעזער לערע, נאָר אין דער פאַרווירקלעכונג פון די קאָנדיציעס פאַר רעליגיעזער שעפערישקייט אונטער די אומגינסטיקסטע און פאַרענדערלעכסטע אומשטענדן.

דאָס פּראָבלעם פון אידישער רעליגיע אין דער צעשטרייאונג וועט זיין — אַרויסצוברענגען דעם מאַקסימום אידישע ציוויליזאַציע, וואָס איז מעגלעך דרויסן פון פּאַלעסטינאַ — מיט דעם אויסקוק, אַז געוויסע עלעמענטן פון אָט דער ציוויליזאַציע וועלן אַרויסגעהויבן ווערן אַלס סאַנקטאַ, אָדער ציל־פּונקטן, אָדער ציל־אָביעקטן פון רעליגיעזע ווערטן. דאָס איז גאַנץ אַנדערש פון דעם, אַז רעליגיע זאָל ווערן די איינציקע עקספּרעסיע פון דעם קאָלעקטיוון לעבן פון דער גרופּע. מיט דעם שנעלן פּראָצעס פון דיפערענצירונג און פאַרפּיל־פאַכונג, וואָס גייט איצט אָן, קאָן רעליגיע מער ניט דינען אַלס דער איינציקער יסוד פון אידישער אחדות. די שעפערישע מי איינצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע היים טייטלט צו אַנדערע עקספּרעסיעס פון קאָלעקטיוון לעבן, אַ חוץ רעליגיע, וואָס זאָלן דינען אַלס מיטלען צו באַהעפטן דעם אידן מיט זיין פאָלק. דאָ איז אויך אַ צוזאָג, אַז די אידישע רעליגיע וועט זיך אַרויסשלאָגן אַפן וועג פון פרייערער, נאָרמאַלערער אַנטוויקלונג — שוין דורך דעם אליין, וואָס זי וועט זיין בלויז איין געשטאַלט פון אַ פילגעשטאַלטיקן לעבן. די אונטערוואַרפונג פון יעדן מענטשלעכן אינטערעס צו רעליגיע איז פאַרשטענדלעך געוועזן פון שטאַנדפּונקט פון יענע־וועלטיקער אידעאָלאָגיע, וואָס נעמט אָן, אַז דער קריטעריום פון אַלץ, וואָס דער מענטש טוט, איז ווי ווייט זיין טאַט פאַרדינט אים אַ חלק עולם הבא. אָבער פון שטאַנדפּונקט פון ד ע ר וועלט, וואָס נעמט אָן, אַז די וועלט איז ניט קיין פּירהויז, נאָר אַ טעאַטער פאַר דעם מענטשנס זעלבסט־דערפילונג, איז רעליגיע גופא אַ רוף צו אַ פולן, שפּע'דיקן לעבן, וואו דעם מענטשנס אַלע פייאיקייטן זאָלן געבראַכט ווערן צום שפּיל. אַזוי פאַרשטאַנען, איז

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

די ראָלע פון רעליגיע אין מענטשנס לעבן פּראַקטיש די זעלביקע, וואָס די ראָלע פון זעלבסט־באַוואוסטזיין, און ווי דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין דאַרף זי אַרבעטן ניט אין איין המשך, נאָר מיט הפסקות. ראָס איבערפאַרנומען זיין מיט רעליגיע איז ווי איבערפאַרנומענקייט מיט זיך אליין, א סימן פון קרענקלעכקייט.

אין נאָרמאַלן גאַנג דאַרף רעליגיע פאַרנעמען א פּלאַץ זייט ביי זייט מיט סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, וויסנשאַפטלעכע און עסטעטישע טעטיקייטן, און ניט זוכן צו פאַרשאָטענען זיי אָדער צו אונטעראָרדנען זיי צו אירע אייגענע צילן. א רעליגיע, וואָס ווערט גענוצט אַלס דער איינציקער מיטל פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־אויסדרוק, מוז אָדער פאַרהאַלטן ווערן אין איר וואוקס אָדער אריינוואַקסן אין זיך. די גאָט אידייע ווערט אַלץ מער פאַרגליווערט. אירע ריטואַלן אַלץ מער פאָרמאַליזירט און אירע טראַדיציעס נעמען פאַרטונקלען די לעבנס־נויטן פון היינט. דאַרף דערום געמאַכט ווערן צו געבאָט, ס׳זאָלן געפונען ווערן אנדערע אויסדרוק־קאַנאַלן, א חוץ רעליגיע, פאַר דעם קאָלעקטיוון לעבן פון אידישן פאָלק. פּאַראַדאָקסאַל ווי דאָס זאָל נ ט קלינגען, די ספּיריטועלע ווידערגעבורט פון אידישן פאָלק פאָדערט, אַז רעליגיע זאָל אויפהערן צו זיין איינציקע באַשעפטיקונג.

עפנטלעכע עבודה אַן אומבאַדינגט נויטיקער עלעמענט פון פאָלקס־רעליגיע

פאַראַן א מיינונג, אַז עבודה — עפנטלעכע פייערונג — איז יענער עלעמענט אין דער טראַדיציאָנעלער אידישער רעליגיע, וואָס קאָן בשום אופן ווייטער ניט אָנגעהאַלטן ווערן און קאָן מער ניט אריינגעפּאַסט ווערן אין אַ פאָלקס־רעליגיע. דעם מאָדערנעם מענטשן לייגט זיך גאָר ניט אפן שכל, אַז עפנטלעכע עבודה זאָל קאָנען באַהאַנדלט ווערן ווי אַן עלעמענט, וואָס געהערט אומבאַדינגט צו דער גאַנצקייט פון אַ ציוויליזאַציע. דאָך אַן אָביעקטיווע פאָרשונג פון די פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע פאַקטאָרן בנוגע דער שייכות פון עפנטלעכער עבודה צום קולטורעלן לעבן — לאָזט גיכער פאַרויסזען, אַז די ציוויליזאַציעס פון דער צוקונפט וועלן פונקט אַזוי זוכן עקספּרעסיע אין עפנטלעכער עבודה, ווי די ציוויליזאַציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט. די טענדענץ היינט צו טאָג איז צו באַהאַנדלען דעם רעליגיעזן ריטואַל בכלל, און תפילה בפרט, ווי אַן ענין, וואָס איז נוגע בלויז דעם יחיד — עס איז דעם יחיד׳ס פּריוואַט־זאַך. אָט די טענדענץ דאַרף ניט גענומען ווערן צו ערנסט. עפנטלעכע עבודה —

צערמאָניעלע פייערונג — איז צו טיף פאַרוואָרצלט אין דער סאָציאַלער נאַטור פון מענטשן, ער זאָל עס אַזוי לייכט אוועקוואַרפן. כל זמן דאָס פאָלק וועט האָבן ימים טובים און פעסטלעכקייטן צו פייערן דעם אָנדענק פון די גרויסע געשעעניש אין זיין געשיכטלעכער קאַריערע — צו דערמאָנען זיך די נצחונות פון אַמאָל און פונדאַסניי צו באַשטעטיקן זיינע האָפנונגען פאַר דער צוקונפט — אַזוי לאַנג וועט די אינסטיטוציע פון עפנטלעכער עבודה בלייבן. עפנטלעכע עבודה איז דער מיטל, וואָס גיט אַ פאָלק דאָס קאָלעקטיווע באַוואוסטזיין, וואָס פאַראייניקט זיין לעבן און העפט צונויף אַלע זיינע יחידים אין אַן אָרגאַניזירטער גאַנצקייט 15). די פאָרמען פון עבודה מעגן זיך ענדערן, אָבער זיכער איז, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג און עפנטלעכע עבודה וועט צוריק איינגעפירט ווערן אין אַלע נאָרמאַל פונקציאָנירנדיקע ציוויליזאַציעס.

פונקט ווי מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן אַ ציוויליזאַציע אָן ליטעראַטור, אָן מוזיק, אָן אַרכיטעקטור, אַזוי איז אויך אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַ ציוויליזאַציע אָן עפנטלעכע פייערונגען. אידאי דאַרף מען אָננעמען, אַז די רעוואָלוציע, וואָס קומט איצט פאָר אין דעם מענטשנס לעבנס־אַנשויאונגען, וועט אויך ענדערן אונזערע אידייען וועגן דעם צוועק און די מעטאָדן פון עבודה. דאָס איז אַ נאָרמאַלע אַנטוויקלונג, און די ענדערונג, וואָס לאָזט זיך פאָרויסזען, קאָן באַטייטן צוויי זאַכן — אַז אַסך פון די טראַדיציאָנעלע איינגעגלויבטקייטן וועגן דער נאַטור און ווירקזאַמקייט פון תפילה וועלן אוועקפאַלן, און אַז נייע באַגריפן וועגן עבודה וועלן אַרויסשפּראָצן און זיך צעבליען. פונקט איצט לאָזט די קומנדיקע ענדערונג פון זיך וויסן בלויז מיט פאַרלייקענונג. אָבער ווען מענטשן זאָגן, אַז דראַמע, מוזיק און ביכער באַפרידיקן די נויטן, וואָס זיינען פריער באַפרידיקט געוואָרן פון עבודה בצבור, נעמען זיי אָן, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין פילאָזאָפיע און איין מעטאָד פון עבודה— די טראַדיציאָנעלע. זיי באַגרייפן ניט, אַז עבודה באַפרידיקט אַ סאָציאַלן הונגער, וואָס קאָן בשום אופן ניט געשטילט ווערן דורך אינטעלעקטועלער אָדער עסטעטישער טעטיקייט, און אַז עבודה קאָן אָננעמען פילפאַכע פאָרמען.

עס איז גאָר ווייט פון אמת, אַז עפנטלעכע עבודה שיקט זיך ניט מיט מאָדערנעם לעבנסבליק. עבודה האָט אַסך געהויבענערע צוועקן, ווי ברענגען אין באַוועגונג כוחות, וואָס זאָלן דערפילן איינעמס פריוואַטע וואונטשן. יענע געהויבענע צוועקן גייען צוזאַמען

מיט א גאָט־באַגריף, וואָס שליסט אויס, אַז מען זאָל קאָנען ביי אים פועלן זאַכן מיט פרימיטיוון כישוף — אַז מען קאָן אים אונטערקויפן מיט לויב. און אויך דער אויטאָריטעטישער כאַראַקטער פון טראַדיציאָנעלן ריטואַליזם קאָן מער ניט אויפגעהאַלטן ווערן, ווייל עס לאָזט זיך מער ניט גלויבן, אַז כדי עבודה זאָל זיין ווירקזאַם, מוז עס אָננעמען די פאָרם, וואָס איז פאַרגעשריבן פון אויטאָריטעטן, און אַז די מינדסטע אָפּווייכונג פון דער פאָרם איז אפיקורסות און מרידה. אַ געוויסע גלייכאַרטיקייט אין פאָרם איז נויטיק, ווייל עס איז דער סאַמע צוועק פון עבודה צו געבן די שפּירונג פון שותפותן באַוואוסטזיין. אָבער מאַכן פאַר אַ תנאי פון עבודה ניט אָפּצוטרעטן אַף אַ האָר פון איינפאָרמיקייט — מיינט פאַרווערן דעם ספּאָנטאַנעם, פון זיך אַליין אָנגעקוואָלענעם דראַנג צו זעלבסט אויסדרוק 16). דאָס טאָר אודאי ניט דערלאָזן ווערן — אַז פאַרהאַרטעוועטע ליטורגישע פאָרמולעס, וואָס האָבן אויפגעהערט אַרויסצורופן וועלכן עס איז עמאָציאָנעלן ענטפער, זאָלן פאַרצאַמען דעם וועג צו נייע פאָרמולירונגען פון אונזערע ספּירימועלע באַגערן.

עפנטלעכע עבודה ענטפערט אַף צוויי עיקרדיקע באַדערפנישן פון דער מענטשלעכער נאַטור: דאָס באַדערפניש אָפּצוקלייבן און איינהאַלטן אין זכרון יענע אָנבליקען פון דער רעאַליטעט, וואָס מאַכן דאָס לעבן ווערטפול, און דאָס באַדערפניש זיך צו באַהעפטן מיט אַ גאַנצער געמיינדע, וואָס לעבצט נאָכן ווערטפולן לעבן. עפנטלעכע עבודה באַפרידיקט דאָס צוייפאַכע באַדערפניש, ווייל עס באַשטעטיקט די העכערע לעבנסמיינען און די פריאָריטעט פון די מאָראַלישע און ספּיריטועלע ווערטן, און ווייל עס גיט רעאַליטעט, צוועק און זעלבסט־באַוואוסטזיין צום קאָלעקטיוון גייסט פון פאָלק. — די געוויינלעכע אויסזעצונג קעגן דער טראַדיציאָנעלער ליטורגיע איז, אַז זי איז איבערפילט מיט ענדלאָזן לויב צו דער גאָטהייט. אָבער אפילו אָט די אויסזעצונג קאָן לייכט אָפּגעפרעגט ווערן. בלויז בלינדע קנעכטשאַפט צום בוכשטאַב קאָן פאַרפעלן דעם געניוס פון דער פּאָעטישער שיינקייט און מאַיעסטעטיקייט פון די טראַדיציאָנעלע הימנען. אָן ספק, דער פרימיטיווער מענטש האָט געזוכט דורך לויב אַרויסצוקריגן פון דעם גאָט זיינעם טובה׳לאַך פאַר זיך. אָבער אַף די העכערע שטופן פון דער ציוויליזאַציע, ווען דער פרומער האָט געזוכט זיין שבח צום אויבערשטן, האָט ער געזוכט אַרויסצורייידן די אומאויסשפּרעכלעכע פרייד, וואָס ער האָט געשעפּט פון זיין באַהעפטונג מיט אים. דאָס מאָדערנע קענגשטיק צו יענער דערפאַרונג

דער פאָלקס־כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיע

איז דער איינבליק אין דער אל־איינהייט, אין דער שעפערישקייט, אין דער ווערטפולקייט פון לעבן. און דער דראַנג צו געבן אויסדרוק צו אָט דער דערפאַרונג, צוזאַמען מיט אן עולם, וואָס שטרעקט זיך צו גאָט, מיט הערצער אָנגעלאָדענע מיט דעמזעלביקן געפיל פון פאַרוואונדערונג — איז אַ ספּיריטועלע נויטווענדיקייט פאַר דעם נאָרמאַלן מענטשן. ער נויטיקט זיך אין דעם אַלס מיטל צו באַשטעטיקן די לעבנסמיינונג און אַזוי אַרום צו באַנייען און דערפרישן זיין גייסט.

די עיקרים פון דער אידישער עפנטלעכער עבודה

עס זיינען פאַראַן געוויסע פּרינציפּן, וואָס מוזן אָריינגענומען ווערן אין חשבון, ווען מען וויל צוריק איינפירן עבודה אַלס אַ טייל פון דער אידישער פאָלקס־רעליגיע. עס דאַרף פאַרשטאַרקן דאָס אידישע באַוואוסטזיין. עס זאָל גאָר קיין ספק ניט זיין, צו וועלכן טיפּ ציוויליזאַציע און צו וועלכן פאָלק די אידישע עפנטלעכע עבודה פאַררעכנט דעם אידן. עס מוז טייטשן די געטלעכע סובסטאַנץ פון לעבן אין דעם זין, אַז איר מאַניפעסטאַציע אין מענטשן באַקומט זי דורך סאָציאַלן אידעאַליזם. עס דאַרף באַטאָנען דעם הויכן ווערט און די פּאָטענציעלע קרעפטן פון דער אינדיווידועלער נשמה, עס דאַרף געבן קול צו דעם וואונטש פון כלל ישראל צו שטיין אין דינסט פון דער מענטשהייט.

כדי די צילן צו דערגרייכן, וועט די אידישע עבודה מוזן נאָכקומען פאָלגנדיקע קאָנדיציעס: צום אַלעם ערשט, די שפּראַך און די אַטמאָספערע פון דער עבודה זאָלן זיין דורכאויס העברייאיש. די אַרכיטעקטור פון דעם בנין זאָל סימבאָליזירן אידישע ווערטן. דאָס לייענען די תורה, די באַנוצונג פון סימבאָלן, ווי טלית און תפילין, שופר, לולב, דאָס קדיש זאָגן און הבדלה מאַכן, הגם זיי וועלן מער ניט האָבן דעם טעאורגישן, מאַגיש־מיסטישן מיין, וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער פאַרגאַנגנהייט, ווען זיי זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס איבערנאַטירלעך געבאָטענע, אָנגעזאָגטע פון גאָט אַליין — זיינען זיי דאָך ריטועלע פאָרמען, וואָס העלפן צוגעבן דער אידישער עבודה אן אייגנטימלעך אידישן כאַראַקטער. די באַנוצונג פון העברייאיש וועט דערלויבן אסך אַ ברייטערן פאַרנעם, אַ פלינקערע בויגעוודיקייט ביים פאַרפאַסן נייע תפילות — אַזוי אַז די אידישע עבודה, אַנשטאָט צו זיין צוגעשמידט צו פעסטגעזעצטע פאָרמולעס און פאַרעלטערטע אידייען, וועט קאָנען אי מיטהאַלטן דעם פאָרשריט פון געדאַנק און

גייסט, און דאָך ניט ווערן דורך דעם וועניקער אידיש. „אפילו פער־פעקציע", שרייבט וויטהעד, „קאָן ניט פאַרטראָגן די לאַנגווייל פון ענדלאָזע איבער'חזר'ונגען". און דערצו נאָך: ווען די סינאַגאָגע זאָל פאַרביטן העברייאיש מיט דער גערעדטער שפּראַך, וועלן די אידן פון איין לאַנד ניט קאָנען מיטמאַכן די עבודה מיט די אידן פון אַ צווייטן לאַנד.

צווייטנס, וועט די עבודה דאַרפן זיין העכסט עסטעטיש. אַזוי ווי די ווירקזאַמקייט פון עבודה קומט הויפּטזעכלעך פון איר עסטעטישן אַפּיל, וועט די סינאַגאָגע מוזן מאָביליזירן די פולע שעפערישע פּייאַקייט פון דעם אידן. די טאַלענטפולע אידישע אַרכיטעקטן, מוזיקער, פּאָעטן, דראַמאַטורגן וועלן דאַרפן דערמוני־טערט ווערן צו שאַפן פאָרמען, וואָס זאָלן פאַרקערפּערן די אידייען, וואָס זוכן אויסדרוק אין דער אידישער עבודה. פאָלקס־רעליגיע מוז איבערזעצט ווערן אין פּאָעזיע, מוזיק, דראַמע און אין די פּלאַסטישע קונסטן. — דריטנס, דער אינהאַלט פון אידישער עבודה זאָל האָבן צו טאָן ניט נאָר מיט דער פאַרגאַנגנהייט, נאָר אויך מיט די איצטיקע אינטערעסן, קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע, פון דעם אידן. די ווי־דערגעבורט פון אידישן גייסט און די ווידעראויפריכטונג פון פאַר־צייטיקן הײמלאַנד דאַרפן פאַרנעמען דעם אויבן אָן אין ריטואַל. אויך די שטרעבונג נאָך פרידן, גערעכטיקייט, פרייהייט דאַרפן קריגן אַ באַשטימטע"ע, אויסגעשפּראָכענערע עקספּרעסיע, ווי ס'לאָזן אונז הערן אונזערע איצטיקע תפילות פאַר דעם גיכן קומען פון גאָטס קעניגרייך.

און די אויפגאַבע פון מאָדערנעם יודנטום דאַרף זיך ניט פאַרענדיקן מיט דער ניי־איינשטעלונג פון דער פאָלקס־רעליגיע. וואָס שטאַרקער מיר שטעלן דעם טראָפּ אויף פאָלקס־רעליגיע, אַלץ נויטיקער איז פאַר אונז צו זיין געוואָרנט קעגן אַ הויפּט־מיסברויך, צו וועלכן פאָלקס־רעליגיע איז אויסגעשטעלט — זי איז נוטה פאַרשכורט צו ווערן מיט די עקסטאַזן פון געהייליקייטן שאָוויניזם. עס איז קלאָר, אַז וואָס פאַר אַ הויכן עטישן שטאַנדאַרט די פאָלקס־רעליגיע זאָל ניט זוכן אויפצוהאַלטן פאַר די מיטגלידער פון דער גרופּע אין זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען, איז קוים צו דערוואַרטן, אַז זי, די פאָלקס־רעליגיע גופא, זאָל אַריבערשטייגן די באַגרעניצטקייטן פון פאָלקס מאָראַלישער מדרגה. דאַרף די פּערזענלעכע רעליגיע, מיט איר עלעמענט פון אוניווערסאַליזם, גערופן ווערן צו הילף אויף צו קאָנטראָלירן און קאָרעגירן די פאָלקס־רעליגיע. דערצו נאָך דאַרפן

דער פאָלקס־כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיע

מיר געדענקען, אַז פאָלקס־רעליגיע באַוועגט זיך אומפאַרמיידלעך אַף דעם פלעין פון מאַסן־פאַרשטאַנד און המון־עמאָציעס. זי קאָן ניט אָטעמען אין יענע ספערן פון מיסטיציזם, וואו דער העכערער אינטעלעקט באַוועגט זיך פריי. אַזוי ווי דער מאָדערנער מיסטיציזם זעצט פאָרויס אַ פיין געשולטן מעטאַפיזישן באַנעם פון דער רעאַליטעט, וועלן דער פאָלקס־רעליגיע אויספעלן יענע מעטאַפיזישע און מיסטישע עלעמענטן, אָן וועלכע דער מער אַנטוויקלטער גייסט קאָן זיך ניט באַגיין. אמת, פערזענלעכע רעליגיע קאָן ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון פאָלקס־רעליגיע; אָבער זי קאָן און מוז זיין אַ צוגאָב צו איר. ביז אַהער האָט קיין ציוויליזאַציע ניט געמאַכט וועלכן ס'איז ביטראַג צו דער לייזונג פון פּראָבלעם: — ווי אַזוי צו באַלאַנסירן די פונקציעס פון פאָלקס־רעליגיע און פערזענלעכער רעליגיע צו זיכערן אַ קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונג פון זייער ביידנס טובה וועגן. דאָ איז אַ געלעגנהייט פאַר דער אידישער ציוויליזאַציע ווידער אַמאָל שעפעריש צו ווערן אַף אַ געביט פון מענטשלעכן לעבן, וואָס איז שוין באַרייכערט געוואָרן דורך אירע דערגרייכונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

קאַפּיטל פיר

די אנטוויקלונג-שטופּן פון דער אידישער רעליגיע

נויטיק אַ נייער צוגאַנג צו דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיע

דער עבר איז תמיד מיט אונז; אונזער באַגריף וועגן עבר באַווירקט ניט נאָר די קעגנוואַרט, נאָר באַדינגט אויך די צוקונפט. לויט זאַנגוויל׳ס אויסדרוק: — „מיר קאָנען קיינמאָל ניט זען די צוקונפט גלייך, ביז מיר פּלאָנטערן ניט פונאַנדער דעם עבר". פאַר די מערסטע אידן פון היינט איז דער עבר קוים עפּעס מער ווי אַ שטיק נעפּל, אַ פלעק פון תוהו ובוהו. אמאָליקע צייטן האָט יעדער איד געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטן באַגריף ווי יודנטום איז געוואָרן, און לויט דעם באַגריף האָט ער געקאָנט זיך צורעכטמאַכן אַ פּלאַן פאַר דער צוקונפט פון יודנטום. אָבער איצט ווען די אידן קאָנען ניט אָננעמען דעם טראַדיציאָנעלן נוסח פון דעם אורשפּרונג און דער אנטוויקלונג פון זייער רעליגיע און וויסן ניט פון קיין אַנדער נוסח פאַר אַ במקום, וואָס זאָל זיי געבן אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיווע, האָבן זיי קיין מיטל ניט אָפּצומעסטן די אידישקייט פון דער אָדער יענער פאָרם פון רעליגיע, וואָס זיי זיינען נוטה צו קולטיווירן.

דער מאָדערנער איד וועט ניט קענען זיך באַהעלפן מיט דער פאַרגאַנגענהייט ווי מיט אַ מיטל, וואָס זאָל מאַכן דעם אידישן היינט פול באַדייטונג און די אידישע צוקונפט ווערטפול, ביז ער וועט ניט איבערטייטשן די טראַדיציאָנעלע אידייען וועגן דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און זיך אויסאַרבעטן אַ געבונדענעם און אָרגאַניש פאַרשטענדעניש, ווי אַזוי זיין פאָלק האָט זיך איינגעשאַפּט אַזאַ איינציקאַרטיקע רעליגיע. אין יעדן פאַרזוך צוריק אויפצושטעלן די פאַרגאַנגענהייט מוזן זיכער בלייבן איבערגעריסן. אָבער כל זמן זיי לאָזן זיך אריבערשפּאַנען מיט דער·הילף פון שכלדיקע השערות, קאָנען זיי ניט אַזאַ שטערעניש זיין, ווי ווען זיי ווערן פאַררעדט מיט מעשיות וועגן נסים. לויט דעם טראַדיציאָנעלן נוסח פון אידישער געשיכטע קומט אויס, אַז די אבות, משה רבנו, די נביאים און די תלמידי חכמים האָבן אין עצם זיך געהאַלטן ביים זעלביקן באַגריף פון גאָט און האָבן געזוכט נאָכצוקומען דעמזעלביקן געזעץ, סיי מאָראַ-

לישן און סיי ריטועלן. דער שטאנדפונקט שטימט מיט דער געטלעך־מאגישער אויפפאסונג פון דער אידישער רעליגיע, וואס נעמט אן גאטס איבערנאטירלעכע אריינמישונג אין מענטשנס עסקים. דער מאדערנער איד אבער געפינט פאר אוממעגליך אט דעם שטאנד־פונקט אנצונעמען.

כדי צו פאראנשוילעכן די פארגאנגענהייט פון דער אידישער רעליגיע, דארפן מיר זיך באדינען מיט דער רעקאנסטרוקציע פון דער אידישער געשיכטע, וואס דאס וויסנשאפטלעכע שטודיום פון דער ביבל און דער נאך־ביבלישער ליטעראטור האט מעגלעך געמאכט 1). די אידישע פארגאנגענהייט איז ניט רעסטאווירט געווארן אין אלע אירע איינצייליהייטן. די וויסנשאפטלעכע רעקאנסטרוקציעס אונטער־שיידן זיך צווישן זיך און זיינען ביז א היפשן גראד געשטיצט אף סברות. פאר אונזער צוועק, פונדעסטוועגן, וועט גענוג זיין אנצונעמען יענע גרונט־אידייען, וואס זיינען געווען פעסטגעשטעלט געווארן דורך וויסנשאפטלעכער פארשונג און וועגן וועלכע עס הערשט איינשטי־מיקייט צווישן די פארשער. אט די גרונט־אידייען קאנען צונויפ־גענומען ווערן אין דער הנחה, אז די געשיכטע פון דער אידישער רע־ליגיע איז די געשיכטע פון דריי טיפן אדער שטופן פון רעליגיע, וואס איין שטופע גייט איבער אין דער אנדערער אזוי בהדרגהדיק, אז די ענדערונגען אין דער גאט־אידייע זיינען פאר א לאנגער צייט געבליבן אומבאמערקט. ערשט גאר לעצטנס איז דער דינאמישער כאראקטער פון דעם המשך פון דער אידישער רעליגיע דערקענט געווארן.

וואס עס ווערט געמיינט מיט דינאמישן המשך פון דער אידישער רעליגיע, קאן ערשט קלאר געמאכט ווערן דורך א וויפיל ניט איז דעטאלירטן איבערבליק איבער די פארוואנדלונגען, וואס די אידישע הויפט־גלויבונגען האבן דורכגעמאכט דורך די פארשיידענע שטופן פון זייער אנטוויקלונג. דער געדאנק אליין, אז רעליגיעזע גלויבונגען קענען ענדערן זייערע פארמען, טיילט זיי אוים אין א קלאס פאר זיך, וואס איז פארשיידן סיי פון די איבערנאטירלעך אנטפלעקטע און סיי פון די דורך דער פארנונפט אנטדעקטע אמתן. אזא קוק אף רעליגיעזע גלויבונגען קאן נאר געמאלט זיין, ווען רעליגיע ווערט באטראכט ווי א גרונט־עלעמענט פון ציוויליזאציע, וואס גייט דורך דיזעלביקע ענ־דערונגען, ווי די ציוויליזאציע גופא.

די טראדיציאנעלע אויפפאסונג פון דער אידישער רעליגיע שטאמט פון דעם פשט פון דעם באריכט, וואס איז געגעבן אין חומש

און פון די פירושים צום פשט, צוגעגעבן דורך דורות סופרים, תלמידי חכמים און מפרשים, וואָס ביז ניט לאַנג צוריק זיינען זיי געווען די פורעמער פון אידישן באַוואוסטזיין. לויט אַט דעם באַריכט האָבן ישראלס אידייען וועגן גאָט, זיינע רעליגיעזע עמאָציעס און טואונגען געהאַט זייער אורשפרונג אין א סעריע פון גאָט־מאַניפעסטאַציעס. די מאַניפעסטאַציעס זיינען געווען ספּעציעלע אויס־נאַם־געשעעענישן אין לעבן פון געוויסע אויסדערוויילטע יחידים. אין איין פאַל האָט גאָט זיך אַנטפּלעקט צום גאַנצן פאָלק און אים מיט־געטיילט זיין ווילן. אין ליכט פון דער טראַדיציע איז ניט ריכטיק צו ריידן וועגן דער עוואָלוציע פון דער אידישער רעליגיע. הגם די רע־ליגיעזע אידייען, עמאָציעס און געוווינהייטן פון דער מאַיאָריטעט פון פאָלק ישראל האָבן אָן ספק זיך געביטן אין פאַרלויף פון די יאָרהונ־דערטער, ווערן אָט די וואַריאַציעס אויסגעטייטשט פון דער טראַדיציע, ווי בלויז אָפּווייכונגען פון דער נאָרמע, וואָס איז איינמאָל פאַר אַלע־מאָל געגעבן געוואָרן, ווען גאָט האָט מיטגעטיילט זיין געזעץ צו משהן אפן בארג סיני. און ווען מיר געפינען מיינונגס־פאַרשיידנקייט אין ענינים פון ריטועלע און אַנדערע געזעצן אין דער תלמודישער פעריאָדע, איז די דערקלערונג דערויף, אַז די געזעצן וואָס גאָט האָט מיטגעטיילט צו משהן זיינען פאַרגעסן געוואָרן דורך די פילע קאַ־טאַסטראָפעס, וואָס זיינען באַפאַלן דאָס אידישע פאָלק.

דער טראַדיציאָנעלער גלויבן, אַז די אידישע רעליגיע איז פאַר־בליבן דיזעלביקע זייט זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אפן בארג סיני, קאָן מער ניט אויפגעהאַלטן ווערן און מוז פאַרביטן ווערן מיט דעם עוואָלוציאָנערן באַגריף פון איר אורשפרונג און וואוקס. לויט אַט דעם באַגריף איז דער גאַנצער געפּלעכט פון אידייען און מעשים, וואָס קאָנצענטרירן זיך אַרום גאָט־גלויבן, דורכגעגאַנגען גראַדנווייזע, אָבער גרינטלעכע און ראַדיקאַלע ענדערונגען. די פּאַרצייטיקע, אַזוי ווי עס האָט זיי געמאַנגלט אין היסטאָרישער פאַרשטענדניש און פּערספּעקטיווע, פלעגן די כראָניקעס פון זייער פאַרגאַנגנהייט לייענען אין די טערמינען פון זייער היינט 2). די וויסנשאַפטלעכע אונטער־זוכונג אָבער, באַוואפנט מיט דעם היסטאָרישן מעטאָד און מיט די מיטלען פון פאַרגלייכלעכע פאָרשונגען, קאָן יאָ ארויסקריגן פון די כראָניקעס געגנוג פון דעם ווירקלעכן גייסטיקן און סאָציאַלן הינ־טערגרונט אף צו קאָנען וואַרפן א באַלייכטונג אף די טרוקענע פאַקטן. אפן סמך פון דער וויסנשאַפטלעכער אונטערזוכונג ווערט איצט אַל־געמיין אנערקענט, אַז דריי פאַקטאָרן האָבן זיך מיטבאַטייליקט אין

די אַנטוויקלונג־שטופן פון דער אידישער רעליגיע

דער אויספורעמונג פון דער אידישער רעליגיע: — ערשטנס, אין אונטערשיכט פון רעליגיע, וואָס די בני ישראל האָבן געהאַט בשותפות מיט די אַנדערע מזרח־פעלקער; צווייטנס, אין איינציקאַרטיקע קאָמבינאַציע פון היסטאָרישע אומשטענדן; און דריטנס, די רעליגיעזע גאונות פון ישראלס גייסטיקע פירער און נביאים, אָנהייבנדיק פון משה רבינו.

די אידישע רעליגיע איז אַזוי ווייט פון אומפאַרענדערלעכקייט, אַז אַ כראָנאָלאָגישער איבערבליק דעקט אויף דריי אָפּאַרטע סיסטעמען פון גלויבונגען און טואונגען, אַזוי פאַרשיידן איינע פון דער אַנדערער, אַז זיי קומען פאָר ווי פאַרשיידענע רעליגיעס. נאָר ווייל דורך דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיע זיינען די מערסטע הייליקטימער (סאַנקטאַ) געבליבן די זעלביקע און ווייל עס איז געווען אַן אומאונטערבראָכענער המשך אין דער ציוויליזאַציע פון אידישן פאָלק, האָבן די דריי טיפּן אַזוי אומבאַמערקט זיך איבערגעשמאָלצן איינס אין אַנדערן, אַז זיי גיבן די אילוזיע פון אַ אידישער רעליגיע וואָס איז אידענטיש אין פאָרם און אינהאַלט פון אָנהויב ביז היינט צו טאָג. אָבער אויב די דריי סיסטעמען פון רעליגיעזע גלויבונגען און טואונגען זיינען ניט קיין דריי באַזונדערע רעליגיעס, זיינען זיי זיכער דריי באַזונדערע שטופן פון איין רעליגיע. עס איז אוממעגלעך צו באַצייכענען די גענויע דאַטע פון יעדער שטופע, אָבער אין גרויסן גאַנצן גענומען, קאָן דער פעריאָד פון בית ראשון באַצייכנט ווערן אַלס די ערשטע שטופע, דער פעריאָד פון בית שני — אַלס די צווייטע שטופע. און די אַכצן יאָרהונדערטער, וואָס זיינען פאַרביים־געגאַנגען דער מאָדערנער צייט, קאָנען באַצייכנט ווערן אַלס די דריטע שטופע פון דער אידישער רעליגיע.

די פאָלקס־גאָט־שטופע פון דער אידישער רעליגיע

א) דער שטרייט צווישן די סינקרעטישע און אַנטי־סינקרעטישע טענדענצן

ווען די בני ישראל זיינען אריין אין לאַנד כנען, האָבן זיי געבראַכט מיט זיך רעליגיעזע טראַדיציעס און געזעצן, וואָס האָבן זיי אָפּגעשיידט און אָפּגעטיילט פון דער איינגעבאָרענער באַפעלקערונג. די טראַדיציעס האָבן געהאַט פאַר זייער הויפּט־טעמע די וואונדער פון גאָט יהוה, וועמעס וואוינאָרט איז געווען די געגנט פון סיני

אָדער חורב, און מיט וועמען זיי האָבן געהאַט געשלאָסן א ברית אין פאַרלויף פון זייערע וואַנדערונגען אין מדבר. די באַדינגונגען פון דעם ברית זיינען געווען, אַז ער וועט זיין זייער גאָט, וועט פירן זייערע מלחמות און זיי באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן און זיי דער־פאַר וועלן אים זיין געטריי און געהאָרכן זיינע געבאָטן. און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַן ארון, וואָס איז געווען דער סימבאָל פון זיין אָנוועזנהייט צווישן זיי און א דערמאָנונג אָן דעם ברית, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט אים.

צוזאַמען מיט אַט די איינציקאַרטיקע עלעמענטן פון זייער רעליגיע האָבן די ישראלים געטיילט די רעליגיעזע באַגריפן און פּראַק־טיקעס, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יונגער מענטשהייט אויף יענער שטופע פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג. זיי האָבן נאָך איינגע־האַלטן די רעשטן פון אַנימיזם (נאַטור־פאַרלעבעדיקונג): זיי האָבן געהאַט זייערע הייליקע ביימער, הייליקע קוואַלן, הייליקע שטיינער און בערג; זיי האָבן געהאַט זייערע גייסטער־געשטאַלטן און מי־טאָסן; זיי האָבן פּראַקטיצירט מאַגיק און די אַלע קונסטן פון גייסטער־זעעריי; זיי האָבן געהאַט חרם׳ס און קרבנות. אַט דער גאַנצער קנויל פון רעליגיעזע פּראַקטיקעס, צוזאַמען מיט די פּירושים, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף זיי, איז לכתחילה געווען א טייל פון זייער יהוה־רעליגיע. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין כנען, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז די איינגעבאָרענע פאַרנעמען זיך מיט ענלעכע פּראַקטיקעס, מיט דער נפקא מינה בלויז, וואָס יענע האָבן זיך באַרופן אויף די פאַרשיידענע אָרטיקע בעלים, אַלס אויטאָריטעט און סאַנקציע פאַר זייערע מיהגים און געזעצן. האָט דאָ גלייך זיך אָנגעהויבן א טאָפּלטער פּראָצעס — פון סינקרעטיזם (צונויפהעפטונג) און ווידערשטאַנד צו סינקרעטיזם — מיט אַנדערע ווערטער — פון רעליגיעזער אַסימילאַציע און אַנטי־אַסימילאַציע. פון איין זייט האָט געלויערט די געפאַר, אַז די אינדיווי־דואַליטעט פון יהוה וועט זיך צונויפשמעלצן מיט די בעלים. פון דער אַנדער זייט איז אויפגעקומען א באַוועגונג אַרויסצוהויבן די אינדיווי־דואַליטעט פון יהוה דורך פאַרדאַמען די בעלים און דורך רימען די גבורות, וואָס יהוה האָט געטאָן פאַר די ישראלים, וועלכע זיינען דאַרום אים שולדיק אַן אייביקן חוב. אַט די קעגן־באַוועגונג איז אָנ־געפירט געוואָרן פון די יעניקע, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט גע־ווען אין שטאַרקן דעם אחדות בונד צווישן די שבטים פון ישראל. אַזוי ווי די אַנטשלאָסנקייט צו פאַרבלייבן אין פּערמאַנענטן באַזיץ פון לאַנד איז כסדר געשטיגן, האָבן די שבטים גראַדנווייז זיך צונויפ־

געשטעלט אין אַ נאַציע, וואָס האָט זיך אָנערקענט אַלס דאָס פאָלק פון יהוה.

הגם די ישראלים האָבן צייטנווייז געהאַט דאָס באַוואוסטזיין, אַז יהוה איז די גאָטהייט, וואָס גיט זיי כוח בייצוקומען זייערע שונאים און איז דאַרום באַרעכטיקט געווען צו זייער אומגעטיילטער געטרייהייט, דאָך איז זייער באַגריף וועגן אים צו דער צייט פון זייער באַזעצן דאָס לאַנד ביז גאָר פרימיטיוו. מיר געפינען, אַז יפתח שרייבט צו צו יהוה דיזעלביקע ראָלע, וואָס מואב האָט צוגעשריבן צו כמוש 3), און אַז ער האַלט עס פאַר אַ מוז מקריב צו זיין זיין טאָכטער, ווייל ער האָט זיך אַ נדר געטאָן מקריב צו זיין צו יהוה דאָס ערשטע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס וועט אים אנטקעגנ־קומען נאָך אַ זיגרייכן צוריקקער 4). אַז בילדער פון יהוה זיינען אין יענער צייט באַטראַכט געווען פאַר דערלויבט איז צו זען פון די געשיכטעס מיט גדעון און מיכה 5). די מעשה מיט דעם פסל, וואָס מיכה האָט געמאַכט, איז אַן אויפלויכטנדיקע אילוסטראַציע אויף דער יהוה־רעלי־גיע אין די טעג פון די שופטים.

די כנענישע הייליקע ערטער פון שכם, חברון, בית אל, באר שבע, זיינען גראַדנווייז אַריבער אונטער דעם רשות פון יהוה 6). צו באַרעכטיקן די איבערטראָגונג זיינען אויפגעקומען טראַדיציעס וועגן גאָט־מאַניפעסטאַציעס, וואו יהוה ווערט פאָרגעשטעלט ווי ער אַנט־פּלעקט זיך צו די אבות און די גרינדער פון דער נאַציע. אין אַלע אַנדערע פּרטים זיינען די פריערדיקע בעל־קולטן איינגעהאַלטן געוואָרן כמעט אינגאַנצן. די הייליקע זיילן, שטיינער, געצן־בילדער, וואַרשיינלעך אין געשטאַלט פון אָקסן, אַלע לכתחילה געהייליקט צו די פאַרשיידענע בעלים, זיינען אומגעוואַנדלט געוואָרן אין הייליקע סימבאָלן פון יהוה.

א זייער באַדייטונגספולע פאַרשטאַרקונג פון יהוה־באַגריף, וואָס האָט באַשטימט די גאַנצע צוקונפט פון יהוה־דינסט, איז געקומען פון פאַקט, וואָס יהוה איז צוגעשריבן געוואָרן די קראַפט פון אַ רעגן־געבער. די קראַפט האָט געמוזט אים צוגעטיילט ווערן, אַניט וואָלט ער פאַרבליבן אויסשליסלעך אַ מלחמה־גאָט. יהוה האָט גע־דאַרפט איבערנעמען די פונקציעס פון די נאַטור־געטער, כדי צו מאָנאָפּאָליזירן די געהאָרכזאַמקייט פון ישראל. די טענדענץ צוצו־שרייבן יהוה רעגן־געבנדיקע קראַפט האָט אָן ספק זיך אָנגעהויבן פון דעם מאָמענט זינט די בני ישראל האָבן איינגעגלידערט די אַגריקול־טורעלע ימים טובים אין זייער גאָטעסדינסט צו יהוה. אָבער דער

קאָנקורענץ־קאַמף צווישן אים און די נאַטור־געטער פאַר דעם טיטל רעגן־געבער איז ענדגילטיק ניט אויסגעקעמפט געוואָרן, ביז האַרט פאַרן חורבן פון בית ראשון ד).

דורך די אַלע פורעמונגס־יאָרן פון ישראלס רעליגיע איז עס הויפטזעכלעך געווען דער ארון הברית, וואָס האָט אויפגעהאַלטן ביים לעבן דעם אונטערשייד צווישן יהוה און די בעלים. אָן דעם ארון וואָלט יהוה איבערגענומען די כאַראַקטער־שטריכן פון די כנענישע גאָטהייטן פונקט אַזוי פולשטענדיק, ווי ער האָט איבערגענומען זייערע גאָטעסדינסטן, און די ישראלים וואָלטן העכסט וואַרשיינלעך פאַר־געסן, אַז זיי זיינען ווען עס איז אַריינגעדרונגען אין כנען, און וואָלטן געגומען קוקן אַף זיך, ווי זיי וואָלטן דאָ געזעסן אפן לאַנד מקדמונים. די צונויפשמעלצונג מיט די איינגעבאָרענע וואָלט געווען אַזוי פולשטענדיק, אַז די ישראלים וואָלטן אויפגעהערט זיך צו באַ־טראַכטן ווי אַ באַזונדער פאָלק. פאַרצייטן האָט קיין פאָלק ניט גע־קאָנט איינהאַלטן זיין באַזונדערקייט פאַר אַ לענגערער צייט, סיידן די גאָטהייט, די צענטראַלע פיגור פון פאָלקס לעבן, איז בכוח געווען צו באַשטיין קעגן דער אַסימילירנדיקער טענדענץ, וואָס האָט געזוכט זי צונויפשמעלצן מיט וועלכער עס איז פרעמדער גאָטהייט. און ווען די ספּעציעלע זכרונות, וואָס זיינען פאַרבינדן געווען מיט יהוה אַלס גאָט פון באַרג סיני און אַלס אויסלייזער פון פאָלק ישראל, וואָלטן אָפּגעווישט געוואָרן דורך דער שטייגנדיקער טענדענץ צו אַסימילירן אים מיט אַ בעל, וואָלט אפילו דער נאָמען יהוה אין גיכן פאַרגעסן געוואָרן, און מיט אים די אינדיווידואַליטעט פון ישראל אַלס אַ פאָלק. און איינס פון די הויפּט מיטלען אַף ניט צו דערלאָזן דערצו, איז געווען דער ארון, וואָס האָט געדינט ווי אַ צענטער און ווי אַ סימבאָל פון דער קאָלעקטיווער אינדיווידואַליטעט פון ישראל.

דער ארון הברית, ווי דער ממשותדיקער באַווייז פון יהוה'ס אָנוועזנהייט, האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר דעם אויפשטייג פון ערשט־ראַנגיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן גענומען אַף זיך די עובדה איינצושאַרפן אין די מוחות די איינציקאַרטיקייט און אומפאַרגלייכ־לעכקייט פון יהוה און די ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אין אויס־לייזן דאָס פאָלק ישראל פון מצרים. דער דראַנג צו נאַציאָנאַלער איינהייט האָט געהאָלפן צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער לאָיאַליטעט צו יהוה. אָבער פאַר דער פאַרטיפונג און פאַרגייסטיקונג פון יהוה־באַגריף האָבן מיר צו דאַנקען דער אומאיבערטראָפענער רעליגיעזער גאונות, וואָס האָט געפונען איר פאַרקערפערונג אין אַ לאַנגער ריי

גרויסע פירער, קריגער און פראפעטן. דער ערשטער פירער נאך דער באזעצונג פון לאנד, וואס האט געגעבן דעם איניציאטיוו-שטויס צו דעם סינטעז פון ישראלס אחדות מיט געטריישאפט צו יהוה, איז געווען שמואל הנביא, וועלכער האט אנגעהויבן זיין קאריערע אלס זעער, אדער נביא פון יהוה, ביים היילקטום פון שילה.

דוד המלך האט געטאן מער ווי וועלכער עס איז אנדער פירער אין די פריע יארן פון ישראלס געשיכטע, אויפצוהויבן דעם פרעס־טיזש פון פאלק ישראל און פון פאלקס גאט יהוה. דאס וואס האט אויסגעזען ווי אן אומארמיידלעכע מפלה האט ער פארוואנדלט אין א שיינענדיקן נצחון. ער האט גענומען א לייז-פעדערירטע גרופע פון שבטים, צעריסענע פון קנאות און דעמאראליזירטע פון די אומאויפ־הערלעכע קלעפ מצד א מעכטיקן שונא, און האט זיי צונויפגעהאפטן אין א זיגרייכער נאציע און האט אויסגעשפרייט אירע גרעניצן. האבנדיק דאס אלץ דערגרייכט אין נאמען פון יהוה, איז דוד געווארן דער סינאנים פון א אידעאלן מלך, דעם געזאלבטן פון יהוה (משיח ה׳)

זייער באגריף וועגן יהוה איז אין אסך פרטים לכתחילה געווען ניט מער ספּיריטועל, ווי דער באגריף פון די אנדערע פעלקער וועגן זייערע געטער. ער איז באטראכט געווארן ווי א מעכטיקער גאט, וואס לאזט וויסן וועגן זיין מאכט גאנץ אפט דורך חורבנות — דורך שטורעמס, ערדציטערנישן, מגפות, הונגער און טריקעניש 8). עס איז אפילו געווען ניט אומגעווינלעך צוצושרייבן די בייזע מעשים פון מענטשן צו יהוה׳ס אנרעגונג 9). עס איז אנגענומען געווען, אז אין זיין באציאונג צו איינצעלנע מענטשלעכע באשעפענישן ווייזט ער ארויס א היפש ביסל מוטוויליקייט 10) — אזוי, אז פאר דעם מענטשן איז גאר שווער געווען צו וויסן, וואס ער האט צו דערוואַרטן פון אים, אדער ווי אזוי אפצואווענדן זיין צארן 11).

אנטקעגן די צוויי נאר וואס געבראכטע שטריכן — בייזע גבורה און מוטוויליקייט — האט יהוה אבער פארמאגט צוויי אויסגעצייכנטע מעלות, וואס האבן מעגלעך געמאכט פאר די גייסטיקערע מענטשן אין ארץ ישראל פון א שפעטערדיקן טאג צו זען אין יהוה דעם גאט פון גערעכטיקייט און רחמנות קודם און בעיקר. איינע איז געווען זיין זארגזאמקייט וועגן דעם וואוילזיין פון ישראל; וואס דאס האט גע־שטאמט פון זיין סטאטוס אלס גאט, ווארום זיין געטלעכקייט איז דאך געווען געשטיצט אף זיין פארהעלטניש צום פאלק ישראל. ער איז ניט נאר געווען פארפליכטעט דערצו דורך דעם ברית, מיט וועלכן ער האט זיך אליין געבונדן, צו באשיצן דאס פאלק קעגן זיינע שונאים

און צוצושטעלן אים אלע נויטיקייטן. ער האט עס נאך מער געטאן אוים איבערפלוס פון גנאד און ליבשאפט. די צווייטע מעלה איז גע־ווען גערעכטיקייט, וואס דאס האט מען געזען זיך אנטפלעקן אין זיין איינשטעלן זיך פאר שוואכע און הילפלאזע קעגן זייערע בארויבער און באדריקער און אין זיינע געבאטן, וואס האבן פארגעשריבן יושרדיקע האנדלונג. דאס זיינען געווען די צוויי מעלות אין יהוה׳ס כאראקטער, וואס די פרומע און איבערגעגעבענע האבן כסדר אונ־טערשטראכן און וואס אף דעם סמך האבן זיי אויפגעפאדערט דאס פאלק ישראל צו געטרייהייט און געהארכזאמקייט.

ב) דער אורשפרונג פון „טאג פון יהוה"

די נצחונות פון דוד המלך האבן צוגעטראגן א נייעם אימפעט צו דער גלאריפיקאציע פון יענע געשעעניש, וואו דער גאט פון ישראל האט פיגורירט אלס דער אויסלייזער פון ישראל פון מצרים. דאס נאציאנאלע באוואוסטזיין, וואס די קנאים פון יהוה האבן ניט אויפגעהערט צו וועקן אין זייער באמיאונג ניט צו דערלאזן דאס פאלק זאל כנעניזירט ווערן, איז דורך דוד׳ס נצחונות פארשטארקט געווארן, און א נייע האפענונג איז געבארן געווארן: די האפענונג אז דער גאט פון ישראל וועט באווייזן זיין גבורה אפן זעלביקן ווירק־זאמען אופן ווי אין די טעג פון יציאת מצרים — אבער אף א פיל גרעסערן מאסשטאב, אזוי אז אלע קעניגרייכן אף דער ערד וועלן אנערקענען יהוהס הערשאפט און וועלן אים אננעמען פאר זייער גאט. און דאס וועט זיין דער „טאג פון ה׳". אן אומבאדינגטער טייל פון דער גאט־מאניפעסטאציע וועט זיין די אומבאשטריטענע אויבערמאכט פון ישראל. נאך דעם אלעמען, וואס דוד המלך האט באוויזן צו דערגרייכן אין באפרייען דאס פאלק ישראל פון אלע זיינע שונאים און אין אויסשפרייטן די גרעניצן פון זיין לאנד איבער אלע דערוואַרטונגען, איז דער פראספעקט פון אזא קינפטיקער אויי־בערמאכט בשום אופן ניט געווען קיין פוסטער חלום. די צעטיילונג פון קעניגרייך און די נאכפאלגנדיקע קאטאסטראפעס האבן נאך מער פארשארפט די בענקשאפט נאך דעם „טאג פון ה׳". אין די טעג פון ירבעם דעם צווייטן, ווען דאס מזל פון ישראל האט זיך ווידער א הויב געטאן און עס האט אויסגעזען, אז די גלאריע פון דודס קע־ניגרייך האט ווידער אויפגעשטייגט, איז די זיכערקייט אין דעם קומען פון דעם „טאג פון ה׳" באנייט געווארן.

אבער די איבערצייגונג, אז עס וועט קומען א צייט, ווען גאט פון ישראל וועט מאניפעסטירן זיין געטלעכקייט צו דער גאנצער

וועלט, איז געווען א שווערד מיט צוויי שאַרפן. וואָרום די באַהויפּ־טונג, אז דער גאָט פון ישראל וועט אין א צוקינפטיקן טאָג זיך אָפּ־רעכענען מיט ישראלס שונאים, ווי ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט פּרעה'ן, האָט געדאַרפט קלינגען מיט מאָדנער איראָניע אין א צייט, ווען ישראלס שטערן פלעגט אַראָפּנידערן אָדער ווען עס פלעגן זיך באַווייזן די סימנים פון א שטורעם, וואָס וועט באַלד אויסברעכן איבערן פאָלק. אין יענע קריטישע צייטן זענען די אַקטיוווסטע קנאים פון יהוה אַרויסגעקומען מיט א נייער אינטערפּרעטאַציע פון דעם „טאָג פון ה'". עמוס, הושע, ישעיה, מיכה האָבן געפּלעפט זייערע צייטגענאָסן מיט דער איבערראַשנדיקער נבואה, אַז ווען דער גאָט פון ישראל וועט אָנהויבן זיין זיכטבאַרע אויבערהערשאַפט איבער דער וועלט, וועלן די ערשטע צו דערפילן די דערשיטערונג פון דער נייער וועלט־אָרדנונג זיין די קינדער פון זיין אייגן פאָלק. ער וועט רייניקן זיין אייגן פאָלק פון די, וואָס זיינען אים געווען אומגעטריי און האָבן געחוזקט איבער זיינע געזעצן פון יושר, צדק און צניעות.

עס קאָן געזאָגט ווערן אָן איבערטרייבונג, אַז קיין איינציקער גלויבן האָט אַזוי פיל ניט בייטגעטראָגן צו דער אומפאַרגלייכלעכער אַנטוויקלונג פון דער אידישער רעליגיע, ווי דער גלויבן, אַז עס וועט קומען אומפאַרמיידלעך דער טאָג, ווען דער גאָט פון ישראל וועט זיך אַנטפּלעקן אין זיין פולער גלאָריע און מאַכט צו דער גאַנצער וועלט. אָט דער גלויבן האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר דער הויפּט־טרייב־קראַפט פון דער פּראָפעטישער באַוועגונג. די סאַמע ערשטע אויפ־גאַבע פון די נביאים איז ניט געווען אָנצוזאָגן אָט דעם גלויבן — ווייל ער איז שוין אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרן פאַר אמת — נאָר אויסצוטייטשן אין ליכט פון דעם גלויבן יעדן אומגליק, וואָס האָט זיך געררוקט אַפן פאָלק. דער לעצטער אויספיר פון זייער אינטערע־פּרעטאַציע איז געווען, אַז דער „טאָג פון ה'" וועט זיין א טאָג פון משפט פאַר אַלע די, וואָס האָבן רעבעלירט קעגן יהוה, און אַז בלויז די יעניקע וועלן געשאַנעוועט ווערן, וואָס וועלן תשובה טאָן און זיך באַקערן צו אים. ווען זייערע צייטגענאָסן וואָלטן אין פאָרויס ניט אָנגענומען פאַר געוויס דאָס אָנקומען פון „טאָג פון ה'", וואָלטן די נביאים ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו אַדרעסירן צו זיי. אַזוי אָבער האָט די הנחה וועגן דעם אָנקומענדיקן טאָג געדינט די נביאים ווי דער ווירקזאַמסטער אינסטרומענט אַף איבערצוגעבן צו זייערע צוהערער דעם מאָראַלישן און ספּיריטועלן דראַנג, מיט וועלכן זיי, די נביאים, זיינען אָנגעלאָדן געווען. וואָס דער מאָדערנער מענטש

שפּירט ווי א צווינגנדיקן אינערלעכן באַפעל, האָבן די פּאַר־ציײטיקע געפילט ווי אַ צוואַנג, וואָס קומט פון א דרויסנדיקן מיס־טעריעזן וועזן, וואָס דאָס איז געוויינלעך געווען דער גאָט, וועלכן זיי האָבן פאַרערט. פאַר די נביאים איז דאָרום קיין אַנדער זאַך ניט געבליבן, ווי נאָר צוצושרייבן צו יהוה׳ס באַפעל דעם דראַנג, וואָס האָט זיי געטריבן באַקאַנט צו מאַכן, וואָס דער טאָג פון ה׳ האָלט אָנגעגרייט פאַר זיין פאָלק.

ג) די פּראָפעטישע באַוועגונג

די רעליגיע פון די קאַנאָנישע נביאים (די וואָס זיינען אריינגע־נומען געוואָרן אין תנ״ך) איז ניט אינגאַנצן אידענטיש מיט דעם, וואָס ווערט בדרך כלל פאַרשטאַנען אונטער דעם טערמין „מאָנאָ־טעאיזם". יענער טערמין באַצייכנט געוויינלעך דעם אויסוואוקס פון אַן אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, וואָס איז גאָר ניט מעגלעך געווען אין דער יוגנט־צייט פון ישראל. גאָט, ווי דער מאָנאָטעאיזם באַ־גרייפט אים, איז אַ מעטאַפיזיש וועזן, וועמעס אייגנשאַפטן און אַטריבוטן האָבן גאָרנישט געמיינשאַפטלעכעס מיט וועלכער עס איז מענטשלעכער דערפאַרונג. ווען מיר זאָגן, אַז גאָט איז אַלוויסנדיק אָדער אַלגנעדיק, איז דאָס מיט דער פאַרשטענדיקונג, אַז מיר נוצן אַ טערמינאָלאָגיע, וואָס אין שטרענגען זין פון וואָרט לאָזט עס זיך בשום אופן ניט אָנווענדן אויף גאָט. וויסן און גנעדיקייט זיינען באַגריפן, וואָס זיינען גענומען פון מענטשלעכער דערפאַרונג. פאַרוואָס־זשע נוצן מיר עס? פשוט דערפאַר, ווייל מיר האָבן קיין בעסערן אויס־דרוק ניט. אַזאַ אויסגעקליגלטקייט האָט לכתחילה ניט געקאָנט זיין אַ טייל פון דעם נביא׳ס אידייע וועגן גאָט פון ישראל. יהוה האָלט נאָך אָן זיין פּערזענלעכן נאָמען. ער איז ניט נאָר גאָט אין אַבס־טראַקט, נאָר דער בעסטער, אויסגעצייכנטער גאָט; דאָס איין וועזן, וואָס האָט מער רעכט צו רופן זיך אַ גאָט, ווי די געטער פון די אַנדערע פעלקער. יהוה, אין דער אָפּשאַצונג פון די נביאים, קומט נאָך דעם העכסטן שטאַנדאַרט פון דעם וואָס אַ גאָט דאַרף זיין. די אַנדערע וועזנס, פאַר וועלכע עס ווערט פאַרלאַנגט אַנערקענונג אַלס געטער, זיינען ניט אומווירקלעך, זיינען ניט קיין אויסטראַכטענישן, אָבער זיי האָבן ניט די מעלות, וואָס זיינען אומבאַדינגט נויטיק אַ גאָט צו זיין. זיי מעגן באַטראַכט ווערן ווי בייזע גייסטער, אָדער אפילו גוטע גייסטער, אָבער זיי זיינען ניט קיין געטער, ווייל עס פעלט זיי די מאַכט און די הייליקייט פון יהוה [12].

און עפּעס סתירהדיקס איז געווען ארום גאָט פֿון ישראל. פֿון איין זייט האָט מען זיך אים פֿאָרגעשטעלט ווי דעם באַזיצער פֿון אַלע יענע אייגנשאַפֿטן, וואָס מאַכן אים פֿאַר דעם גאָט פֿון דער גאַנצער וועלט; פֿון דער אַנדער זייט איז זיי פֿאָרגעקומען אַז ער באַנוגנט זיך צו האָבן פֿאַר זיין נאַציע אַ קליין האַרטנעקיג פֿעלקעלע. און קיינער האָט אַזוי שאַרף ניט געפֿילט די סתירה ווי די נביאים. און זיי האָבן זיך געגעבן אָן אַ שיעור מי אַריינצוברענגען וויפֿיל ניט איז גלייכמעסיקייט אין דער פֿאַרהעלטעניש צווישן גאָט און ישראל. זיי האָבן געזוכט, אַזוי צו זאָגן דורך אַ געוואַלט־שטוים, אַזוי צו ענדערן דעם כאַראַקטער פֿון ישראל, ער זאָל פֿון אַ דורכשניטלעך פֿאָלק, וואָס איז באַהערשט פֿון בלינדע אימפּולסן פֿון אַבערגלויבן און גייציקייט, דערהויבן ווערן צו אַ הייליקן פֿאָלק, וואָס זאָל פֿאַרדינען, אַ דאַנק זיין ריין‏יקייט און רעכטשאַפֿנקייט, צו זיין דאָס פֿאָלק פֿון יהוה. דאָס איז דער טעם, פֿאַרוואָס די נביאים האָבן ניט אָפּגעלאָזט פֿון זייער אָפּאָזיציע צו בונדשאַפֿטן, וואָס האָבן דאָס פֿאָלק ישראל געקאָנט פֿאַרפֿלאָנטערן מיט אַנדערע פֿעלקער. ישראל דאַרף פֿאַרבלייבן איינציקאַרטיק און אַליין.

דער אומפֿאַרמיידלעכער שלום, צו וועלכן די נביאים האָבן זיך געפֿילט געשטויסן, בנוגע דער אַליי‏ניקייט און דערהויבנקייט פֿון גאָט פֿון ישראל, האָט צום מינדסטן געשטימט מיטן מין רעליגיע, וואָס דאָס פֿאָלק האָט פּראַקטיצירט פֿאַר זייערע אויגן. אין די הייליקע פּלעצער פֿון ישראל איז געווען צו געפֿינען די אַלע קלאָפּער־געצייג פֿון מזבחות, זיילן און בילד־ווערק, די גאַנצע צעהוליעטקייט און הפֿקרות, וואָס מען האָט געקאָנט זען אין די טעמפּלען פֿון די פּאַלשע געטער. דאָס וואָס דאָס פֿאָלק האָט אָנגענומען אַ סינקרעטישע רעליגיע, וואָס האָט געטראָגן אַלע קענצייכנס פֿון כנענס מנהגים און ריטואַל, האָט קלאָר געוויזן, אַז עס האָט קיין אַנונג ניט וועגן דעם, אַז דער גאָט פֿון ישראל איז לחלוטין ניט צו פֿאַרגלייכן מיט די אַזוי גערופֿענע געטער פֿון די פֿעלקער. צוזאַמען מיט זייער פֿאַרפֿעלן אָנצוטייטן אין זייערע גאָטעסדינסטן די איבערהויבענע וועלטלעכקייט און הייליקייט פֿון גאָט פֿון ישראל, האָבן די ישראלים פּאַקטיש מבטל געווען זיין אויבערהערשאַפֿט אין זייער טעגלעכן לעבן און אין זייערע פּאָליטישע ענינים. זיי האָבן ניט געלייגט קיין אכט אַף די יושר־געזעצן, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן אין זיין נאָמען אין די פֿריערדיקע טעג, ווען זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי די איינפֿאַכע מנהגים פֿון נאָמאַדן. זייערע רעגירער זיינען בסדר

פארטאָן געווען אין פּאָליטישע אינטריגעס מיט די רעגירער פון די שכנישע פעלקער, וואָס דאָס האָט אָלעמאָל געפירט צום נאָכקרימען די פרעמדע מנהגים. לויט די נביאים, אַזוי ווי יהוה איז געווען אַל־מעכטיק, האָט ישראל זיך ניט געגויטיקט אין דעם שוץ פון די שכנישע אימפעריעס, און האָט זיך אויך ניט געגויטיקט אין מאַכן פארשווערונ־גען מיט די שכנישע פעלקער צו שטירצן יענע אימפעריעס; און אויב זיי האָבן זיך יאָ באַנוצט מיט אַזעלכע מיטלען, האָט עס עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן קיין אמונה ניט, אַז דער גאָט פון ישראל איז בכוח צו פאַרטיידיקן זיין אייגן פאָלק. און עס איז געווען בלויז איין שריט פון מאנגל אין אמונה אין גאָט פון ישראל צום אָננעמען פרעמדע געטער, וואָס מיט זייערע פעלקער האָט ישראל געזוכט צו שליסן בונדן.

די נביאים זיינען ניט געווען בלויז סאָציאַלע רעפאָרמער אָדער פּרעדיקער פון מאָראַל, וואָס פּראָטעסטירן קעגן די סאָציאַלע איבלען פון זייער צייט, און באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך פון דער רעליגיע, וואָס איז באַקאַנט צו זייערע צוהערער, אָפּ אויסצודריקן זייער פּראָ־טעסט. פריער פון אַלץ זיינען זיי געווען גלויביקע אין יהוה, פייעריקע קנאים פון יהוה. וואָס עס האָט זיי געמאַכט אַזוי איבערגעבן צו יהוה איז געווען וואָס זיי האָבן אין אים געזען דעם איינציקן אי־בערנאַטירלעכן וועזן, וואָס איז באמת אַ גאָט, ווארום אַ חוץ זיין אַלמעכטיקייט, איז ער נאָך געווען דער שיצער און פאַרטיידיקער פון די אונטערדריקטע. זיי זיינען געווען סענסיטיוו צו די אומגערעכ־טיקייטן, וואָס די שטאַרקע באַגייען קעגן די שוואַכע. געטלעכקייט האָט דארום פאַר זיי געקאָנט מיינען נאָר איין זאַך — ווילן און מאַכט צו רעכטפערטיקן דאָס רעכט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז יהוה האָט דעם ווילן צו רעכטפערטיקן דאָס רעכט — צוליב די פילע פאַרשריפטן און מעשים, וואָס זיינען אים צוגעשריבן געוואָרן, אין די אינטערעסן פון גערעכטיקייט און ריינקייט 13). עס איז ניט געווען באַוואוסט אַז וועלכע עס איז גאָטהייט פון די שכנים זאָל אַזוי באַשטיין אָפּ גערעכטער האַנדלונג. פאָלגלעך, האָט בלויז יהוה באַזעסן די אַלע אַטריבוטן פון גאָטהייט און בלויז ער אַליין איז געוועןווירקלעך גאָט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג און נאָר ער אַליין וועט אָנערקענט ווערן אַלס גאָט און צו אים אַליין וועט מען טראָגן דעם כבוד, וואָס קומט גאָט.

דער קריזיס, וואָס האָט אָנגעזאָגט אָנקומענדיקע דערשיטערונגען און וואָס די נביאים האָבן אים אויסגעטייטשט ווי דעם פאָרלויפער

פון „טאָג פון ה׳״, האָט געהאַט זיין אָנהויב אין דעם, וואָס אשור האָט צוריק אויפגענומען איר קאַריערע פון דעראָבערונג, נאָכדעם ווי זי איז כמעט פאַר א האַלבן יאָרטויזנט געהאַלטן געוואָרן אין אירע אייגענע גרעניצן. ווידער אַמאָל האָט זי געזוכט א צוגאַנג צום ים התיכון. די פעלקער פון די פילע מלוכהלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג פון איר אַמביציע, זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין א מהומה; בונדן און קעגן-בונדן קעגן אשור זיינען געווען אויף דער טאָג-אָרדנונג. די שכנים האָבן געזוכט די קאָאָפּעראַציע פון יהודה און ישראל. עס איז געווען קלאָר, אַז א גרויסע קאַטאַסטראָפע רוקט זיך אָן.

פאַר די געטרייע פון יהוה איז געווען אומדענקבאַר, אַז די געטער סיי פון אשור און סיי פון די קלענערע פעלקער, וואָס האָבן זיך גערודערט מיט מורא און אומרו, האָבן עפּעס א שייכות צו די אָנקומענדיקע אומגליקן. אָן ספק, אויך אסך אין ישראל האָבן געדרונגען, אַז די געטער פון די באַצווינגער די אסיריאַנער זיינען קענטיק מעכטיקער פון די געטער פון די אנדערע פעלקער, מעכטיקער אפילו פון יהוה. ווידערשטאַנד איז דאַרום אומזיסט; און די בעסטע פּאָליטיק וואָלט געווען אָדער צו שליסן א בונד מיט מצרים אָדער צו זוכן איינקויפן זיך אין גנאָד פון אשור און אירע געטער. די נביאים האָבן ניט געקאָנט דערלויבן, אַז אַזא געדאַנקען-שלום זאָל בלייבן אומבאַשטריטן. זיי האָבן ניט געקאָנט דולדן דעם געדאַנק, אַז יהוה איז נידריקער פון וועלכן עס איז אַנדער גאָט. אַזוי ווי יהוה איז געווען דאָס איינציקע אויבערשטע וועזן, וואָס מחמת זיין מאַכט און גערעכטיקייט איז ער ווירדיק צו גילטן פאַר גאָט, האָבן זיי געגלויבט, אַז ער אליין איז דער אויבער-באַוועגער פון די גורלות פון די פעלקער. איז דאָס געווען יהוה, ניט קיין אַנדער גאָט, האָבן זיי געצויגן א ווייטערדיקן שלוס, וואָס האָט ליין געלאָזן די פאַרוויסטנדיקע חיילות, וואָס וועלן באַלד זיך א טראָג טאָן איבער די לענדער און אוועקפירן אין געפאַנגשאַפט זייערע באַוואוינער. אויב ער שיקט אסיריאַנישע, אָדער סקיטישע אָדער באַבילאָנישע מחנות, איז עס דערפאַר, ווייל די פעלקער פון די באַפאַלענע לענדער האָבן ארויסגערופן זיין גרימצאָרן דורך גרויזאַמקייט און אויסגעלאַסנקייט. ווי וועט עס גיין ישראל אין דעם זיך אָנרוקנדיקן חורבן פון די פעלקער? ניט בעסער ווי די אַנדערע. אמת, די ישראלים זיינען איין צייט געווען דאָס פאָלק, צו וועלכן יהוה האָט געשאָנקען זיין ספּעציעלע ליבע און אינטערעס. זייער געשיכטע שווייבלט מיט

דערציילונגען וועגן די וואונדערלעכע מעשים, וואס זייער גאט האט געטאן פון זייערטוועגן זינט דער צייט, ווען ער האט זיי אויסגעלייזט פון מצרים. שוין די דאנקבארקייט אליין האט זיי גענדארפט צווינגען צו פארטרויען זיך מיט איניקסטער אמונה אין יהוה און געהארכן זיינע געזעצן. זיי האבן זיך אבער ארויסגעשטעלט פאר אפפעליק. קיין זאך וועט דארום זיי ניט ראטעווען פון דער אלגעמיינער קא־טאסטראפע.

אבער וויפיל די נביאים האבן ניט געהאט צו שטרייטן קעגן די יעניקע, וואס האבן אין זייערע הערצער געגלויבט, אז יהוה וועט זיך מוזן אונטערגעבן צו די פרעמדע געטער, האבן זיי געהאט נאך א שווערערע ראנגלעניש קעגן דעם פאטריאטישן אפטימיזם פון די „פאלשע נביאים" און זייערע אנהענגער, וועלכע האבן ארגומענטירט: „איז ניט יהוה צווישן אונז? קיין בייז וועט אונז ניט געשען 14)". דער פאפולערער גלויבן, וואס האט געשטארקט דעם אפטימיזם, איז געווען, אז אין איין שיינעם טאג וועט יהוה מאניפעסטירן זיין מאכט איבער די פעלקער דורך באוויליקן ישראל א בלענדנדיקן זיג איבער זיינע שונאים. דאס איז געווען זייער אינטערפרעטאציע פון דעם לאנג דערווארטעטן „טאג פון ה'". ביי אט דעם קריטישן פונקט זיינען דערשינען די נביאים און האבן געווארנט די ישראלים — יא, אמת, גאט וועט טאקי איינגיכן זיך באווייזן אין זיין גלאריע, אבער מיט קאנזעקווענצן פאר זיי, גאנץ אנדערע ווי זיי האבן דערווארט. דער גרויסער צוזאמענברוך וואס וועט קומען וועט צעשטערן אלע שונאים פון יהוה, די וואס זיינען אינעווייניק אין ישראל פונקט אזוי גוט ווי די וואס זיינען דרויסן פון אים. אלע וואס זיינען געווען אומגעהארכזאם צו דעם געזעץ פון יהוה; וואס האבן אונטערדריקט די ארעמע; וואס זיינען רייך געווארן דורך גזלה, אדער וואס האבן זיך גע־בוקט צו פרעמדע געטער — זיי אלע זיינען זיינע שונאים, און זיי וועלן געטראפן ווערן פון זיין צארן. „ווי צו אייך וואס גארן נאך דעם טאג פון ה'", האט גערופן דער נביא. „צו וואס דארפט איר דעם טאג פון ה'? עס איז חושך, און ניט קיין ליכט. . . חושך ביז גאר, און קיין שיין אין אים" 15).

די איבערפארנומענקייט מיט דעם גלויבן אין „טאג פון ה'" האט ארויסגערוקט די נביאים אין פאדערגרונט פון די יעניקע, וואס האבן געטאן דאס מערסטע צו באאיינפלוסן דעם גאנג פון דער מענטשהייטס רעליגיעזער אנטוויקלונג. זיי האבן אונטערגעטריבן דאס פאלק איינצוזען, אז מיט דעם אטריבוט פון געטלעכקייט טאר

מען זיך ניט וואַרפן, אַז גאָטס גנאָד קאָן ניט געשאָנקען ווערן פראַנק און פריי צו יעדן קאַנדידאַט און בעלן, פון דעם קריכנדיקן וואָרעם ביז צום קעניג און קייזער. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רעליגיע, איז דער מאַן פון דורכשניטלעכן אינטעלעקטועלן און ספּיריטועלן באַנעם אויפגעפאָדערט געוואָרן אָפּצושעצן געוויסע מיי־נען פון דער גאָט־אידייע. דאָס איז ניט געווען קיין פּראָדוקט פון אַבסטראַקט: דענקען; דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון כסדר־דיקן רופן און מאָנען, פון דעם „ריידן באַצייטנס און אפּט״ פון די נביאים, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט דעם גלויבן אין דעם „טאָג פון ה׳״ און האָבן אים אויסגעטייטשט אין שייכות צו די לויפנדיקע געשעענישן.

די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן באַשטעטיקט דעם אמת פון די געוואַלד־שרייענדיקע וואַרנונגען פון די גרויסע נביאים. דער פּאַל פון שומרון איז געווען א פולשטענדיקע רעכטפערטיקונג פון יהוה׳ס מאַכט און כאַראַקטער. אָבער עס האָט זיך געפאָדערט מער ווי איין נביא, און מער ווי איין מאַניפעסטאַציע פון יהוה׳ס צאָרן, כדי אויפצוהויבן אים אין דער פאָרשטעלונג פון זיינע אָנבעטער ביז צו דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט ענדלעך דערגרייכט. אפילו ניט די נביאים, ווי זיי זיינען ניט געהאָלפן געוואָרן דורך דעם גאַנג פון די געשעענישן, וואָלטן געקאָנט ברענגען צו אַזאַ רעזולטאַט. דאָס ווערק פון די נביאים וואָלט געווען ארויסגעוואָרפן, ווען עס וואָלט ניט אויפגעשטאַנען א כיתה פון נאָמענלאָזע קנאים, כהנים פון בית־המקדש פון ירושלים איינגעשלאָסן, וואָס האָבן ניט נאָר קאָנסאָלי־דירט די רעזולטאַטן פון נביאישן פּרעדיקן, נאָר האָבן אויך געלייגט דעם יסוד פון א טעאָקראַטישער שטאַטס־געמיינשאַפט. אָט די נאָ־מענלאָזע קנאים האָבן געאַרבעט מער אָדער ווייניקער אין געהיים בשעת דאָס קעניגן פון מנשה, ווען דער קול פון דער נבואה איז איינגעשטילט געוואָרן און א נייער צופלוס פון פרעמדע רעליגיעזע געברויכן, הויפּטזעכלעך פון בבל, האָט געבראַכט א נייע סכנה צו דער אָנבעטונג פון יהוה. דורך אָט דער צווישנצייט זיינען די טראַ־דיציעס וועגן יהוה געזאַמלט און רעווידירט געוואָרן, און די געזעצן, וואָס זיינען אים צוגעשריבן געווען, זיינען ניי־פאָרמולירט געוואָרן, אַזוי אַז זיי זאָלן שטימען מיט דעם כאַראַקטער פון גאָט פון יושר און צדק. אַלע די מיאונגען האָבן ענדלעך געבראַכט פרוכט. נאָכן טויט פון מנשה, איז די נביאישע פּאַרטיי, באַשטייענדיק פון כהנים און פון די תלמידים פון די נביאים, ווידער טעטיק געוואָרן. אין 621, ווען די פּאַרמעט־שריפטן פון דער תורה זיינען געפונען גע־

וואָרן, איז א נייער ברית געשלאָסן געוואָרן מיט יהוה. פון איצט אָן איז געוועזן א גאַנץ באַשטימטער אינסטרומענט, וואָס האָט גע־קאָנט דינען ווי א קריטעריום פון געהאָרכזאַמקייט צום ווילן פון יהוה — א געשריבענע תורה.

הגם אָט דער ברית האָט באַצייכנט דעם אָנהויב פון א אידישער רעליגיע, וואָס איז געשטיצט אַף דער געשריבענער תורה, איז נאָך אַוועק א לאַנגע צייט ביז די תורה האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין אידישן לעבן. מחוץ פון דער באַגרעניצטער גרופּע פון כהנים און נביאים, איז די טיפערע, ספּיריטועלע אויפפאַסונג פון גאָט פון ישראל נאָך געווען אומבאַקאַנט און אומפּאָפּולער. ערשט נאָך די מוראדיקע אָנשטרענגונגען פון אַזעלכע נביאים, ווי ירמיהו און יחזקאל, און פון אַנדערע, וואָס האָבן ניט געלאָזט קיין געשריפטסן נאָך זיך, וואָס זייערע געשריפטסן זיינען פאַרבליבן אַנאָנים; און ערשט נאָכדעם, ווי ירושלים און דער בית המקדש זיינען צעשטערט געוואָרן און דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט די גרוילן פון מלחמה און גלות — ערשט יעמאָלט איז די נביאישע אויפפאַסונג פון גאָט פון ישראל און פון זיין פאַרהעלטניש מיט זיין פאָלק אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרן. ערשט יעמאָלט זיינען די אידן אָנגעפילט גע־וואָרן מיט אויפריכטיקן וואונטש צו קענען און צו פאָלגן די תורה. דורך די אַנדערהאַלב הונדערט יאָר נאָכן חורבן פון בית ראשון איז דאָס אידישע לעבן געווען אין פּראָצעס פון רעאָרגאַניזירן זיך אַלס א טעאָקראַטישע ציוויליזאַציע, און אַלס אַזעלכע האָט דאָס יודנ־טום פונקציאָנירט פּאַקטיש ביז צום חורבן פון בית שני.

די טעאָקראַטישע שטופע פון דער אידישער רעליגיע

וועגן דער צווייטער, טעאָקראַטישער 16), שטופע פון דער אידישער רעליגיע לאָזט זיך זאָגן, אַז אין גרויסן גאַנצן פאַלט זי צונויף אין צייט מיט דעם פּעריאָד פון בית שני. די רעליגיעזע אידעאָלאָגיע פון דער צווייטער שטופע איז נאָך ניט געווען פול אַנטוויקלט ביים אָנהויב פון אָט דעם פּעריאָד, און זי האָט עטוואָס געביטן איר כאַראַקטער ביים סוף פון פּעריאָד. דער טעם, פאַרוואָס מיר באַצייכנען די שטופע פון דער אידישער רעליגיע אַלס טעאָקראַ־טישע, וועט קלאָר ווערן פון דער ווייטערדיקער עקספּאָזיציע.

צו אָט דער צייט ווערט דער גאָט פון ישראל מער ניט באַגריפן ווי בלויז א גאָט אָדער ווי דער הויפּט־גאָט, נאָר ווי גאָט, דער באַשעפער פון דער וועלט און פון אַלץ, וואָס זי אַנטהאַלט; דאָס

ווען, וואָס איז איינציק אין זיין מין, וועמעס מאַכט אָפּנבאַרט זיך סיי אין די געוויינלעכע און סיי אין די אויסערגעוויינלעכע מאַניפֿעס־טאַציעס פֿון דער נאַטור און וועמעס ווילן רעגירט דאָס לעבן פֿון יעדער באַשאַפֿענער זאַך. צו דער קאַטעגאָריע פֿון באַשאַפֿענע זאַכן באַלאַנגען די הימלישע קערפּערס, די הימלען און די ערד, די מלאכים, די גייסטער און דאָס גאַנצע חיה־לעבן. גאָט האָט זיי אַלע באַשאַפֿן צו דינען דער מענטשהייט, און די מענטשהייט ווידער האָט ער באַ־שאַפֿן צו דינען אים. ווי עס איז געקומען דערצו, אַז בלויז ישראל האָט אים גדינט, ווערט דערקלערט אין די אריינפֿירנדיקע קאַפּיטלען פֿון דער תורה. דער טערמין גופא „גאָט פֿון ישראל״, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פֿון דער פֿאָלקס־גאָט־שטופֿע, האָט אָנגענומען אַ נייעם זין. דער באַגריף, אַז ער איבט אויס זיין הערשאַפֿט בלויז איבער ישראל, איז פֿאַרעלטערט געוואָרן. גאָט ווערט באַצייכנט אַלס „גאָט פֿון ישראל״ בלויז דערפֿאַר, ווייל ער האָט אויסגעטיילט ישראל פֿון צווישן די פֿעלקער אַף צו געבן אים זיינע געזעצן. דאָס אי־אָבער ניט געווען זיין לכתחילהדיקע כונה, ווען ער האָט באַשאַפֿן די וועלט, וואָרום ער האָט דערוואַרט, אַז די גאַנצע מענטשהייט וועט זיין זיין פֿאָלק און פֿאָלגן זיינע געזעצן. ערשט ווען די מענטש־לעכע ראַסע האָט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר ווידערשפּעניק, האָט ער אויסגעקליבן אַברהמען צו זיין דער גרינדער פֿון אַ נאַציע, וואָס וועט זיין געהאָרכזאַם צו זיין ווילן. אָבער סוף כל סוף וועט גאָטס לכתחילהדיקער צוועק, אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל אים דינען, אומבאַדינגט רעאַליזירט ווערן. דאָס לאָזט זיך אַרויסדרינגען פֿון דעם וואָס די ערשטע קאַפּיטלען פֿון חומש דערציילן.

די ווירקונג, וואָס אַט דער אויסגעברייטערטער קאָסמישער גאָט־באַגריף האָט געהאַט אַף דעם פּאַרציייטיקן מוח, איז געווען, וואָס זיין גאָט־באַוואוסטזיין איז אָנגעשאַרפֿט געוואָרן ביז אַ גראַד, וואָס איז נאָר אוממעגלעך געווען, בעת געטער זיינען געווען זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע וועזנס, ווי בוימער און חיות. עס איז ניט לייכט צוריק אויפֿצובאַפֿן אַפֿילו מיט דער פֿאַנטאַזיע די שפּירונג פֿון ערפֿורכט און געהיימניש, וואָס האָט דורכגענומען דעם פּאַרציייטיקן מענטשן, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געוואָר געוואָרן, אַז גאָט איז דער באַשעפֿער פֿון דער וועלט, אַז ער איז איינער און ווייטער קיינער. ווען מיר וואָלטן זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן די מורא און די הילפֿלאָזיקייט, מיט וועלכע דער פּאַרציייטיקער פֿלעגט זיך דערנענטערן צו וועלכער עס איז גאָטהייט, און דערנאָך באַרעכענען, אַז די אַלע עמאָציעס, וואָס דער פּאַרציייטי־

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

קער האָט פריער אויסגעגעבן אף די פילע געטער, וואָס ער האָט פאַר־ערט, האָבן איצט זיך קאָנצענטרירט צו איין ציל־פונקט — צו דעם איין וועזן, וואָס איז דערקענט געוואָרן אַלס גאָט צום אַלעם ערשט, דער איינציקער באַשעפער פון דער וועלט — יעמאָלט ערשט וואָלטן מיר געקאָנט אויפלעבן אין זיך די שטימונג פון די אידישע פרום־גלוי־ביקע אין פעריאָד פון בת שני.

א) די פונקציע פון בית המקדש

אַנאַליזירנדיק די שטימונג, שטויסן מיר זיך אָן אף א סתירה, וואָס האָט דאַן געדאַרפט געלייזט ווערן. פאַר די פאַרצייטיקע וואָס הייליקער א גאָט איז געווען אַלץ ווייניקער צוגענגלעך איז ער גע־וועזן. און די, וואָס האָבן גענומען גלויבן, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט, האָבן געדאַרפט דרינגען, אַז ער איז אַזוי הייליק, אַז מען קאָן צו אים זיך ניט דערנענטערן. אויב אַזוי איז ער דאָך אומבאַגרייפ־לעך, ווי אַזוי א מענטש, מיט אַל דעם איבל און אומריינקייט, וואָס איז דאָ אין אים, קאָן קומען אין געמיינשאַפט מיט אים?

מען דאַרף זיך דערמאָנען אַז אין יענע צייטן איז פאַרקער מיט גאָט פאַרשטאַנען געוואָרן בלויז אין אַנאַלאָגיע צו דעם פאַרקער פון איין מענטשן מיט אַן אַנדערן. דערצו זיינען די פאַרציי־טיקע געווען אונטער דעם צוואַנג פון מאַגישן באַגריף פון הייל־קייט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז א גאָטהייט איז אָנגעלאָדן מיט טויטנ־דיקער קראַפט, וואָס דערמיט דאַרף מען זיך שטאַרק רעכענען, ווען מען וויל זיך ווענדן צו איר. און אף דער טעאָקראַטישער שטופע פון דער אידישער רעליגיע, ווען די געטרייהייט צו פאַרשיידענע געטער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אף איין גאָט, האָט די מורא נאָך גע־דאַרפט פילפאַך פאַרשטאַרקט ווערן, ווייל די אידן זיינען געוואָרן מער גאָטבאַוואוסטזיניק ווי ווען עס איז בעפאָר. עס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר געפערלעך אפילו אַרויסצורייזן זיין נאָמען, סיידן ביי גאָר וויכטיקע געלעגנהייטן. און ווען אָט דער געדאַנקען־גאַנג וואָלט ניט אַריבערגעוואויגן געוואָרן פון א צווייטער גלויבנס־הנחה, וואָלטן זיי זיך שטאַרק געשובט צוצוקומען צו גאָט אפילו אין תפילה דו).

די צווייטע גלויבנס־הנחה איז געווען, אַז גאָטהייט נעמט שוין במילא אַריין דעם מיין פון באַקימערט זיין וועגן מענטשנס וואוילזיין. און ס'איז דאַרום געווען דעם מענטשנס פליכט אַנטקעגנצוקומען גאָט מיט אָנבעטונג און פאַרערונג.

אָט די סתירה, וואָס האָט געלויערט אין דער ניי דערגרייכטער אויפפאַסונג פון גאָט, איז פאַר די אידן אף דער צווייטער שטופע

פֿון זייער רעליגיע געלייזט געוואָרן דורך זייער אָננעמען אין גלויבן, אַז עס איז דאָ נאָר איין פּלאַץ, וואו גאָט האָט אויסגעקליבן צו מאַניפֿעסטירן זיין אָנוועזנהייט — און דאָס איז דער בית המקדש איז ירושלים. מיט אַ קערפּערשאַפֿט פֿון כהנים און טעמפּעל־באַדינער, וואָס זיינען טיכטיק געלערנט און געשולט אין אַלע כללים, וואָס האָבן אַ שייכות צו הייליקייט, האָט זיך שוין געשיקט, אַז מען זאָל קאָנען אויסמיידן די איבערטרעטונג פֿון די געהעריקע כללים ביים באַהעפֿטן זיך מיט גאָט. ווען עס וואָלט געווען מער ווי איין פּלאַץ, וואו גאָט קאָן געערט ווערן מיט קרבנות, וואָלט די פּריווילעגיע לייכט געקאָנט מיסברויכט ווערן. הגם אידן האָבן געקאָנט תפילה טאָן אומעטום, איז אָבער פֿון זיי פֿאַרלאַנגט געוואָרן, זיי זאָלן בשעת תפילה זיך ווענדן מיטן פּנים צום בית המקדש, ווייל נאָר דאָרט אַליין מאַניפֿעסטירט גאָט באמת זיין אָנוועזנהייט 18). אויף אַזאַ אופֿן איז דער איד ביכולת געווען שלום צו מאַכן אין זיין געדאַנק צווישן די צוויי אויבן־אויף ווידערשפּרעכיקע פֿאַקטן — גאָטס טראַנסצענדענטאַלער (איבערשכלדיקער) הייליקייט און זיין אריינמישן זיך אין מענטשלעכע ענינים.

ב) די תורה ווי דער אויסדרוק פֿון גאָטס ווילן

אין ענלעכע סתירה האָט זיך אָנגעבאָטן מיט דעם פּראָבלעם: ווי אַזוי דערגייט מען דעם ווילן פֿון גאָט. — כל זמן דער אונטערשייד צווישן געטלעכן און מענטשלעכן ווען איז פֿאַרשטאַנען געוואָרן ווי בלויז אַן אונטערשייד אין גראַד, האָט זיך געלאָזט דענקען, אַז ווען נאָר אַ גאָט וויל קערן און ווענדן די האַנדלונגען פֿון זיינע אָנהענגער, וועט ער דערשיינען פֿאַר דעם פֿרומסטן צווישן זיי און אים איבערגעבן זיין באַפֿעל, אָדער ער וועט מיטטיילן זיין ווילן דורך געוויסע ציכנס, וואָס די פּריסטער וועלן זיי אויסטייטשן. אָבער ניט דער אָדער יענער מעטאָד פֿון דיריגירן די מענטשלעכע אויפֿפֿירונג האָט זיך געפּאַסט צו דעם גלויבן אין דעם איין־גאָט, דעם וועלט־באַשעפֿער. דאָס וואָלט אַראָפּגעבראַכט גאָט צו אַ צו נידריקער מדרגה. פֿון דער אַנדער זייט אָבער וואָלט געווען אומזין אָפּצופּסקענען, אַז גאָט איז אַזוי איבערהויבן איבערן מענטשלעכן לעבן, אַז עס שמייכט אים ניט אָן צו באַלערנען מענטשן ווי אויפֿצופֿירן זיך, וואָרים דער סאַמע באַגריף גאָט האָט שוין איינגעשלאָסן אין זיך די הנחה, אַז ער איז אַ וועזן, וואָס קימערט זיך גאַנץ שטאַרק ניט נאָר וועגן דעם מענטשנס וואוילזיין, נאָר אויך וועגן זיין אויפֿפֿירונג.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

די סתירה איז געלייזט געוואָרן דורך דער אָננעמונג, אַז גאָט האָט זיין ווילן באַקאַנט געמאַכט פאַר אַלע צייטן דורך דער תורה, די זאַמלונג פון די געזעצן, וואָס מיר געפינען אין חומש, און דורך דער תורה שבעל פה, וואָס לויט דער טראַדיציע האָט זי באַגלייט די תורה שבכתב. אויף אַזאַ אופן איז מעגלעך געווען צו דערגיין וואָס גאָט וויל דער מענטש זאָל טאָן, און פאַראייננוועגס שוין אוועקנעמען בא דער גאָט־אַנטפּלעקונג יענע צייטווייליקייט און צופעליקייט, וואָס זיינען שוין פאַרגעקומען אומווירדיק פאַר אַן אַנטפּלעקונג, פאַר וועל־כער גאָט, דער בורא עולם אַליין, קאַווירט.

דער גלויבן, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט האָט קלאָר גע־מאַכט זיין ווילן דורך בפירושע רייד, האָט געפירט צו אַסך באַוואוסט־זיניקערן און פּלייסיקערן אַריינטאָן זיך אין דער לערנונג וואָס איז אָנגערופן געוואָרן זיין תורה, ווי דאָס וואָלט מעגלעך געווען אין פעריאָד פון פאָלקס־גאָט־רעליגיע. די פּריווילעגיע צו וויסן דעם סאַמע טעקסט פון די געבאָטן, וואָס גאָט אַליין האָט אָנגעזאָגט פאַר אַלע צייטן, איז נאָך דערפאַר שטאַרקער געשעצט געוואָרן, ווייל גאָט־זעענישן און אָראַקול־שפּרוכן זיינען שוין דאַמאָלס געווען אַרויס פון דער מאָדע. די תורה איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם אָפּלעגער פון אַל דאָס וויסן און פון דער גאַנצער חכמה. אין איר יעדער לערע האָט מען געזען אַ מינען־גרוב, וואו עס ליגט באַהאַלטן אַן אוצר פון אמת, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט אויסנעמען. די באַגייסטערטע שבחים אויף דער תורה, וואָס מיר געפינען אין תהלים, איז געווען דער אָנהויב פון אַ התלהבות, וואָס איז מיט דער צייט געשטיגן בי־צו פאַרגעטערונג 19). דאָס שטודיום פון דער תורה איז מיט דער צייט געוואָרן דעם אידנס הויפּט־באַרוף. אין דער שול האָט ער געהערט זי פאָרלייענען און פאַרטייטשן יעדן שבת און יום־טוב. אַ קלאַס פון סופרים און לערער איז אויפגעשטאַנען צו פאַרשפּרייטן דעם וויסן פון דער תורה.

ג) דער וואוקס פון יענע־וועלטיקע לערנונגען

דער גלויבנס־אימפּעט, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס צו דער פּראָפעטישער באַוועגונג, האָט בשום אופן זיך נאָך ניט געהאַט אויס־געשעפּט. דער גלויבן אין דעם קומען פון „טאָג פון ה׳״ האָט זיך צוגענומען מיט נייע זין־שאַטירונגען און כוונות דורך דעם אויס־שליסלעך מאָנאָטעאיסטישן מיין, וואָס איז איצט פאַרבונדן געווען מיט דעם טערמין „גאָט פון ישראל״. נאָכדעם ווי אַזויפיל פּורעניות, מלחמות, גלותן האָבן געגעבן פאַרטיקט די ריכטיקייט פון די וואָר־

גונגען, וואָס די פריערדיקע נביאים האָבן געגעבן, אַז דער „טאָג פון ה'" וועט זיין אַ שטרענגע אָפּלערנונג פאַר ישראל, זיינען איצט גע־קומען די טרייסטנדיקע רייד פון די שפּעטערע נביאים, וועלכע האָבן אין גליענדיקע פאַרבן געמאָלן די אַנקומענדיקע נייע ערא פון פרידן פאַר דער מענטשהייט און פון גרויס פּרעסטיזש פאַר ישראל. דורך דעם גאַנצן פּעריאָד פון בית שני, מיט דעם אויסנאַם פון אַ קורצער הפסקה, זיינען די אידן פון ארץ ישראל אונטערגעוואָרפן געווען דאָ צו איינער, דאָ צו אַן אַנדער וועלט־אימפּעריע. און נאָך קלעגלעכער פון דעם מאַנגל פון פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט אין ארץ ישראל איז געווען דער צושטאַנד, וואָס האָט געצוואונגען פילע אידן צו לעבן אין חוץ לארץ. זיכער האָט מען זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן קיין גרעסערע פאַרטונקעלונג פון גאָטס כבוד, ווי די צעשטרייאונג פון זיין פאָלק איבער ווייטע לענדער, וואו זיי זיינען ארויסגעשטעלט גע־ווען פון דירעקטער געמיינשאַפט מיט אים און באַרויבט געווען פון מיטבאַטייליקונג אין עבודה פון בית המקדש. אַזוי אַז דורך דער צווייטער סטאַדיע פון דער אידישער רעליגיע האָבן די אידן געמוזט שפּירן אַ פּגימה, אַן אומדערפילונג, אַן אַבנאָרמאַליטעט אין גאָטס שייכות צו דער וועלט 20). אָט דאָס געדריקטע באַוואוסטזיין האָט אַרויסגעבראַכט אַ גרויסע מאַסע פון עסכאַטאָלאָגישער, אחרית־הימי־דיקער ליטעראַטור, וואָס בלויז אַ קליינער טייל פון איר איז אַריינגעלאָזן געוואָרן אין תנ"ך, ווי מיר געפינען עס אין די לעצטע טיילן פון יחזקאל, יואל, זכריה, אין געוויסע קאַפּיטלען תהלים און אין ספר דניאל, בעת דער גרעסטער טייל איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די קאַנאָן־שריפטן. אויף אַזאַ אופן האָט דער גלויבן אין דעם קומען פון יהוה'ס טאָג געוואונען אַ מיין, וואָס האָט אים געמאַכט גאַנץ פאַרשיידן פון דעם גלויבן, וואָס האָט געהערשט דורך דעם באַלקס־גאָט־פּעריאָד. אָנשטאָט צו געבן דעם געפיל פון צופרידנקייט, זיכערקייט און באַשיצקייט קעגן נאַציאָנאַלן אומגליק, איז דער גלויבן איצט געווען אַ פּליטה, אין געדאַנק און האָפענונג, פון דער אומ־אנגענעמער רעאַליטעט פון דער קעגנוואַרט.

אַרום דעם מיטן פון טעאָקראַטישן פּעריאָד האָט די אידישע עסכאַטאָלאָגיע אַריינגענומען אין זיך דעם ניי־דערוואָרבענעם גלויבן אין תחית המתים. די איינשליסונג פון אָט דעם גלויבן איז אַ בולטער ביישפּיל, ווי די אידישע רעליגיע, אפילו אויף אַ העכערער שטופע פון איר אַנטוויקלונג, האָט נאָך אַלץ אַסימילירט עלעמענטן פון פרעמדע רעליגיעס. דאָס טראַדיציאָנעלע יודנטום לייקנט גאַנץ אַנטשיידן, אַז

די לערע פון תחית למתים איז א שפּעטערדיקע דערוואַרבונג, און באַשטייט דערויף, אַז די לערע איז גלייכצייטיק און פון איין עלטער מיט דעם רעשט פון דער אידישער רעליגיע; אָבער די באַווייזן, אַז די אידן האָבן ניט געוואוסט פון דער לערע ביז זיי זיינען ניט געקומען אונטער דעם איינפלוס פון דער פּערזישער קולטור און רע־ליגיע, זיינען ניט אָפּצופרעגן 21).

ביזן פערטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט רעכע־נונג, האָט די אידישע רעליגיע צוזאַמען מיט אַנדערע ווייניקער אַנטוויקלטע רעליגיעס, זיך געהאַלטן ביי דעם, אַז דער מענטש האַלט אָן באַציאונגען מיט גאָט בלויז דורך זיין לעבנסצייט. טעאָריעס וועגן דעם, וואָס פּאַסירט צום מענטשן נאָכן טויט, הגם זיי האָבן געדינט פאַר א רייכן קוואַל פון כישוף, זיינען ניט אריין ווי א טייל אין דעם סכום פון רעליגיעזע אידייען און פּראַקטיקעס. דער סאָרט כישוף, באַקאַנט אונטערן נאָמען „אוב וידעוני", איז געווען שאַרף און האַרב פאַרבאָטן און פאַרדאַמט 22). ישראלס אידייען וועגן צושטאַנד נאָכן טויט זיינען ענלעך געווען צו די אידייען, וואָס זיינען בכלל גאַנגבאַר געווען ביי די פעלקער פון נאָענטן מזרח אין די ערשטע שטופן פון זייער שטאַטישער קולטור. מענטשן האָבן דאַמאָלט גע־דענקט, אַז טויט קומט, ווען דער פּרינציפּ אָדער דער גייסט פון לעבן פאַרלאָזט דעם קערפּער, הגם זיי האָבן ניט געהאַט קיין גענויע אידייען וואָס פּאַסירט צום גייסט נאָך זיין אָפּשיידן זיך. די הערשנ־דיקע מיינונג איז געווען, אַז די שאָטנס, אָדער שאָטנדיקע טאָפּל־געשטאַלטן פון די וואָס זיינען געשטאָרבן, פאַרברענגען דעם רעשט פון זייער עקזיסטענץ אין אַן אונטערערדישער הייל באַקאַנט אלס שאול. אָבער די פאָרשטעלונג, שיינט, האָט ניט געהאַט קיין פּראַק־טישן באַטייט פאַרן מענטשן בעת ער האָט געלעבט.

הגם דער פּאַרצייטיקער מענטש האָט ניט געקאַנט גלויבן, אַז טויט מיינט פולשטענדיקע אויסלעשונג, האָט ער אָבער ניט פאַר־מולירט קיין באַשטימטן גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, ווי א טייל פון זיין רעליגיעזער לערע 23). די אַלע מנהגים און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך אָנגעקערט מיט דער באַערדיקונג פון קעניגלעכע פּערסאָנאַזשן, ווי צום ביישפּיל אין מצרים, און וואָס אויבן אויף זיינען זיי יאָ געווען דורכגעוועבט מיט דעם רעליגיעזן לעבן פון פאָלק, זיינען אין דער אמתן ניט געווען קיין גרונט־טייל פון דער פאָלקס־רעליגיע. זיי זיינען געווען בלויז א פאָרשטופע צו דער שפּעטערדיקער ראָלע פון רעליגיע אלס א מיטל

פון אויסלייזן די נשמה פון אונטער דער געוואַלט פון טויט. וואָרום מען דאַרף געדענקען, אַז קעניגלעכע פּערסאָנאַזשן זיינען באַטראַכט געוועזן ווי געטער, וועמעס לעבן איז במילא געווען אומשטערבלעך. און וואָס איז שייך געווען זיי, איז ניט חל געווען אפן פאָלק. ערשט אף אירע שפּעטערדיקע שטופן, האָט רעליגיע, ספּעציעל אין דער טראַדיציאָנעלער פאָרם ווי זי איז דערגאַנגען צו אונז, עס אָנגענומען פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אפילו דעם פּשוטסטן מענטשנס באַציאונג מיט גאָט ווערט פאַרגרעסערט נאָכן טויט. אָבער די פּאַרציי־טיקע ישראלים האָבן פאַרקערט עס געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז די באַציאונג מיט גאָט ווערט איבערגעריסן מיטן טויט. אָט דער פאַרשטייענדיקער איבעררים האָט נאָך מער ווי די פערזענלעכע פאַרניכטונג אַזוי גרויליק געמאַכט דעם טויט: — „אין טויט איז קיין געדענקען דיך; אין שאל ווער וועט דיר דאַנ־קען?" 24) — „וואָרום שאל קאָן דיך ניט לויבן; די וואָס גייען אין גרוב אַרונטער קאָנען ניט אַרויסקוקן צו דיין אמת" 25) — אַזוי אַז דער פאַקט פון טויט, לאו די וואָס ער איז ניט אַריינגענומען געוואָרן אין צירקל פון די גלויבונגען, עמאָציעס און מעשים, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום גאָט־געדאַנק, איז פאַרקערט גאָר גע־ווען די אויפהערונג פון יעדער רעליגיע, פּונקט ווי ער איז געווען די אויפהערונג פון לעבן גופא.

וועלכע דרויסנדיקע השפעה זאָל דאָ ניט האָבן מיטגעווירקט צו דעם אָננעמען פון גלויבן אין תחית המתים, אין פאַרלויף פון פערטן יאָרהונדערט, פאַר קריסטוסן, איינס איז זיכער, אַז דער גלויבן האָט געהאַט פאַר אַ מיטבאַגלייטונג אַ וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע אַנטוויק־לונג, וואָס איז פאַרגעקומען צו יענער צייט אין אידישן לעבן — און דאָס איז דער אויפקום פון יחיד, פון יחידס פערזענלעכקייט 26). מערערע אָנדייטונגען אף אָט דער אַנטוויקלונג קאָן מען שוין אפילו געפינען אין דברים, ביי ירמהו און יחזקאל, אָבער ערשט ווען דער גלויבן אין תחית המתים איז געוואָרן אַ טייל פון דער אידישער רעלי־גיע, זיינען די רעכט פון יחיד אָנערקענט געוואָרן ניט נאָר אין דער רעליגיע פון יחידי סגולה, וואָס זיינען געווען ספּיריטועל דערהויבן איבער דער מאַסע, נאָר אויך אין דער פאָלקס רעליגיע. פריער איז אָנגענומען געווען, אַז דער יחיד ליידט דעם גורל פון זיין פאָלק, וואָס זיינע אייגענע פאַרדינסטן זאָלן ניט זיין, אָבער פון איצט אָן האָט מען גענומען קוקן אפן מענטשן, ווי אף אַ באַשעפעניש וואָס דאַרף געמישפּט ווערן, ווי אַ יחיד, ווי אַ פערזענלעכקייט,

ניט ווי עפעס אן איינס, וואס איז ניט צו אונטערשיידן פון דער גאנצער מאסע איינסן. ווען גאט וועט באשאפן דעם נייעם הימל און די נייע ערד, און אלע טויטע וועלן אויפשטיין פון די קברים, וועלן זיי אלע געמשפט ווערן, און לויט זיינע מעשים וועט איינער געווינען די וועלט פון די געבענשטע און דער אנדערער וועט פאר־ניכטעט ווערן אף אייביק.

על כל פנים איז דער גלויבן אין תחית המתים אויפגענומען גע־וואָרן, ווען דאס פאלק האט קלאר איינגעזען, אז טראץ אלע פאר־זיכערונגען אף יא, באקומט דער מענטש ניט זיין גערעכטן שכר אף דער וועלט. די ביבעל ליפערט גענוגביישפילן, וואס וייזן אז די רעכט פון יחיד נעמען אלץ שטארקער באטאנט ווערן באלד נאך די רעפארמען, וואס עזרא און נחמיה האבן איינגעפירט. אייניקע קאפיטלעך פון תהלים 27), און די ספרים איוב און קהלת, זאגן עדות אז דער טראדיציאנעלער באגריף פון שכר ועונש איז כסדר און מיט עקשנות באצווייפלט געווארן. אין רעזולטאט זיינען איי־ניקע געווארן סקעפטיקער און איינגאנצן אוועקגעפאלן פון דער אי־דישער רעליגיע. אנדערע, נאך א געוואלטיקער ווילנס־אנשטרענגונג צו געפינען א לייזונג, האבן סוף כל סוף זיך בארואיקט און געוואונען לויטערקייט פון נעמיט. זייער לייזונג, ווי אפגעשפיגלט אין תהלים, קאפיטלעך 73 און 92, איז געווען נישט מער ווי א קאטעגארישע ניי־באשטעטיקונג פון דעם גלויבן, אז די הצלחה פון די רשעים געדויערט ניט, און אז זייער סוף איז נאך אומגליקלעכער צוליב דער אומפארדינטער הצלחה, וואס איז זיי צוגעפאלן. דאך די דער־פארונג האט ארויסגעשטעלט צו ליגן אט די בראווע באהויפטונגען. אין צייטן פון צוזאמענשטויס מיט דער פרעמדער אדער אידישער רע־גירונגס־מאכט, אין דער טיראניי פון די מעכטיקע איבער די ארנט־לעכערע און פרימערע מיטגלידער פון דער געמיינדע, האבן מענטשן גענוג זיך אנגעזען די טריאומפן פון די לייט, וואס זיינען געווען אין פולער עפנטלעכקייט רשעים. שוין צו אפט האבן די בייז־וויליקע געענדיקט זייערע טעג אין פרידן און איבערגעלאזן נאך זיך צאלרייכע יורשים, וואס האבן דעם מינדסטן חשק ניט געוויזן אויס־צוגלייכן זיך מיט די מענטשן, וועמען זייערע פאטערס האבן גע־רודפט. ביי אט דעם קריטישן פונקט האט דער גלויבן אין תחית המתים געראטעוועט די אידישע רעליגיע. ווארום עס איז מעגלעך געווארן צו באהויפטן, אז די צייט פון משפט און גערעכטער באצאלונג איז ניט הי און ניט איצט, נאר צום סוף פון די טעג 28), ווען גאט

וועט ווערן דער קעניג פון דער וועלט און משפטן די לעבעדיקע און די טויטע. אַזוי האָט די אמונה אין גאָטס יושר און גבורה זיך אָנגענומען מיט נייעם לעבן.

די „יענע־וועלטיקע" שטופע פון דער אידישער רעליגיע

די אידישע רעליגיע האָט זיך באַוועגט דורך דער דריטער (29 שטופע פון איר אַנטוויקלונג — פון אָנהויב פון דער קריסט־לעכער ערא ביז צו דער מאָדערנער צייט. דער אונטערשייד צווישן דער ערשטער און צווייטער שטופע איז אין פילע פּרטים אַן אונטער־שייד אין מין — אין דעם סאַמע אינהאַלט פון די רעליגיעזע אי־דייען און טואונגען; דער אונטערשייד צווישן דער צווייטער און דריטער שטופע איז אַן אונטערשייד ניט אַזוי אין אינהאַלט, ווי אין דער באַטאָנונג. פון אויבן־אויף דערזעלביקער רעליגיעזער אינ־האַלט, נאָר די באַטאָנונג פון די פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף דעם אינהאַלט, איז אַן אַנדערער. אָבער דער אומבייט, וואָס קומט אין רעזולטאַט פון דער פאַרענדערטער באַטאָנונג, איז ניט קיין קלענער: אַן ענדערונג אין דער רעלאַטיווער באַטאָנונג פון ספּיריטועלע ווערטן — וואו איינע ווערן בולט אַרויסגעבראַכט, די אַנדערע פאַרטושט — קאָן אומבייטן זייער כאַראַקטער און באַ־דייטונג ביז ניט צו דערקענען.

ווען דער אונטערגאַנג פון דער צווייטער מלוכה האָט אויסגעזען אומפאַרמיידלעך, און די סכנה, אַז צוזאַמען מיט דער מלוכה וועט אויך אָפּגעווישט ווערן די נאַציע גופא, איז געווען אַ גאַנץ נאָענטע מעגלעכקייט, איז די אידישע רעליגיע צוגעגרייט געוואָרן, אי באַ־וואוסטזיניק אי אומבאַוואוסטזיניק, צו שפּילן אַ נייע ראָלע אין לעבן פון אידישן פאָלק. אַ ראָלע, וואָס האָט פאַר זיך קיין פּרעצע־דענט ניט געהאַט. אויך ביז צו יענער צייט האָט רעליגיע פאַרנומען אַן אומגעוויינלעכן אָרט ביים אידישן פאָלק. זי איז געווען זיין הויפּט־מיטל פאַר קאָלעקטיוון אָדער נאַציאָנאַלן זעלבסט־אויסדרוק, אין דעם פּרט איז דאָס אידישע פאָלק דורך די פינף הונדערט יאָר פון בית שני געווען אַנדערש ווי עס איז געווען אין פעריאָד פון בית ראשון, און אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. אויך אַלע אַנדערע פעלקער האָבן רעליגיע איינגעגלידערט אין זייער לעבן. אָבער זיי האָבן ניט געמאַכט פון איר די הויפּט־פאָרם פון זייער נאַציאָנאַלן זעלבסט־אויסדרוק. פּאָליטישע טעטיקייט, און אין פאַל פון הויך ציוויליזירטע

פעלקער אויך קולטור־טעטיקייט, האבן געדינט זיי אלס מיטלען פון נאציאנאלן זעלבסט־אויסדרוק, פאראלעל מיט רעליגיע. האבן די אידן פון בית שני געהאט די אויסצייכנונג, וואס זיי די איינציקע האבן געמאכט רעליגיע פאר דעם הויפט־ארגאן פון זייערע קאלעקטיוון באוואוסטזיין. דער פאקט האט זיך אפגעשפיגלט אין דעם טיפ פון דער רעליגיעזער אידעאלאגיע, וואס יענער פעריאד האט ארויסגעבראכט.

א) רעליגיע דער איינציקער ארגאן פון נאציאנאלן לעבן

ווען די צווייטע מלוכה איז חרוב געווארן, האט די אידישע רעליגיע דורכגעמאכט א ריי שטארקע ענדערונגען אין דער באטאנונג פון אירע עלעמענטן — צום אלעם ערשט אין דער באטאנונג פון נאציאנאלן עלעמענט — א דאנק דעם פאקט, וואס אנשטאט וואס פריער איז זי געווען דער הויפט־מיטל פאר נאציאנאלן זעלבסט־אויסדרוק, איז זי איצט געווארן דער איין־און איינציקער מיטל. אזא ראלע האט ניט געשפילט קיין אנדער רעליגיע אין דער וועלט. מחמת אט דער איינציקארטיקער פונקציע, וואס די אידישע רעליגיע האט דערפילט, איז עס בשום ניט קיין לייכטע אויפגאבע, אויב ניט אינגאנצן אוממעגלעך, קארעקט צו באשרייבן די טראדיציאנעלע אידישע רעליגיע אין די טערמינען, וואס ווערן גענוצט פאר דער באשרייבונג פון אנדערע רעליגיעס. אזעלכע אויסדרוקן ווי „נאציאנאל” און „אוניווערסאל” לאזן זיך דא ניט אנווענדן. אויב שוין אין די טעג פון דער צווייטער מלוכה איז די אידישע רעליגיע געווארן איינציק אין איר מין דורך דעם, וואס זי איז דערהויבן געווארן צום נאציאנאלן הויפט ענין, איז זי געווארן אוממעגלעך נאך איינציקער אין איר מין, ווען דורך דעם אנווער פון דער לעצטער שפור פון נאציאנאלער אומאפהענגיקייט איז זי געבליבן דער איין און איינציקער קאנאל, דורך וועלכן דער נאציאנאלער באוואוסטזיין און דער נאציאנאלער ווילן פון אידישן פאלק האבן געפונען זייער אויסוועג. אלע רעליגיעזע אידייען, עמאציעס און געוווינהייטן זיינען פילפאך פארשטארקט געווארן, כדי אנצוהאלטן און וויטערפירן דעם קיום פון דער נאציע. דאס מיינט ניט צו זאגן, אז די איינהיטונג פון דעם נאציאנאלער עקזיסטענץ איז געווארן דער אויסגערעכנטער, בפירוש ארויסגערעדטער, ציל פאר זיך אליין; נאר אומבאוואוסטזיניק האט דער ווילן צום לעבן ווי א פאלק פון איצט אן גענומען פארבן יעדן עלעמענט פון דער רעליגיע — אירע אידייען, האלטונגען און האנדלונגען.

ב) דער תלמודישער באַגריף פון גאָט

דער וויכטיקסטער רעזולטאַט פון דעם פאַקט, וואָס רעליגיע איז געוואָרן דער איינציקער קאַנאַל פאַר נאַציאָנאַלן זעלבסט־אויסדרוק, איז געווען, וואָס זי, די רעליגיע, האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן איבערנאַטירלעכער אַנטפּלעקונג, ווי אָן דעם איינציקן יסוד פון גאָט־גלויבן. עס איז קלאָר, אַז קיין אויסגעשכלטער באַגריף פון דער עקזיסטענץ און נאַטור פון גאָט וואָלט ניט געקאָנט דינען פאַר דעם יסוד פון דער אידישער אחדות. עס איז אוממעגלעך פאַר וועלכער עס איז אויסגעשכלטער אַנשויאונג אָנגענומען צו ווערן מיטן פולן הסכם פון אַלעמען, סיידן זי ווערט געשטיצט פון אַן אויטאָריטאַטיווער קערפּערשאַפט, וואָס האָט די העזה צו פאָדערן פאַר אירע דעקרעטן די גילטיקייט פון איבערנאַטירלעכער אַנטפּלעקונג. דאָכ האָבן די קריסטלעכע סינאָדן געטאָן. אָבער אפילו זיי וואָלטן געבליבן אָן ווירקונג, ווען די קסרים, כדי איינצוהיטן די גאַנצקייט פון דער רוימישער אימפּעריע, וואָלטן ניט צוגעגעבן די וואָג פון זייער אויטאָריטעט צו די סינאָדישע דעקרעטן.

אָן א דרויסנדיקער מאַכט צו סאַנקציאָנירן וועלכע עס איז אויסגעשכלטע טעאָלאָגיע, איז די אידישע רעליגיע געצוואונגען געווען איינצוהאַלטן ווי איר איינציקן יסוד די ריין אַנטפּלעקערישע אויפפאַסונג פון גאָט, אַן אויפפאַסונג, וואָס איז געבליבן פריי פון יעדן צומיש פון פילאָזאָפישער פאַרטיפונג אין דעם פּראָבלעם פון גאָטכ עקזיסטענץ אָדער נאַטור. די טראַדיציאָנעלע אידישע רעליגיע, ווי אויסגעטייטשט פון די תנאים און אמוראים און ווי פאַרשטאַנעז און געלעבט פון זעכציק דורות פון אידישן פאָלק, וואָס זיינען פאָראויסגעגאַנגען דעם איצטיקן דור, האָט גאָרניט בייגעטראָגן צום באַגריף פון גאָט, וואָס איז ניט באַוואוסט געווען אין פּעריאָד פון בית שני. פאַרקערט, יענער באַגריף איז נאָך אביסל פאַרשמעלערט געוואָרן, צוליב דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו, וואָס איז אין אים אַריינגעפלאָכטן געוואָרן. דאָס מיינט אז דער סכום פון דער גאָט־אידייע אין יודנטום איז אַרונטערגעזעצט געוואָרן צו די בלויזע נויטן פון אידישן נאַציאָנאַלן קיום. די געפאַר, אז גאָט זאָל ווידער ניט באַגריפן ווערן ווי א סאָרט שטאַם־גאָט, אָדער פאָלקס־גאָט, איז לאַנג שוין געווען אַריבער. אָבער דער באַגריף פון וועלט־אל, אלס גאַנצקייט, איז איינגעשרומפּט געוואָרן צו קלענערע פּראָפּאָרציעם — צוליב דעם אליין, וואָס דעם צענטראַלן אָרט אין וועלט־אל האָט דאָס יודנטום אָפּגעגעבן צום אידישן פאָלק.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

דעם זיכערסטן באַווייז, אַז דער באַגריף פון גאָט איז פאַרשמעלערט געוואָרן, האָבן מיר אין דעם פאַקט וואָס אַלע גלויבנס־טראַדיציעס, וואָס האָבן זיך געירשנט פון דער פאַרגאַנגנהייט, זיינען אָנגענומען געוואָרן אָן שום טענות, און אַלע ספקות און שאלות זיינען אונטערדריקט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. אין אָט דעם פּרט איז די צווייטע שטופע פון דער אידישער רעליגיע שוין געשטאַנען העכער פון דער דריטער. אין דעם צווייטן פעריאָד איז אפילו דער פונדאַמענטאַלער גלויבן אין דער השגחה, וואָס פּירט, באַלוינט און באַשטראָפט, אָפן באַשטריטן געוואָרן. און די באַשטרייטונג האָט געפונען פאַרקערפערונג אין אַ גאַנץ ברייטער ליטעראַטור, פון וועלכער עס האָבן זיך דערהאַלטן ספרים, ווי איוב און קהלת, און פסוקים דאָ און דאָרט אין תהלים. אָבער די דריטע שטופע האָט זיך שוין אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס יעדע אידייאישע טענדענץ, וואָס האָט אין מינדסטן גראַד אָפּגעווייכט פון דעם, וואָס איז אָנגענומען געווען פאַר דער נאָרמע, איז מיט שטייפער אויסגעהאַלטנקייט אויסגעשיידט געוואָרן. אמת, אין דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיע איז קיינמאָל ניט געווען אַ מאָמענט, ווען דער וואָס האָט מיט אַ גרינג הארץ זיך באַצויגן צו אַ רעליגיעזער טראַדיציע זאָל קאָנען אויסמיידן שאַרפן טאַדל. אָבער ערשט ווען די רעליגיע האָט דערגרייכט איר דריטע שטופע, איז פרעגן געוואָרן אַ טויט־זינד פון אפּיקורסות, פאַר וועלכע די שטראָף איז געווען אָפּגעשניטן צו ווערן פון דערלייזונג אויף דער און יענער וועלט. אַלזאָ, וואָס שייך דאָס אריינדרינגען, מיט דער הילף פון געדאַנק און דערפאַרונג, אין פּראָבלעם פון גאָטס עקזיסטענץ און נאַטור, איז די אידישע רעליגיע געגאַנגען צוריק פון דעם אַנטוויקלונגס־פונקט, וואָס זי האָט געהאַט דערגרייכט צו דער צייט פון בית שני. הגם דער פאַרשמעלערונג־פּראָצעס איז נויטיק געווען פאַר דער דערהאַלטונג פון דער אידישער רעליגיע, וואָס אָן איר ווידער וואָלט דאָס אידישע פאָלק זיך ניט דערהאַלטן, אָבער צוריקגאַנג איז דאָס פאָרט. און דערויף, אויף דעם צוריקגאַנג פון גאָט־באַגריף, לאָזט זיך טייטשן דער פסוק, וואָס ווערט אָפט גענוצט, אויף דער דריטער שטופע, מיט אַ פרומען מיין: ניט נאָר איז דאָס פאָלק ישראל אין גלות, נאָר אויך די שכינה איז אין גלות.

נאָר אויב פון שטאַנדפונקט פון אבסטראַקטן דענקען איז די גאָט־אידייע פאַרשמעלערט געוואָרן, איז זי אָבער פון שטאַנדפונקט פון איינווירקונג אויף דעם לעבן פון די אידן גאָר היפּש פאַרטיפט

געוואָרן. יעדע פאַזע פון גאָט־באַגריף איז דערלאַנגט געוואָרן מיט אַזאַ איינפאַכקייט און געטרויאיקייט — געגנוג צו מאַכן דעם גאָט־באַגריף פאַר דעם ווירקזאַמסטן באַשטימונגס־פאַקטאָר פון אויפפירונג. ערשטנס, איז גאָט באַגריפן געוואָרן ווי אַ וועזן, וואָס לאָזט זיך אידענטיפיצירן, פעסטשטעלן, דערקענען; וואָס זיין עקזיסטענץ דאַרף ניט אַרויסגעדרונגען ווערן פון עפּעס אַנדערש: ווייל אַ גאָט, וואָס האָט איינמאָל זיך אַנטפּלעקט צום גאַנצן פאָלק ישראל, און מערערע מאָל צו ישראלס אבות און נביאים. און ווי אַ וועזן, וואָס לאָזט זיך דערקענען, האָט גאָט במילא שוין געדאַרפט האָבן פאָרם (30). און ביז דאָס יודנטום איז ניט געצוואונגען געוואָרן צו רעכענען זיך מיט די אַרויסרופנדיקע פאָדערונגען פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע, האָט די פילאָזאָפישע שוועריקייט פון צושרייבן פאָרם צו גאָט ניט אָנגעהויבן באַאומרואיקן דעם רבנישן געדאַנק. אפילו די פראַגע פון גאָטס אומעטום־זיין האָט זיי שטאַרק ניט געקימערט. הגם זיי האָבן צוגעגעבן, אַז גאָט איז אומעטום און פילט אויס דעם גאַנצן וועלט־אַל, האָבן זיי דאָך זיך געהאַלטן ביי דער פאָרשטעלונג, אַז גאָט באַוועגט זיך פון פלאַץ צו פלאַץ, און אַז דער הימל איז זיין הויפּט וואוינאָרט. און זיכער ווי די טראַדיציאָנעלע אידישע רעליגיע איז געווען, אַז גאָט איז אַ וועזן, וואָס גיט זיך צו שפּירן ניט נאָר דעם געדאַנק, נאָר אויך די חושים, האָט זי דאָך פּראַקטיש זיך דערלויבט צו לאָזן אומפאַרענטפערט די פראַגע וועגן דער פאָרם און סובסטאַנץ פון דער געטלעכער נאַטור און וועגן איר פאַרהעלטניש צו דער זיכטבאַרער וועלט — דערפון די טונקלקייט, און די רעטענישן און סתירות, וואָס גיבן זיך אַ שאָט פון דעם טראַדיציאָנעלן גאָט־באַגריף, ווען די פראַגע ווערט געשטעלט בנוגע גאָטס רוים־באַציאונגען מיט דעם פיזישן אוניווערס.

אָבער עס איז קיין שום אומבאַשטימקייט ניט געווען וועגן יענע אַספּעקטן פון גאָטס נאַטור, וואָס האָבן געהאַט שייכות צום מענטשנס אויפפירונג; דאָס מיינט, וועגן זיין איינהייט, גערעכטיקייט און גנעדיקייט. די איינהייט פון גאָט האָט געמיינט, אַז פון אַלע מחנות אומזיכטבאַרע גייסטער, וואָס באַפעלקערן די וועלט, איז דער איינער וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט צו אברהם, יצחק און יעקב און משהן און וועמען אידן אַדרעסירן: — אונזער גאָט און דער גאָט פון אונזערע אבות — ער איז דער איינציקער אמתער גאָט. צוצושרייבן, ווי די רעפאָרמער טוען עס, צו דער טראַדיציאָנעלער אידישער רעליגיע דעם דראַנג צו לערנען די פעלקער דעם אמת פון מאָנאָטעאיזם —

מיינט איינגאַנצן מיספאַרשטיין און פאַלש פאַרטייטשן וואָס די אידן האָבן געהאַלטן פאַר זייער באַרוף אין דער וועלט. דער גאָט פון מאָנאָטעאיזם איז אַן אָביעקט פון פילאָזאָפישער אַרויסדרינגונג. זיין עקזיסטענץ קאָן פּונקט אַזוי גוט אַרויסגעדרונגען ווערן פון דעם נישטיקסטן, ווי פון וויכטיקסטן געשעעניש אין מענטשלעכן לעבן. אָבער דער גאָט פון אַנטפּלעקונג איז אַן אָביעקט, מיט וועלכן די חושים ענטפערן אָפּ אויף אַן איבערנאַטירלעכער אָנרעגונג. די אידישע רעליגיע האָט געלערנט, אַז גאָט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט צו ישראל, איז דאָס איינציקע וועזן, וואָס באַזיצט די מאַכט, די גערעכטיקייט און די גנעדיקייט צו באַווירקן דעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט. און צו פּראָקלאַמירן אָט דעם לעבעדיקן גאָט, ניט די אַבסטראַקטע גאָט־אידייע פון מאָנאָטעאיזם, האָבן די אידן געהאַלטן פאַר דער איינציקער פונקציע פון זייער עקזיסטענץ אין זייער שייכות צו דער גויאישער וועלט.

דער אַטריבוט פון גאָטס מאַכט, וואָס איר איז צו פאַרדאַנקען די באַשאַפונג און די אויפהאַלטונג פון דער זיכטבאַרער וועלט — דער אַטריבוט איז גענוגנדיקע גאַראַנטיע, אַז גאָט וועט אומבאַדינגט רעאַליזירן זיין ווילן אין דער וועלט. און יענע, וואָס האָבן געלעבט אין איינקלאַנג מיט גאָטס ווילן, האָבן אין זיכערקייט זיך פאַרלאָזן אויף זיין מאַכט צו פורעמען די אומשטענדן פון זייער לעבן פאַר זייער טובה. דער נס, די אָפּווענדונג פון געוויינלעכן לויף פון געשעענישן צו דער טובה אָדער צום שאָדן פון יחיד אָדער נאַציע, איז באַטראַכט געוואָרן ווי גאָטס נאָרמאַלער מעטאָד צו מאַכן מענטשן טאָן זיין ווילן. די אידן האָבן געגלויבט, אַז גאָט האָט צו אַלע צייטן געטאָן אַזעלכע נסים לטובת יחידים און געמיינדעס, אָבער ניט אויף אַ גענוג ברייטן מאַסשטאַב אין דער היינטיקער וועלט, אַז אַלע זאָלן איינזען און אָנערקענען גאָטס מאַכט. דאָס איז אָבער יאָ געווען דער פאַל אין דעם ווייטן פאַרצייטן, און דאָס וועט זיין דער פאַל אין דער צוקונפט, ווען גאָט וועט באַוויליקן איינצופירן די נייע וועלט־אָרדנונג. וואָס שייך דעם נס פון אַלע נסים — די מאַניפעסטאַציע פון גאָטס גבורה אין דעם סאַמע אַקט פון באַשאַפן די וועלט און אויפהאַלטן די וועלט — וואָס דאָס איז דאָס עיקר־פּראָבלעם פון דער גאָט־אידייע אין די טערמינען פון פאַרנונפט — וועגן דעם האָט די תלמודישע רעליגיע זייער ווייניק געהאַט וואָס צו זאָגן, און וואָס זי האָט געזאָגט, איז אַסך פּאָעטישער באַגריפן און וואונדערלעכער אויסגעדריקט געוואָרן אין תנ"ך [31].

די אַנטוויקלונג-שטופן פון דער אידישער רעליגיע

דער געטלעכער אַטריבוט, וואָס איז פאַררעכנט געווען פאַר דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער אייגנשאַפט פון גאָט און פאַר דער וויכטיקסטער אין שייכות צו מענטשלעכער אויפפירונג, איז געווען דער אַטריבוט פון גערעכטיקייט. אַז די יעניקע, וואָס האָבן גע־עבט אין איינקלאַנג מיט גאָטס ווילן, וועלן דערגרייכן גליקזעליקייט — דאָס האָט געגאָלטן ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט; פּונקט אַזוי דער גלויבן, אַז די וואָס האָבן עובר געווען אַף זיין ווילן וועלן גאַנץ באַשטימט באַשטראָפט ווערן. מען איז זיכער געווען, אַז גאָטס גע־רעכטיקייט מאַניפעסטירט זיך הויפּטזעכלעך אין אָט דעם גענויעם פאַרהעלטניש צווישן דעם מענטשנס אויפפירונג און זיין גורל. אָן אָפּענע, פּנים־אל־פּנים־־באַגעגעניש מיט דער דערפאַרונג וואָלט אומ־פאַרמיידלעך אויפגעוועקט ספקות; און ווען די ספקות וואָלטן פראַנק און פריי געקאָנט אויסגעדריקט ווערן, וואָלטן זיי סוף כל סוף דער־פירט צו רעווידירן דעם מיין פון אַטריבוט פון געטלעכער גערעכטי־קייט. אָבער אַזאַ רעוויזיע וואָלט ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן אָן אַ שטאַרקן דרוק אַף דער אינעווייניקסטער אחדות פון אידישן פאָלק; אַ דרוק, וואָס די אידן וואָלטן אים געקאָנט ווידערשטיין בלויז ווען זיי בלייבן אין זייער אייגן לאַנד, אָדער פירן לכל הפּחות אַ כמו־נאָרמאַלן גרופּע־לעבן. אָבער דאָס אַבנאָרמאַלע לעבן, וואָס אידן האָבן געפירט ווי אַ פאָלק, און וואָס האָט זיי געטריבן צוצופאַלן צו זייער רעליגיע, ווי צו דער איינציקער פאָרם פון זייער נאַציאָ־נאַלן זעלבסט־אויסדרוק, האָט זיי ממש געצוואונגען אָנצוכאַפּן זיך אין אַזאַ אויפפאַסונג פון גערעכטיקייט, וואָס זאָל זיין קלאָר און באַשטימט; וואָס זאָל געבן „צופרידנשטעלונג”; וואָס זאָל דערלויבן דעם גלויבן אין דעם גענויעם פאַרהעלטניש צווישן אויפפירונג און גליקזעליקייט בלייבן אייזנפעסט. אַזאַ אויפפאַסונג איז מעגלעך גע־וואָרן דורך דעם, וואָס די אידישע רעליגיע, אַף דער דריטער שטופע פון איר אַנטוויקלונג, האָט צוגעשריבן צו עולם הבא אַזאַ געוואַלטיקן באַטייט, ווי קיינמאָל פריער אין דער געשיכטע. די לערע וועגן עולם הבא שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייעם שאַרפערן און פאַרטיפטערן נוסח פון דעם פאַרצייטיקן גלויבן אין אָנקומענדיקן „טאָג פון ה׳”. אין פּרט פון פּעולה אַף דעם מענטשנס אויפפירונג באַצייכנט עס פראָג־רעס אַנטקעגן דער אחרית־הימימדיקער פאָרם, וואָס יענער גלויבן האָט געהאַט אָנגענומען אין פעריאָד פון בית שני. אָנשטאָט צו דינען בלויז ווי אַ פּסיכישע באַלוינונג פאַר דעם צושטאַנד פון פּאָ־ליטישער אונטערטאַנשאַפט — דהיינו, אַז אידן וועלן אויפגעריכט

ווערן איבער די פעלקער! — האט די לערע וועגן עולם הבא גע־ביטן דעם אידנס גאנצן וועלט־אויסבליק. ער האט מער ניט געשאצט גליק אדער אומגליק לויט זייער לפנימדיקן ווערט אף דער וועלט. ער האט גענומען באטראכטן די לײדן, וואס ער האט אויסצושטיין ביים לעבן, ווי געפלאנט פון דעם אויבערשטן, מעגלעך צו מאכן פאר אים צו קומען אף יענער וועלט א גרייניקטער, א געלייטערטער, מיט א כתב אף זיין ספיריטועלער געזונטקייט, וואס וועט נאך פארגרע־סערן זיין ענדגילטיקן שכר. די הצלחה פון די רשעים איז צו באצאלן זיי פאר ס׳ביסל גוטס וואס זיי האבן מעגלעך געהאט געטאן אף דער וועלט. אלע שטעלן אין דער ביבעל, וואס ריידן מיט אזא באשטימט־קייט, אז געזונט און הצלחה זיינען די באלוינונג פאר געהארכזאמ־קייט צו גאטס ווילן, זיינען איבערגעטייטשט געווארן אין ליכט פון דער השערה, וואס איז מיט דער צייט געווארן א געוויסהייט, אז די וועלט איז נישט מער ווי א פירהויז צו דער בעסערער און נאר־מאלערער וועלט. אלע פרעגענישן און ספקות וועגן דער וויכטיקייט צו געהארכן גאטס ווילן זיינען אף אזא אופן אוועקגעפאלן, און רעליגיע איז געבליבן דער הויפט־מיטל פון נאציאנאלער אחדות.

דער אטריבוט פון גנעדיקייט, פון חסד, איז געווען א נויטווענ־דיקער באשטאנד־טייל פון דעם סאמע באגריף פון א געטלעכן וועזן, ווייל עס איז אנגענומען געווען אז גאט איז אין אינטימסטער שייכות מיט זיין פאלק און איז טיף פאראינטערעסירט אין זיין וואוילזיין. צושרייבנדיק גאט די אייגנשאפט פון חסד, האט די רעליגיע גע־מאכט דעם מענטשן פילן זיך היימיש אין דער וועלט, אריינגעבנדיק אין אים א געפיל פון זיכערקייט און בטחון. — אין דער סכנותדיקער לאגע אין וועלכער דאס אידישע פאלק האט זיך געפונען נאכן חורבן פון בית שני, האבן אידן ספעציעל געדארפט אנקומען צום אטרי־בוט פון גאטס חסד, ווייל זיי האבן זיך געפילט אזוי אומזיכער און האבן געזוכט שוץ, וואס נאר גאט אליין האט זיי געקאנט געבן. עס איז געווען נאטירלעך, אז דער צושטאנד פון הילפלאזיקייט זאל אין זיי ארויסרופן לײדנשאפטלעכע חלומות וועגן דער גאולה, וואס וועט זיי צוריקאויפריכטן זייער לאנד און פרייהייט. אבער זייענדיק פול באוואוסט וועגן זיך, וויפיל מאל זיי האבן פארפעלט נאכצוקומען גאטס ווילן; ארונטערגעדריקט דורכן באוואוסטזיין פון זייער זינדיקייט — האט דאס אידישע פאלק געהאט נאר איין בארעכטיקונג אף צו אפע־לירן נאך גאטס שוץ און נאר איין האפענונג אף גאולה — און דאס

איז געווען גאָטס חסד. דאָס דערקלערט דעם טיפערן מיין, וואָס גאָטס חסד האָט געוואונען אין תלמודישער ליטעראַטור.

אין די הייליקע שריפטן מאַניפעסטירט אָט זיין אייגנשאַפט פון חסד הויפּטזעכלעך אין פאַרגעבונג פון זינד. דאָס איז אויך געבליבן אין דער תלמודישער ליטעראַטור. אף דער דריטער שטופּע פון זייער קאַריערע האָבן די אידן געפונען אין די כסדרדיקע רופן פון די נביאים צו תשובה אַ שטענדיקע דערמאָנונג, וואָס זיי האָבן צו טאָן צו פאַרדינען די גאולה. און צוזאַמען מיט מצוות און גוטע מעשים איז תשובה געוואָרן די טאָג־פליכט פון געטרייען אידן (32). פון דער אנדער זייט אָבער, כדי זייער תשובה זאָל האָבן אַ פּעולה, האָט געמוזט פאַראויסגעזעצט ווערן, אז חסד, מידת הרחמים גע־הערט צום סאַמע וועזן פון גאָט. וואָרום ווען גאָט זאָל האַנדלען אין שטרענגער גערעכטיקייט, לויט מידת הדין, איז שטראָף — האָט זייער לאָגיק אויסגעטראָגן — די אומפאַרמיידלעכע קאָנזעקווענץ פון זינד (33). און ווייל תשובה האָט פאַרנומען אַזאַ גרויסן אָרט אין דעם לעבן פון אידן — סיי אין נאַציאָנאַלע און סיי אין די ענגערע פון־מענטש־צו־מענטש־באַציאונגען — האָט די השערה, אז גאָט על פּי זיין טבע מוז אומבאַדינגט איבן גנעדיקייט, זיך איינגעפּעס־טיקט ווי אַ גרונט־טייל פון דעם אידנס השגה וועגן גאָט.

ג) דער תלמודישער באַגריף פון דער תורה

ווען רעליגיע איז געוואָרן דער אויסשליסלעכער אָרגאַן פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־אויסדרוק, זיינען צוויי ווערטן ארויסגעקומען גאָר באַזונדערס פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט — די תורה און ישראל. פאַר די נביאים האָט די תורה פון גאָט געמיינט אַ טיפּ פון אַ ציוויליזאַציע, אַ לעבנסאיינאָרדנונג, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן פון גערעכטיקייט, גוטסקייט און גאָטספאָרכיקייט. אין טע־אָקראַטישן פּעריאָד זיינען מיט דער תורה פון גאָט ספּעציעל געמיינט געוואָרן די געבאָטן און לערעס פון חומש. דער קאַפּיטל תהלים קי״ט און אַסך שטעלן אין אַנדערע קאַפּיטלעך (34), וואו עס האַנדלט זיך וועגן דער תורה פון ה׳, שפּיגלען אָפּ אַ התלהבותדיקע איבערגעבנקייט צו דעם, וואָס איז פאַרשטאַנען געוואָרן אַלס גאָטס ווילן. די באַ־מיאונגען פון די העלעניסטן צו באַוועגן די אידן אָנצונעמען די גריכישע ציוויליזאַציע האָבן אַרויסגערופן ביי די לאָיאַלע אידן אַ שאַרף באַוואוסטזיניקע פאַרטייערונג פון דער תורה, באַגלייט מיט דער איבערציייגונג, אז זי שטייגט אַריבער אַלע אַנדערע ציוויליזאַ־ציעס ווי אַ לעבנסוועג. אָט די שאַצונג פון דער תורה, ווי אַ ווערק

פון סאמע העכסטן ווערט, איז אָן ספק געשטיצט געווען אף דעם גלויבן, אז זי שטעלט פאַר מיט זיך דעם בפירושן ווילן פון גאָט.

אָבער אין פאַרגלייך מיט דער פאַרהאַלטונג פון די אידן צו דער תורה אף דער דריטער שטופע, פאַרבלאַסן אַלע פריערדיקע אויסדרוקן פון התפעלות פאַר דער תורה. אף דער דריטער שטופע איז דער איד געווען פולשטענדיק פאַרשכורט מיט דער תורה: ער האָט קיין פּלאַץ ניט געהאַט אין זיין האַרץ און מוח פאַר עפּעס אַנדערש. טראָץ דער איבערגעבענקייט צו דער תורה אין פּעריאָד פון בית שני, האָט קיין איינער פון יענער צייט ניט געקאָנט ארויסקומען מיט אַזאַ באַהויפּטונג, ווי ר׳ חייא בר אבא 35), וועלכער האָט צוגעשריבן גאָט די ווערטער: „הלוואי וואָלט ישראל פאַרגעסן אָן מיך און זיך געהאַלטן אָן מיין תורה". עס קאָן גריילעך זיין, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ גוזמאַדיקער אויסדרוק, אָבער עס ווייזט דאָך אף אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס וואָלט געווען לחלוטין אומבאַגרייפלעך אין אַ פריערדיקער צייט. און אויב אף איר דריטער שטופע האָט די אידישע רעליגיע געקאָנט דינען ווי אַ גייסטיקער הינטערגרונד פאַר אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלער באַהויפּטונג, איז׳ס געווען דערפאַר, וויל פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג איז צו וויסן גענוי וואָס גאָטס ווילן איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אומענדלעך וויכטיקער, ווי צו פאַרשטיין די נאַטור פון גאָט.

דאָס אידישע פאָלק האָט געקאָנט מאַכן רעליגיע פאַר דעם דאָמינירנדיקן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן לעבן אף פאַרשיידענע וועגן. זיי האָבן געקאָנט דערמונטערן די גרינדונג פון רעליגיעזע אָרדנס; זיי האָבן געקאָנט אָנטאָן גייסטיקע קרוינען אף די יעניקע, וואָס פּראַקטיצירן רעליגיעזע פרישות; אָדער זיי האָבן געקאָנט האָדעווען אַ שטימונג, וואָס זאָל זיין גינסטיק פאַר רעליגיאָ־פילאָזאָפישער אָדער טעאָלאָגישער אידייען־פּראָדוקציע. אָבער רעליגיע איז ניט געווען בלויז דער דאָמינירנדיקער אויסדרוק־מיטל, נאָר דער איינציקער און גאַנצער מיטל: — דער גאַנצער סך הכל פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט איז אויסגעלאָפן אין רעליגיע. האָט זיך דערום געפאָדערט עפּעס גראַנדיעזערעס, ווי רעליגיעזע אָרדענס, קלויסטערס און טעאָלאָגישע סיסטעמען, פאַר דער קרעפטיגונג פון אידישן גייסט. די גאַנצע ציוויליזאַציע, מיט וועלכער אידן האָבן געלעבט, האָט געדאַרפט פאַרגעשטעלט יוערן ווי דער פאַרקערפּערטער גאָטס ווילן. יעדע פאָרם פון סאָציאַלער אויפפירונג, יעדער שטייגער פון פערזענלעכער אויפפירונג, אף צו געפעלן די „גוטע לייט וואָס הייסן צום גוטן טאָן",

איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קאַטעגאָריע פון „גאָט־געהייסן". אָט די איינשליסונג פון גאַנצן אויפפירונג־רעגלאַמענט אין דעם ככום פון געטלעך פאָרגעשריבענע פאַראָרדנונגען האָט געגעבן געבורט צו דער דאָגמע, אַז די תורה שבעל פה איז געגעבן געוואָרן גלייכצייטיק מיט דער תורה שבכתב אפן באַרג סיני 36).

אין דער תורה שבעל פה דאַרף מען אונטערשיידן צוויי טיפן פון פאָרגעשריבענער אויפפירונג: איין טיפ באַשטייט פון פאַראָרדנונגען, וואָס זיינען געשטיצט אַף דער תלמודישער אינטערפרעטאַציע פון תורה שבכתב. זיי ווערן באַצייכנט: מדאוריתא, פאָרגעשריבענע פון דער תורה. ווען עס קומט צו אַ ספק ביים אָנווענדן אַזאַ דין אַף אַ ספּעציעלן פאַל, איז די אַנטשיידונג אַלעמאָל לחומרא — צו דער האַרבערער זייט. דער צווייטער טיפ באַשטייט פון פאַראָרדנונגען, פאָרגעשריבענע פון די בעלי התלמוד אַליין, אָדער ווי אַ גדר אַרום די תורה־דינים, אָדער ווי ספּעציעלע תקנות. זיי ווערן באַצייכנט: מדרבנן. ווען זייער אָנווענדונג אַף אַ ספּעציעלן פאַל איז אין ספק, איז די אַנטשיידונג אַלעמאָל לקולא — צו דער מילדערער זייט. אָבער די תלמודישע געזעצן זיינען אין עצם ניט ווייניקער בינדנדיק, ווי די תורה־געזעצן, און אין אַ געוויסן זין ווערן זיי אויך באַטראַכט ווי געטלעך־פאָרגעשריבענע, ווייל די תלמידי חכמים ציען זייער אויטאָריטעט פון דעם געטלעכן באַפעל אין דברים וועגן דער פליכט צו געהאָרכן די אַלע יענע, וואָס פאַרטייטשן דעם געזעץ אין גייסט פון דער תורה 37). מיט דער צייט איז אויפגעקומען אַ לעגענדע, אַז אַלע תלמודישע פירושים און תקנות זיינען בפועל ממש פון גאָט אַרויסגערעדט געוואָרן אפן באַרג סיני 38).

און ווייל דער גאַנצער אויפפירונג־רעגלאַמענט איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין די ראַמען פון גאָטס ווילן, האָבן די אידן זיך געדאַרפט ווענדן נאָך אָנווייזונג און פולמאַכט צו די יעניקע, וועלכע האָבן באַוועלטיקט דעם אינהאַלט פון תורה שבעל פה און פון תורה שבכתב. אין פלוג האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די רבנים, דורך דער וואָג און אויטאָריטעט וואָס די תורה האָט זיי געגעבן, האָבן באַהערשט דאָס אידישע לעבן ביד חזקה, פונקט ווי די קירכן־שררות האָבן געוועלטיקט איבער דער קריסטלעכער געמיינדע. אָבער אַ גענויערער אַנאַליז דעקט אויף אַ וויכטיקן אונטערשייד. דער קירכלעכער שררה האָט געהאַנדלט ווי אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און יחיד. דער קירכן־שררה איז געווען אַן אָפּשטאַמלינג אין דירעקטער ליניע פון מעדיצין־מאַן פון פרימיטיוון פאַרצייטן; אַ יורש פון געצנדינע־

רישן כהן, וועלכער פלעגט איבערגעבן דעם אָראקול־שפּרוך פון דער גאָטהייט צו דעם גלויביקן, וועלכער האָט געזוכט בא איר אַן ענטפער אַף אַ דירעקטער אָנפראַגע. דער רב איז ניט געווען קיין פאַרמיטלער צווישן גאָט און פאָלק אין קיין שום זין פון וואָרט. זיין פונקציע איז ניט געווען פון אַ טעאורג, אָדער פון גאָטס מרשף, וואָס פּראַוועט געהיימע קונצן 39). ער האָט צוריקגעשליידערט יעדן פּאַרזוך צוצושרייבן אים אַזאַ פונקציע 40). ער האָט נאָר אָנגעווענדט דעם געזעץ, וואָס איז פאָרגעשריבן געווען פון דער תורה, צופּאַסנדיק אים צו דער ספּעציעלער לאַגע וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן, און ער האָט באַנוצט בלויז זיין מאָראַלישע אויטאָריטעט דעם געזעץ דורכצוזעצן.

אָבער אפילו ניט אַריינלאָזנדיק קיין טעאורגישע אַריינטיטשונגען אין דער חשיבות, אין וועלכער דער רב איז געהאַלטן געוואָרן פון אידישן פאָלק זינט דעם חורבן פון דער אידישער מלוכה, בלייבט דער פאַקט, אַז איינער, וואָס האָט באַזעסן די קענטניש פון דער תורה, איז פון פאָלק פאַררעכנט געווען פאַר אַן אומבאַדינגט נויטיקן וועגווייזער אין גאָטס ווילן. און אַזוי ווי דאָס וואוילזיין פון יחיד און פון דער נאַציע איז גאַנץ און גאָר אָפּהענגיק געווען פון דער דערפילונג פון גאָטס ווילן, זיינען די חכמים און תלמידי חכמים, די בקיאים אין געזעץ, באַקליידט געווען מיט פּרעסטיזש, וואָס ווערט געווינלעך צוגעטיילט צו מענטשן וואָס האָבן קאָנטראָל איבער דעם וואוילזיין פון זייערע מיטמענטשן. צו זייער אויטאָריטעט האָט מען זיך געמוזט אונטערוואַרפן צו אַלע צייטן. פון דעם אידן האָט זיך געפאָדערט ער זאָל האָבן אומבאַדינגטע אמונה אין די רבנים, וואָס זיינען געווען די אַנערקענטע מייסטערס פון געזעץ. איין פאָרשריפט פאַרלאַנגט ניט מער און ניט ווייניקער, אַז „ווען די רבנישע אויטאָריטעטן זאָגן דיר, אַז רעכט איז לינק און לינק איז רעכט, מוזטו זיי פאָלגן" 41) — וואָס דאָס אָבער ווערט אַנדערשוואו 42) באַגרעניצט מיט אַ תנאי: — בתנאי די סנהדרין פּסקענען ניט די הלכה קעגן שכל הישר. ווען אַ לערער פון געזעץ שפּאַרט זיך איין ארויסצוטרעטן קעגן דער הלכה, ווי זי איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון זיינע חברים, איז ער חיב מיתא 43).

מיר וועלן פאַרשטיין, ווי אַזוי לערנען תורה איז געוואָרן די וויכטיקסטע באַשעפטיקונג פון דעם אידן, ווען מיר וועלן איינזען ביז וואָס פאַר אַ גראַד רעליגיע איז געוואָרן דער אויסשליסלעכער נאַציאָנאַלער אינטערעס פון אידישן פאָלק. ר' יוחנן בן זכאי זאָגט, אַז

לערנען תורה איז דער אייגנטלעכער צוועק, צוליב וועלכן דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן 44). דער באַרימטער וויכוח אין דער ישיבה פון לוד איבער דער פראַגע, וואָס איז וויכטיקער: לערנען צי פּראַק־טיצירן 45) — מיט דעם באַשלוס, אַז לערנען איז וויכטיקער, ווייל עס פירט צו דער פּראַקטיצירונג פון די מצוות, קאָן אין פלוג אַרייַפ־פירן אפן געדאַנק, אַז דאָ ווערט אָפּגעלייקנט דער אויבערווערט פון לערנען — דאָס לערנען איז צוליב די מצוות. אָבער אַז מען טראַכט זיך טיפער אַריין אין דעם מיין פון דעם באַשלוס, ווערט קלאָר, אַז דאָ ווערט בלויז באַטאָנט די וויכטיקייט פון פּראַקטיצירן — די מצוות זאָלן אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט ווערן — אָבער בשום אופן ניט איז דאָ די כונה אָוועקצומאַכן די בכורה פון לערנען. און עס זיינען פאַראַן גענוג תלמודישע אויסשפּרוכן צו באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון אָט דער אויסטייטשונג פון דעם באַשלוס, וואָס איז געפאַסט געוואָרן אין לוד: — „די גאַנצע וועלט איז ניט גלייך אין ווערט צו איין וואָרט פון דער תורה", זאָגט אַן אמורא פון דריטן יאָרהונדערט. „אַלע מצוות צוזאַמען קאָנען זיך ניט פאַרגלייכן מיט איין וואָרט פון דער תורה", זאָגט זיין צייטגענאָסע 46). אָט די הויכשעצונג פון לערנען תורה דאַרף ניט איבערראַשן, וואָרים מען האָט געגלויבט, אַז די תורה איז אין בוכשטעבלעכן זין אַרויס־געקומען פון גאָטס אייגענעם מויל. איז ווען איינער איז זיך מתעסק אין איר אינהאַלט, לעבט ער פּאַקטיש איבער די דערפאַרונג פון קאָמוניקירן זיך מיט גאָט און דערגרייכט אַף אַזאַ אופן דעם העכסטן ציל פון מענטשלעכן שטרעבן. ווי ער וואָלט אַליין געשטאַנען ביים באַרג סיני, בעת גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צום פאָלק ישראל. בערט־ראַנד ראָסל זאָגט, אַז דאָס שטודירן העכערע מאַטעמאַטיק גיט איי־נעם „דעם אמתן גענוס, די עקזאַלטאַציע, דעם געפיל פון זיין מער ווי אַ מענטש, וואָס דאָס איז די פּראָבע פון העכסטער אינטעליגענץ". נו, דער פּשוטער איד האָט דאָס אַלץ באַקומען פון לערנען תורה.

אָבער ווען מיר זאָגן, אַז דער איד האָט פון לערנען געזוכט אַרויסצוקריגן אַ שמץ פון דעם תענוג פון איבערלעבן גאָט־אַנטפּלעקונג, דאַרפן מיר אָט די רבקות ניט פאַרמישן מיט דעם אינטעלעק־טועלן אינטערעס, וואָס מיר פאַרבינדן געוויינלעך מיט שטודירן אָב־יעקטיווע אמתן. די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אָביעקטיוון אמת זעצט פאָרויס פאַרטרויען אין דער גילטיקייט פון אינטעלעקט און פון די חושים. די פאָרשונג פון אָביעקטיוון אמת איז געשטיצט אַף דירעקטער באַאָבאַכטונג פון די דערשיינונגען פון דער אינערלעכער

און אויסערלעכער וועלט. אויטאָריטעט אין אזא פאַרשונג איז פשוט די אויטאָריטעט פון א גרעסערע בקיאות אין באָאבאכטונג און שלום־ציאונג. פון דער אַנדער זייט אָבער איז די פאַרשונג פון דער תורה, לויט דער אויפפאסונג פון תלמודישן יודנטום, געשטיצט אף דער הנחה, אַז צו די סאַמע וויכטיקסטע אמתן קאָן א מענטש ניט צוקומען דורך דער באַנוצונג פון זיינע אייגענע אינטעלעקטועלע כוחות. יענע אמתן קאָן נאָר גאָט אַליין באַוואוסט מאכן צו אים, און יענע אמתן זיינען אנטפּלעקט אין דער תורה. על פי דעריעל־ביקער הנחה רוט אויטאָריטעט בלויז אין די יעניקע, צו וועמען גאָט האָט אנטפּלעקט זיין ווילן, אָדער אין די יעניקע, וואָס האָבן ביז שלמות זיך דורכגעדרונגען מיט דער פאַרמולירונג פון זיין ווילן אין דער תורה. עס איז קלאָר, אַז אזא שטעלונג צום אמת איז ניט קיין דערמונטערונג צום אָביעקטיוון שטודירן די דרויסנדיקע רעאַליטעט, אָדער די מענטשלעכע נאַטור, סיידן אזא שטודירן קאָן כיטהעלפן צו א קלאָרערער פאַרשטענדניש אָדער צו א ווירקזאַמערער פאַרטיידיקונג פון דער תורה. און בלויז מיט אָט דעם ציל אין אויג האָבן די מיטלאַלטערלעכע אידישע טעאָלאָגן געשאָנקען אויפמערק־זאַמקייט צו וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע.

ד) דער תלמודישער באַגריף פון ישראל

ווען דאָס גאַנצע לעבן און טעטיקייט פון פאָלק איז קאָנצענט־רירט געוואָרן אף נאָכצוקומען גאָטס ווילן, ווי ער איז אנטפּלעקט אין דער תורה, איז דער נאַציאָנאַלער קיום אין באַוואוסטזיין פון אידן דערהויבן געוואָרן צו אזא גראַד וויכטיקייט, וואָס ער האָט ביז אהער ניט געהאַט דערגרייכט. מיר דאַרפן געדענקען, אַז ביי יענער צייט האָט שוין בכלל דאָמינירט דער גלויבן, אַז דער איצטיקער וועלט־סדר איז א דערוויילִיקער און איז לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צו באַ־פרידיקן דעם מענטשנס עיקרדיקע באַדערפענישן. דער הויפּט־צוועק פון דעם מענטשנס מיען זיך אף דער ערד איז צו אַרבן זיין חלק עולם הבא. דאָס האָט מען גערופן דערלייזונג. דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט האָט איינשטימיק זיך געהאַלטן ביי אָט דער לעבנס־פילאָזאָפיע. וואו זיי זיינען זיך צעגאַנגען — איז געווען ווענגן דעם, וועלכע רעליגיע, נאָך גענויער אויסגעדריקט זיך: וועלכע אנטפּלעקונג האָט פאַרמאָגט די ענדגילטיקע דעקלאַראַציע פון גאָטס ווילן; וואָרום בלויז די יעניקע, וואָס אַנערקענען די אויטאָריטעט פון אָט דער אנטפּלעקונג און לעבן לויט אירע פאַרשריפטן, זיינען גע־זיכערט מיט דערלייזונג, אָדער מיט לעבן אין עולם הבא.

דאָס פאָלק ישראל, מיט זיין תביעה, אַז ער איז דער איינציקער באַזיצער פון דער אמתער און ענדגילטיקער אַנטפּלעקונג פון גאָטס ווילן, האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם איינציקן פאָלק, וועמען עס איז באַשערט צו ארבן די נייע וועלט. עס איז געגלויבט געוואָרן, אַז איי־דער דער נייער וועלט־סדר וועט איינגעפירט ווערן, וועט אַ גרויסער טייל פון דער גויאישער וועלט פאַרשטויסן די פאַלשע געטער, אָננעמען דער גאָט פון ישראל און נעמען אויספאָלגן די פאָרשריפטן פון דער תורה, אַזוי ארום איינס ווערנדיק מיט גאָטס אויסדערוויילטן פאָלק. איז דאַרום געוואָרן אַ פאָרבאַדינג צו דערלייזונג צו זיין אַ איד. אָט דער גלויבן איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער איבערטריבענער גלאָריפיקאַציע פון דעם גר. די עטלעכע שפּרוכן 47), וואָס ווערן געוויינלעך ציטירט אַלס טיפּיש און וועלכע שטעלן פאָר די גרים אַלס אומגעוואונטשן, זיינען בשום אופן ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אידישער שטעלונג צו זיי. דאָס זיינען פאַראיינצעלטע מיינונגען און שפּיגלען מסתמא אָפּ פּריוואַטע אומאַנגענעמע דערפאַרונגען מיט גרים; און זיי זיינען דורכאויס אויסער האַרמאָניע מיט דעם סכום קויב, וואָס ווערט צוגעטיילט די גרים דורך די תלמודישע שריפטן 48). אין אַ תפילה, וואָס ווערט איבערגעחזרט דריי מאָל טעגלעך, רופט דער איד גאָטס ברכה אויף די גרים און בעט פאַר זיך דעם זכות צו טיילן מיט זיי זייער גוטן מזל 49). עס איז אפילו פאַראַן אַ טענדענץ, וואָס לאָזט הערן, אַז גאָט ליגט מער געוויכט אויף די גרים, ווי אויף די אידן, ווייל די גרים נעמען אויף זיך דעם יאָך פון מלכות השמים, ניט האָבנדיק געווען עדות פון מתן תורה ביים באַרג סיני 50). פאַרמערט מיט די גוים, וואָס האָבן זיך מגייר געווען, און באַשטימט צו זיין די איינציקע באַוואוינער פון עולם הבא, קאָן שוין דאָס אידישע פאָלק ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ געוויינלעך פאָלק. אויס־געקליבן פון גאָט פאַר אַזאַ הויכן גורל, איז עס טראַנספיגורירט גע־וואָרן אין כנסת ישראל, גאָטס האַרצנס געליבטע. אין הסכם מיט די פאַרוואַנדלטע באַגריפן פון גאָט און פון דער תורה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דער באַגריף פון ישראל: — „ישראל" — דאָס איז די אי־דעאַליזירטע, פאַרגעטלעכטע פּערזאָניפיקאַציע פון אידישן פאָלק.

אין די אויפמונטערנדיקע רופן פון חומש און אין די טרייסט־רייד פון די נביאישע שריפטן געפינען מיר אידעאַליזירטע שילדע־רונגען פון ישראל אַלס אַ נאַציע. די נביאים, כדי צו פאַרשאַרפן זייערע פאָרדאַמונגען פון דער קעגנוואַרטיקער הנהגה פון זייער פאָלק, פלעגן אָפט געבן אָנצוהערעניש אויף דער גדולה און אויף דער

שלמות, וואָס ישראל וואָלט געקאָנט דערגרייכן, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט דעם גוטן רצון. אייניקע נביאים האָבן געפונען פאַר נויטיק צו מאָלן הערלעכע בילדער, כדי אריינצוגעבן געדולד און דערמונטערן האָפנונג, ווען אומגליקן און סכנות האָבן געסטראַשעט דער סאַמע עקזיסטענץ פון ישראל. אין די תלמודישע און נאָך־תלמודישע שריפטן איז די אידעאַליזאַציע פון אידישן פאָלק מערסטנס מאָטיווירט געווען פון דער נויט־באַדערפניש אנטקעגנצואווירקן דער פאַראַכטונג, אין וועלכער דאָס פאָלק איז געהאַלטן געוואָרן פון דער גויאישער וועלט. די אידעאַלע מעלות, מיט וועלכע די נביאים האָבן באַשאָנקען דאָס פאָלק אין זייערע צוקונפט־זעאונגען, זיינען אָבער פון די רבנים ניט באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי מעגלעכע און באַהאַלטענע, נאָר ווי שוין איצט פאַרווירקלעכטע. אָנשטאָט אריינצוואַרפן די מעלות אין ישראל פון דער צוקונפט, האָט דאָס תלמודישע יודנטום זיי צוריקגעוואָרפן אין ישראל פון דער פאַרגאַנגנהייט — הגם אין אָט דעם פּראָצעס פון צוריקוואַרפונג האָבן מערערע שטעלן אין דער ביבעל געדאַרפט איבערגעטייטשט ווערן אין אַן אנדערן, ניט בוכשטעבלעכן זין, און נייע מיינען האָבן געדאַרפט אריינגעפּרעסט ווערן אין די שוין גאָר ניט פּאַסיקע פאַרדאַמונגען, וואָס אזעלכע נביאים ווי אליהו, עמוס, ישעיה און ירמיהו לאָזן אונז אזוי אָפט הערן (51).

דאָס באַדערפניש צו פילן זיך אין דער וועלט ווי אין דער היים, וואָס די רעליגיע זוכט צו באַפרידיקן, איז אוניווערסאַל, אַלמענטשלעך. דער איד, לעבנדיק אין אַ פרעמדער, פיינטלעכער צו אים וועלט, וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט צוקומען צו אָט דעם געפיל פון היימישקייט, ווען זיין אייגן פאָלק זאָל אים ניט דינען ווי אַ סביבה, וואָס איז געווען אומדורכדרינגלעך פאַר די דראָאונגען און אַטאַקעס פון די שונאים. כדי צו קאָנען פונקציאָנירן ווי אַ האַפן פון באַהעלטעניש, ווי אַ רעטונגס־היים, האָט דאָס אידישע פאָלק געדאַרפט אויפגעהויבן ווערן אין געדאַנק צו אַ גורל, וואָס וועט סוף כל סוף ברענגען זיכערקייט און פעסטקייט צו יעדן יחיד, וואָס איז אידענטיפיצירט מיטן אידישן פאָלק. און אויפגעהויבן איז עס געוואָרן דורך דעם גלויבן, אַז דאָס איז דאָס איינציקע פאָלק, וואָס איז באַשטימט פאַר עולם הבא. דורך איינהיימישן גאָטס אָנוועזנהייט אין דער אידישער סביבה, האָט אפילו די קלעגלעכע ווירקלעכקייט פון קענגווערטיקן צושטאַנד פון אידישן פאָלק באַפרידיקט דעם יחידס באַדערפניש אין אַ מקלט פון שוץ און זיכערקייט. אפילו ווען דאָס אידישע פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד, וואו עס האָט גע־

קאָנט באַהעפטן זיך מיט גאָט אַזוי ווי ערגיץ ניט, איז עס דאָך ניט. איינגאַנצן באַרויבט געווען פֿון גאָטס אַנוועזנהייט. די שכינה האָט באַגלייט דאָס פֿאָלק ישראל אין אַלע זיינע וואַנדערונגען 52). דאָס האָט צוגעגעבן דעם פֿאָלק ישראל אַ הייליק שבהייליקן, אַ קדושה־כאַ־ראַקטער, וואָס ער האָט עס ניט געהאַט אפילו אין די ביבלישע צייטן.

כדי צו האָבן אַ באַגריף ווי ווייט די גלאָריפֿיצירונג פֿון ישראל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער דריטער שטופֿע, האָט אריבער־געשטיגען אפילו די דרייסטעסטע אידעאַליזאַציעס, וואָס זיינען צו געפֿינען אין דער ביבעל, דאַרפֿן מיר בלויז דאָ דערמאָנען, אַז מען האָט אין ישראל גענומען זען דעם סאַמע צוועק און כונה פֿון אויי־ערשטן ביים באַשאַפֿן די וועלט. די באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט ווערט מער ניט באַטראַכט ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, אַזוי ווי אין דער ביבעל — ווי אַ געטלעכן אַקט, וואָס איז אַ זעלבסטצוועק און וואָס דאַרף קיין אַנדערע פֿאַרענטפֿערונגען ניט. איצט איז דאָס גע־טייטשט געוואָרן, אַז מיט דעם וועלט־באַשאַפֿן האָט גאָט געמיינט הו פֿטזעכלעך דאָס פֿאָלק ישראל. דאָס רבנישע יודנטום שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן איבערטראָגונג פֿון דער וועלטס צענטער אַפֿן ספּיריטו־עלן פֿלעין, וואָס איז ביז אַ גרויסער מאָס ענלעך צו דער איבערטראָ־גונג פֿון וועלטצענטער אַפֿן פֿיזישן פֿלעין, וואָס איז געקומען מיט דעם איבערגאַנג פֿון פֿטאָלאָמייאישן צו קאָפּערניקוס' סיסטעם אין דער אַסטראָנאָמיע. אָנשטאָט וואָס ישראל זאָל עקזיסטירן פֿאַר דער וועלט, עקזיסטירט איצט די וועלט פֿאַר ישראל. דאָס פֿאָלק ישראל איז די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿון דער וועלט 53). ווען ישראל זאָל געשטרויכלט ווערן אין זיין געטרייהייט צו גאָט דורך פֿאַרוואַרפֿן די תורה, וואָלט די וועלט חרוב געוואָרן. די איד־צענטרישע אויפֿ־פֿאַסונג פֿון וועלט־אַל איז געטריבן אַזוי ווייט, ווי ביז צום גלויבן, אַז אפילו די נאַטירלעכע אָרדנונג פֿון געשעענישן פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט ווערט באַשטימט דורך ישראלס אויפֿפֿירונג. ניט אין שפּראַכלעכער איבערטרייבונג, נאָר אין פֿולן ערנסט לאָזט רש לקיש זאָגן גאָט צו ישראל, ווען דער לעצטער באַקלאָגט זיך פֿאַר אים, אַז קענטיק ער האָט פֿאַרגעסן זיין פֿאָלק — „איך האָב באַשאַפֿן צוועלף מזלות אין הימל, יעדער מזל באַשטייענדיק פֿון דרייסיק מחנות א. אז. וו. און יעדער לאַגער באַשטייענדיק פֿון 363 מאָל צען מיליאָן שטערן. . . . . און זיי אַלע זיינען באַשאַפֿן פֿון דיינטוועגן" 54).

דער באַטייט פון המשך אין דער אידישער רעליגיע

מיר זיינען איצט ביכולת צו פאַרשטיין, וועלכערווירקלעכער היסטאָרישער פאַקט דערלאַנגט זיך אונז מיט דער דערקלערונג, אַז די אידישע רעליגיע האָט אָנגעהאַלטן אומאונטערבראָכן איר המשך אין פאַרלויף פון דריי טויזנט יאָר. ווען מירריידן וועגן המשך פון אַ רעליגיע, מיינען מיר ניט, אַז אירע לערנונגען און פאַרגעשריבענע אויפפירונג־פאָרמען זיינען פאַרבליבן אומפאַרענדערט. דאָס איז דער המשך פון אַ שטיין, אָבער ניט פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. אַ לע־בעדיקער אָרגאַניזם באַזיצט אַ דינאַמישע זעלביקייט אַ דאַנק דעם לעבנס־פּרינציפּ, וואָס באַלעבט זיינע כסדר זיך פאַרענדערנדיקע עלע־מענטן. צו באַגרייפן דעם המשך פון אַ רעליגיע, דאַרף רעליגיע אויפ־געפאַסט ווערן ניט ווי אַן אַבסטראַקט וועזן, וואָס עקזיסטירט פאַר זיך אַליין, נאָר ווי אַ פונקציאָנירן פון אַ לעבעדיקן פאָלק; ווי אַ גע־שטאַלטונג פון דער ציוויליזאַציע פון דעם פאָלק. דער געמיינשאַפט־לעכער קענצייכן פון די פאַרשיידענע שטופן פון דער אידישער צי־ו ליזאַציע דאַרף געזוכט ווערן ניט אין אירע גלויבונגען און פראַקטי־קעס, נאָר אין דעם פאָרגעזעצטן לעבן פון אידישן פאָלק. אָן דעם המשך פון סאָציאַלן לעבן, אָן די פילע דורות פון מענער, פרויען און קינדער, וואָס האָבן געלעבט און קולטיווירט זייער סאָציאַלע און ספּיריטועלע ירושה און זי איבערגעגעבן צו די דורות נאָך זיי, וואָלט די רעליגיע פון די אידן פון בית שני ניט געקאָנט זיין דער ווייטערדיקער המשך פון רעליגיע פון די בני ישראל, וואָס זיינען אריין אין ארץ ישראל.

אָבער בעת די איבערטראָגונג פון דער ספּיריטועלער ירושה פון דור צו דור איז גענוג צו דערקלערן דעם פאַקטישן המשך, איז נאָך נויטיק אָנצואווייזן אויף אַ פאַקטאָר וואָס ווירקט ניט צו דערלאָזן, אַז די ענדערונגען אין אויסבליק און לעבנסשטייגער זאָלן ניט צע־שטערן דעם געפיל פון המשך. דער פאַקטאָר איז געווען די טענדענץ אַזוי אויסצוטייטשן די גע׳ירשנטע רעליגיעזע ווערטן, זיי זאָלן קאָנען דינען ווי טרעגער פון די נייע אויפקומענדיקע לערעס און אידעאַלן, וואָס דריקן אויס די אידייען און באַדערפנישן פון דער לויפנדיקער צייט. די שפּראַכלעכע און סימבאָלישע פאָרם פון די ווערטן בלייבט דיזעלביקע; נייע אָבער איז זייער מיין, זייער באַטייט. די ניי־אויס־טייטשונג פון די רעליגיעזע ווערטן איז ספּיריטועלער שטאָף־אויס־טויש — געגליכן צום שטאָף־אויסטויש אין פיזישן אָרגאַניזם. דאָס איז אַ פאָרם פון יענעם געזעץ פון וואַקסן, וואָס דורך אַן אומאונטער־

בראָכענער איבערשמעלצונג פון לעבן פון אלט־פאָרם אין ניי־פאָרש, מאַכט עס לעבנס־וועקסל פאַר דעם סאַמע מיטל פון לעבנס זעלביקייט און המשכדיקייט.

מיר האָבן געזען, ווי די נביאים האָבן צוגעגרייט דעם וועג פאַר דער טראַנספאָרמאַציע פון דער אידישער רעליגיע פון אַ פאָלקס־גאָטישער אין אַ טעאָקראַטישער; און ווי די אחריות־הימים־ספעקולאַציעס האָבן זי פאַרוואנדלט פון אַ טעאָקראַטישער אין אַ יענע־וועלטיקער רעליגיע. פונקט אזוי האָט די אידישע רעליגיע פון יענע־וועלטיקער שטופע אַנטוויקלט אַ טעאָלאָגיע, וואָס האָט צוגעגרייט די נעקסטע און פערטע שטופע פון דער אידישער רעליגיע. די הויפט־פונקציע פון יענער אידישער טעאָלאָגיע איז געווען אריינצופאַסן די ביבלישע און תלמודישע אויפפאַסונגען פון גאָט אין דעם געשטעל פון יענע פילאָזאָפישע באַגריפן, וואָס אין מיטלאלטער איז אָנגענומען געווען, אַז זיי שטעלן פעסט דעם אמת וועגן דער רעאַליטעט. הגם די מיטלאלטערלעכע אידישע טעאָלאָגיע האָט געגלויבט, אַז וואָס זי טוט איז בלויז אַ ניי־באַשטעטיקונג פון דעם אידנס געטרייהייט צום טראַדיציאָנעלן גלויבן, אָבער אינדירעקט האָט זי אַרויסגעוויזן געגנוג דרך־ארץ פאַרן שכל, צוצוגרייטן דעם וועג פאַר אַ טיפּ פון רעליגיע, וואו שכל — איז אַ זין, וואָס איז גענוג ברייט איינצושליסן אַלע טיפערע איינזעענישן און אינטואיציעס — איז דער איינציקער וועגווייזער און פוסק 55).

ווען די פאַרמענטשלעכנדיקע באַגריפן פון גאָט, וואָס מיר געפינען אין דער ביבעל, זיינען געקומען אין צוזאמענשטויס מיט די מער אינטעלעקטואליזירטע באַגריפן פון גאָט, וואָס די גריכישע פילאָזאָפיע האָט אויסגעאַרבעט, איז צייטיק געוואָרן אַ באדערפניש פאַר אַ ניי־אויסטייטשונג. און אַזוי ווי עס איז אומפאַרמיידלעך געווען, אַז די וואָס זיינען ארונטערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון גריכישן געדאנק, זאָלן פאַרציען די מער ראַציאָנעלע אויפפאַסונג פון גאָט, וואָס דער גריכישער געדאַנק האָט אַנטוויקלט, איז געבליבן בלויז איין ברירה, כדי איינצוהאַלטן די אויטאָריטעט פון דער ביבעל — צו באַנוצן זיך מיט דעם אלעגאָרישן מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע — דער מעטאָד, וואָס יוהעמערוס, פון פערטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, האָט איינגעפירט אין זיין פאַרזוך צו ראַטעווען די רעליגיעזע ירושה פון די גריכן. דעם מעטאָד האָבן אָנגעווענדט די אידן פון אַלעקסאַנדריען, וועלכע זיינען געווען די ערשטע צו דערשפירן דעם קאָנפליקט צווישן דער אידישער ספּיריטועלער ירושה און

גריכישן געדאַנק; פילאָן איז געווען זייער פּראָמינענטסטער וואָרט־פירער. ער האָט אריינגעטראָגן א נייעם זין אין דער אידישער רע־ליגיע אלס גאַנצע. זיין אומשאַצונג פון יודנטום האָט געהאַט פאַר איר פועל־יוצא די פאַרוואַנדלונג פון דער אידישער רעליגיע אין א געטלעך אנטפּלעקטן פילאָזאָפישן סיסטעם. „פילאָזאָפיע — האָט ער געזאָגט — איז די נשמה און די צערעמאָניעס זיינען דער קערפּער פון יודנטום".

אין ענלעכע דערפאַרונג האָבן געהאַט די אידן, וואָס זיינען נאָכאַמאָל געקומען אין באַרירונג מיט דעם גריכישן געדאַנק דורך דער פאַרמיטלערשאַפט פון דער איסלאַמישער קולטור. ר' סעדיה גאון, אין צענטן יאָרהונדערט, מיט זיינע „אמונות ודעות", הויבט אָן א ריי אידישע דענקער, וואָס האָבן גענומען אף זיך די אויפגאַבע אי־בערצופאָרמולירן אין די טערמינען פון פילאָזאָפישן וועלט־אויסבליק די לערנונגען פון דער תורה, ווי זיי זיינען אויסגעטייטשט געוואָרן פון די בעלי התלמוד. דער פירנדיקער אידישער טעאָלאָגישער טעקסט, וואָס ביז צום אויפקום פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע האָט געהאָלפן די מער דענקענדיקע צווישן אידן אריבערצושפּרייזן דעם תהום צווישן טראַדיציע און ראַציאָנאַליזם — איז געווען דעם רמב"מס „מורה נבוכים".

הגם די פריערדיקע פאַרזוכן אומצושאַצן די אידישע רעליגיע זיינען געווען נוצלעך אף זייער וועג, ליפערן זיי אונז ווייניק הילף אין דעם פּראָבלעם פון רעליגיעזן איבערבוי, וואָס מיר היינטיקע האָבן אף די הענט. דער אלעגאָרישער מעטאָד, דורך וועלכן דאָס יודנטום איז צונעפּאַסט געוואָרן פון די אידישע פילאָזאָפן צום געדאַנק פון זייער צייט, האָט זיך אויסגעטויגט בעת די תורה איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אן איבערנאַטירלעכן פענאָמען. ארויסגייענ־דיק פון דער הנחה, אַז די תורה איז א פּראָדוקט פון איבערנאַטיר־לעכער אנטפּלעקונג, זיינען די אידישע פילאָזאָפן געווען באַרעכטיקט אָנצונעמען, אַז במילא קאָן קיין זאַך אין דער תורה ניט זיין אין סתירה צו די שלוסן, צו וועלכע מען קומט מיטן שכל, ווייל אויך דער שכל איז פאַר זיי געווען בלויז אן אנדער פאָרם פון געטלעכער אנטפּלעקונג. און אזוי ווי שפּראַך ווערט גענוצט ניט נאָר אין בוכ־שטעבליכן, נאָר אויך אין בילדלעכן, מעטאַפאָרישן זין, איז ניט גע־ווען קיין פאַרלעצונג פון דעם איבערנאַטירלעכן כאַראַקטער פון דער תורה, ווען מען האָט זיך באַהאָלפן מיט מעטאַפאָריש משלדיקע אויס־טייטשונגען, וואו נאָר דער בוכשטעבלעכער טייטש פון טעקסט האָט

זיך ניט געקלעפּט צו די הערשנדיקע פילאָזאָפישע אידייען פון זייער צייט. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק לייכט אַזוי אויסצוטייטשן אַ טעקסט, ער זאָל אַרויסגעבן פון זיך מיינען, וואָס דער מחבר פון טעקסט האָט זיי זיכער ניט געקאָנט האָבן אין געדאַנק, ווייל די אַריינגעטייטשטע מיינען האָבן זיך ניט אָנגעהערט צו זיין צייט.

אין נייַנצענטן יאָרהונדערט איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו באַנייען דעם אַלעגאָרישן מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע. שמשון רפאל הירש האָט אין זיינע קאָמענטאַרן צו דער ביבעל געפּרואווט אויסצוטייטשן סימבאָליש יעדן איינעם פון די ריטואַלן און צערע־מאָניאַלן פון אידישן לעבן. זיינע באַמיאונגען האָבן זיך אַרויסגע־וויזן פאַר פּרוכטלאָז, ווייל דער אַלעגאָרישער, אַלץ צו משל מאַכנ־דיקער מעטאָד קומט אין סתירה מיט דעם מאָדערנעם מענטשנס פאַרלאַנג נאָכן היסטאָרישן אמת. דער אַלעגאָרישער מעטאָד לאָזט זיך מער ניט געברויכן, ווייל ער שליסט איין די פאַרלייקענונג פון בולטסטן היסטאָרישן פאַקט, וואָס האָט טיף זיך אַריינגעשאַרפט אין מוח פון מאָדערנעם מענטשן — און דאָס איז, אַז די פּאַרציייטיקע פעלקער האָבן געהאַט זייער האַמעטנע באַגריפן וועגן דער מענטשלע־כער געזעלשאַפט און וועגן דער וועלט־אָרדנונג בכלל, און אַז יענע באַגריפן זיינען אויך אַריינגעדרונגען אין זייערע הייליקע שריפטן און האָבן געגעבן געבורט צו מערערע פון זייערע סאָציאַלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס. די אידן זיינען קיין אויסנאַם ניט געווען פון אָט דער פּאַרצייטיקער באַגרעניצטקייט. די אידישע פילאָזאָפן, ווייל עס האָט זיי געמאַנגלט אין היסטאָרישן בליק, האָבן טאַקי געקאָנט גלויבן, אַז די געדאַנקען, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייענט אין די הייליקע שריפטן, זיינען ווירקלעך דאָרט בנמצא. אָבער יענע אַלעגאָרישע אויסלייגונג פון די שריפטן היינט צו טאָג שלאָגט אָפּ מיט קונצנ־מאַכעריי. גאָר אַן אַנדער מעטאָד דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן, כדי אויפצוכאַפּן דעם רעליגיעזן המשך, וואָס בינדט אונז מיט דער פאַר־גאַנגענהייט — אַ מעטאָד, וואָס זאָל זיך שיקן מיט דער עוואָלוציאָ־נערער און היסטאָרישער אויפפאַסונג פון רעליגיע און וואָס זאָל זיין געשטיצט אויף די גייסט־באַדערפנישן פון מענטשלעכן גייסט, וואָס טאָרן ניט פאַרזען ווערן, אום ניט צו שטעלן אין סכנה דעם מענטשנס מאָראַלישן און ספּיריטועלן וואוילזיין.

קאַפּיטל פינף

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפּרעטירן דעם גאָט-געדאַנק

ניי־אינטערפּרעטאַציע ווי אַ מיטל ארויסצוזיען באַהאַלטענע ווערטן

די אידישקייט פון דער אידישער רעליגיע וועט ניט זיין אָפּהענגיק פון איר יחוסן זיך מיט איר איבערנאַטירלעכער אָפּשטאַמונג, צי מיט דעם, וואָס זי איז ראַציאָנעלער אָדער מאָראַלישער פון אַנדערע רעליגיעס. איר איינציקאַרטיקייט וועט זיך נעמען הויפּטזעכלעך פון דעם פאַקט, וואָס אידן וועלן לעבן מיט איר און וועלן איר געבן אויסדרוק דורך אַזעלכע קולטור־מיטלען, וואָס די אידישע ציוויליזאַציע וועט ארויסברענגען. אָבער אפילו נאָך איידער יענע נייע קולטור־מיטלען וועלן געשאַפן ווערן אַף אַ מאַסשטאַב גענוג ברייט אַף צו קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט דער אידנס איצטיקע ספּיריטועלע נויטן, קאָן די רעליגיע, געלעבט פון אידן, אָננעמען זיך מיט כאַראַקטער און אינדיווידואַליטעט, שפּייזנדיק זיך פון יענעם רעזערוו פון ספּיריטועלע ווערטן, וואָס זיינען אָפּגעלייגט אין אירע טראַדיציעס. אויב די שריפטלעך פאַרצייכנטע דערפאַרונגען פון אידישן נביא און תנא, פון פּאָעט און הייליקן וועלן פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דעם אידנס באַוואוסטזיין אין זיינע באַמיאונגען צוצופּאַסן זיך צום לעבן, וועט דער רעזולטאַט פון דער צופּאַסונג זיין אידיש־רעליגיעזע אויפפירונג. די אייגנאַרטיקע אינדיווידואַליטעט פון דער קינפטיקער אידישער רעליגיע קאָן אין פאָרויס ניט באַשריבן ווערן. ערשט ווען אַ אידיש לעבן אָדער ציוויליזאַציע וועט איינגעשטעלט ווערן, וועט זיך ארויסשיילן אַ טיפּ פון אַ רעליגיע, וואָס וועט זיין פונקט אַזוי איינציקאַרטיק ווי די יעניקע, וואָס האָט זיך ארויסגעשיילט פון דער אידישער ציוויליזאַציע אין דער פאַרגאַנגענהייט.

דערויף לאָזט זיך אָנווענדן אַ ציטאַטע פון דזשאָן דיואי: „אינדיווידואַליטעט איז לכתחילה זעלבסטשפּראַציק, ספּאָנטאַן און פאָרמלאָז. עס איז אַן אַנלאַגע, אַ פייאיקייט זיך צו אַנטוויק־

לען. . . אזוי ווי אינדיווידואַליטעט איז אַ באַשטימטער וועג פון פילן די אָנשטויסן פון דער וועלט, באַהעפט מיט אַ נייגונג אָפּצוענטפערן אין אַ געוויסער ריכטונג אַף די דאָזיקע אָנשטויסן, קאָן זי זיך אָננעמען מיט פאָרם און געשטאַלט ערשט אין צוזאַמענוווירקונג מיט פּאַקטישע קאָנדיציעס. . . דאָס ארויספּרעסן אַ פּאָרויסבאַשטימטע אינדיווידואַליטעט גיט אַלעמאָל דעם איינדרוק פון מאַנעריזם, אָבער ניט פון עכטער מאַנער. דאָס לעצטע איז עפּעס אָריגינעלעס, שעפערישעס; עפּעס וואָס פורעמט זיך אין סאַמע פּראָצעס פון שאַפן" [1]).

אויב די טראַדיציאָנעלע אידישע רעליגיע איז פון איר עצם ארויס פייאיק אַרויסצוגעבן די ווערטפולסטע מענטשלעכע איינשטעלונגען — אמונה, האָפנונג, קוראַזש — אויב זי קאָן ברענגען צו סאָציאַלן קאָנטראָל און צו דער אַנטוויקלונג און צו דער פּאַרפולקאָמונג פון דער פּערזענלעכקייט אין יחיד, דאַרף זי אויך זיך לאָזן אומשאַצן אין די טערמינען פון היינט־וועלטיקן געדאַנק. בעת אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט דער מאַגיש־נסימדיקער עלעמענט פון די טראַדיציאָנעלע ווערטן אָפּט אַריבערגעוואויגן זייערע עטישע און ספּיריטועלע פּעולות, וועט איצט נויטיק זיין ארויסצוהויבן די עטישע און ספּיריטועלע פּעולות ביז אַזאַ גראַד, אַז זייער אומאָפּהענגיקייט פון מאַגישן עלעמענט זאָל בולט זיך אַרויסזען. קאָן אָבער דאָ גע־פרעגט ווערן: וואָרום אָנהויבן פון די טראַדיציאָנעלע באַגריפן, כדי דערנאָך ערשט צו דאַרפן נעמען אַף זיך די שווערע מי פון אומשאַצונג? אַמער קאָן מען דאָך גלייך אָנהויבן פון שפּאָגלנייע שטאַנדאַרטן און ווערטן? דער ענטפער איז, אַז די טענדענץ פון אומשאַצן און איבערטייטשן שטאַמט פון דעם מענטשנס גרונט־באַדערפעניש צו פילן, אַז עס איז געווען עפּעס אַ ממשותדיקער אמת אין פאַרלויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע ביז אַהער. וואָרום טאָמער שטעלט זיך אַרויס, אַז אַלץ וואָס דער מענטש האָט דערגרייכט אין קולטור און רעליגיע איז געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע, וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס מענטשלעכע לעבן בכלל? פון דער אַנדער זייט, אויב מיר קאָנען געפינען אַ געוויסן המשך צווישן דעם, וואָס מיר האַלטן פאַר נוצלעך פאַרן מענטשנס לעבן און אַנטוויקלונג, און דעם, וואָס די אַלטע האָבן טייער געהאַלטן, ווערן מיר געשטאַרקט אין אונזערע האָפנונגען און אַספּיראַציעס. די מעלה פון אויסנוצן די טראַדיציאָנעלע באַגריפן איז אין דעם, וואָס זיי טראָגן מיט זיך דעם אָנגעזאַמלטן אימפּעט און דעם עמאָציאָנעלן דראַנג פון

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

מענטשנס פריערדיקע באַמיאונגען צו דערגרייכן גרעסערע ספּי־ריטועלע גבורה.

כדי אַרויסצוקריגן אַט די מעלה, איז נויטיק אויסצואַרבעטן אַ מעטאָד, ווי אַזוי צו אַנטדעקן אין דער טראַדיציאָנעלער אידישער רעליגיע אָנצוהערענישן אױף אַ ספּיריטועלער לעבנס־צופּאַסונג, וואָס זאָל האָבן גילטיקייט פאַר אונז היינט. אַ מעטאָד פון אינטערפּרע־טאַציע דאַרף עס זיין, וואָס טוט טאָפּלטע אַרבעט: אי ער ווייזט אַז די טראַדיציאָנעלע לערנונגען און אינסטיטוציעס זיינען געווען פּראָדוקטן פון אַ סאָציאַלן לעבן, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט די באַ־גרעניצטקייטן פון די פאַרשיידענע צייטן פון זייער אָפּשטאַמונג, אי ער פאַרזעט ניט ביז וואָס פאַר אַ גראַד יענע לערנונגען און אינ־סטיטוציעס האָבן געווירקט צו אמונה, געטרייהייט און דערלייזונג. אױף אַזאַ אופן וועלן די „פּראַגמאַטישע" — פּראַקטישע, צייטנוציקע — באַטייטן פון די טראַדיציאָנעלע לערנונגען אויפגעדעקט ווערן, כדי ווייטער אַנטוויקלט צו ווערן. און די פאַרגעסענע שטימונגען פון דעם פאָלקס ציוויליזאַציע וועלן ווידער קאָנען אויפגעכאַפּט ווערן און איינגעפּאַסט ווערן אין „ספּיריטועלער היינטצייטיקייט".

די דערגרייכונגען און הינטערשטעליקייטן פון דער היסטאָרישער שולע

אַט דער מעטאָד ווערט איצט אויסגעאַרבעט. ערשטנס, דורך דער היסטאָרישער שולע 2), וואָס דער פּרינציפּ, וואָס דינט איר פאַר אַ יסוד, איז — אַז יודנטום איז ניט אַ פאַרגליווערטע גרופּע פון גלויבונגען און טואונגען, וואָס זיינען איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַר־בעסטיקט און איבערגעליפערט געוואָרן אומבאַרירט פון דור צו דור. די היסטאָרישע שולע פאַרקערט נעמט אָן, אַז יודנטום רעפּרע־זענטירט דאָס פאַרענדערלעכע קוטורעלע און ספּיריטועלע לעבן פון פאָלק, אונטערוואָרפן ווי עס איז געווען צו די אָפּוועקסלונגען פון צייט און אָרט. די שולע האָט זיך געריכט אַריינצוגעבן אַ ניי לעבן אין יודנטום דורך אויסטייטשן עס ווי אַ סעריע פון סאָציאַלע דער־שיינונגען, וואָס האָבן אויסגעפאָלגט די נאַטור־געזעצן פון פאַרענ־דערונג וואָס ווירקן אין דעם וועלט־אַל. די היסטאָרישע שולע האָט ניט באַהאַנדלט דאָס יודנטום, ספּעציעל זינט דעם ביבלישן פּעריאָד, ווי אַן איבערוועלטלעכע אַנטפּלעקונג, וואָס איז ווי אָנפּאַרטרויט גע־וואָרן צו איין פאָלק, וואָס איז אויסדערוויילט פאַר דעם צוועק, נאָר ווי אַן אַנטוויקלונג פון אַ לעבעדיקן פאָלק, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט

צו זיין סביבה און צוגעפּאַסט די סביבה צו זיך. אָט דער קוק אויפן יודנטום ווי אויף אַ דינאַמישן פּראָצעס איז קאַפּאַבל צוצוגרייטן דעם וועג פאַר דעם סינטעז צווישן דער אידישער סאָציאַלער ירושה מיט דעם בעסטן אין די ציוויליזאַציעס פון אונזער היינטיקן טאָג, אַ סינטעז וואָס איז אַזוי אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער ספּיריטועלער נאָרמאַליטעט פון דעם אידן.

דאָך דער היסטאָרישער מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע, ווי ער איז אַנטוויקלט און אָנגעווענדט געוואָרן ביז איצט, איז הינטער־שטעליק געבליבן אין צוויי פּרטים. ערשטנס, איז ער געווען צו באַגרעניצט אין זיין פאַרנעם. די היסטאָרישע שולע האָט אָנגעווענדט איר מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע אויפן מאַטעריאַל פון דער תלמודי־שער עפּאָכע פון יודנטום, אָבער האָט גאָר ווייניק ביי־געטראָגן צום שטודיום פון די הייליקע שריפטן אין ליכט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג 3). מיט דער כאַראַקטעריסטישער אומלאָגישקייט פון דער היסטאָרישער שולע, האָט הענרי מאַלטער געשריבן: „אונזער רע־ליגיע האַלט אונז צוריק פון וועלכער עס איז קריטיק פון דער ביבעל, מחמת תורה מן השמים איז איינער פון די הויפּטפּרינציפּן פון דער לערע פון יודנטום. עס איז אָבער ניטאָ אַזאַ פאַרבאָט קעגן דער קריטיק פון תלמוד. די ביבל איז גאָטס וואָרט, דער תלמוד איז דאָס ווערק פון מענטשן, ווי גרויס, ווי וואונדערלעך זיי זאָלן ניט געווען זיין" 4). מיר קאָנען, נאַטירלעך, פאַרשטיין, וואָרום די שולע האָט זיך ניט דערלויבט צו אונטערוואַרפן די ביבל צו איר אונטערזוכונגס־מעטאָד. די ביבל איז געווען דאָס „קדשי קדשים" פון די אידן. ארונטערצונעמען די ביבל אונטער וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז איידער די מאַיאָריטעט אידן האָבן דערשפּירט, אַז דער לעבעדיקער גייסט פון אידישן פאָלק איז נאָך ווירקזאַם היינט צו טאָג, וואָלט געמיינט באַרויבן דעם אידן פון זיין ספּיריטועלער הויפּט־שטיצע. ביים פאָלק איז פעסט אָנגענומען געווען, אַז די טראַדיציאָנעלע אידישע רעליגיע, דאָס תלמודישע יודנטום, ציט איר גילטיקייט און איז אָפּהענגיק מיט איר גילטיקייט פון געשריבענעם וואָרט פון דער תורה. כל זמן די אידייע האָט דאָמינירט, איז יעדער פאַרזוך צו שטודירן די ביבל פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט פאַררעכנט געווען ווי אַ שניט איבער די סאַמע לעבנס־וואָרצלען פון דער אידישער רעליגיע. אָבער היינט צו טאָג גילט שוין דער טעם ניט. די נעגאַטיווע אויספירן פון דער ביבל־קריטיק זיינען שוין דורכגעדרונגען ביז צום מאַסן־פאַרשטאַנד, און אויב מען וועט זיי ניט אַנטקעגנקומען מיט אַ פּאָזיטיוון אינ־

טעלעקטועלן אויסגלייך, וועט עס אומפאַרמיידלעך קומען דערצו, אז די אידישע רעליגיע זאָל ווערן נאָך ווניקער ווירקזאַם, ווי זי איז שוין איצט.

צווייטנס, איז די היסטאָרישע שולע הינטערשטעליק געבליבן אין דעם, וואָס זי האָט פאַרפעלט צו רעכענען זיך מיט דעם פאַקט, אַז דער באַטייט פון אן אידייע אָדער פון אן אינסטיטוציע דאַרף געזוכט ווערן ניט בלויז אין זייער אָפענעם אויסדרוק, נאָר אויך אין די ניט בפירוש אַרויסגעבראַכטע, מיט־אריינגעגעבענע כוונות זייערע. אָט די ניט אָפענע כוונות האָבן גאָר ניט געדאַרפט באַוואוסט זיין צו יענע, וואָס האָבן די ערשטע אויפגעגעבן די אידייע אָדער איינגעפירט די אינסטיטוציע. ערשט צוריקבליקנדיק צו די שפּעטערדיקע פּעולות, אין געדאַנק און האַנדלונג, פון אַ טראַדיציע, הויבן מיר אָן צו שפּירן איר פולן באַטייט. כדי צו דערקענען יענע פּעולות וואָס זיינען אַזוי עיקרדיק פאַר דער פאַרשטענדניש פון פולן באַטייט פון אַ טראַדיציאָנעלן גלויבן אָדער מנהג, פאָדערט זיך צוגיין צו דעם גלויבן אָדער מנהג פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. וואָלט די היסטאָרישע שולע אָנגעווענדט אָט דעם צוגאַנג אין איר פאָרשונג פון טראַדיציאָנעלן יודנטום, וואָלט צו איר געהערט די איניציאַטיווע צו דער ספּיריטועלער אויסגלייכונג מיט דעם צייטגייסט, וואָס דאָס היינטיקע אידישע לעבן באַדאַרף עס אַזוי נויטיק האָבן. דאַמאָלס וואָלט זי ניט סתם אנגעשאָטן אַ באַרג מיט אַרכעאָלאָגישע דעטאַלן, נאָר זי וואָלט אויפגעדעקט יענע עלעמענטן אין יודנטום, וואָס זיינען פון פּערמאַנענטן ווערט. זי וואָלט צוריקגעבראַכט צו דעם אידן דעם גייסט, וואָס האָט זיך געריסן צו זעלבסטאויסדרוק אין די טראַדיציאָנעלע לערנונגען, און די נשמה, וואָס האָט באַלעבט די ריטועלע אָפּהיטונגען. „עס מוז צוגעגעבן ווערן", שרייבט י. עלענבאָגן אין זיין איבערבליק איבער די אויפטוען פון דער אידישער וויסנשאַפט, וועלכע איז דער פּראָדוקט פון דער היסטאָרישער שולע — „אַז די אידישע וויסנשאַפט האָט זיך ווייניק וואָס געמיט, אין דער טריאומף־צייט פון איר קאַריערע, צו פאָרמולירן אַ נייעם וועלט־אויסבליק פאַרן יודנטום."

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע ווי אַ מיטל אויפצוהאַלטן דעם המשך פון דער אידישער רעליגיע

די אידישע רעליגיע דאַרף אַזוי איבערגעטייטשט ווערן, זי זאָל ביכולת זיין צו שפּייזן די ווערטן, וואָס זיינען געוואָרן די באַוואוסט־

זיניקע צילן פון דעם גאַנצן העכערן מענטשלעכן שטרעבן. אָט די ווערטן זיינען ניט דער פּראָדוקט פון וועלכער עס איז איינציקער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, אָדער עטישער טענדענץ, נאָר דער פּראָדוקט פון די פאַרשיידענע סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע כוחות, וואָס האָבן אַריינגעשפּילט אין דער אויספורעמונג פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. איבערטייטשנדיק די טראַדיציאָנעלע ווערטן פון וועלכער עס איז ספּיריטועלער ירושה אָדער ציוויליזאַציע, היטן מיר איין די אָנגעזאַמלטע ענערגיע, וואָס וואָלט אָן דעם פאַרלאָרן געגאַנגען. די אומשאַצונג פון ספּיריטועלע ווערטן איז די קאָנסערווירונג פון ספּיריטועלער ענערגיע. עס העלפט צו דער קאָנסערווירונג און צו דער קולטיווירונג פון די אַלע טענדענצן, אינדיווידועלע און סאָציאַלע, וואָס פירן צו דער פולשטענדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יחיד און צו דער אַלץ ענגערער פאַראייניקונג פון דער מענטשהייט.

די אידייען, וואָס האָבן געפונען אויסדרוק אין דער פאַרצייטיקער אידישער ליטעראַטור, אין די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געוואָרן דער סאַמע עצם פון אידישן לעבן, דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי פאַרזוכן אויסצודריקן אין טערמינען פון גלויבן און פּראַקטיק די נויטן און וואונטשן פאַר א פולערן לעבן, ווי דער מענטש צו יענער צייט איז ביכולת געווען צו דערגרייכן. וואָס פאַר נויטן און וואונטשן דאָס זיינען געווען, קאָן אַרויסגעדרונגען ווערן פון איינציקע קאָנזעקווענצן אין געדאַנק און אקציע, וואָס זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון יענע אידייען און אינסטיטוציעס. די אויפגאַבע פון אינטערפּרעטאַציע באַשטייט דעריין — אויסצוקלייבן פון צווישן די אידייאישע און פּראַקטישע קאָנזעקווענצן פון די טראַדיציאָנעלע ווערטן די יעניקע, וואָס האָבן נאָך ספּיריטועלן באַטייט פאַר אונזער היינטיקן טאָג, און האָבנדיק דאָס געטאָן פאַרוואַנדלען די קאָנזעקווענצן אין מאָטיוון פאַר היינטער דענקונג און אויפפירונג. אזוי ארום מאַכן מיר די טראַדיציאָנעלע ווערטן פונדאַסניי פונקציאָנירן. פונקציאָנעלע אינטערפּרעטאַציע זעצט דאַרום פאָרויס א קענטשאַפט פון דעם הינטערגרונט פון דער לערע אָדער אינסטיטוציע, וואָס ווערן אינטערפּרעטירט; זי זעצט אויך פאָרויס אַ קענטשאַפט פון די פאַרשיידענע צוזאַמענהאַנגען, אין וועלכע די לערע אָדער די אינסטיטוציע האָבן מיט־אַריינגעווירקט; און מער פון אַלץ אַ קענטשאַפט פון דער מענטשלעכער נאַטור, ווי זי פונקציאָנירט אין דער געזעלשאַפט און אין יחיד. ניי־אינטערפּרעטאַציע איז אַ

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

פראַצעס פון געפינען היינט־גילטיקע ווערטן — עקוויוואַלענטן — אין דער ציוויליזאַציע, צו וועלכער מיר באַלאַנגען, פאַר די ווערטן פון אַ פאַרגאַנגענער שטופע פון דער דאָזיקער ציוויליזאַציע. זיכער איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין קוואַליטעט צווישן די און יענע ווערטן; אָבער אין זייער שייכות צו די ציוויליזאַציעס, צו וועלכע די און יענע ווערטן געהערן, סטרוקטוריש אַזוי צו זאָגן, אין דעם דינסט, אין דער פונקציע, וואָס זיי דערפילן, האָבן זיי ענלעכקייט — אָדער ווי מען דריקט זיך אויס, זיי פאַרמאָגן עקוויוואַלענץ.

ארויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז עס איז ניט פאָרגעקומען קיין ענדערונג אין דער קוואַליטעט פון דער מענטשלעכער נאַטור פאַר די לעצטע צוויי אָדער דריי יאָרטויזנטער — מיר זיינען דיזעלביקע מענטשן — קאָנען מיר מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז די צילן, וואָס מיר האַלטן היינט פאַר ווערטפול און געוואונטשן, זיינען שוין פאָרויסגעכאַפט געוואָרן פון געוויסע צילן, וואָס האָבן געגאָלטן אין דער פאַרגאַנגענהייט. וואָרים אַז אונזערע מאָדערנע אידעאַלן זאָלן גאָר קיין אבות ניט האָבן, וואָלט געמיינט, אַז די מענטשלעכע נאַטור האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט פאַר די לעצטע הונדערט יאָר — אָדער אומגעפער הונדערט יאָר. ווען מיר זאָלן פלייסיק פאָרשן, וועלן מיר געפינען, אַז די טראַדיציאָנעלע זוכענישן פון אַמאָל זיינען טראָגעדיק געווען מיט כוונות, וואָס זיינען פון העכסטן באַטייט פאַר אונזער היינטיקן טאָג.

מען דאַרף געדענקען, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגן פאַקט, וועגן דער פאַקטישער אמתדיקייט פון די אַמאָליקע גלויבונגען, נאָר וועגן זייער פסיכאָלאָגישן באַטייט פאַר די גלויביקע. צו פאַר־טייטשן די פאַרגאַנגענהייט פונקציאָנעל מיינט ניט נאָכצופאָלגן אין די פוסטריט פון די טראַדיציאָנעלע „האַרמאָניזאַטאָרס", וועלכע האָבן געזוכט צו באַווייזן, אַז די הייליקע שריפטן האָבן פאָרויסגע־כאַפט יעדן וויסנשאַפטלעכן פאַקט, וואָס איז לעצטנס אַנטדעקט גע־וואָרן. פונקציאָנעלע ניי־אינטערפּרעטאַציע האָט צו טאָן מיט דעם מענטשנס באַגער זיך צורעכט צו געפינען אין אַ וועלט־אַל, וואָס איז פריינטלעך צו דעם מענטשנס ציל — צו דער דערפילונג פון די ווערטפולסטע צוזאָגן פון זיין נאַטור, צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַ סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס זאָל זיין געשטיצט אויף יושר און שלום. דער באַגער איז אַזוי באַשטענדיק, ווי די מענטשלעכע נאַ־טור גופא. אויב אונזער צוועק איז אָנצוהאַלטן אַ באַשטימטע ספּי־ריטועלע ירושה, קאָנען מיר עס דערגרייכן דורך ווידעראויפשטעלן

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע

אין געדאַנק די זוכענישן, וואָס זיינען אריינגעמיינט געוואָרן אין אירע לערנונגען און אינסטיטוציעס. יעדע טראַדיציע איז רייך מיט אַזעלכע זוכענישן, ווארים אָן זיי וואָלט זי קיין טראַדיציע ניט געקאָנט ווערן. אַרויספירנדיק אָט די זוכענישן פון באַהאַלטנקייט צו אָפנקייט, גיבן מיר צו אימפּעט צו אַלע אונזערע סאָציאַלע און ספּיריטועלע אָנשטרענגונגען, וואָס האָבן פאַר זייער ציל די אומגעשטערטע, פולשטענדיקע זעלבסט־דערפילונג פון יחיד און די אַלץ שטייגנדיקע קאָאָפּעראַציע צווישן יחידים און גרופּן.

דער סאָרט אינטערפּרעטאַציע באַשטייט הויפּטזעכלעך אין אַרויספּלאָנטערן פון דער מאַסע טראַדיציאָנעלן פאָלקלאָר און פאָלקס־מנהגים יענע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, וואָס עדותן אָף עטישע און ספּיריטועלע באַגערן. די אויפדעקונג פון דעם פּסיכאָלאָגישן עלעמענט אין אַ טראַדיציע האָט אַ מערקווירדיקן עפעקט: די טראַדיציע הערט אויף צו זיין עפּעס, וואָס דאַרף אָנגענומען אָדער פאַרוואָרפן ווערן. אַ דריטע מעגלעכקייט באַט זיך אָן: צו באַנוצן זיך מיט דער טראַדיציע ווי מיט אַ סימבאָל פון אַ היינטיקער באַדערפעניש. וואָס פאַר אַ באַדערפעניש דאָס זאָל זיין קאָן צום בעסטן באַשטימט ווערן דורך אויסקלייבן פון צווישן די פאַרשיידענע מיינען און קאָנזעקווענצן פון דער טראַדיציע דאָס יעניקע וואָס האָט אַ שייכות צו אונזער טאָג.

ווי נויטיק עס איז אָנצואווענדן דעם סאָרט אינטערפּרעטאַציע אָף די אינהאַלטן פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט קאָן אפשר צום בעסטן אָפּגעשעצט ווערן, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז די אידישע ווערטן, וואָס זיינען אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין די אַנדערע ציוויליזאַציעס, זיינען גענומען געוואָרן בלויז פון די ערשטע צוויי שטופן פון דער אידישער ציוויליזאַציע. די דריטע שטופע איז פון זיי ניט אָנגערירט געוואָרן. די נביאישע אידעאַלן, וואָס זיינען אַנטוויקלט געוואָרן אין פעריאָד פון בית ראשון, און די משיחישע אידעאַלן, וואָס זיינען קריסטאַליזירט געוואָרן אין פעריאָד פון בית שני, זיינען געוואָרן דער געמיינשאַפטלעכער באַזיץ פון דער מענטשהייט. דאָס קאָן אָבער ניט געזאָגט ווערן וועגן תלמודיזם אָדער וועגן דער מיטלאַלטערלעכער אידישער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע 6). און ביז היינט צו טאָג, איז געווען בלויז איינער — דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו — וועלכער האָט אָנגעוואונקען, וואָס פאַר אַ ווערט פון אוניווערסאַלער באַדייטונג עס קאָן אַרויסגעצויגן ווערן פון די לעצטע צוואַנציק יאָרהונדערטער פון אידישן

ליידן און שטרעבן 7). דובנאָוו זעט אין דער שטאַנדהאַפטיקער אי־בערגעבענקייט צו אַן אידעאַל, אין דער געטרייהייט ביז מסירת נפש יענעם אוניווערסאַלן ווערט, וואָס די דריטע שטופע אין דער געשיכטע פון יודנטום האָט אָנצובאָטן דער מענטשהייט. אָבער אפילו אָט דער ווערט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז קוים קענטיק דעם דורכ־שניטלעכן מענטשן פון היינט, ווייל דער גרעסטער טייל פון קיטע־ראַרישן אינהאַלט, וואָס דאָס יודנטום אויף זיין דריטער שטופע האָט פּראָדוצירט, קומט פאַר דעם דורכשניטסמענטשן ווי לחלוטין אָן שום שייכות צו זיינע אייגענע ספּיריטועלע נויטן, ווייל ניט אינטער־פּרעטירט, ניט איבערגעטראָגן אויף דער היינטיקער צייט. ערשט דורך דעם פונקציאָנעלן מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע קאָן דאָס גאַנצע לעבן, שטרעבן און דענקען, וואָס זיינען ארייגנעפלאָסן אין יודנ־טום זינט דעם חורבן פון בית שני, אַזוי פאַרוואַנדלט ווערן, אַז די ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע פאָרם, אין וועלכער זיי האָבן זיך אויסגע־גאָסן, וועט ווערן דורכזיכטיק גענוג צו דערלויבן דאָס אוניווערסאַל־מענטשלעכע דורכצושיינען. ביז אַ געוויסן גראַד האָבן עס גע־פּרואווט טאָן מאָריץ לאַזאַרוס אין זיין „אידישע עטיק" און הערמאַן סאָהען אין זיין „רעליגיאָן דער פאַרנונפט". אָבער הגם ביידן איז געלונגען צו אידעאַליזירן מערערע פון די פירנדיקע רעליגיעזע און עטישע אידייען פון יודנטום, ליידן זייערע אויספירונגען גאָר שטאַרק פון דעם מאַנגל אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. זיי ליי־ענען מער אריין אין די איבערליפערונגען, וואָס זיי אינטערפּרע־טירן, ווי זיי לייענען ארויס פון זיי.

דער גאָט־געדאַנק אין פּראָבלעם פון ניי־אינטערפּרעטאַציע

די קענטיקסטע, אָנגעזעענסטע כאַראַקטעריסטיק פון דער אי־דישער ציוויליזאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט איז איר דורכגע־דרונגנקייט מיט דעם גאָט־געדאַנק. פיזישע דערשיינונגען, היסטאָרי־שע געשעענישן און מאָראַלישע פליכטן באַקומען אַלע זייער באַטייט פון זייער שייכות צו גאָט. ווי דער גאָט־באַגריף, דער לייטמאָטיוו פון דער אידישער ציוויליזאַציע, איז דערגאַנגען צו אונז, איז ער מאגיש, נסימהאַפטיק אין זיין כאַראַקטער; דאָס מיינט, אַז גאָט מאַכט אַ ריס אין דעם גאַנג פון דער נאַטור פאַר דעם מענטשנס וועגן. ווען מען זאָל ארויסוואַרפן דעם מאַגישן עלעמענט פון דער גאָט־אידייע, וואָלט עס פאַר אַ צאָל מענטשן געווען גלייכבאַטייטנ־דיק מיט פאַרוואַרפן דעם גלויבן אין גאָט, וואָס דאָס וואָלט

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע

געפירט צום פונאַנדערפאַל פון דער אידישער סאָציאַלער ירושה. אָבער מיר דאָ זיינען פאַרנומען מיט גאָר אַן אַנדער ענין. מיר טרעטן צו צו דער אידישער ציוויליזאַציע מיטן צוועק צו פאַרשטיין איר פּסיכאָלאָגישן, ניט איר לאָגישן אינהאַלט; און דער גאָט־באַגריף דאַרף אונז אינטערעסירן ניט מיט דעם, וואָס ער זוכט מיטצוטיילן וועגן דער מעטאַפיזישער נאַטור פון דער גאָטהייט, נאָר מיט דעם, וואָס פאַר אַן אַנדערשקייט ער באַשאַפט אין דער אויפפירונג פון דעם אידן. מיר דאַרפן אַנאַליזירן דעם גאָט־געדאַנק, כדי צו דערגיין, ווי ער האָט פונקציאָנירט אין לעבן פון אידישן פאָלק. און אויב דער גאָט־געדאַנק האָט אַף וועלכן ס'איז אופן מיטגעווירקט צו דער גערעכטיקייט, וואָס דאָס מיינט צו געבן דעם יחיד פולסטע געלעגנהייט פאַר דעם פונאַנדערשפּיל פון זיינע העכסטע אינטעלעקטועלע און ספּיריטועלע כוחות; אויב דער גאָט־געדאַנק האָט מיטגעווירקט צו דער ליבע, וואָס דאָס מיינט די שטייגנדיקע מעגלעכקייט צו מאַכן שותפותע מענטשלעכקייט פאַר דעם באַזיס פון קאָאָפּעראַציע — אויב דאָס איז געווען די ראָלע פון גאָט־געדאַנק, דאַרף מען קאָנען דעם גאָט־געדאַנק איבערטייטשן און אומשאַצן אין די טער־מינען פון היינטצייטיקן געדאַנק.

די פאַרשיידענע טיפּן פון גאָט־געדאַנק

אָבער ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ געדאַנק זאָל דורכמאַכן אַן ענדערונג ניט מאַכנדיק קיין ברוך אין דעם המשך פון דער ציוויליזאַציע, צו וועלכער דער גאָט־געדאַנק איז שייך? דאַרפן מיר פריער פון אַלץ נעמען אין באַטראַכט, אַז דער גאָט־געדאַנק פונקציאָנירט ניט זעלבסטשטענדיק, נאָר דורך אַ גאַנצן געוועב פון מענטשנס רעאַגירונגען, זיינע אָפּענטפערונגען מיט עמאָציע, ווילן און אידייע אַף די איינווירקונגען פון לעבן — וואָס אַ־דער גאַנצער געוועב ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען: רעליגיעזע אויפפירונג. דער גאָט־געדאַנק איז בלויז איינער פון די עלעמענטן פון רעליגיעזער אויפפירונג. אָבער איידער מיר באַטראַכטן, ווי דער גאָט־געדאַנק ווירקט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע עלעמענטן פון רעליגיעזער אויפ־פירונג, דאַרף אויפמערקזאַם געמאַכט ווערן, אַז דער מענטשלעכער גייסט האָט אַרויסגעבראַכט צוויי פאַרשיידענע טיפּן פון גאָט־געדאַנקען. איין טיפּ באַשטייט סיי פון עמפּינדונגען און סיי פון אַבסטראַקטע באַגריפן: דאָס הייסט, סיי פון דירעקט אויפגענומענע איינדרוקן דורך די חושים און סיי פון געדאַנקלעכע באַגריפן; דער צווייטער, אַ מער זעלטענער, טיפּ באַשטייט פון באַגריפן אַליין. אין דער רעליגיע פון די פּרימיטיווע פעלקער אין דער גאָט־געדאַנק פון ערשטן, צוזאַמענגעזעצטן טיפּ. ער שליסט איין אי דירעקטע אויפנעמונגען, אי אַבסטראַקטע באַגריפן. דאַך

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

טראָץ דער אַבסטראַקטער באַגריפלעכקייט, וואָס דער גאָט-געדאַנק פון די פרימיטיווע קאָן שפעטער צוקריגן, זיין פונדאַמענטאַלער אינהאַלט איז אַלעמאָל אַ דערשפירטער, אַ ווירקלעכער צי אַן אָפּגעדוכטער יש; אַ לעגנשטאַנד אָדער אַ וואָסער ניט איז וועזן, וואָס לאָזט זיך באַשטימען. דערשפירונג, געוואָר-ווערונג, איז ס'ערשטע קערנדל פון זייער גאָט-געדאַנק. דער פרימיטיווער מענטש איז אימשטאַנד געווען אויפצונעמען יעדע זאַך, באַלעבטע אָדער אומבאַלעבטע, ווי אַנגעלאָדן מיט געטלעכע אייגנשאַפטן. דער קעגנשטאַנד, צו וועלכן עס איז געווען אַנגעצילעוועט זיין רעליגיעזע אויפפירונג, האָט געקאָנט זיין אַ זאַך, אָדער אַ וועזן — אין הימל איבער אים, אַף דער ערד אונטער אים, אָדער אין די וואַסערן אונטער דער ערד. ערשט אַף אַ פאַרהעלטנישמעסיק שפעטערער שטופע פון דער ציוויליזאַציע האָט דעם מענטשן געגומען אַפּשטויסן פון פאַרגעטערן עפּעס אַנדערש ווי אַ מענטשלעכע פאָרם, אָבער ווען דאָס פאַסירט, באַשטייט שוין דער גאָט-געדאַנק ביז אַ היפשן גראַד פון אַבסטראַקטע באַגריפן.

אָבער אפילו אין די פרימיטיווסטע רעליגיעס איז דער גאָט-געדאַנק קיין מאָל ניט פריי געווען פון באַגריפלעכן דענקען, ווייל דער קעגנשטאַנד אָדער דאָס וועזן, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר געטלעך, ווערט שוין במילא פאַרשטאַנען ווי באַשאַנקען מיט די אייגנשאַפטן פון מאַכט און צילבאַוואוסטקייט. און אויב ציל-באַוואוסטקייט איז די גרונט-כאַראַקטעריסטיק פון פערזענלעכקייט, קאָנען מיר דאָך שוין זאָגן, אַז צוזאַמען מיט דעם חושימדיקן אינהאַלט, וואָס גייט אריין אין דעם גאָט-געדאַנק — דער קעגנשטאַנד, צו וועלכן עס איז אַנגעצילעוועט דער גאָט-געדאַנק — זיינען אַלעמאָל אויך צו געפינען אין אים מער אָדער ווייניקער געפּלדיקע באַגריפן פון מאַכט און פערזענלעכקייט.

ביז אַהער איז דער גאָט-געדאַנק אַ סינטעז פון חושים'דיקן בילד און באַגריפלעכער אַבסטראַקציע. אַזוי גיך אָבער די פילאָזאָפיע איז אַריינגעדרונגען אין געביט פון רעליגיע, האָבן אלע פאַרגעשטעלטע פאַרבילעכונגען פון גאָט גענומען באַטראַכט ווערן ווי א סתירה צו אידעאַלער רעליגיעזער אויפפירונג. דער גאָט-געדאַנק, איז איצט פאַרגעקומען, קאָן זיך ניט פאַרטראָגן מיט אַ פאָרם, ניט פון אַ קעגנשטאַנד און ניט פון א מענטשלעכן וועזן. פאַר די מער פילאָזאָפיש געשטימטע האָט יעדער פאָרשטעלונגס-עלעמענט געדאַרפט אַרויסגעטריבן ווערן פון גאָט-געדאַנק. דער גאָט-געדאַנק איז איצט געוואָרן א ריינע אַבסטראַקציע, געלייטערט אפילו פון די באַגריפן מאַכט און פערזענלעכקייט, וואָס האָבן אַל-מאָל באַגלייט די פאָרשטעלונג-עלעמענטן פון גאָט-געדאַנק. די אייגנשאפטן פון פולקאָמענקייט און אומענדלעכקייט, וואָס די פילאָזאָפן האָבן צוגעשריבן גאָט, זיינען ניט געווען קיין צוגעגעבענע אייגנשאַפטן, אַרויפגעזעצטע אַף די טראַדיציאָנעלע באַגריפן פון מאַכט און פערזענלעכקייט, נאָר זיי זיינען איינפאַך געווען פאַראַלגעמיינערטע, פאַרגעדאַנקלעכטע אויסשפרייטונגען פון די אייגנשאַפטן מאַכט און פערזענלעכקייט — אַ פאַרבייט פון פאָרשטעלונג מיט געדאַנק.

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע

דער הויפּט בייטראַג פון דער פילאָזאָפיע צו דער רעליגיע איז אַלזאָ געווען ניט בלויז אַן ענדערונג אין דעם צילפּונקט אָדער ציל-אָביעקט פון דער רעליגיעזער אויפפירונג, נאָר אַן ענדערונג אין דעם טיפּ פון ציל-אָביעקט. אין דער אומפילאָזאָפישער רעליגיע איז דער ציל-אָביעקט פון רעליגיעזער אויפפירונג אַלעמאָל געווען אַ וועזן מיט באַשטימטע סימנים, אַ ווירקלעך וועזן צי אַן אַפּדוכטעניש בלויז. אין דער פילאָזאָפישער רעליגיע איז דער ציל-אָביעקט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַזוי פאַרשיידן פון דער רעאַליטעט, וואָס דער מענטשלעכער גייסט באַנעמט, אַז עס איז אוממעגלעך צו פאַררעכענען אים פאַר אַ יש אָדער דענקענבאַר וועזן אין זעלביקן זין, ווי וועלכן עס איז באַוואוסטן אָדער פאַרגעשטעלטן יש. דאָס האָט געפירט צו דער טענדענץ אין דער פאַר-מאָדערנער פילאָזאָפיע צו כאַראַקטעריזירן די נאַטור פון גאָט גיכער נעגאַטיוו, איידער פּאָזיטיוו; מיט פאַרלייקענונגען: — ניין! דאָס איז ער ניט! — איידער מיט באַשטעטיקונג: יאָ! דאָס איז ער! — ווען צום ביישפּיל עס פלעגט דערקלערט ווערן, אַז עס איז דאָ בלויז איין-איינציקער גאָט, פלעגן די פילאָזאָפן גלייך צוגעבן: „אָבער עס איז ניטאָ קיין איינאיינציקייט, וואָס זאָל זיין גלייך צו זיין איינאיינציקייט“. פּונקט אַזוי איז יעדער אַנדער אַטריבוט, וואָס איז צוגעשריבן געוואָרן גאָט אויסגעטייטשט געוואָרן אין טערמינען, וואָס האָבן אויסגעדריקט וואָס גאָט איז ניט. די מאָדערנע פילאָזאָפישע רעליגיע איז נאָך מער גענייגט, ווי אין מיטלאַלטער, אָפּצוטרייסלען זיך פון געדאַנק, אַז עפּעס אַ קענטיק וועזן קאָן געמאַכט ווערן פאַר דעם ציל-אָביעקט פון רעליגיע אָדער אויפפירונג. פונדעסטוועגן איז די מאָדערנע פילאָזאָפישע רעליגיע מער גענייגט ווי די מיטלאַלטערלעכע צו דעפינירן דעם ציל-אָביעקט פון רעליגיע מיט פּאָזיטיווע סימנים. זי פאַרבינדט גאָט מיט דער אָדער יענער געשטאַלט פון דער רעאַליטעט, אָדער מיט דער רעאַליטעט אַלס גאַנצער, אויפגעפּאַסט פון אַ וואָסער ניט איז ספּעציעלן שטאַנדפּונקט. די מאָדערנע פילאָזאָפיע, צום ביישפּיל, קווינקלט זיך ניט צו דערקלערן, אַז גאָט איז דאָס לעבן פון וועלט-אַל, אָדער אַז גאָט איז דער זין פון דער רעאַליטעט.

דער פאַרענדערלעכער גאָט-געדאַנק אין דער אידישער געשיכטע

ווען מיר פאָלגן נאָך די געשיכטע פון דער רעליגיעזער הנהגת פון אידישן פאָלק, געפינען מיר, אַז דער גאָט-געדאַנק, דער קוואַל פון דער הנהגה, האָט זיך געענדערט מיט די פאַרשיידענע שטופן פון דער אידישער ציוויליזאַציע. מיר ווייסן, אַז נאָכדעם ווי די ישראלים האָבן זיך געהאַט איינגעפעסטיקט אין כנען, האָבן זיי פאַרערט יהוה אין דער געשטאַלט פון אַן אָקס 8). וועלכע פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן האָבן בייגעטראָגן דערצו, אַז די ישראלים האָבן זיך גענומען פאַרהאַלטן צו דער אָקס-געשטאַלט מיט חוזק און גרויל, איז שווער צו אַנטדעקן. מעגלעך, אַז

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

מער פון אלץ האָט בייגעטראָגן צו דער אָפּשאַפונג פון אָקס-אַנבעטונג דער ארון הברית, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון מדבר 9). אָדער וואָסער פאָרשטעלונג די פריע ישראלים האָבן ניט געהאַט וועגן יהוה, איז גאָר קיין ספק ניט, אַז פאַר די נביאים איז יהוה בעיקר געווען א מענטשענלעך וועזן. אייניקע נביאים, ווי יחזקאל, האָבן געהאַט אַ גאַנץ דייטלעך גייסטיק בילד פון יהוה; בעת אנדערע, ווי ישעיה, האָבן זיך געמאָלן אַ פאָרם פון אומבאַשטימטע קאָנטורן.

ווען די אידישע רעליגיע איז געקומען אין באַרירונג מיט דעם פילאָזאָפישן געדאנק, ווי עס איז געווען דער פאַל אין דער אַלעקסאַנדרינישער שולע און שפּעטער אין מיטלאַלטער, אַנהויבנדיק מיט דער עפּאָכע פון די גאונים — האָט זי זיך שוין געהאַט פולשטענדיק באַפרייט פון דעם באַדערפניש אין אַ פאָרגעשטעלטן בילד פון גאָט. דער פאַקט איז, אַז די אידישע פילאָזאָפן האָבן ניט בלויז געהאַלטן, אַז מען קאָן זיך באַגיין אָן אַ פאָרגעשטעלטן בילד פון גאָט, נאָר זיי האָבן עס גאַנץ שאַרף פאַרדאַמט, צוגלייכנדיק עס צו געצנדינסט. אָבער טראָץ דעם באַשטייַן פון די פילאָזאָפן אף אַ ריין באַגריפלעכן גאָט-געדאַנק, און טראָץ־עם, וואָס דער רמב״ם האָט געגעבן אויסדרוק צו אָט דער שטעלונג אין א פאָרמעלן גלויבן-באַקענטניש, האָט די גרויסע מאַיאָריטעט פון אידישן פאָלק זיך ניט גענומען שטאַרק צום הארצן די פילאָזאָפישע טענות קעגן פאָרשטעלן גאָט ווי אַ פאַרגרעסערטע מענטש-וועזן. דער פאַקט איז, אַז די אומקאָמפּראָמיסלעכע טענדענץ פון רמב״ם און זיינע נאָכפאָלגער צו דערקלערן פאַר אפּיקורסות יעדן אַנדערן גאָט-געדאנק, אַ חוץ דעם ריין באַגריפלעכן, האָט ארויסגערופן אַן אָפּאָזיציע מצד די אומפילאָזאָפישע תלמודיסטן 10).

ביז היינטיקן טאָג איז ניטאָ קיין אינטעלעקטועל פאָרמולירטער באַגריף, וואָס זאָל האָבן געוואונען אָפיציעלע אַנערקענונג אין יודנטום, אלס דער איינציקער אמתער גאָט-געדאנק. איז אפן סמך פון דער עוואָלוציע פון גאָט-געדאנק אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק און אפן סמך פון דער ראָלע, וואָס דער גאָט-געדאַנק האָט געשפּילט אין דער ציוויליזאציע בכלל, קומען מיר צו דעם אומפאַרמיידלעכן שלוס, אז די אידישע ציוויליזאציע קאָן ניט עקזיסטירן אָן דעם גאָט-געדאנק אלס אן אָרגאנישן טייל אירן, אָבער דערצו איז גאָר ניט נויטיק, אז א ספּעציפישע פאָרמולירונג פון גאָט-געדאנק זאָל האָבן אָפיציעלע גילטיקייט פאַר אַלע אידן.

דער עמאָציאָנעלער און דער ווילנס-עלעמענט אין גאָט-געדאנק

ביז אהער איז די רייד אלץ געווען וועגן דעם ציל-פונקט, דעם אביעקט, צו וועלכן עס איז געווען אַנגעצילעוועט דאָס גאַנצע סיסטעם פון רעאַגירונגען, וואָס אין זייער סך הכל שטעלן זיי צונויף די רעליגיעזע אויפפירונג פון דעם אידן. אָבער כדי אַרויסצוקריגן דעם פולן

באַטייט פון רעליגיעזער אויפפירונג, טיפער אריינצוקוקן אין דעם אופן פון איר פונקציאָנירן, דאַרפן מיר באַטראַכטן, ווי אַזוי דער גאַנצער געדאַנק רופט זיך אָפּ אַף די געפילן און אפן ווילן.

די עמאָציאָנעלע איבערלעבונג, וואָס באַגלייט די רעליגיעזע אויפפירונג, איז צונויפגעהאָפטן פון צוויי עמאָציעס — פון ערפּוכט און צוטרויען, וואָס ביידע זיינען זיי די הויפּט-באַשטאַנדטיילן פון געפיל פון הייליקייט. און דאָ שטעלט זיך אַרויס אַז עס איז דאָ אַ באַשטימפערלעכער אונטערשייד צווישן דעם דערקענטניש-עלעמענט, וואָס איז נאָר וואָס אַרומגערעדט געוואָרן, און דעם עמאָציאָנעלן עלעמענט פון דער רעליגיעזער אויפפירונג אין פּרט פון זייער גראַד באַווירקט ווערן פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דעם גלויביקן. דער דערקענטניש עלעמענט, ווי מיר האָבן געזען, לויפט דורך אַ ריי ענדערונגען: פון מגושמדיקער בילדלעכקייט מיט אַ מינימום פון אַבסטראַקטן באַגריף ביז צום אבסטראַקטסטן באַגריף מיט דער פולער פאַרלייקענונג פון יעדער בילדלעכקייט; דער עמאָציאָנעלער עלעמענט, פאַרקערט, איז דער זעלביקער אין די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון רעליגיעזער אויפפירונג. צי דער נעגאַטיווער באַשטאַנד-טייל — מורא — אָדער דער פּאָזיטיווער באַשטאַנד-טייל — צוטרויען — דאָמינירט דעם צוזאַמענגעזעצטן אינהאַלט פון דער רעליגיעזער עמאָציע, איז זי נישט אַ זאַך פון פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, נאָר גיכער אַ רעזולטאַט פון אינדיווידועלן טעמפּעראַמענט אָדער פון דרויסנדיקע אומשטענדן, וואָס אַמאָל דריקן זיי אַראָפּ און אַמאָל דערהויבן זיי די רעליגיעזע עמאָציע. אַ ווילדער קאָן מאַניפעסטירן די זעלביקע התלהבות אין רעליגיעזער איבערלעבונג, ווי די העכסט אַנטוויקלטע פּערזאָן. עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז די עמאָציאָנעלע זייט פון דער אידישער רעליגיעזער אויפפירונג וועט אין קיין פּרט נישט זיין אַנדערש, אוידער אירע מאַניפעסטאַציעס אין דער רעליגיעזער אויפפירונג פון אַנדערע פעלקער.

וואו עס קומט יאָ אריין אַ קענטיקער אונטערשייד איז אין דעם ווילנס עלעמענט פון אַ פאָלקס רעליגיע. אָט דער עלעמענט פון רעליגיע געפינט אויסדרוק אין אַקטיוויטעט — אין געוואָלטע האַנדלונגען — מצוות עשה — אָדער צוריקהאַלטונגען — מצוות לא תעשה — בנוגע עניינים אָדער סיטואַציעס, וואָס זיינען פון וויכטיקן לעבנס אינטערעס פאַר די אָנהענגער פון דער רעליגיע. וואָס עס ווערט פון זיי באַטראַכט פון וויכטיקן לעבנס אינטערעס, הענגט אָפּ פון דעם צושטאַנד פון זייער קולטורעלער אַנטוויקלונג. אונטער פּרימיטיווע קאָנדיציעס וועלן בלויז יענע קעגנשטאַנדן און סיטואַציעס אויפוועקן אינטערעס, וואָס אַפּעלירן דירעקט צו די עלעמענטאַרע נויטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. שפּייזונג, געשלעכטפּאַרונג, לעבנסדערהאַלטונג, געזונט-דערהאַלטונג — דאָס זיינען די איינציקע אינטערעסן פון אַ געזעלשאַפט פון ווילדע. קעגנשטאַנדן און סיטואַציעס וואָס זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט אָט די צילן און וועקן אינטערעס גלייכצייטיק ביי אַ גרויסער צאָל מיטגלידער פון שבט, וועלן אַרויסרופן מצוות עשה און מצוות לא תעשה. פאַרקערט אייך: די מצוות עשה און לא תעשה וועלן נאָך מער קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אַף די באַטרעפנדיקע קעגנשטאַנדן און סיטואַציעס און וועלן

זיי ארויסרוקן צום פאָדערגרונט פון באַוואוסטזיין. און אָט די געגנשטאַנדן און סיטואַציעס ווערן אויף אַזאַ אופן די הויפּט־קוואַלן פון זייערע פאָרשטעלונגען און באַגריפן, וואָס זיינען אָנגעצילט צו דער גאָטהייט. ד. ה. צו דעם אָביעקט, צו וועלכן עס איז געווענדט זייער רעליגיעזע אויפפירונג; צום אַביעקט, אָדער וועזן, וואָס ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען גאָט.

אַזוי גיך דער מענטש וואַקסט אַרויס פון זיין ווילדן צושטאַנד, ווייזט ער אַרויס אַ נייגונג צו אַנטוויקלען אָפּגעשטאַמטע אינטערעסן. ווי וויליאַם דזשיימס דריקט זיך אויס: — „זאַכן וואָס זיינען ניט אינטערעסאַנט אין זייער אייגענעם רעכט, באַרגן אָן אינטערעס, וואָס ווערט פּונקט אַזוי רעאַל און שטאַרק, ווי דער אינטערעס פון די איינגעבאָרענע אינטערעסאַנטע זאַכן“. די איינציקע זאַכן, וואָס זיינען אינטערעסאַנט אין זייער אייגענער רעכט, זיינען די יעניקע, וואָס באַפרידיקן די עלעמענטאַרע נויטן. אָבער די אַקטיוויטעטן און צוגאַנגען, וואָס זיינען פונדערווייטן פאַרבונדן מיט די קעגנשטאַנדן און סיטואַציעס, וואָס זיינען אינטערעסאַנט אין זייער אייגענער רעכט, געווינען אָן אָפּגעשטאַמטן, אַרויסגעדרונגענעם אינטערעס, וואָס קאָן ניט נאָר זיך פאַרגלייכן, נאָר צייטנווייז אפילו אַריבערשטייגן אין געשפּאַנקייט מאַנכע עלעמענטאַרע אינטערעסן. די קולטיווירונג פון אָפּגעשטאַמטע אינטערעסן איז די הויפּט־פונקציע פון דער ציוויליזאַציע. גוט איז, ווען זיי האַלטן אין זייער פאַרבינדונג מיט די גרונט־נויטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. דאַן קאָנען זיי מיט גרויסער פּעולה דינען אַלס נאָרמע פון מענטשלעכן לעבן. אַזאַ נאָרמע איז אַ טייל פון העכערן לעבן און ברענגט די שפע פון וואוילזיין. אָבער ווען דעם מענטשנס עלעמענטאַרע נויטן ווערן פאַרשטיקט אָדער אַפילו גאָר פאַרנאַכלעסיקט דורך איבערגעטריבענער קאָנצענטרירונג אויף די אָפּגעשטאַמטע אָדער ספּיריטועלע אינטערעסן, נעמט רעליגיע נקמה דורך דעם, וואָס זי ווערט אַסקעטיש און אַנטמענטשלעכט, אַדער ראָמאַנטיש און תאוהדיק.

ווי מאָראַלער פּראָגרעס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דעם גאָט־געדאַנק

דער פּראַגמאַטישער, לעבנדיגענדיקער באַטייט פון רעליגיעזער אויפפירונג איז געווענדט אָן דעם כאַראַקטער פון די עשה׳ס און לאָ תעשה׳ס, דורך וועלכע די אויפפירונג דריקט זיך אויס. פּראַגמאַטישע פּעולות פון וועלכער ס׳איז רעליגיעזער אידייע — זאָל עס זיין דער באַגריף פון גאָט, אָדער פון משיחן, אָדער אַן ענלעכע אידייע — דאַרפן גאָר ניט פאָרויסגעזען ווערן פון באַוואוסטזיין; זיי זיינען ניט דער רעזולטאַט פון דערקענונג, פאַרטראַכטונג, פון מחשבות אָדער כוונות. פאַר זיי גילט גאַר אַן אַנדער כלל. אויב די עשה׳ס און לאָ תעשה׳ס באַציען זיך בלויז אויף די עלעמענטאַרע נויטן, האָבן מיר אַ נידריקן טיפּ פון רעליגיעזער אויפפירונג. דאָס איז דער טיפּ פון רעליגיע, וואָס אירע געטער זיינען דער

קאָנקרעטיזירטער פאַראויסערלעכטער אויסדרוק פון מענטשנס עלעמענטאַרע נויטן — די געטער פון רעגן, פון פרוכטבאַרקייט, פון מלחמה. אַזוי גיך אָבער די עשה׳ס און לא תעשה׳ס נעמען זיך באַציען צו אינטערעסן, וואָס שטייגן אַריבער, אַפילו נאָר פאַר אַ שטיקל צייט, די עלעמענטאַרע נויטן, מיט וועלכע זיי זיינען פאַרבונדן, מעלדן זיך גלייך צוויי וויכטיקע פעולות: ערשטנס, די עשה׳ס און לא תעשה׳ס ווערן מאָדיפיצירט צו שטימען מיט די ניי אויפגעקומענע פיינערע סאָציאַלע און עטישע באַדערפענישן. צווייטנס, דער גאָט-געדאַנק נעמט אָפּשפּיגלען דעם מאָדיפיצירטן אָדער עטישערן כאַראַקטער פון די עשה׳ס און לא תעשה׳ס.

די רעליגיעס פון בבל, מצרים, גריכנלאַנד און רוים גיבן גאַנץ קענטיקע באַווייזן פון אָט דער אַנטוויקלונג. די העכערע סאָציאַלע און עטישע שטאַנדאַרטן, וואָס האָבן געגעבן דעם שטויס צו דער אַנטוויקלונג פון זייערע געזעצגעבונגען, האָבן נויטווענדיק געמוזט מאָדיפיצירן זייער באַגריף פון דער גאָטהייט, וואָס איז געווען דער ציל-אָביעקט פון זייער רעליגיעזער אויפפירונג. אָבער ביי קיין שום פאָלק האָבן די עשה׳ס און לא תעשה׳ס — די מוזן און פאַרבאָטן — וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט זיין רעליגיעזע אויפפירונג, ניט דורכגעמאַכט אַזאַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג און געבראַכט צו אַזאַ ראַדיקאַלער טראַנספאָרמאַציע אין באַגריף פון ציל-אָביעקט פון זייער רעליגיעזער אויפפירונג ווי ביים פאָלק ישראל.

די ערשטע צו פרובן זיך אָף א ראַדיקאַלער טראַנספאָרמאַציע פון דער אידישער אויפפירונג, זיינען געווען די נביאים. ווי א פועל יוצא פון זייער טעטיקייט איז דער עטישער עלעמענט אַרויסגעהויבן געוואָרן אפילו אין די תורות פון די כהנים; גאָט איז געוואָרן דער באַשעפער פון דער וועלט און דער האַר פון דער גאַנצער מענטשהייט. די אוניווערזאַליטעט…

די איינאיינציקייט, וואָס די אידישע רעליגיע האָט צוגעשריבן גאָט, איז טראָגעדיק געווען מיט גאָר אַנדערע כוונות, ווי די איינאיינציקייט, וואָס די גריכישע פילאָזאָפן האָבן צוגעשריבן גאָט. דער ווילנס דראַנג, וואָס האָט באַגלייט דעם באַגריף פון גאָטס איינאיינציקייט אין דער אידישער רעליגיעזער אויפפירונג, איז געצילעוועט געווען צו דער באַהאַנדלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, ווי איין משפחה, בעת קיין פראַגמאַטישע קאָנזעקווענץ פון אָט דעם מין איז ניט אַריינגעמוינט געוואָרן אין דעם גריכיש-פילאָזאָפישן באַגריף פון גאָטס איינאיינציקייט. שפּעטער צו, נאָכן אומקער פון גלות בבל, הגם די ווידעראויפריכטונג פון דער רעליגיע פון ישראל, וואָס איז דעמאָלט אונטערנומען געוואָרן, האָט ניט איינגעזאַמלט די פולע פרוכט פון דער נביאישער אומשאַצונג, דאָך געניג פון נביאישן אימפּולס איז געבליבן צו באַווירקן די אידישע רעליגיעזע אויפפירונג פאַר דער גאַנצער שפּעטערדיקער צייט. די נביאישע אינספּיראַציע האָט אָנגעלאָדן מיט הויכן ווערט אַלע יענע מוזן און פאַרבאָטן וואָס פירן צו דער הייליקייט פון לעבן, צו דער דערהויבונג פון מענטשהייט.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

וואָס ווערט געמיינט מיט דער אומשאַצונג פון גאָט־געדאַנק

די אומשאַצונג פון דער טראַדיציאָנעלער אידישער רעליגיע ,וועט ערשט מעגלעך זיין ווען מיר וועלן איינזען, אַז איר באַדייטונג נעמט זיך ניט ארוים פון דעם דערקענטניש־עלעמענט אין דעם גאָט־געדאַנק, נאָר פון דער לעבנס־הנהגה, אין וועלכער דער גאָט־געדאַנק האָט גע־פונען זיין אויסדרוק. אידישע רעליגיעזע אויפפירונג פאָדערט אַ גאָט־געדאַנק. אָבער ווען דער תנאי וואָלט געווען, אַז עס מוז דווקא זיין אַ ספּעציעלער גאָט־געדאַנק, וואָלט דער המשך פון דער רעליגיעזער ירושה שוין ניט איינמאָל געבראָכן געוואָרן. אַזוי אָבער ווי דער אידי־שער ציוויליזאַציע איז דאָך געלונגען אָנצוהאַלטן איר המשך און דעם המשך פון איר רעליגיע טראָץ די ענדערונגען אין גאָט־געדאַנק, איז דערמיט באַוויזן געוואָרן, אַז זי איז פריי פון צוגעשוואָרנקייט צו איין דורך אויטאָריטעט געהייליקטן גאָט־געדאַנק. פון דער אַנדער זייט אָבער הגם די אידישע ציוויליזאַציע איז ניט געבונדן צו דעם גאָט־געדאַנק פון די תנאים, אָדער אמוראים, אָדער פון די אידישע פילאָזאָפן פון מיטלאַלטער, קאָן זי דאָך ניט באַהויפּטן צו ווערן וועלטלעך און אויסלאָזן דעם גאָט־געדאַנק אינגאַנצן. בלייבט דער איינציקער אויסוועג — אַזאַ איבעראויסטייטשונג פון דעם גאָט־געדאַנק וואָס זאָל זיך רעכענען מיט דער פאַרשיידנקייט פון די אינטעלעקטועלע שטאַנדפּונקטן. מיט אַנדערע ווערטער, זי זאָל ער־לויבן די פאַרשיידענקייט. פאַר געוויסע מענטשן זיינען בלויז יענע זאַכן, וואָס לאָזן זיך פאָרשטעלן אָדער דעמאָנסטרירן, רעאַל און הויפּט־וויכטיק. דעם ציל־אָביעקט פון זייער רעליגיעזער אויפפירונג קאָן בלייבן אַ מענטש־ענלעך וועזן. עס איז גאָרנישט פאַראַן אין דער אידישער ציוויליזאַציע וואָס זאָל פאַרווערן אַ מענטש־ענלעך גע־פורעמטן אָדער וועלכן עס איז אַנדערן גאָט־געדאַנק — בתנאי דער עמאָציאָנעלער און ווילנס־אויסדרוק פון דעם גאָט־געדאַנק פירן צו אַזאַ רעליגיעזער אויפפירונג, וואָס ווערט איצט אָנערקענט פאַר דעם העכסטן ענדציל פון מענטשנס לעבן און שטרעבן. אָבער די מערסטע ראַציאָנעל דענקנדיקע מענטשן פון היינט קאָנען ניט ברענ־גען אַ מענטש־ענלעך געפורעמטן גאָט־געדאַנק צו אַ געהעריקן עמאָ־ציאָנעלן און ווילנס־אויסדרוק. זיי ציען פאָר צו אידענטיפיצירן גאָט מיט אַזאַ אויסטייטשונג פון דער רעאַליטעט, וואָס ברענגט ארויס יענע מענטשלעכע איינגשאַפטן וואָס טוען דעם גרעסטן לעבנס־דינסט, וואָס שטייגערן די מענטש־ווערדע פון דער פּערזענלעכקייט און

וואָס דערמונטערן סאָציאַלע אחדות. אַזוי ווי די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינען די, וואָס מיר שעצן צום מערסטן אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, לאָזט זיך זאָגן, אַז דער מאָדערנער דענקער איז גענייגט צו שטיצן זיין גאָט־באַגריף אויף די קאָסמישע אָנצוהערענישן, וואָס מיר שפּירן אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

אין שייכות צו דעם ענין איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אויף דריי טיפּן פון ספּיריטועלע פירער וואָס די מענטשלעכע ראַסע האָט אַרויסגעבראַכט — דעם נביא, דעם פילאָזאָף און דעם מיסטיקער. בעת די פונקציע פון כהן איז געווען אויפצוהאַלטן דעם איינגעשטעלטן מעמד אין ספּיריטועלער אַנטוויקלונג, האָבן דער נביא, דער פילאָזאָף, דער מיסטיקער ווייטער געטריבן, יעדער אויף זיין וועג, די אַנטוויקלונג פון מאָראַלישע און ספּיריטועלע ווערטן. די נביאים האָבן אַלעמאָל קאָנצענטרירט זייער מי אויף דעם ווילנס־עלעמענט, די פילאָזאָפן אויף דעם דערקענטניש־עלעמענט און די מיסטקער אויף דעם עמאָציאָנעלן. ווען נאָר אַן אויפשטייג אין סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן האָט געמאַכט אומווירקזאַם די טראַדיציאָנעלע רעליגיע, פלעגט קומען די ריי פאַר דעם נביאישן טיפּ טעטיקייט זיך צו באַהויפּטן מיט אַ נייעם ווילנס אויסדרוק פאַר דעם מענטשנס ספּיריטועלן לעבן, און אַזוי אַרום ברענגען צו אַ ניי־איינשטעלונג פון די מאָראַלישע און סאָציאַלע שטאַנדאַרטן. דער פילאָזאָף און דער מיסטיקער פלעגן נאָכקומען מיט זייערע טעטיקייטן — צו פאַרפעסטיקן אין אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע טערמינען דעם רעזולטאַט פון די ענדערונגען וואָס זיינען דורכגעזעצט געוואָרן אין דער אינדיווידועלער אויפפירונג און אין די סאָציאַלע אינסטיטוציעס.

בלויז פּעדאַנטן, וואָס קלעפּן צום בוכשטאַב, וועלן באַשטיין, אַז דער נאָמען גאָט האָט נאָר דאַמאָלס אַ זין, ווען מען נוצט אים אין צוזאַמענהאַנג מיט איבערנאַטירלעכקייט און יענוועלטיקייט. זיי פאַרגעסן, אַז אונזער מוח איז אַזוי געבויט, אַז מיר מוזן נאָך אַלץ נוצן אַלטע ווערטער און אַרבעטן מיט טראַדיציאָנעלע אידייען. הגם מיט יעדן דור ווערט אונזער דערפאַרונג באַרייכערט און די שפּראַך, אין וועלכער די דערפאַרונג ווערט אויסגעדריקט, מוז במילא אָננעמען נייע מיינונגען. דאָס איז ספּעציעל אמת בנוגע די טערמינען, וואָס זייער עובדא איז צו דיסטילירן די סאָציאַלע דערפאַרונג. לאָמיר נעמען פאַר ביישפּילן די ווערטער גערעכטיקייט, פרייהייט, בילדונג. עס איז געווען אַ צייט, ווען גרויזאַמע שטראָף, אויסגעטיילט אין גייסט פון נקמה, איז געווען די הערשענדיקע אידייע פון גערעכטיקייט; און

דער אידעאל פון פרייהייט איז אזוי פארשטאנען געווארן, אז ער האט זיך גאנץ גוט פארטראגן מיט דער אינסטיטוציע פון שקלאפעריי; און וואס עס האט אמאל געגאלטן פאר בילדונג, וואלט איצט פאררעכנט געווען פאר געלערנטער עם־הארצות. איז דעריבער וואס? דארף מען פארבראקירן די ווערטער גערעכטיקייט, פרייהייט, בילדונג? וואלט עמיצן איינגעפאלן אנצוואווענדן עפעס אן אנדער מעטאד פאר דער באצייכנונג פון אייגענעם זעלבסט, איידער דאס פערזענלעכע פירווארט „איך", מחמת דער באגריף פון יש, וואס ווערט מיט „איך" באצייכנט, איז פולשטענדיק רעוואלוציאניזירט געווארן?

ווערטער, ווי אינסטיטוצעס, ווי דאס לעבן גופא, זיינען אונטערווארפן דעם געזעץ פון זעלבסטיקייט אונטער אלע ענדערונגען. און עס שיקט זיך דארום זייער גוט איינצוהאלטן דעם גרעסטן טייל פון פארצייטיקן רעליגיעזן וואקאבולאר, בפרט דעם טערמין „גאט". אזוי ווי מיר מאטערן זיך אויסצודריקן דורך דעם טערמין דעמזעלביקן פונדאמענטאלן פאקט וועגן קאסמאס, וואס אונזערע אבות האבן באצייכנט מיט דעם טערמין „גאט", — נעמלעך, דעם פאקט פון גרויסער וויכטיקייט און הייליקייט פון קאסמאס, און אזוי ווי מיר מיען זיך צו דערגרייכן יענע אידעאלן פון מענטשלעכן לעבן, וואס ווערן ארויסגעדרונגען פון אט דער וויכטיקייט און הייליקייט — האבן מיר א רעכט איינצוהאלטן זייער אויסדרוק־פארם.

זאגט דזשאהן קאופער פאוויס: „ביים באהאנדלען לעבעדיקע עמאציעס, יענע נאמענלאזע סוביעקטיווע געפילן, וואס ליגן הינטער די היסטארישע ווערטער, קומט מיר פאר ראטזאם צו ווענדן דעם אינערלעכן בליק צו דעם אדער יענעם געפיל גיכער דורך די עלטערע סימבאלן, ווי דורך די נייערע, טאקי דערפאר, ווייל די טראדיציאנעלע נעמען — „ווילן", „נשמה", „אוניווערס", „נאטור", „זעלבסט" און אזוי ווייטער — האבן דורך זייער לאנגן דינסט אף די ברייטע וועגן פון מענטשלעכן פארקער דערווארבן אזא רייכן גערוכטן עמאציאנעלן טעם, וואס ווי פאבלהאפטיק די נעמען זאלן ניט זיין, סורגעסטירן זיי מער די מיינען, וואס באהאלטן זיך הינטער די אלע ווערטער, ווי די נייערע, מער לאגישע טערמינען, וואס די קלוגע מאדערנע דענקער האבן אויסגעשמידט און וואס פאר די ניט אייננגעווייטע בלייבן זיי טונקעלע רעטענישן, און דארום במילא שוין דין־דינע אבסטראקציעס" 11).

עס וואונדערט נאר, וואס האט געשטערט דעם מחבר צוצוגעבן צו זיין צעטל אלטע טערמינען נאך איין טערמין: „גאט".

דער פונקציאָנעלער מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע

די נײַ־אינטערפּרעטאַציע פון די טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע ווערטן און באַגריפן רופט אַרויס פונקט אַזאַ העפטיקן ווידערשטאַנד מצד די שונאים פון רעליגיע 12) ווי מצד די רעאַקציאָנערן און די אַלט־גלויביקע פאַנאַטיקער. דער ווידערשטאַנד פון די לעצטע איז פאַרשטענדלעך. אָבער דער ווידערשטאַנד פון די אַזוי גערופענע ראַציאָנאַליסטן איז מאָטיווירט פון אַ פּיינטשאַפט, וואָס שיקט זיך קוים מיט ראַציאָנאַליזם. עס איז שווער צו פאַרשטיין, וואָרום דער רעליגיע זאָל ניט באַוויליקט ווערן דאָס זעלביקע רעכט זיך אַליין צו רעווידירן און קאָרעגירן, וואָס די וויסנשאַפט און די פילאָזאָפיע באַזיצן. מיר דאַרפן זיך נאָר דערמאָנען די האַמעטנע סברות, וואָס האָבן אין די אַלטע צייטן געגאָלטן פאַר וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, כדי אײַנצוזען. אַז ניט אַזוי זייערע „דערגרייכונגען", וואָס גילטן ניט מער, מאַכן אויס דעם עצם פון אַן אינטעלעקטועלער אָדער ספּיריטועלער דיסציפּלין, ווי דער אימפּולס, וואָס טרײַבט צו די דערגרייכונגען. רעליגיע, וואָס פּרעטענדירט אויף איבערנאַטירלעכן אורשפּרונג, איז יענע שטופּע פון רעליגיע, וואָס אַנטשפּרעכט דער אַסטראָלאָגישער און אַלכעמישער שטופּע פון דער וויסנשאַפט. די רעליגיע, וואָס האַלט איצט אין אַ־ויס־שטייגן, וועט אַנטשפּרעכן דער אַסטראָנאָמישער און כעמישער שטופּע פון דער וויסנשאַפט. אַנשטאָט צוצופאַלן צום גלויבן און נסים, צו גאָט־אַנטפּלעקונגען און צו דרויסנדיקער אויבער־אויטאָריטעט, זיי זאָלן סאַנקציאָנירן און באַוואָרענען אירע לערנונגען, וועט רעליגיע שוין פון איצט אָן זיך שטיצן אויף דער פאָר־שונג פון די נויטן און באַדערפנישן פון דער מענטשלעכער נאַטור; יענע נויטן און באַדערפנישן וואָס האָבן געזוכט און געפונען זייער באַפרידיקונג אין געפּלעפּט פון גלויבונגען, האַנדלונגען און עמאָציעס וואָס האָבן אַרומגעוויקלט דעם גאָט־געדאַנק. יענע נויטן און באַדערפנישן זיינען דער צד השוה צווישן דער רעליגיע פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער רעליגיע פון דער צוקונפט.

די פונקציאָנעלע אינטערפּרעטאַציע פון די געטלעכע אַטריבוטן

איינמאָל האָבן מיר זיך אויסגעלערנט צו אינטערפּרעטירן דעם גאָט־געדאַנק אין די טערמינען פון פונקציע — ד. ה. וועלכע לעבנס־פונקציע ער דערפילט, וועלכן דינסט ער טוט פאַרן מענטשן — דאַרף קיין שוועריקייט ניט זיין אָנצואווענדן דעמזעלביקן מעטאָד פון

ניי־אינטערפּרעטאַציע צו די אַטריבוטן, וואָס די טראַדיציאָנעלע רעליגיע פאַרבינדט מיט גאָט. אונזער הויפּט־אינטערעס איז דוקא אין די אַטריבוטן, וואָס בילדן אַ טייל פון דעם רעליגיעזן, ניט דעם פילאָזאָפישן באַוואוסטזיין. די אַטריבוטן פון גאָט, וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן פון די אידישע פילאָזאָפן פון מיטלאַלטער, זיינען געווען איבערטייטשונגען פון די רעליגיעזע באַגריפן פון גאָט אין די טערמינען פון זייערע ספּעציעלע געדאַנקען־סיסטעמען. אַזוי אַז די פון זיי פאָרמולירטע גאָט־אַטריבוטן — אַבסאָלוט, אומענדלעך, אומקערפּערלעך — רעפּרעזענטירן ניט די אָריגינעלע עלעמענטן פון גאָט־געדאַנק פון יודנטום; דאָס איז געווען זייער פונקציאָנעלע אינטערפּרעטאַציע, גאָט זאָל פאַר זיי טאָן לעבנסדינסט. זייערע אַטריבוטן האָבן געדינט דעם צוועק איינצושטעלן אַ געוויסע פונקציאָנעלע שייכות צווישן דעם גאָט־געדאַנק פון די הייליקע שריפטן און די פילאָזאָפיען, וואָס זיינען געווען אין גאַנג אין זייער צייט. מיר וועלן דעריבער זיך פאַרנעמען מיט יענע קוואַליטעטן, וואָס ווערן צוגעשריבן גאָט אין די הייליקע שריפטן און אין די תפילות פון אידישן פאָלק, וואו גאָט ווערט באַגריפן אַלס באַשעפער, העלפער, קעניג און געזעצגעבער.

אסך פון די קלוגשאַפטן און נשמה־זוכענישן פון אונזערע אבות זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר אונז, ווייל מיר ריידן מער ניט זייער לשון, הגם מיר ריידן אפשר מיט דערזעלביקער כונה. דער פאַרווך צוריק אויפצוכאַפּן די פּערמאַנענטע ווערטן, וואָס געהערן אריין אין דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע, ווערט אַ חוץ דעם נאָך געשטערט דורך דעם מאַנגל און איינבילדונגס־קראַפט. אַ האַרטער, ניט בויגיקער פאַרשטאַנד נעמט יעדן וואָרט אין די טעקסטן פון אַלטער אָפּשטאַמונג אין בוכשטעבלעכן זין, איגנאָרירנדיק דעם דראַנג, וואָס האָט אַרויסגעשטויסן דאָס וואָרט. ווען אָבער מיר ציען אַרויס פון אונטער דער שפּראַך פון פאַרהערלעכונג די נשמה־באַגערן, וואָס זיינען אין איר פאַרבאַהאַלטן, אַנטדעקן מיר, אַז די אַטריבוטן, וואָס זיינען צוגעשריבן געוואָרן גאָט, שטעלן מיר זיך פאָר די סאָציאַלע און ספּיריטועלע ווערטן, וואָס זיינען אַמאָל פאַררעכנט געווען פאַר די עיקרדיקע. און יענע אַטריבוטן זיינען בשום אופן ניט צוגעפּעסטיקט צו זייער בוכשטעבלעכן מיין, און זייער אָנווענדונג איז ניט באַגרעניצט דוקא אף דער מאַגישער אויפפאַסונג פון גאָט.

פונקט אַזוי ווי דער גאָט־געדאַנק האָט פראָגרעסירט פון פאַרגעשטעלטן בילד צו דעם גאָט־באַגריף, וואָס מיר האָבן היינט, לויט

וועלכן גאָט ווערט אויפגעפאַסט ווי דער סך הכל פון אַלע יענע פאַק־טאָרן און שייכותן אין וועלט־אַל, וואָס פירן צו איינהייט, שעפע־רישקייט און ווערטפולקייט אין מענטשלעכן לעבן, אַזוי קאָנען אויך די אַטריבוטן פון גאָט, וואָס זיינען אַמאָל געווען פאַראויסערלעכט און קאָנקרעטיזירט, איבערזעצט ווערן אין מאָדערנע טערמינען און גע־בראַכט ווערן אין שייכות צום מאָדערנעם דענקען און לעבן. מענטשן האָבן אַריבערגעטראָגן אַף גאָט זייערע אייגענע העכסטע וואונטשן און שטרעבונגען. זיי האָבן אים גערופן באַשעפער, באַשיצער, העלפער, וועלט־הערשער, דערלייזער. די טערמינען קאָנען איצט געמאַכט ווע־רען צו זאָגן דאָס זעלביקע, וואָס די העכסטע און באַטייטפולסטע צילן פון מענטשלעכער עקזיסטענץ מיינען פאַר אונז, און זיי וועלן געווינען אַ נייע לעבעדיקייט און קראַפט דורך אָט דעם באַוואוסטזיניקן פּראָ־צעס פון פאַרזעלביקונג. מיר קאָנען מער ניט זיך אַריינלעבן אין אַ ואָט־גלויבן, וואו גאָט ווערט אויפגעפאַסט ווי אַן אַלמעכטיקער וועלט־הערשער און וואו דער וועלט־אַל ווערט פאָרגעשטעלט ווי דאָס ווערק פון זיינע הענט. אָבער אין ליכט פון אנטוויקלטערן גאָט־געדאַנק, וואָס מיר האָבן היינט, קאָנען מיר דאָך איינזען, אַז גאָט מאַניפעסטירט זיך אין יעדן שאַפונגס־אַקט און אין אַלע פאָרמען פון דערהויבנקייט, וואָס דינען צו שטאַרקן דאָס מענטשלעכן לעבן.

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל דעם אַטריבוט פון באַשעפער. ווען מיר וואָלטן צוגעגאַנגען צום אַטריבוט פון שטאַנדפּונקט פון דער מיטלאַלטערלעכער מעטאַפיזיק, וואָלטן מיר גלייך פאַרוויקלט געוואָרן אין קאָמפּליצירטן פּראָבלעם פון באַשאַפן אַ יש מאין און מיר וואָלטן אַריינגעשטויסן געוואָרן אין אַ פילאָזאָפישן בלינדן ווינקל. אָבער מיט דער הילף פון פונקציאָנעלן מעטאָד פון אינטערפּרעטאַציע, דערקענען מיר גלייך אין דעם גלויבן, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, אַן אויסדרוק פון דער טענדענץ אריינצוזען גאָט־מאַניפעסטאַציע אין דעם שעפערישן פּרינציפּ פון דער וועלט. אָט דער צוגאַנג צום שאַ־פונגס־פּראָבלעם איז פונקט אין דער ריכטונג פון דער מאָדערנער רע־ליגיעזער מעטאַפיזיק. אין אַ געוויסן זין איז עס דער סאַמע היפּוך פון דעם צוגאַנג פון דער טראַדיציאָנעלער טעאָלאָגיע; דאָך פון שטאַנדפּונקט פון פּעולה, אין עמאָציע און ווילן, איז עס קיין היפּוך ניט. מיר קאָנען אָרויסקריגן דיזעלביקע פּראַקטישע און סאָציאַל ווערט־פולע רעזולטאַטן פון איין צוגאַנג, ווי פון דעם אַנדערן — פון באַגריף פון גאָט, אַלס באַשאַפנדיקער פּרינציפּ פון דער וועלט, ניט ווייניקער ווי אַמאָל פון דעם באַגריף פון גאָט אַלס באַשעפער פון דער וועלט.

ווארים וואס שייך זיין אנווענדונג אפן מענטשלעכן לעבן, קאן שע־פערישקייט נאר צוזאמענהויזן מיט יענע מידות, וואס זיינען גאט־געפעלן: — מיט חכמה, מוטיקייט און מענטש־פריינטלעכקייט, און שעפערישקייט ווערט פארהאלטן דורך חוצפה, גייציקייט און אומקאנט־ראלירטע סעקסועלע פארלאנגען.

גאט ווי א העלפער און באשיצער קאן געמאכט ווערן צו איינס מיט די כוחות פון דער נאטור, וואס דינען צו לעבנסדערהאלטונג, און מיט דער חכמה, וואס באצווינגט די אומגעבונג, באהערשנדיק און קאנטראלירנדיק די נאטור־כוחות פאר דער שותפותער טובה פון דער מענטשהייט. אין יעדן אקט פון סאציאלער קאאפעראציע און מענטשן־פריינטלעכקייט, אין דעם שטרעבן צו פיינערע מענטשלעכע באציאונגען, אין דעם מענטשנס מוט און מאראלישער באנייאונגס־קראפט, זיין איבערוועלטיקונג פון מורא און טויט, קאנען מיר דורכ־זען דאס ווירקן פון געטלעכן פרינציפ פון הילף און שוץ — איז עס גאט־מאניפעסטאציע. פונקט אזוי, ווען נאר מיר שפירן פעסטקייט און פערמאנענץ אינמיטן דער אומאויפהערלעכן וועלט־פלוס, שפירן מיר עס די רעאליטעט פון גאט דעם העלפער.

די אטריבוטן פון גאט, אלס דערלייזער און אויבער־הערשער, קאנען אויך איבערזעצט ווערן אין די טערמינען פון היינטצייטיקע באדערפנישן. לויט דער טראדיציע, ווען גאט האט זיך אנטפלעקט צו די בני ישראל ביים בארג סיני, האט ער זיך געלאזט דערקענען צו זיי ניט אלס דער באשעפער פון הימל און ערד און ניט אלס דער אויבער־הערשער איבער דער מענטשהייט, נאר אלס דער באפרייער און דערלייזער פון ישראל. אין די טערמינען פון היינטיקן וועלט־אויסבליק ריידנדיק, אין דעם מענטשנס וואונטש פאר פרייהייט, אין זיין ראנגלען זיך פאר פרייהייט, אנטפלעקט זיך דער דראנג פון געטלעכן אין מענטשן. דער קאסמישער לעבנס־דראנג ווייזט זיך ארויס אין מענטשנס ווידערשפעניקייט געגן צוואנג. ווען דער לעבנס־דראנג ווערט זעלבסט־באוואוסט אין דעם מענטשנס אנשטרענגונג אפצו־טרייסלען פון זיך אן אומדערטרעגלעכן יאך, איז דאס די מאניפעס־טירונג פון גאט דעם דערלייזער.

די אויבערהערשאפט פון גאט באטייט די אויבערגילטיקייט פון די ספיריטועלע ווערטן אין מענטשלעכן לעבן. אז גאט איז דער אויי־בערהערשער מיינט, אז אלע יענע צוועקן, שטאנדארטן און אינטע־רעסן, וואס זיינען ארומגעוואקסן דעם גלויבן אין גאט, זיינען ענד־צילן, צו וועלכע אלע אנדערע צוועקן, שטאנדארטן און אינטערעסן

דאַרפן זיין אונטערוואָרפן ווי מיטלען. אַזוי אַז ווען אַ מענטש באַגערט אַזוי נאָך רייכטום, אַז עס ווערט פאַר אים דער שטאַנדאַרט פון אַלע ווערטן, איז עס פון זיין זייט די פאַרלייקענונג פון גאָטס אויבערהערשאַפט. אַזוי אויך דאָס יאָגן זיך נאָך מאַכט ווי אַ זעלבסט צוועק, און אונטערטעניקייט צו מאַכט, אָן אַכט נעמען אַף וועלכן אופן די מאַכט ווערט דערגרייכט און צו וועלכן צוועק זי ווערט אָנגעווענדט. אין פאַמיליען־לעבן מיינט די אויבערגילטיקייט פון די ספּיריטועלע ווערטן, אַז ליבע און אָפּערווויליקייט דאַרפן געשטעלט ווערן העכער פון זעלבסטזוכט. אין עקאָנאָמישן לעבן פאָדערט דער אויבערווערט פון גייסט איינזען, אַז מענטש דאַרף געשאַצט ווערן העכער פון זאַך, אַז פראָדוקציע איז קיין זעלבסט־צוועק ניט. אין נאַציאָנאַלן לעבן, וואו עס האַנדעלט זיך וועגן אינערלעכע ענינים, באַטייט די אויבערגילטיקייט פון די ספּיריטועלע ווערטן, אַז דער ציל דאַרף זיין צו באַשאַפן געלעגנהייטן פאַר די פילע, ניט די אויפהאַלטונג פון פריווילעגיעס פאַר די ווייניקע. אין אויסערלעכע ענינים וועט דער אויבן אָן אָפּגעגעבן ווערן צום גייסט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען וועלן דיקטירט זיין פון דעם וואונטש פאַר פרידן און קאָאָפּעראַציע און ניט פאַר מלחמה און דאָמינאַציע.

די פונקציאָנעלע אינטערפרעטאַציע פון יענע־וועלטיקייט

דער איבערגאַנג פון דער לעצטער שטופע פון דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע צו דער רעליגיע פון דער צוקונפט ווערט שווער געמאַכט דורך דעם, וואָס די ספּיריטועלע באַטאָנונג דאַרף דערבייַ אריבערגעטראָגן ווערן פון יענע־וועלטיקן — צום הי־וועלטיקן לעבן. אין דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע זיינען אַלע גוטסקייטן — דער געפיל פון אינדערהיים זיין אין דער וועלט, די זעלבסט־דערפילונג פון דער פערזענלעכקייט, די לאָיאַליטעט פון די יחידים צו דער גרופּע — דאָס אַלץ איז געקניפּט געוועזן אָן דעם גלויבן, אַז דער איצטיקער וועלט איז באַשערט אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ צו אַ נייעם הימל און נייער ערד. בלויז דורך דעם גלויבן, אַז די וועלט וועט פאַרביטן ווערן מיט אַן אַנדערער, האָט דער מענטש געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם לעבן אַף דער ערד; בלויז דער פּראָספּעקט, אַז סוף כל סוף וועט די נשמה באַפרייט ווערן פון די ערדישע נויטן, האָט געמאַכט דאָס לעבן דאָ ווערט געלעבט צו ווערן; און בלויז די גרופּע, וואָס העלפט איינעם קריגן אַ חלק אין עולם הבא, פאַרדינט באמת געשעצט צו ווערן. ווי

זשע קריגט מען ארויס דערפון א זין פאר דעם לעבן אף דער וועלט? דארפן מיר זיך אויסלערנען באטראכטן דעם טראדיציאנעלן גלויבן אין עולם הבא ניט פון שטאנדפונקט פון אביעקטיוון אמת — ד. ה. וויפיל פאקטישער אמת עס איז געווען אין דעם גלויבן — נאר פון פונקציאנעלן שטאנדפונקט — ד. ה. וויפיל פסיכישן נוצן דער גלויבן האט געבראכט דעם מענטשן. דעמאלט וועט אונז לייכט זיין ארויסצוקריגן דעם זין פון יענעם גלויבן פאר אונזער היינטיקן טאג. אויסגעטייטשט פונקציאנעל, האט דער טראדיציאנעלער באגריף פון עולם הבא אויסגעדריקט דעם מענטשנס אומצופרידנקייט מיט די זאכן ווי זיי זיינען און זיין גארן נאך די זאכן ווי זיי דארפן זיין. פון דעם שטאנדפונקט איז דער וויכטיקסטער עלעמענט אין יענעם גלויבן ניט דאס פאנטאסטישע בילד פון אן אידעאלער וועלט, נאר דער אינערליכער דראנג, וואס דאס בילד איז געווען בלויז אן אויסדרוק פון אים; גענויער, דער עיקר איז דאס וואס מיר פילן זיך געצוואונגען ארויסצוקוקן צו א קינפטיקן צושטאנד פון מענטשלעכער עקזיסטענץ, וואס וועט פריי זיין פון די אלע פיזישע, ספיריטועלע און סאציאלע איבלען, וואס פארמינערן דעם ווערט פון איצטיקן לעבן. אמאליקע צייטן איז דער מענטש ניט געווען גענוג באקאנט מיט די נאטור־פראצעסן איינצוזען, אז ער אליין קאן מיטווירקן צו דער געווינטשטער טראנספארמאציע. ער האט נאך ניט געהאט זיך צוגעקוקט גענוג צו דער נאטור אויפמערקזאם צו ווערן צו איר גלייכפארמיקייט און פלאסטישקייט. דערפאר איז ער ניט אימשטאנד געווען צו באגרייפן, ווי אזוי אן אידעאלע וועלט קאן ארויסוואקסן פון דער איצט ווירקלעכער וועלט. דער מענטשלעכער שכל וועט נאך דארפן דורכגיין א היפשע אנטוויקלונג ביז ער וועט זיך צוגעוואוינען צו באטראכטן זיין אייגענע איניציאטיווע צו פארבעסערן די וועלט ווי א טייל פון דעם פראצעס, דורך וועלכן גאט פארווירקלעכט דעם עולם הבא.

מיט זייער גאנצער חכמה און טיף איינזעעניש זיינען די פארצייטיקע נאך ניט געווען צוגעקומען צו דעם אמת, וואס האט זיך אויסגעקריסטאליזירט פון די ליידן פון דער מענטשלעכער ראסע — צו דעם אמת, אז מלכות השמים, וואס גאט וועט אראפשיקן צו דער מענטשהייט, שליסט איין א פאראדאקס, א סתירהדיקן זין, וואס דארף ווי עס איז אויסגעגליכן ווערן. א מענטש איז ניט קיין מלאך — און ווי וועט ער פלוצלונג ווערן א בירגער פון הימלס קעניגרייך? — די סתירה איז אין מענטשן גופא. ער האט אי דאס הימלישע אי דאס

ערדישע אין זיך. ער איז סתירהדיק בטבע. די געשיכטע האָט עס באַוויזן. פאַר יאָרטויזנטער האָט דער מענטש אַריינגעטאָן געהאַט זיין גאַנצע אמונה אין נאָכפאָלגן און געהאָרכן אויטאָריטעט. אין 18־טן יאָרהונדערט איז געקומען אַ רעאַקציע, און מענטשן האָבן גענומען זען זייער הויפּט־ציל אין אַבסאָלוטער פרייהייט פון יחיד. זייט דעמאָלט האָט דער פּערפּענדיקל פון מענטשלעכן לעבן זיך באַוועגט צווישן די עקסטרעמען: דעספּאָטיזם און אַנאַרכיזם. אָבער ביז היינט איז נאָך קיין ערנסטער פאַרזוך ניט געמאַכט געוואָרן אויסצוגעפינען אַ מעטאָד, לויט וועלכן מיר זאָלן קענען האַנדלען אויף ביידע אופנים — אין אומאָפּהענגיקייט און קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט, און אַזוי אַרום דערגרייכן דעם קינפטיקן וועלט־סדר דורך דעם האַרמאָנישן צוזאַמענשפּיל פון אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם.

דער קינפטיקער וועלט־סדר — דער עולם הבא — איז ניט עפּעס אַנדערש, נאָר די וועלט אויסגעלייזט פון קנעכטשאַפט און מלחמה, פון נויט און לייד, פון קראַנקהייט און פאַרברעכן. ביטערע דערפאַרונג האָט געלערנט די מענטשהייט, אַז בלויז רעכענענדיק זיך מיט די צוויי פּאָלוסן פון דער מענטשלעכער נאַטור, וועט מעגלעך זיין צו דערגרייכן דעם בעסערן וועלט־סדר, דעם עולם הבא. יעדע מענטשלעכע באַשעפעניש איז ביידע זאַכן: אַן „עגאָ", אַ זעלבסט, און אַן „אַלטער־עגאָ" — אַן אַנדערער, אַ קעגנזעלבסט. דער „עגאָ" אָדער דער זעלבסט הונגערט נאָך די באַפרידיקונגען, וואָס גיבן זעלבסטיקייט און אינדיווידואַליטעט. דער „אַלטער", דער אַנדערער, לעכצט נאָך איינגעשלונגען ווערן פון אַ גרעסערן זעלבסט, וואָס וועט אים אַרומנעמען מיט פּערמאַנענץ, מיט אָרדנונג, מיט פולמיינענדיקייט. די „פּאָלאַריטעט" — די צוויי־„פּאָלוסדיקייט" — איז אַן אומפאַרמיידלעכער טייל פון דער נאַטור פון די זאַכן. דאָס מענטשלעכע לעבן איז ערשט יעמאָלט רעכט פולשטנדיק, ווען עס נעמט אין חשבון אריין אָט די טאָפּל־געשטאַלטיקייט זיינע. יעמאָלט דערנעענט עס זיך צו דעם שטייגער לעבן, וואָס איז אין הסכם מיט גאָטס געזעץ, וואָס איז איינגעקריצט אין דער נאַטור פון מענטשן. אין אַן אידעאַל איינגעאָרדנטער וועלט וועלן די צוויי טענדענצן פון דער מענטשלעכער נאַטור געפינען זייער פולע דערפילונג.

אַלע פאָרמען פון ספּיריטועלן לעבן זיינען אַן אָרגאַניזירונג און סינטעטיזירונג פון די ווידערשפּרעכיקע טענדענצן און אימפּולסן אין דער מענטשלעכער נאַטור, און אַ ספּיריטועל איינגעאָרדנטע וועלט דאַרף באַוואָרענען די רעאַליזירונג פון אַזאַ סינטעז. וואָרום אַ סינ־

טעז מוז זיין. מיר קאָנען ניט באַפרידיקן די צוויי אימפּולסן אין אַפּוועקסל — צוערשט דעם אימפּולס דערנאָך יענעם; מיר קאָנען ניט צוערשט קאָמפּערירן, דערנאָך זיין אומאָפּהענגיק פריי, און איינ־ריידן זיך, אַז אַף אַזאַ אופן וועלן מיר דערגרייכן דעם געווינטשטן גליקלעכן צושטאַנד. אין אַזאַ פאַל וואָלטן פרייהייט און אייניקייט סוף כל סוף איינס דאָס אַנדערע צעשטערט, ווי דאָס האָט אַלעמאָל פּאַסירט. מיר מוזן אַזוי איינאָרדענען די וועלט, אַז די צוויי אימ־פּולסן פון מענטשלעכן ווילן זאָלן קומען צו זייער פולן אויסדרוק אין איין און דערזעלבער אָנשטרענגונג, אין איין און דערזעלביקער פּראַקטישער מאַניפעסטאַציע פון אונזער וואונטש איינצושמעלן גאָטס קעניגרייך. דער אויסגלייך צווישן יחידים, קלאַסן, נאַציעס, דאַרף אַראַנזשירט ווערן מיט דעם אויסקוק אַף א סינטעז צווישן אָ־די צוויי איינס קעגן אַנדערן לויפנדיקע אימפּולסן — פון „איך” און „אַנדערן”. גוטע רעגירונג הענגט אָפּ פון דער אַנערקענונג פון אָט דעם פונקציאָנעלן פּרינציפּ. און בלויז אין אַ סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס איז געשטיצט אַף פרידן, קאָנען די צוויי אימפּולסן אויסגע־דריקט און סינטעטיזירט ווערן.

ווידערשטאַנד צו דער ניי־אינטערפּרעטאַציע איז צו דערוואַרטן.

מאַנכע וועלן אודאי זיך פאַרהאַלטן מיט גרינגשעצונג צו יעדן פּאַרזוך איבערצוטייטשן די אידישע ווערטן פון אַ מאָדערנעם, פונק־ציאָנעלן שטאַנדפּונקט — אַף דעם סמך, וואָס די אידישע רעליגיע וואָלט אָנגענומען אַ פאָרם, וואָס אירע אבות וואָלטן זי ניט דער־קענט. מיר הערן שוין די טענה, אַז אַזוי ווי אונזער צוועק איז אָנצוהאַלטן דעם המשך פון יודנטום, פאַרפעלן מיר אונזער אייגענעם צוועק, ווען מיר פּרעסן אַרויף מאָדערנע געדאַנק־קאַטעגאָריעס אַף דער ליטעראַטור און די אינסטיטוציעס פון יודנטום. א גרונט־טעות אין צוגאַנג איז דער וואָרצל פון אָט דער טענה. זי גייט אַרויס פון דער השערה, אַז די יעניקע וואָס דאַרפן באַשטימען צי א המשך פון א קולטור ווערט יאָ אָדער ניט אויפגעהאַלטן, זיינען אירע אורגרי־דער, אירע אַמאָליקע איניציאַטאָרס, און ניט אירע וואָרט־פירער איז די שפּעטערדיקע דורות. די בעלי טענה האַלטן דארום אז אזוי ווי אירע גרינדער זיינען שוין מער ניט ביים לעבן, ווען דאָס פּראָבלעם פון המשך קומט אויף, זיינען בלויז די יעניקע וואָס זיינען באַזעסן פון זייי־

ער גייסט באַרעכטיקט צו האַנדלען ווי זייערע „במקומ׳ס" אין באַשטימען די פראַגע, צי די אָדער יענע צופּאַסונג פון דער קולטור צו די צייט־נויטן האַלט אײן דעם כאַראַקטער פון דער קולטור אָדער ניט. דאָס איז אין תוך דער שטאַנדפּונקט פון אַלע אָרטאָדאָקסיעס, וואָס האָבן אַלעמאָל געווירקט ווי אַ טויט־געוויכט אַף צו פאַרהאַלטן דעם נייעם־שלעכן פראָגרעס. דער אמת איז, אַז די אײנציקע צו באַשטימען, צי דער המשך פון אַ קולטור ווערט אויפגעהאַלטן, זײנען די יעניקע וואָס האָבן פּאַקטיש דאָס פּראָבלעם אַף זײערע הענט און וואָס זײנען מחויב דאָס פּראָבלעם צו לייזן. די פאַרגאַנגענהייט אָדער אירע פאַרטרעטער קאָנען פּונקט אַזוי ווייניק משפּטן די קעגנוואַרט, ווי אַ קינד קאָן זיצן ווי אַ שופט איבער אַ דערוואַקסענעם.

אָנגענומען, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט אָנווענדן דעם אָרטאָדאָקסישן קריטעריום אַף דעם ספּיריטועלן לעבן פון אידישן פאָלק אין פאַרלויף פון די לעצטע 3000 יאָר. קאָנען מיר צום ביישפּיל באַהויפּטן, אַז שמואל הנביא און דוד המלך וואָלטן דערקענט אין יודנטום פון רבא אָדער אביי, די אמוראים פון פערטן יאָרהונדערט, זייערע אייגענע אמונות און מעשים? אמת, די אמוראים האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז די העלדן פון דער ביבל האָבן זיך געפירט ווי די אידן פון דער תלמודישער צייט. מיר ווייסן אָבער, אַז דאָס איז געווען אַ גאַנץ האַמעטנער צייט־פּאַרטויש. צום גליק, דער געפיל פון פּסיכאָלאָגישן המשך דאַרף זיך ניט שטיצן אַף אַזעלכע אילוזיעס.

ספּיריטואַליטעט, אָדער דאָס זוכן און לעכצן נאָכן גוטן לעבן, איז דער צד השוה פון אַלע ציוויליזאַציעס, וואָס פאַרדינען אָט דעם נאָמען. זיי אונטערשיידן זיך פונדעסטוועגן אין די ספּעציעלע פאָרמען פון דער ספּיריטואַליטעט און אין דעם גראַד באַטאָנונג, וואָס די אָדער יענע פאָרם באַקומט. דאָס יודנטום פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אָן ספק געווען אַ ספּיריטועלע ציוויליזאַציע, אָבער זי איז געווען איינגעענגט אין איר ספּיריטואַליטעט דורך אַ באַגרעניצטן וויסן פון גאָט און פון דער וועלט. דאָס פאַרגרעסערטע וויסן פון גאָט און פון דער וועלט וועט מעגלעך מאַכן פאַרן יודנטום פון דער צוקונפט צו פונקציאָנירן פולער און ווירקזאַמער אלס אַ ספּיריטועלע ציוויליזאַציע.

אפילו די יעניקע, וואָס גלויבן אין דער ענדגילטיקייט פון די טראַדיציאָנעלע אמתן, וועלן מוזן צוגעבן, אַז היינט קאָנען מיר זיך באַנוצן מיט אַ גרעסערער סומע וויסן וועגן דער וועלט, איידער די אידן פון אַמאָל. נאָר די הנחה, אַז אין פּראָפּאָרציע צו דעם פאַרגרעסערטן וויסן וועגן דער וועלט שטייגט אויך אונזער וויסן וועגן

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

גאָט — אָט די הנחה קומט זיי פאַר ווי אומזין. די טראַדיציאָנאַליסטן האַלטן עס פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פאַרציייטיקע האָבן געוואוסט מער וועגן גאָט, ווי מיר קאָנען ווען עס איז האָפן צו וויסן, וואָרים האָט דען גאָט זיך ניט אַנטפּלעקט און זיך געלאָזט דערקענען צו זיי אין זיין אייגענער פּערזאָן? אָבער די הנחה מוז פאָרט בלייבן שטיין, און זי איז דער פונדאַמענטאַלער תנאי פון יעדן פּאַרזוך אויפצושטעלן דאָס יודנטום פון דער צוקונפט אַלס אַ ספּיריטועלע ציוויליזאַציע. עס בלייבט שטיין, אַז אונזער וויסן וועגן גאָט ווערט באַשטימט פון אונזער וויסן וועגן דער רעאַליטעט. שטייגט אונזער וויסן וועגן דער רעאַליטעט, פאַרטיפט זיך אונזער וויסן וועגן גאָט. היינט צו טאָג האַלטן מיר עס פאַר מעגלעך, אַז אַ ציוויליזאַציע זאָל זיך אָננעמען מיט ספּיריטואַליטעט און זאָל דורכגעדרונגען ווערן מיט אחריות פאַרן פאָלקס גורל — אָן דער פּרעטענזיע, אַז זי האָט דורכגעמאַכט אַ גאָט־אַנטפּלעקונג, און אָן דער איינרעדעניש אַז צווישן פּרומקייט און הצלחה פון יחיד איז אַ דירעקטע שייכות פון סיבה און עפעקט, און אָן דער השערה, אַז אַ נייע וועלט קאָן אַנדערש ניט געבאָרן ווערן פון דער איצטיקן כאַאָס, סיידן דורך אַן איבערנאַטירלעכער קאַטאַסטראָפע. די ספּיריטואַליטעט פון דער אידישער ציוויליזאַציע פון דער קומענדיקער שטופע קאָן זיך באַגיין אָן די אַלע השערות. די ספּיריטואַליטעט וועט הויפּטזעכלעך זיך אויסדריקן אין באַוואוסטזיניקער, פּלאַנמעסיקער באַמיאונג צו שטאַרקן און מונטערן די היסטאָרישע טענדענץ פון דער אידישער רעליגיע צו פּראָגרעסירן אַלץ מער אין דער ריכטונג פון אוניווערסאַלן אמת און סאָציאַלן אידעאַליזם.

קאַפּיטל זעקס

ווי דער רמב״ם האָט באַנייט דאָס יודנטום דורך אינטערפּרעטאַציע

אין וועלכן זין קאָן דער רמב״ם אונז דינען פאַר אַ וועגווייזער?

איבערגאַנגען אין יודנטום פון שטופע צו שטופע ווערן אַלעמאָל פאַרלייכטערט דערמיט, וואָס עס ווערט אין פאָרויס אָנגעטייט אף דער שטופע, וואָס פאַרגייט, דאָס וואָס דאַרף זיך אַנטוויקלען אף דער שטופע, וואָס קומט. עס איז מעגלעך געווען פאַרן יודנטום איבערצואַנדערשן זיך פון אַ פאָלקס־גאָט־ציוויליזאַציע, מיט יהוה, אַלס נאַציאָנאַלער גאָט, צו אַ טעאָקראַטישער ציוויליזאַציע, מיט יהוה אַלס וועלט־באַשאַפער און גאָט פון דער גאַנצער מענטשהייט, מחמת די נביאים האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט דעם וועג פאַר דער איבעראַנדערשונג. פונקט אַזוי, איז דער יענע־וועלטיקער כאַראַקטער פון דער דריטער שטופע אין יודנטום פאָראויסגעכאַפּט געוואָרן פון לאַנגער ריי לערער אין דער עפּאָכע פון בית שני, וועלכע האָבן איבערגעטייטשט דעם באַגריף פון דעם „טאָג פון ה׳ ״ אַזוי, עס זאָל מיינען אַ וועלט־צעטרייסלונג, וואָס וועט נאָכגעפאָלגט ווערן מיט דער וועלטס ניי־באַשאַפונג. איז אויפגעקומען אַן אחרית הימים־טעאָלאָגיע, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די לערע פון יענע־וועלטיקייט. די שטופע, צו וועלכער דאָס יודנטום גייט איצט איבער, די שטופע פון פאַרשכלונג־פאַרמענטשלעכונג, איז פונקט אַזוי פאָרויסגעכאַפּט געוואָרן פון אַ לאַנגער ריי ראַציאָנאַליסטישע פילאָזאָפן, וואָס האָבן געהאַט זייער בלי־צייט אין מיטלאַלטער. דער פולער באַטייט פון זייער בייטראָג קאָן ערשט איצט אָפּגעשאַצט ווערן, ווייל פון זייער ביישפּיל באַקומען מיר דעם זיכערן געפיל, אַז דער המשך פון יודנטום וועט ניט איבערגעריסן ווערן דורך דעם, וואָס דעם שכל וועט אָפּגעגעבן ווערן דער אויבן־אָן. און צווישן די וואָס האָבן געהאָדעוועט די אידישע פילאָזאָפישע טראַדיציע, וואָס האָט דערמעגלעכט, אַז די אויבערהערשאַפט פון שכל זאָל אָן סתירה זיך בינדן מיטן יודנטום, איז דער רמב״ם (משה בן מימן — מאַימאָניד) געווען דער איינפלוסרייכסטער. אַן אויספאָרשונג פונם וועג, ווי אַזוי ער האָט איבערגעבויט דאָס יודנטום פון זיין טאָג, דאַרף אוודאי

שטאַרקן די יעניקע פון אונז, וואָס זוכן די ווידעראויפבויאונג פון יודנטום פון אונזער היינטיקן טאָג.

עס ווערט צוגעגעבן פון אַלעמען, אז דער רמב"ם האָט געמאַכט אַ גאָר היפשן בייטראַג צו דער אַנטוויקלונג פון יודנטום. די וויכטיקייט פון זיין בייטראַג זעט מען געוויינלעך דעריין, וואָס אים איז געלונגען צו ברענגען אין האַרמאָניע דאָס יודנטום מיט דער פילאָזאָפיע פון זיין צייט. פון שטאַנדפונקט פון רמב"מס צייטגענאָסן איז אַזאַ אָפּשאַצונג פון זיין אויפטו באַרעכטיקט. פאַר די „בלאָנדזשענדיקע" (די נבוכים) פון זיין צייט, וואָס זייער אינטעלעקטועלע צעטומלקייט האָט ביז אַ היפשן גראַד געשטאַמט פון דעם קלאַפּ, וואָס די גריכישע פילאָזאָפיע אין איר אַראַבישן לבוש האָט דערלאַנגט דעם אידישן געדאַנק — פאַר יענע בלאָנדזשענדיקע איז דער מחבר פון „מורא נבוכים" ווירקלעך געווען אַן אינספּירירנדיקער וועגווייזער. ער האָט פאַר זיי מעגלעך געמאַכט, זיי זאָלן קאָנען פונדאַסניי באַשטעטיקן זייער געטרייהייט צום יודנטום, אָן דעם זיי זאָלן דאַרפן עפּעס מקריב זיין פון זייער אינטעלעקטועלער ערלעכקייט.

אָבער פאַר אונזער צייט האָט דער אויפטו זיינער בלויז אַ היסטאָרישן אינטערעס. אונזערע מאָדערנע „בלאָנדזשנדיקע" זיינען פונקט אַזוי ווייט פון אַריסטאָטעלישער סכאָלאַסטיקע, ווי ווייט זיי זיינען פון טראַדיציאָנאַליזם, וואָס איז פון דער סכאָלאַסטיק אַרויסגעפאָדערט געוואָרן צום שטרייט. היינט דאַרפן מיר אַ פילאָזאָפיע פון יודנטום, וואָס זאָל פאַר אונזער דור אויפטאָן, וואָס דעם רמב"מס פילאָזאָפיע האָט אויפגעטאָן פאַר זיין דור. דער באַטייט פון זיין אינטעלעקטועלער אונטערנעמונג איז פאַר אונז ניט אַזוי אין זיין שיטה, ווי אין דעם פאַקט, וואָס טראָגט דעם ראַדיקאַלן כאַראַקטער פון זיין לערע און טראַצדעם, וואָס זי איז אַזוי ביטער באַקעמפט געוואָרן, איז זי פונדעסטוועגן געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אידישער טראַדיציע. אַז דאָס יודנטום איז פּייאיק צו לאָזן הויזן אין זיינע גרענעצן צוויי אַזעלכע פאַרשיידענע נוסחאות פון זיין וועזן און זין, ווי דעם נוסח פון תלמוד און דעם נוסח פון רמב"ם, דער פאַקט גופא באַווייזט, אַז דאָס יודנטום לאָזט זיך איבערבויען, ווען נאָר די קאָנדיציעס פון לעבן און געדאַנק פאָדערן עס.

וואָרים, דער רמב"ם האָט בפועל ממש איבערגעבויט דאָס יודנטום. ער האָט אַריינגעגעבן אין יודנטום גאָר אַן אַנדער כוונה ווי די, וואָס די תנאים און אמוראים האָבן מכוון געווען, און אַזוי אַוום האָט ער פאַרוואַנדעלט, אָן זיין וויסן בלי ספק, דעם גאַנצן סיס-

טעם פון די אידישע גלויבונגן און פירוגגען. אזוי ווי מיט דעמזעל־ביקן בוי־מאַטעריאַל קאָן מען אויפשטעלן היימען צום וואוינען אָדער ווערקשטאַטן צום אַרבעטן, אזוי קאָן מען מיט דיזעלביקע לערעס און אינסטיטוציעס אויפבויען ראַדיקאַל פאַרשיידענע סאָציאַלע און רע־ליגיעזע סיסטעמען. עס איז די כונה, וואָס פורעמט דעם סיסטעם. דער רמב"ם האָט אריינגעשפּריצט אין דער אידישער טראַדיציע אַ גאַנץ אַנדער כונה פון דעם, וואָס האָבן אריינגעטאָן אין איר די זעלביקע אויטאָריטעטן, ווען די הלכות, אמרות און פירושים ער האָט אָרגאַניזירט אין זיין גרויסן געזעץ־קאָדעקס. די כונה האָט גע־שאָפּט ניט אין זייער טראַדיציאָנעלער לערע, נאָר אין דער אַריס־טאָטעלישער פילאָזאָפיע, קאָמבינירט מיט נעאָ־פּלאַטאָנישע עלעמענטן, ווי דער רמב"ם האָט עס געפונען אין דער פילאָזאָפיע פון אוויצענאַ.

ווי דער רמב"ם האָט איבערגעטייטשט די לערע פון עולם הבא

די כונה פון א לעבנס־סיסטעם קאָן ארויסגעדרונגען ווערן פון דעם מין דערלייזונג, וואָס דאָס סיסטעם זאָגט צו. מיט די זעלביקע פאַרהייליקטע טעקסטן און אויפפירונגס־כללים איז מעגלעך צו פורע־מען דיאַמעטראַל קעגנגעזעצטע מענטש־טיפּן, אָפּהענגיק דערפון, אין וואָס איינער זעט דעם ענדגילטיקן תכלית פון מענטשלעכן שטרעבן, די דערפילונג פון לעבנס העכסטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, אָדער דאָס אויבער־גוטס, וואָס דאַרף באַשטימען דעם לעבנס העכסטן ציל. סיי די בעלי התלמוד און סיי דער רמב"ם האָבן מיט דעם אויסדרוק עולם הבא באַצייכנט דערלייזונג, אָדער די דערגרייכונג פון לעבנס העכסטן ציל, אָבער זיי נוצן אים אין אזעלכע ראַדיקאַל פאַרשיי־דענען זינען, ווי זיי וואָלטן זיך באַוועגט אין צוויי פאַרשיידענע געדאַנקען־וועלטן. דער מענטש־טיפּ, וואָס וואָלט געוועזן דער רע־זולטאַט פון די באַמיאונגען צו פאַרדינען עולם הבא לויט ווי די בעלי התלמוד האָבן עס פאַרשטאַנען, וואָלט געווען ענלעך צו הלל הזקן; דער מענטש־טיפּ, וואָס ווערט אָנגעטייט דורך דעם רמב"מס מיטלען אַף צו דערגרייכן עולם הבא, וואָלט ענלעך געווען צו אַריס־טאָטעלן.

לויט דעם תלמודישן שטאַנדפונקט איז עולם הבא די־וועלט אַן איבערגעמאַכטע. די וועלט איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן פּערפעקט. נאָר דער מענטש האָט זי פאַרדאָרבן דורך זיינע זינד. דאָך אין דער צוקונפט וועט גאָט צוריק אויפריכטן די וועלט צו איר אורשפּרינג־

לעכער שלמות. עס וועט אין תוך זיין א נייע וועלט — א „נייער הימל און א נייע ערד״. די פאלגן פון מענטשנס זינד האבן אים פארשפארט דעם וועג צום „עץ החיים״, וואס זיין פרוכט איז אומ־שטערבלעכקייט. און אין ווייטערדיקער באשטראפונג פאר זיין זינד איז ער פארמשפט געווארן צו א לעבן פון מי און מאטערניש. אבער דער צושטאנד וועט ניט אנהאלטן אייביק. עס וועט קומען א צייט, ווען גאט „וועט איינשלינגען דעם טויט פאר אלע צייטן״. אן אומ־שטערבלעך לעבן אין עולם הבא איז די ספעציעלע פריווילעגיע פון ישראל, ווייל ישראל אליין פון אלע פעלקער האט אנגענומען די תורה, וואס גאט האט זי אנטפלעקט, כדי מענטשן זאלן קאנען, לעבנדיק לויט אירע פארשריפטן, זיך פארדינען זייער חלק עולם הבא. און די יעניקע אין ישראל, וואס האבן געזינדיקט, וועלן דארפן אויסקויפן זייער זינד, און סוף כל סוף וועלן זיי אויך דערלייזט ווערן. די צאל פון די יעניקע, וואס זיינען אומדערלייזבאר, איז באמת גאנץ קליין. וואס שייך די אנדערע פעלקער, דער פאקט וואס זיי האבן זיך אפגעזאגט אנצונעמען די תורה — אן אפזאגן זיך, וואס די עלטערע ביבלישע טראדיציע ווייס ניט דערפון — דער פאקט שליסט זיי אויס פון דערלייזונג. נאר די יחידי סגולה צווישן זיי, וואס דאס זיינען די חסידי אומות העולם, זיי אליין זיינען בארעכ־טיקט צו א חלק עולם הבא.

עולם הבא, לויט דעם טראדיציאנעלן באגריף, איז ניט קיין שכר פאר פערזענלעכן פארדינסט, נאר גיכער א אידישע חזקה — א ספעציעלער חסד צו ישראל, אלס גאטס אויסדערוויילט פאלק, וואס האט אנגענומען זיין תורה. דער באזונדערער חלק עולם הבא, וואס וועט צופאלן דעם אדער יענעם אידן, קאן יא האבן א שייכות צו זיינע פערזענלעכע פארדינסטן. אבער דאס רעכט אף דעם חלק יענע וועלט, אף דעם נחת פון דערלייזונג — דאס רעכט גופא איז א טייל פון דער פריווילעגיע, וואס קומט אים פאר זיין א איד.

איצט לאמיר זען וואס דער רמב״ם האט געטאן מיט דער לערע וועגן עולם הבא. נאך אן איבערבליק איבער די טראדיציא־נעלע מיינונגען, וואס זיינען געווען געלויפיק אין זיין צייט 1), ווארנט ער דעם לייענער ניט צו נעמען בוכשטעבלעך קיין איינע פון די דרשנישע שטעלן, וואס באשרייבן עולם הבא. לויט דעם רמב״ם איז עולם הבא די ספיריטועלע דערפארונג פון דער פאר־פולקאמטער אינדיווידועלער נשמה נאכן טויט, און קאן אפילו ניט באגריפן ווערן פון דעם מענטשן, כל זמן זיין נשמה איז אין זיין

קערפּער און אָפּהענגיק פון די חושים. מיר קאָנען אַזוי ווייניק פאַרשטיין די גליקזעליקייט פון עולם הבא, בעת מיר זיינען ביים לעבן, זאָגט דער רמב״ם, ווי אַ פיש קאָן ניט וויסן וואָס פייער איז. אונזערע חושים זיינען די פונקציעס פון קערפּער, און אַלס אַזעלכע דאַרפן זיי אומקומען מיט דער צעשטערונג פון קערפּער. דער מענטש איז קערפּערלעך, און אַלע זיינע אָרגאַנישע פונקציעס באַדינען דעם פיזישן אָרגאַניזם, וואָס איז בטבע אונטערוואָרפן צו ענדערונג און צעשטערונג. טויט איז דאַרום זיין אומפאַרמיידלעכער סוף, ווי עס איז דער פאַל מיט אַלע חיות. בלויז אין איין פּרט אונטערשיידט זיך דער מענטש געוואַלטיק פון זיי, און דאָס איז מיט זיין פיאיקייט אַריינצוטראַכטן זיך אין דער נאַטור פון גאָט, וועלכע איז אייביק, אומענדלעך און אומפאַרענדערלעך. אָט די פיאיקייט מאַכט די אינדיווידועלע נשמה פאַר איינס מיט גאָט, וואָרים פון פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט זיינען אין אַ געוויסן זין דער ווייסער און דער געוואוסטער איינס. און דורך אָט דעם איינס ווערן מיט גאָט דערגרייכט די נשמה ספּיריטועלע אומשטערבלעכקייט.

אָבער אַזאַ אומשטערבלעכקייט איז אַ דערגרייכונג, ניט קיין איינגעבאָרענע פּריווילעגיע. די באַהויפּטונג, אַז גאַנץ ישראל האָט אַ חלק אין עולם הבא, דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זין, אַז יעדער אידישער יחיד וועט פאַקטיש און פּערזענלעך מיטבאַטייליקט זיין אין אָט דער דערלייזונג. דער אמתער באַטייט פון דער באַהויפּטונג איז, אַז דער פאַקט, וואָס גאָט האָט אַנטפּלעקט די תורה צו ישראל און צו ישראל אַליין, האָט געגעבן דעם אידן דעם אויסשליסלעכן באַזיץ פון דעם הויפּט־אינסטרומענט פון דערלייזונג. אָבער כדי צו פונקציאָנירן ווי אַזאַ אינסטרומענט, מוז די תורה ניט בלויז געפאָלגט ווערן, נאָר אויך פאַרשטאַנען ווערן אין די טערמינען פון העכסטן פילאָזאָפישן אמת, זי מוז פון זיך אַרויסגעבן יענעם עכטן גאָט־באַגריף, דורך וועלכן דער יחיד קאָן זיך מתדבק זיין מיט גאָט. בלויז דאָס נאָכקומען די מצוות פון דער תורה, ווען מען פאַרשטייט ניט דערביי זייער מיין, קאָן ניט ברענגען דערלייזונג. אין לעצטן סך הכל איז עס בלויז דאָס מעטאַפיזישע דענקען, וואָס גיט דערלייזונג. אַלע געזעצן פון דער תורה זיינען אָדער סימבאָלן פון מעטאַפיזישע אידייען, אָדער מיטלען צו רעגולירן דאָס סאָציאַלע לעבן פון אידישן פאָלק, מיט דעם צוועק מעגלעך צו מאַכן פאַר אידן אָנצוגיין מיט יענע אינטעלעקטועלע באַשעפטיקונגען וואָס פירן צו אַ מעטאַפיזישער אויפפאַסונג פון גאָט.

לויט דעם רמב״ם מיינט ניט תחית המתים, ווי אין תלמודישן יודנטום, א לעבעדיק ווערן צו אן אייביקער קערפערלעכער עקזיס־טענץ. נאר דאס מיינט, אז די יעניקע אין ישראל, וועלכע האבן אף דער־וועלט געפירט א גערעכטן לעבן לויט די פארשריפטן פון דער תורה, וועלן דורך א געטלעכן נס צוריקגעבראכט ווערן צום לעבן אונטער דער ממשלה פון משיחן — ווען זיי וועלן געניסן דעם נשמה־פרידן, וואס איז נויטיק פאר לערנען תורה. און אזוי ארום וועלן זיי דערגרייכן ספּיריטועלע שלמות. מיט דער צייט אבער וועלן זיי ווידער שטארבן, ווייל זייערע קערפערס זיינען אומבאדינגט אונ־טערווארפן דעם געזעץ פון צעשטערונג. בלויז זייערע נשמות וועלן בלייבן לעבן אייביק. זייערע נשמות אין זייער אנטקערפערטן צו־שטאנד וועלן געניסן פון דעם יחוד מיט גאט, וואס דאס איז גליק־זעליקייט און דערלייזונג.

עס איז אף אזא אופן אויבן־אויף, אז דער רמב״ם האט אריינ־געגעבן אין דעם גלויבן אין עולם הבא א גאנץ אנדער מיין, וואס דער גלויבן האט געהאט פאר די בעלי התלמוד; און האבנדיק דאס געטאן, האט ער אוועקגעשטעלט א נייעם ציל פארן אידישן לעבן, און אויפ־געשטעלט א נייעם ראנגן־טרעפּ פון ספּיריטועלע ווערטן. הגם ער האט איבערגענומען ביי די בעלי התלמוד דעם גאנצן סכום פון די מיט־לען וואס פירן צום ציל, צו דעם עולם הבא פון זייער באגריף, האט ער אבער געענדערט, געמוזט ענדערן דעם כאראקטער פון די מיט־לען, באשטימענדיק פאר זיי א גאנץ נייע פונקציע. עס איז דארום ניט קיין איבערטרייבונג צו זאגן, אז דעם רמב״מס נוסח פון יודנ־טום איז א פולשטענדיקע איבערבויאונג. און ווי דאס יודנטום אין זיין איבערגעבויטער פארם זעט אויס, קאנען מיר געוואר ווערן, ווען מיר וועלן נאכזוכן, וואס פאר א ראדיקאלע פארוואנדלונג האבן דורכגעמאכט אין רמב״מס סיסטעם די דריי הויפּט־באגריפן: — גאט, ישראל און די תורה.

ווי דער רמב״ם האט איבערגעטייטשט דעם אידישן גאט־געדאנק

צוערשט בנוגע דעם גאט־געדאנק. פאר די בעלי התלמוד, וועלכע האבן בוכשטעבלעך פארשטאנען דעם געטלעכן אורשפּרונג פון דער תורה, האט די פראגע פון גאטס עקזיסטענץ ניט עקזיסטירט. קיין זאך וואלט זיי ניט פארגעקומען אזוי איבעריק, אומנויטיק און אפילו

אומזיניק, ווי צו באַווייזן, אַז גאָט איז דאָ. אַזוי ווי די תורה איז פאַר זיי געווען, אויסער יעדן ספק, דאָס געשריפטס, וואָס גאָט האָט דיקטירט, האָבן זיי גאָר ניט געקאָנט באַנעמען, אַז אַ מענטש וואָס איז ביי זיין פאַרשטאַנד זאָל אָפּפרעגן גאָטס עקזיסטענץ. די איינציקע פאָרם פון גאָטלאָזיקייט, פון וועלכער זיי האָבן אפנים געוואוסט, איז געווען די גאָטלאָזיקייט, וואָס לייקענט גאָטס מאַכט איבער דער וועלט אָדער לייקענט זיין געוועלטיקונג איבערן מענטש־לעכן לעבן, אָבער ניט די גאָטלאָזיקייט, וואָס לייקנט זיין עקזיסטענץ. דורך דער תּלמודישער ליטעראַטור איז דער אויסדרוק „כופר בעיקר" אָנגעווענדט געווען ניט אויף איינעם וואָס לייקענט גאָטס עקזיסטענץ, נאָר אויף איינעם וואָס באַשטרייט זיין מאַכט און אויטאָריטעט 2). אַ שטעלע אין מדרש 3), וואָס באַציט זיך אויף אברהם אבינו, ווערט ציימנווייז געטייטשט, אַז עס איז געווען אַ צייט אין אברהמס לעבן, ווען ער האָט געצווייפלט אין דער סאַמע עקזיסטענץ פון גאָט. דער אמת אָבער איז, אַז דער מאמר שטעלט פאָר אברהמען ווי אין ספק, צי גאָט אינטערעסירט זיך מיט דער וועלט. ר' יצחק נפחא פאַרגלייכט דאָרט אברהמען צו איינעם, וועלכער זעט אַ בנין אין אַ פייער, וואָס קיינער זוכט ניט אויסצולעשן, און ער וואונדערט זיך, צי קאָן דער בנין האָבן אַ בעל הבית. דורך דעם משל וויל ר' יצחק אָנטייטן, אַז אברהם האָט געצווייפלט אין גאָטס השגחה, ווען ער האָט געזען, אַז די רשעים האָבן דעם רשות אָנצופירן אומגעשטערט זייער צע־שטערונגס אַרבעט, אָבער דאָס איז בשום אופן ניט קיין אָנצוהעע־רעניש, אַז אברהם האָט אָפּגעפרעגט גאָטס עקזיסטענץ.

גאָטס איינהייט, לויטן באַגריף פון די חכמים, האָט געמיינט, אַז צווישן דער ריזיקער צאָל גייסטיקע וועזנס, אָדער הייליקע וועזנס, צו נוצן אַ פאַרתּלמודישן און אַפּאָקריפישן אויסדרוק, וואָס באַפעל־קערן די וועלט, איז דער יעניקער גייסט, וואָס האָט זיך אַנט־פּלעקט צו אברהם, יצחק און יעקב און צו משה רבנו און גאַנץ ישראל און צו וועמען מיר ווענדן זיך אין די תּפילות, ווי צו אונ־זער גאָט און גאָט פון אונזערע אבות — דער איז דער איינציק אמתער גאָט. די בעלי התּלמוד האָבן קיינמאָל פאַר אַ רגע ניט געספּקט אין דער עקזיסטענץ פון אַנדערע איבערוועלטלעכע וועזנס, אַ חוץ דעם גאָט פון ישראל. זיי האָבן געהאַלטן מלאכים, דע־מאָנען און צאָלרייכע גייסטער פון אַלע מינים פאַר געננג ממשות־דיקע, און ציימנווייז אַפילו זיכטבאַרע וועזנס. ווען גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו ישראל אויפן באַרג סיני, איז ער באַגלייט געווען פון

מחנות אנדערע איבערמענטשלעכע וועזנס. „האט געזאגט הקדוש ברוך הוא צו ישראל: אזוי ווי איר קוקט אן מערערע הימלישע וועזנס, קאנט איר מיינען, אז עס זיינען פאראן אסך געטער אין הימל, זאלט איר דארום וויסן זיין, אז איך אליין בין גאט". אט וואָרום די עשרת הדברות הויבן זיך אן מיט „אנכי": „איך יהוה דיין גאט" 4).

אלע אזעלכע אידייען זיינען פרעמד דעם רמב"ם השגה פון גאט. ביים רמב"ם איז אין פאָרויס אפגעמאכט, אז מען קאן ניט קומען צו א ריכטיקן גאט־באגריף בלויז דורך שטודירן דעם אויבען־אויפיקן זין פון טעקסט פון דער תורה, ווי די מערסטע מיינען אין זייער נאאיוויטעט. יעדער וואָס נעמט אן דעם איינפאכן און בוכשטעבלעכן זין פון דער תורה אלס דעם איינציק גילטיקן, מאכט זיך שולדיק אין אפיקורסות און פארשפילט זיין חלק עולם הבא, ווייל לויט דעם בוכשטעבלעכן זין מוז ער מאלן גאט ווי א פארגרעסערטן מענטש־וועזן, וואָס איז באשאנקען מיט מענטשלעכע אייגנשאפטן. דאָס געשולט זיין אין מעטאפיזיק, אלס מיטל צו דער געהעריקער פארשטענדעניש פון דער תורה, איז לויט רמב"ם פונקט אזוי אומבאדינגט נויטיק צו דערלייזונג, ווי דאָס אויספאָלגן די מצוות פון דער תורה. דער סימבאָלישער און בילדלעכער זין פון דער שפראך פון דער אנטפלעקונג איז אסך וויכטיקער פון דעם בוכשטעבלעכן זין, און בלויז פילאָזאָפישע דיסציפלין מאכט איינעם פייאיק פונאנדערצושיפירן דעם באהאלטענעם זין. די אלע הנחות פירן במילא צו דעם אויספיר — וואָס דער רמב"ם אליין וואָלט עס זיכער געלייקנט — אז פארנונפט איז העכער פון אנטפלעקונג. די פארנונפט, וואָס לפנים איז איר צוגעטיילט א גלייכער אָרט מיט דער טראדיציע אָדער אנטפלעקונג, און נישט מער, איז פאקטיש אוועקגעזעצט אויבן־אָן, ווי א שופט צו פסקענען, וואָס דער אמתער זין איז פון דער טראדיציאָנעלער לערע. ווען א טראדיציאָנעלע לערע גיט דעם איינדרוק פון זיין אין ווידערשפרוך מיט דער פארנונפט דארף זי אויסגעטייטשט ווערן איינצושטימען מיט דער פארנונפט. פון דער אנדער זייט, אין קיין איין פאל ווערט די טראדיציע אָדער די אנטפלעקטע לערע געמאכט פאר דעם קריטעריום אף צו משפטן אן אמת, צו וועלכן מען איז געקומען דורך דער פארנונפט. וואו עס קומט צו א סתירה צווישן זיי פארווארפן מיר ניט אונזער פארניפטיקע איבערצייגונג, כדי נאָכצוקומען דער אנטפלעקטער לערע, נאָר פארקערט — מיר ענדערן דעם זין פון דער אנטפלעקונג דורך

א פּראָצעס פון משלדיקער אויסטייטשונג, כדי נאָכצוקומען די שלוחן פון פּאַרנונפט.

ווי דערהויבן, אָן ספק, דעם רמב"מס השגה פון גאָט איז ניט געווען, האָט זי באַשיינפּערלעך מער געמיינשאַפטלעכקייט מיט אַריס־טאָטעלס מעטאַפיזיק, ווי מיט דעם גאָט־געדאַנק פון די נביאים און די חכמים. קיין איין ביבלישע שטעלע, וואָס דער רמב"ם ציטירט אין אונטערשטיצונג פון זיין גאָט־באַגריף, מיינט דאָס וואָס ער טייטשט אריין אין איר. ווען דער רמב"ם, אין לאָגישן הסכם מיט זיין גאָט־באַגריף, שטעמפּלט פאַר אפּיקורסים אַלע די, וואָס שרייבן צו גאָט פּאַרמענטשלעכטע אַטריבוטן, און ער דערקלערט, אַז זיי פאַר־שפּילן דערמיט זייער חלק עולם הבא — קאָנען מיר שוין פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט אַזוי דערצאָרנט זיין קריטיקער צייטגענאָסע אברהם בן דוד (ראב"ד): „בעסערע און גרעסערע מענטשן פון אים האָבן באַגריפן גאָט מענטש־ענלעך אויף דעם יסוד פון זייער אויס־טייטשונג פון ביבלישע שטעלן, און נאָך מער אויפן סמך פון אגדתא'ס וואָס האָבן לכתחילה זיי זיך ניט געלייגט אויפן שכל" 5). עס איז קלאָר, אַז דער ראב"ד, הגם ער איז מסכים געווען מיט רמב"מס מיינונג וועגן דער נויטיקייט אויסצוטייטשן די פאַרמענטשלעכטע באַצייכנונגען פון גאָט, האָט דאָך זיך געברוגזט דערויף, וואָס גרי־כישע פילאָזאָפישע באַגריפן ווערן דערקלערט פאַר אידישע רעליגי־עזע עיקרים.

דעם רמב"מס ראַציאָנאַליזם האָט אים אויך געבראַכט אין צו־זאַמענשטויס מיט דער פּאָפּולערער טראַדיציע אין דעם ענין פון נסים. האָבן די נסים, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין דער ביבעל, ווירק־לעך פּאַסירט? — דאָס איז געווען די צום מערסטן דעבאַטירטע פראַ־גע פון יענער צייט. פון אַן אויסגעהאַלטענעם אַריסטאָטעלישן שטאַנד־פּונקט איז גאָר אומבאַגרייפלעך ווי נסים קאָנען פּאַסירן. דער דורכ־שניטלעכער אידישער גלויביקער, וועלכער האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן וועגן אַריסטאָטעלן, האָט זיך פאַרשפּאָרט צו ברעכן דעם קאָפּ איבער דעם אינטעלעקטועלן פּראָבלעם פון נסים. אָבער די אידן, וואָס זיינען געקומען אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכי־שער פילאָזאָפיע, זיינען געווען סקעפּטיש בנוגע נסים, און אַזאַ סקעפּ־טיציזם איז געווען זייער געפערלעך פאַר זייער געטרייהייט צום יודנ־טום, וואָרום אין דער אידישער טראַדיציע האָבן די נסים געדינט פאַר א באַווייז פון גאָטס ספּעציעלער השגחה איבערן פאָלק ישראל, און זיי זיינען דאָרום געווען די באַקרעפטיקונג פון ישראלס תביעה,

אז ער איז אן באזיץ פון דער אמתער אנטפלעקונג פון גאָטס ווילן און פון דעם אמתן שליסל צו דערלייזונג. דער רמב״ם איז דעריבער געווען אומוויליק צו לייקענען, אז נסים האָבן פּאַסירט, און ער האָט זיך געפילט געצוואונגען צו דערווייזן זייער מעגלעכקייט על פּי פאַר־נונפט.

פּרובנדיק פעסטשטעלן די פאַרנינפטיקייט פון גלויבן אין נסים, האָט דער רמב״ם אָפּגעווייכט פון די אַריסטאָטעלישע שלוסן, אָבער ניט פון אריסטאָטעלשן מעטאָד. אָט פאַרוואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק צו טאָן צוויי זאכן, וואָס זיינען געווען איבעריק פאַר דעם טראַ־דיציאָנעלן גאָט־גערדאנק. ערשטנס, האָט ער אויסגעארבעט א גאַנץ פאַרוויקלטן אַרגומענט צו באווייזן, אז די וועלט איז באַשאַפן גע־וואָרן פון גאָרנישט ארויס. צווייטנס, האָט ער דערקלערט נסים פאַר אויסנאַם־אראנזשירונגען אין נאַטור־סדר, וואָס זיינען אין פאָרויס באַיואָרנט געוואָרן ביי דער וועלט־באַשאַפונג. הגם אויסזען זעט עס אויס, אז דער רמב״ם פלייסט זיך דאָ אין דער פאַרטיידיקונג פון דער טראַדיציע, אָבער די קאָנזעקווענצן פאַר דער לעבנס פּראַק־טיק, וואָס פליסן ארויס פון זיין אינטערפּרעטאַציע פון נסים, אונ־טערשיידן זיך גאַנץ שטאַרק פון די קאָנזעקווענצן פון נאַאיוון גלויבן אין נסים מצד דעם אומפילאָזאָפישן טראַדיציאָנאַליסט. דער לעצטער קאָן זיך טרייסטן מיט דעם גלויבן, אז דורך תפילה קאָן ער אין עת צרה פועלן ביי גאָט אריינצומישן זיך פון זיינטוועגן אפילו ביז צום אומוואַרפן די געזעצן פון דער נאַטור. א תלמיד פון רמב״ם, כדי צו זיין אויסגעהאַלטן, וואָלט געדאַרפט באַטראַכטן אַזעלכע תפילות פאַר אומזיסט, וואָרום אָדער דער נס קאָן ניט פּאַסירן אין אָפּענטפער אף זיין תפילה, אָדער ער איז שוין אין פאָרויס באַ־שטימט געווען פון סאַמע וועלט־באַשאַפונג. איןביידע פאַלן וואָלט אַזא תפילה געווען א תפילת שוא — א פאַלשע תפילה — און במילא אן אומלעגיטימער אקט פון גאָטעסדינסט.

אָבער וואו דעם רמב״מס גאָט־השגה טרעט אָפּ צום וויטסטן פון דער אידישער טראַדיציע, איז בנוגע דער פראַגע פון געטלעכער השגחה. לויט אריסטאָטעלשן באַגריף קאָן גאָט זיך ניט אינטערעסירן מיט פאַרדערבלעכע זאַכן. קאָן ער דאַרום האַלטן השגחה איבער מינים, אָבער ניט איבער איינצעל־באַשעפענישן. ביז צו דער אנטדע־קונג פון דער עוואָלוציע־טעאָריע איז אַלגעמיין אָנגענומען געווען, אז אַלע מינים — נאָך מער: אַלע אַלגעמיינע באַגריפן — זיינען

אייביק און אומפאַרענדערלעך. זיי זיינען דערום געווען „פאָרמען", ניט קיין קערפּערס, און אלס אַזעלכע האָבן זיי געקאָנט זיין קעגנשטאַנדן אין דעם גייסט פון אייביקן גאָט. גאָט האָט געקאָנט זיי קענען. אָבער די באַזונדערע פאַרגענגלעכע יחידים, באַשטייענדיק פון מאַטעריע אַזוי גוט ווי פון פאָרם — אָדער צו נוצן אויסדרוקן, וואָס האָבן געהאַט דיזעלביקע מיינען אַף דער שפּראַך פון די אַריסטאָטעליאַנער — באַשטייענדיק פון קערפּער אַזוי גוט ווי פון גייסט — אַזעלכע באַשעפענישן האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן צו גאָטס אויפמערקזאַמקייט. פאָלגלעך האָט גאָטס השגחה געקאָנט באַגריפן ווערן בלויז ווי השגחה כללית — איבער דעם מין; אָבער ניט ווי השגחה פּרטית — איבער דעם יחיד. וואָס דאָס איז אין פולסטן ווידערשפּרוך מיט דעם טראַדיציאָנעלן אידישן באַגריף, לויט וועלכן עס איז אָנגענומען געווען, אַז גאָט האַלט השגחה איבער דעם אומבאַטייטסטן באַשעפעניש, און אודאי איבער דעם מענטש־באַשעפעניש.

דער רמב"ם, הגם ער איז באַהערשט געווען פון דער אַריסטאָטעלישער לאָגיק, איז געווען צופיל איד אָנצונעמען אירע ראַדיקאַלערע שלוס־פאָלגן. ער ראַטעוועט זיך פון דער דילעמאַ דורך אַ קונציקן קאָמפּראָמיס צווישן דעם טראַדיציאָנעלן און אַריסטאָטעלישן שטאַנדפּונקט — אַ קאָמפּראָמיס וואָס פּאַסט זיך וואונדערלעך אַריין אין דער אידייע, אַז דאָס העכסטע גוטס איז די פילאָזאָפישע פאַרטיפונג אין גאָט. לויט דעם רמב"ם איז דער אַריסטאָטעלישער שטאַנדפּונקט קאָרעקט אין דער אָנווענדונג אַף די נידריקערע חיות. ער איז אויך קאָרעקט אין דער אָנווענדונג אַף דעם כלל מענטשהייט. אָבער אַזוי ווי אייניקע מענטשן זיינען פּאַרט ביכולת צו באַנעמען גאָט, ווערן זיי דורך זייער עצם געדאַנק וועגן גאָט איינס מיט אים און דורך דעם שוין קעגנשטאַנדן פון זיין אויפמערקזאַמקייט און זאָרגזאַמקייט. צו אַזעלכע מענטשן, וואָס דערגרייכן די אינטעלעקטועלע השגה פון אָן אומענדלעכן, אייביקן, דורכאויס ספּיריטועלן גאָט, מאַניפעסטירט ער זיין ווילן און זיין כונה. אַלע די יעניקע אָבער, וואָס פאַרפעלן זיך צו דערהויבן צו אָט דער השגה, פאַלן פולשטענדיק אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון נאַטור־געזעץ, וואָס באַזאָרגט די דערהאַלטונג פון די מינים, אָבער אין זייער פּערזענלעכן לעבן שטייען זיי מחוץ פון דער געטלעכער השגחה. — עס איז קלאָר, אַז הגם ער שטעלט זיך איין פאַר דעם גלויבן אין דער געטלעכער השגחה, איז אָט דאָס איינשטעלעניש זייער ווייט פון דער אידישער טראַדיציע. עד כאן וועגן דעם רמב"מס אויפפאַסונג פון גאָט.

ווי דער רמב"ם האָט איבערגעטייטשט דעם באַגריף פון ישראל

איצט לאָמיר זען, ווי אַזוי דעם רמב"מס אומטראַדיציאָנעלע אויפפאַסונג פון דערלייזונג האָט אים געבראַכט דערצו, ער זאָל אָפּ־ווייכן פון דער טראַדיציאָנעלער אויפפאַסונג פון ישראל. אין דער תלמודישער לערע זיינען די דריי אבות די איינציקע יחידים, וואָס א דאַנק זיי האָט דאָס פאָלק ישראל זוכה געווען צו א העכערער מדרגה. ווייל די אויסדערוויילונג פון ישראל איז פאָרגעקומען לויט דעם צוזאָג, וואָס גאָט האָט געגעבן צו די אבות. געניסט אף אזא אופן ישראל דעם געטלעכן חסד בלויז אין זכות פון זיינע אָבות. גאָט ווערט דערפאַר אַדרעסירט אין די תפילות, ווי „גאָט פון אברהם, גאָט פון יצחק און גאָט פון יעקב". אַזוי אָבער איז ישראל העכער אין צוועק און ווערט איבער אַלע זיינע מיטגלידער, אפילו משה רבנו ניט אויסגעשלאָסן. די גאבע פון נבואה איז באַוויליקט געוואָרן משהן פון ישראלס וועגן. דאָס איז דער באַטייט פון דעם פירוש, וואָס דער מדרש גיט אף די ווערטער: „און גאָט דער האר האָט גע־זאָגט צו משהן: גיי נידער אראָפּ, וואָרום דיין פאָלק, וואָס דו האָסט ארויסגעפירט פון לאַנד מצרים, האָט געהאַנדלט פאַרדאָרבן" 6). — לאָזן די חכמים משהן דערויף גאָט ענטפערן: — „נעכטן האָסטו געזאָגט צו מיר: דו זאָלסט ארויפקומען, דו און אהרון מיט דיר 7). — און ווידער שטייט געשריבן: און צו משהן האָט ער געזאָגט: קום צו גאָט דעם האר. — וואָרום זשע זאָגסטו מיר איצט: גיי נידער אראָפּ?" 8) — און די חכמים גיבן איבער גאָטס ענטפער אין אַזעלכע ווערטער: „ניט פאַר דיין כבוד וועגן ביסטו דערהויבן געוואָרן צו אזא גדולה, נאָר פאַר דעם כבוד פון מיינע קינדערס וועגן. עס איז געזאָגט געוואָרן: און זע די מלאכים פון הימל שטייגן ארויף און נידערן אראָפּ 9). דערמיט האָב איך אָנגעטייט צו יעקבן, אַז אויב זיינע קינדער וועלן זיין רעכטפערטיק, וועלן זיי און זייערע שליחים זיין דערהויבן אין דער וועלט. אָבער אויב זיי וועלן ניט זיין רעכטפערטיק, וועלן זיי און זייערע שליחים דערנידערט ווערן" 10).

דאָס תלמודישע יודנטום האַלט ניט, אַז דאָס פאָלק עקזיסטירט פון הייליקנס אָדער נביא'ס וועגן; פאַרקערט, דער הייליקער און דער נביא האָבן צו פאַרדאַנקען זייער אויסצייכנונג דעם פאָלק, וועלכן זיי דינען. מיט וואָסערע גייסטיקע און ספּיריטועלע טאַלאַנטן א יחיד זאָל ניט באַשאָנקן זיין, דאַרף ער זיי נוצן ניט בלויז פאַר

זיין איינגענער אַנטוויקלונג, נאָר הויפּטזעכלעך פאַר דער אויסבעסע־רונג פון זיין פאָלק. די פאַרווירקלעכונג פון די ספּיריטועלע כוונות פון לעבן פאָדערט, לויט דעם תּלמודישן יודנטום, אַ גרופּע־צוזאַמענ־לעבן: און וואָס גרעסער די גרופּע, אַלץ גרעסער וואַרשיינלעך וועט זיין די מאַניפעסטאַציע פון געטלעכן. דער וואוינאָרט פון דער שכינה איז די כּנסת ישׂראל, די קהילה פון ישׂראל, ניט דער אידישער יחיד, ווי ספּיריטועל דערהויבן ער זאָל ניט זיין.

אָבער פאַרן רמב״ם איז דער היפּוך דערפון דער אמת. ער איז באַהערשט פון דעם גריכישן אַריסטאָטעלישן אידעאַל. פאַר אים איז דער נביא אָדער דער הייליקער דער צוועק פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. ישׂראלס גרויסקייט, וואָס ער באַהויפּטעט מיט ניט ווע־ניקער אייפער ווי די חכמים, באַשטייט לויט זיין מיינונג ניט אין זיין קאָלעקטיוון פונקציאָנירן ווי אַ פאָלק, וואָס לעבט אין איינ־קלאַנג מיט גאָטס געבאָטן, נאָר אין זיין פיאיקייט אַרויסצוברענגען אַ גרעסערע צאָל נביאים און קענער פון גאָט. דאָס ווערט באַשטע־טיקט דורך רמב״מס פּירוש אויף דעם גלויבן אין משיחן. דער איינצי־קער באַטייט פון משיח׳ס ממשלה פאַרן רמב״ם איז די געלעגנהייט, וואָס זי וועט געבן דעם געלערטן אַ דאַנק דעם שלום און שלוה וואָס וועלן דאַמאָלס הערשן, צו דערגרייכן ספּיריטועלע שלמות דורך אינטעלעקטועלער עבודה. פון דעם טראַדיציאָנעלן שטאַנדפּונקט אָבער איז דער גלויבן אין משיחן געווען דער אויסדרוק פון האָפענונג אויף דעם אומקער פון פאָלק ישׂראל צו זיין היימלאַנד און אויף דער ווידער־אויפריכטונג פון זיין פאַרלאָרענער גלאָריע. די תּלמודיסטן האָבן געהאַלטן, אַז די גרויסקייט פון ישׂראל וועט דאַמאָלס אַזוי אָפנבאַר זיין צו די פעלקער, אַז זיי וועלן אָננעמען זיין ספּיריטועלע איבער־הערשאַפט, און זיי וועלן קומען צו דער פאַרערונג פון גאָט אַלס דעם איינציקן אמתן גאָט.

ווי דער רמב״ם האָט איבערגעטייטשט דעם באַגריף פון דער תּורה

פונקט אַזוי איז דער רמב״ם אויך בנוגע דער אויפפאַסונג פון דער תּורה געבראַכט געוואָרן צו אַן אָפּווייכונג פון דער טראַדיצי־אָנעלער שטעלונג דורך זיין אַנדערש פאַרשטיין דערלייזונג און דעם צוועק פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. על פּי טראַדיציע, אַזוי ווי די תּורה איז גאָטס וואָרט, ווערן די יעניקע וואָס לערנען די תּורה און זיינען מקיים אירע מצוות באַהעפט מיט גאָט. און דאָס איז

אמת סיי זיי פארשטייען און סיי זיי פארשטייען ניט דעם טעם פון די מצוות. אָבער דאָס איז ניט דעם רמב״מס מיינונג. לויטן רמב״ים, אַזוי ווי גאָט קאָן בלויז דערקענט ווערן דורך דער פאַר־מיטלערשאַפט פון אינטעלעקט, איז דער איינציקער וועג ווי אַזוי די תורה קאָן פונקציאָנירן אַלס פאַרמיטלערן פאַר באַהעפטונג מיט גאָט — דורך אויסטייטשן זי אין ליכט פון פאַרנונפט.

דער רמב״ם שרייבט צו צוויי אַלגעמיינע צוועקן דער תורה: דאָס וואוילזיין פון דער נשמה און דאָס וואוילזיין פון קערפּער. אונטער דעם וואוילזיין פון דער נשמה פאַרשטייט ער באַזיצן ריכטי־טיקע מיינונגען וועגן גאָט, נאַטור און מענטש. אונטער דעם טערמין „דאָס וואוילזיין פון קערפּער" נעמט ער אריין אַלע פּראַקטישע פאַר־שריפטן, סיי מצוות עשה און סיי מצוות לא תעשה, וואָס האָבן פאַר זייער צוועק די רעגולירונג פון בירגערלעכן לעבן און די איינשטע־לונג פון פרידלעכע באַציאונגען צווישן מענטשן. די פּראַקטישע פאַרשריפטן זיינען ניט קיין זעלבסט־צוועקן, נאָר מיטלען צום וואויל־זיין פון דער נשמה. די פולקאָמענקייט פון דער נשמה, וואָס ווערט דערגרייכט דורך וויסן, איז דער הויפּט־צוועק פון מענטשלעכן לעבן.

ווען מיר עקזאַמענירן וועלכע מיני געבאָטן האָבן פאַר זייער צוועק דאָס וואוילזיין פון דער נשמה, אַנטדעקן מיר, אַז זיי באַ־ציען זיך צו די ריטועלע פאַרשריפטן. אייניקע פון זיי, ווי די געזעצן וועגן קרבנות האָבן אַ נעגאַטיוון צוועק: אָפּצוגעוואוינען די ישראלים פון די געצנדינערישע און אַבערגלויבערישע פאַרשטע־לונגען וועגן גאָט; אַנדערע ווי די געזעצן וואָס זיינען שייך צו שבת, צום לייגן תפילין און צום דאַווענען, האָבן אַ פּאָזיטיוון צוועק: איינצוגעבן דעם גלויבן אין דער איינהייט, אייביקייט און אומקער־פּערלעכקייט פון גאָט. ווען מיר פאַרפעלן צו געפינען אַ צוועק אין וואָסער ס׳איז ריטועלער פאַרשריפט, קומט עס אָדער פון אַ מאַנגל אין אונזער וויסן אָדער פון דער שוואַכקייט פון אונזער אינטע־לעקט. עס איז אמת אַז די חכמים זאָגן וועגן די חוקים, וואָס מיט זיי ווערן געוויינלעך געמיינט די ריטועלע פאַרשריפטן, וואָס האָבן על כל פנים קיין יסוד ניט אין פאַרנונפט — איז עס אמת, אַז די חכמים זאָגן וועגן זיי, אַז זיי זיינען באַפוילן געוואָרן פון גאָט, און קיינער דאַרום זאָל זיך ניט דערוועגן אָפּצופרעגן זייער וויכטי־קייט אָדער בינדיקייט. אָבער לויט דעם רמב״ם, וואָס די חכמים האָבן געמיינט דערמיט, איז ניט אַז עס איז פאַרווערט צו זוכן

דעם טעם, וואָס שטעקט הינטער די פאַרשריפטן, נאָר אז מיר טאָרן ניט נוצן אונזער ניט קאָנען געפינען א פאַרנינפטיקן טעם פאַר זיי ווי אן אויסרייד אַף ניט אָפּצוהיטן זיי.

פון אָט דעם שטאַנדפונקט, איז דער צוועק אפילו פון עטישער אויפפירונג בלויז מעגלעך צו מאַכן יענע שלוה, וואָס איז נויטיק פאַר פאַרטיפונג אין גאָט. און בנוגע דעם עצם ענין עטישע אויפ־פירונג פאַלט דער רמב״ם צוריק צו דער אַריסטאָטעלישער לערע וועגן גאָלדענעם מיטן. יענע לערע איז אין תוך גיכער עסטעטיש ווי עטיש. צו ציטירן פון אַריסטאָטאָלן אַליין: „מיר זאָגן וועגן גוטע קונסטווערק, אַז עס איז אוממעגלעך וואָס אַראָפּצונעמען און וואָס צוצוגעבן, מיינענדיק דערמיט, אַז איבערפלוס אָדער מאַנגל צעשטערן די גוטסקייט אין קונסט. טוגנד איז נאָך גענויאיקער, בעסער, איידער קונסט״ 11). אָט די שטעלונג צו עטיק, ווי א פיינע קונסט, איז הימל־ווייט פון דער ליידנשאַפט פאַר רעכטשאַפנקייט, וואָס האָט אָנגעפייערט די נביאים. דער רמב״ם פונדעסטוועגן געפינט די לערע וועגן גאָלדענעם מיטן אין אַזאַ הסכם מיט די פאַראָרדנונגען פון דער תורה, ווי ער פאַרשטייט זי, אַז ער מאַכט די לערע פאַר דעם יסוד פון זיין אריינפיר צום עטישן טראַקטאַט „פּרקי אבות״. אָט אַזוי מיט איין דרייסטן שלאָג מאַכט ער גיל־טיק דאָס גאַנצע סיסטעם פון אידישע געזעצן — ריטועלע, ציווילע, קרימינעלע און פּריסטערלעכע — באַווייזנדיק, אַז זיי אַלע קומען נאָך דעם אַריסטאָטעלישן שטאַנדאַרט פון עטישער אויפפירונג.

די אויבנגעבראַכטע ביישפּילן פון די אונטערשיידן צווישן תּלמודישן יודנטום און רמב״מס נוסח פון יודנטום, באַווייזן גענוג קלאָר, וואָס פאַר א פאַרוואַנדלונג דאָס יודנטום האָט דורכגע־מאַכט אין זיינע הענט. ער האָט די טעאָלאָגישע באַגריפן, נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, ריטועלע פאַרשריפטן, סאָציאַלע אינסטיטוציעס און עטישע אידעאַלן פון יודנטום אונטערוואָרפן אַן אומשאַצונג אין איינקלאַנג מיט זיין פילאָזאָפישער אויפפאַסונג פון עולם הבא. און עס איז פון גרעסטער באַדייטונג, וואָס אָט די ניי־אויסטייטשונג זיינע איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר א קלאַסישן אויסדרוק פון יודנ־טום־לערע. אויב דאָס יודנטום קאָן זיך פאַרגינען איינצושליסן אין זיין רייסטער פון קלאַסישע רעליגיעזע ווערק דעם רמב״מס קאָמענ־טאַר צו דער משנה, זיין משנה תורה און זיין מורה נבוכים, איז עס דערפאַר, ווייל יודנטום איז מער ווי א ספּעציפישע לעבנס־פילאָזאָפיע; עס איז א גרונט־שטיק פון לעבן גופא. יודנטום איז מער ווי א רעליגיע; עס איז א ציוויליזאַציע.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

די לעקציע פון רמב"ם אף אונזער צייט

ווען מיר ווילן זיך דערקלערן דעם פאקט, ווי אזוי דער רמב"ם טראַץ זיינע אומטראַדיציאָנעלע מיינונגען, איז פאַרט אָנגענומען געוואָרן ווי א גרויסע רעליגיעזע אויטאָריטעט אין ישראל, וועלן מיר דעם ענטפער געפינען אין זיין פארהאַלטן זיך צום אידישן פאָלק און דעם פאָלקס ציוויליזאציע. זיין לעבן איז אינגאנצן געווידמעט געווען צום פאָלקס־דינסט; דעם פאָלקס אינטערעסן זיינען געווען זיינע אינטערעסן. דער פאַקטישער, אויב ניט אלעמאָל דער טעאָרע־טישער, קריטעריום פון אידישקייט איז גיכער געטרייהייט צו אי־דישע אינטערעסן, מאַטעריעלע און ספּיריטועלע, איידער איינשטי־מיקייט מיט א וועלכער עס איז שיטה אין אמונה. דאָס אידישע פאָלק האָט געקאָנט פארגעבן אָדער פארקוקן דעם רמב"מס אומ־אָרטאָדאָקסישע אידייען, ווייל זיי האָבן הויך געשעצט זיין ביי־טראג צו דער איינהייט און גאנצקייט פון אידישן לעבן. האָט ער געמעגט זיך פונאנדעררעכענען מיטן אידישן לעבן פון א נייעם שטאנדפונקט, פון א שטאַנדפונקט, וואָס האָט געשטאמט פון א פרעמדן גערדאנקען־גאנג. אָבער ער האָט זיך דאך גערעכנט מיטן אידישן לעבן אין זיין גאנצקייט. ער איז געווען פאראינטערעסירט אין יעדער געשטאַלטונג פון אידישן לעבן. ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע איבערצובויען די אידישע לערען לויט א לאָגיש אויסגעהאַלטענעם מוסטער, וואָס האָט גענומען אין חשבון אַריין אַלצ־דינג, וואָס די אידישע טראַדיציע האָט געהאַלטן פאר הייליק: די ביבל, דעם תלמוד, די אידישע געמיינשאַפט, די אידישע פּראַקטיק, די אידישע האָפענונגען.

דאָס גרויס געוויכט וואָס דער רמב"ם האָט געלייגט אף דעם פּרינציפּ: „שייך זיך ניט אָפּ פון דיין געמיינדע", איז באַטייטפול. „איינער וואָס ווייכט אָפּ פון די וועגן פון זיין געמיינדע, אפילו ווען ער באַגייט ניט קיין עבירה, נאָר ער טיילט זיך בלויז אָפּ פון דער קהילה פון ישראל, און איז ניט מקיים קיין מצוות אין גע־מיינשאפט מיט זיי, און ליידט ניט מיט זייערע אומגליקן און טיילט ניט זייערע תעניתים, נאָר ער גייט זיך זיין וועג, ווי ער וואָלט געווען א גוי און ניט קיין איד — אזא איינער האָט קיין חלק ניט אין עולם הבא" 12). — אָט וואָרום די יעניקע פון אידישן פאָלק, וואָס האָבן ניט געקאָנט נאָכפאָלגן די מעטאַפיזישע חקירות

פון מורה נבוכים, האָבן אָבער דאָך געקאָנט פאַרערן דעם רמב״ם פאַר זיין קאָמענטאַר צו דער משנה, און איבער אַלץ פאַר זיין גרויסן קאָדעקס, די משנה תורה. אַט ווארום גאַנץ געוויינלעכע אידן, וואָס האָבן קיין שום געלערנטקייט ניט פאַרמאָגט, זיינען באַאיינפליסט געוואָרן ביז יראת הכבוד פון דעם, וואָס זיי האָבן געוואוסט וועגן דעם הייליקן כאַראַקטער פון דעם מאַן, וועלכער טראָץ זיינע קאָלאָסאַלע ליטעראַרישע אַרבעטן און טראָץ זיין פאַרנומענקייט מיט זיינע פּראָפעסיאָנעלע פליכטן אַלס אַרצט, האָט ער נאָך געפונען צייט אָפּצוגעבן זיך אָן צוריקהאַלט צו דער דערפילונג פון זיין אומבאַצאָלטער רבנישער פונקציע און צו שרייבן תשובות אויף די צאָלרייכע שאלות, וואָס ער פלעגט באַקומען פון אַלע טיילן פון אידישן וועלט־קבוץ.

היינט צו טאָג, איבער אַכט הונדערט יאָר נאָך רמב״מס געבורט, נויטיקט זיך ווידער דאָס אידישע פאָלק אין וועגווייזונג, וואָס זאָל אים ארויספירן פון זיינע בלאָנדזשעניש. דענקנדיקע אידן, וואָס זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיט דעם ניט אידישן געדאַנק, געפינען עס פאַר אוממעגלעך, פונקט ווי אין רמב״מס צייט, אָנצונעמען פאַר גילטיק די טראַדיציאָנעלע מיינונגען. דער אינהאַלט פון רמב״מס פילאָזאָפיע איז פאַרעלטערט. די אָפּשטרייטונג פון דער אידישער טראַדיציע קומט ניט מער פון דער קלאַסישער גריכישער פילאָזאָפיע, נאָר פון די נאַטור־וויסנשאַפטן און סאָצאַלע וויסנשאַפטן פון אונזער טאָג און פון די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע קאָנדיציעס, וואָס סטראַשן דער גאַנצקייט און דעם וויטערדיקן קיום פון דער אידישער ציוויליזאַציע. אָבער דער מעטאָד פון רמב״ם און זיין צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון זיין טאָג קאָנען נאָך אונז באַהילפיק זיין. ווארום דער רמב״ם, געפירט פון דעם וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם העכסטן ציל, אָדער דערלייזונג פון אידן, האָט דעם ציל אריינגעוואָרפן אין דער טראַדיציאָנעלער אויפפאַסונג פון עולם הבא, און אזוי ארום האָט ער געוואונען א שטאַנדפּונקט, פון וועלכן אָנצוהייבן די אומשאַצונג און איבערבויאונג פון גאַנצן אידישן לעבן.

דאַרפן מיר האַנדלען פונקט אזוי אין אונזער טאָג. ניט די טראַדיציאָנעלע אויפפאַסונג פון עולם הבא, א וועלט וואָס באַלאַנגט צום סדר פון איבערנאַטירלעכקייט און איז פריי פון טויט, זינד, האָרעוואַניע און אַנדערע איבלען; און ניט דעם רמב״מס אויפ־

פאסונג פון עולם הבא, ווי אייביק לעבן אין אינטעלעקטועלן יחוד מיט גאט פאר די נשמות פון די צדיקים נאך זייער טויט — ניט די ערשטע און ניט די צווייטע אויפפאסונג קאנען באפרידיקן דעם מאדערנעם אידן אדער אים דינען ווי א מיטל, וואס זאל געבן ריכטונג צו זיינע אידישע אקטיוויטעטן. עולם הבא דארף מיינען פאר אונז די דערגרייכונג דורך מענטשלעכער אנשטרענגונג פון א סאציאלן סדר, וואס זאל טאן גערעכטיקייט סיי צו די רעכטן פון יחידים און סיי צו די נויטן פון דער געזעלשאפט, באגריפן ווי אן ארגאנישע גאנצקייט. אין איינקלאנג מיט אט דער אויפפאסונג דארפן מיר זיך מכין זיין צו רעווידירן אונזערע טראדיציאנעלע פארשטעלונגען וועגן גאט, ישראל און דער תורה, אזוי אז זיי זאלן אונז געבן די נויטיקע בארעכטיקונג, מאטיוו און מעטאד פאר דערגרייכונג פון דערלייזונג, באגריפן אין אט די הומאניסטישע טערמינען. און האנדלענדיק אזוי, וועלן מיר זיך דארפן רעכענען מיט יעדער פאזע פון דער איבערגעליפערטער טראדיציע, וואס ישראל האט געהאלטן הייליק אין דער פארגאנגענהייט, איבערטייטשן אירע כונות און איבערבויען אירע ווערטן אין די טערמינען פון אייניקייט, הארמאניע און שעפערישקייט אין אונזער פערזענלעכן און סאציאלן לעבן.

מיר דארפן זיין אזוי גאסטפריינטלעך, ווי דער רמב״ם איז געווען, צו דעם אמת, פון וועלכן קוואל ער זאל ניט קומען. און מיר דארפן אן קווינקלעניש אנווענדן וויסנשאפטלעכע קריטעריומס צו דער קריטיק פון די טראדיציאנעלע באגריפן. אבער מיט א הויפט־תנאי: אונזער איבערבויאונג פון יודנטום דארף נעמען אין היזבון אריין דעם ארגאנישן צוזאמענהאנג פון אלע זיינע וויכטיקסטע באגריפן סיי אין זייער קעגנזייטיקער שייכות, און סיי אין זייער שייכות צום גאנצן סך הכל פון דער אידישער ציוויליזאציע. אונזער גאט־געדאנק דארף זיין אזא, וואס זאל אונז געבן זעלבסט־פארטרויען און קוראזש זיך צו דערהאלטן אלס פאלק, וואס באהארט אין זוכעניש נאך דערלייזונג — פאר זיך און דעם רעשט פון דער מענטשהייט. אונזער אויפפאסונג פון פאלק ישראל דארף זיין אין הארמאניע מיט א באגריף פון א וועלט־סדר, וואס איז געשטיצט אף גערעכטיקייט און אף פרייהייט פאר אלע מענטשן און נאציאנען אזא וועלט־סדר וועט מאניפעסטירן די רעאליטעט פון גאט. און מיר דארפן זיך אויסארבעטן אזא באגריף פון דער תורה, אז אונטער איר זאל פארשטאנען ווערן ניט א פיקסירט פארגליווערט סיסטעם

פון מיינונגען און פירונגען, נאָר די סומע פון אַלע סאָציאַלע און
ספּיריטועלע לערנונגען, וואָס גיבן אונז וועגווייזונג, סטימולירן און
אינספּירירן צו אַן עטיש־אידישן לעבן. כדי דורכצופירן אזא איבער־
בויאונג פון יודנטום, דארפן אידישע געלערנטע און לערער אָפּ־
לערנען פון רמב"ם, אז דער איינציקער וועג פאַר זיי צו דינען זייער
פאָלק איז אָנצואווייזן אים אַן אויסוועג פון זיינע ספּיריטועלע בלאָנד־
זשעניש און צו פאָרמולירן פאַר אים א פּראַקטישן פּראָגראַם, וואָס
זאָל אָנגעבן גענוי צו וואָס לעבן מיר אַלס אידן.

קאַפּיטל זיבן

אַני מאמינס און לעבנס-נויטן

ווי מענדעלזאָן האָט אָפּגעענטפערט אַף דעם ארויסרוף פון דער השכלה

מאָזעס מענדעלזאָן איז געווען דער ערשטער וואָרטפירער פון יודנטום, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן מיט א פּאָזיטיוון ענטפער אַף דער אויפקלערונג אָדער השכלה, וואָס האָט באַהערשט דעם גייסט פון איירָאָפּא אין 18-טן יאָרהונדערט. זיין אַלגעמיינע קולטור איז געווען פון איין גוס מיט דעם ראַציאָנאַליזם פון זיין עפּאָכע — א ראַציאָנאַליזם, וואָס מיט זיין צוגאַנג צו רעליגיע און מאָראַל האָט ער פאַרלייקענט דעם טראַדיציאָנעלן יודנטום, פּונקט אַזוי ווי ער האָט פאַרלייקענט דעם טראַדיציאָנעלן קריסטנטום. פּנים אל פּנים מיט אָט דער פאַרלייקענונג, האָט מענדעלזאָן געמאַכט א הערויִשע אָנשטרענגונג אויסצואַרבעטן א וועלכן ס'איז שלום אָדער סינטעז צווישן דער אידישער טראַדיציע און דעם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן ראַציאָנאַליזם. דאָס איז געווען דער ערשטער פּאַרזוך פון דעם מין.

יעדער איינער, וואָס זוכט צו שאַפן שלום צווישן אלטן און נייעם, איז אין תוך א מחדש, א באַנייער, מעג ער עס וועלן צוגעבן אָדער ניט. דורך די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָט דער באַנייער אין ענינים פון רעליגיע דעם מינימאַלסטן שאַנס ניט געהאַט אויסגעהערט צו ווערן. אויב ער האָט געהאַט עפּעס נייעס צו ברענגען, האָט ער געדאַרפט זיך אַליין איינריידן, אַז ער ברענגט בלויז צוריק צום לעבן א בראשיתדיקן אמת, וואָס איז פאַרשאָטן און פאַרשטיקט געוואָרן דורך טעותן. אפילו די יעניקע, וואָס האָבן פּאָזירט אלס פּאָליטישע און סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן, האָבן אויך זיך צוגעדעקט מיט דער טענה אַז זיי פּאָדערן בלויז די ווידעראויפריכטונג פון נאָרמאַלן. ניט אַלעמאָל זיינען זיי געווען זיכער ביי זיך, אַז דאָס וואָס זיי רופן נאָרמאַל, איז ווען עס איז אַמאָל געווען א ווירקלעכקייט: צי עס איז כראָנאָלאָגיש פאַראויסגעגאַנגען דעם איצ־

טיקן צושטאנד, וואָס זיי פאַרדאַמען, צי עס פאַרמאָגט בלויז אַ לאָגישע פריעריקייט, האָבנדיק פריער עקזיסטירט ווי אַן אידעאַל אין גייסט פון גאָט, אָדער אין גייסט פון אַ מענטשן. אַ ביישפּיל דערויף איז די טעאָריע פון „געזעלשאַפטלעכן קאָנטראַקט". די פילאָזאָפן פון 18־טן יאָרהונדערט, רוסאָ אַליין ניט אויסגעשלאָסן, וועלכער האָט אין זיין טראַקטאַט „דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראַקט", געצויגן גאַנץ מערקווירדיקע שלוסן פון דער טעאָריע, האָבן דעם געזעל־שאַפטלעכן קאָנטראַקט ניט באַטראַכט ווי אַ ווירקלעכע פּאַסירונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ווי „אַ באַגריף פון כסדרדיקער סאָציאַלער טראַנספאָרמאַציע", ווי אַן עטישע פאָרויסזעצונג. אָט דאָס טשיקאַווע צונויפמישן פון לאָגישער און כראָנאָלאָגישער פריעריקייט; פון דעם וואָס עס דאַרף זיין און פון דעם, וואָס ווערט אָנגענומען פאַר געווען, איז געווען אומפאַרמיידלעך, איידער דער באַגריף פון עוואָ־לוציע איז קלאָר פאַרשטאַנען געוואָרן און אָנגעווענדט געוואָרן אויף די ענינים פון מענטשלעכן לעבן.

ערשט נעמענדיק אין באַטראַכט אָט די אייגנאַרטיקייט פון ראַציאָנאַליזם פון 18־טן יאָרהונדערט, קאָנען מיר אָפּשאַצן דעם מיין פון מענדעלזאָנס באַהויפּטונג אין „ירושלים" (דערשינען אין 1783), אַז דאָס יודנטום האָט נישט קיין דאָגמעס. דאָס איז געווען אַ טייל פון דער נייער אָריענטאַציע, וואָס ער האָט באַוואוסטזיניק גענומען פאָרמולירן. זיין אונטערשיידן צווישן גלויבן, וואָס ער האָט פאַרוואָרפן, און גאָט־אַנטפּלעקטן געזעץ, וואָס ער האָט יאָ אָנ־גענומען, איז געווען דער ערשטער פאַרזוך צו געבן דעם יודנטום אַן אָרט אין דער וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז דורכגעדרונגען געווען מיט דעם גייסט פון דער אויפקלערונג. אין אָט דעם פאַרזוך איז ער געווען ווייט פון דערפאָלגרייך. פאַרקערט, עס איז אויבן־אויף, אַז קלאָמערנדיק זיך אָן דער הנחה, אַז די געזעצן פון יודנטום זיינען פון איבערנאַטירלעכער אָפּשטאַמונג, איז ער פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין אומצייליקע סתירות. אפילו אַ לערלינג קאָן די סתירות איצט אויפדעקן. אָבער ניט דורך טייטלען אויף זיינע דורכפאַלן קאָנען מיר אַרויסקריגן דעם באַטייט פון מענדעלזאָנס אינטערפּרעטאַציע פון יודנטום. זיין אינטערפּרעטאַציע דאַרף גיכער געשאַצט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון טיף דערפילטן, הגם ניט פאָרמולירטן דראַנג איבער־צובויען דאָס יודנטום — צוצופּאַסן ס'יודנטום צו די באַדערפענישן פון דער נייער צייט, וואָס ער איז געווען דער ערשטער ביי אידן זיי צו דערשפּירן. יודנטום אָן דאָגמעס איז פאַר אים געווען ניט

קיין ווירקליכער פאקט אין דער פארגאנגנהייט, נאר א פאקט וואס דארף זיין. ער האט געוואלט מעגלעך מאכן פאר אידן איינצוהאלטן זייער אינדיווידואליטעט און דערביי ניט דארפן אויפגעבן זייער פרייהייט צו דענקען און גלויבן לויט ווי זייער שכל דיקטירט זיי. ער האט ניט געוואלט, אז אידן זאלן פילן, אז זייער אידישע לאיאליטעט איז געפסלט, אזוי גיך זיי געפינען אויס, אז זיי קאנען ניט אננעמען געוויסע גלויבונגען, וואס די תלמודיסטן, די מיטלאלטערלעכע פילא־זאפן האבן דערקלערט פאר עיקרים.

מענדעלזאן איז געווען גוט באוואוסט ביי זיך, וואס פאר א ראלע דאגמעס האבן געשפילט אין דעם יודנטום, וואס ער האט געירשנט. נאר דאס איז גראד געווען די זייט פון יודנטום, וואס ער האט געוואלט ענדערן. אבער דער געדאנק עפעס צו ענדערן אין יודנטום האט געמוזט פארקומען העזהדיק צו אזא מאן ווי מענדעל־זאן, וועלכער האט געלעבט ביים סאמע אנהויב פון דעם סכסוך צווישן יודנטום און מאדערניזם. ווי געוויינלעך אונטער אזעלכע אומ־שטענדן נעמט דער וואונטש־געדאנק פירן אן אונטערערדישע עקזיס־טענץ, דורכארבעטנדיק זיך אין א פארשטעלטער פארם. און די געוויינלעכע פארשטעלעניש איז, אז דאס, וואס מען ווינטשט פאר דער צוקונפט, פארקליידט זיך פאר אן אמת וואס האט אלעמאל געגאלטן פון סאמע פארציייטן. אזוי האט מענדעלזאן, וועלכער האט געוואלט באפרייען דאס יודנטום פון אלע עלעמענטן פון אומראַ־ציאנאליזם, געזוכט און געפונען אונטערשטיצונג פאר זיין וואונטש־געדאנק אין די הייליקע שריפטן. און דאס איז דאך אויף, אז די תורה אנטהאלט קיין דאגמעס ניט, אין וועלכע דער איד איז באפוילן געווארן צו גלויבן. האט ער עס אנגענומען פאר געוויס, אז דאגמעס זיינען פרעמד דעם גייסט פון יודנטום און זיי האבן קיינמאל ניט געטארט אריינגעפירט ווערן אין אים. אבער סיי ווי סיי, האט ער יא געהאט א באוויז אדער ניט געהאט, מענדעל־זאן וואלט ניט געקאנט פארבלייבן א איד, ווען ער וואלט גע־צוואונגען געווען אנצונעמען גלויבונגען קעגן וועלכע זיין שכל האט רעוואלטירט. האט ער דערפאר געפונען פאר נויטיק אוועקצושטעלן א פרינציפ, אז צו וואס־וואס דאס יודנטום האט געמעגט צווינגען די אידן, צו איין זאך האט עס זיי ניט געקאנט צווינגען, און דער פאקט איז, אז עס האט זיי קיינמאל ניט געצוואונגען דערצו, און דאס איז, אז זיי זאלן גלויבן אין עפעס אומשכלדיקעס, ד. ה. וואס האט זיך זיי ניט געלייגט אפן שכל.

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט מענדעלזאָנס פּרינציפּ, אַז דאָס יודנטום דאַרף קיין דאָגמעס ניט און האָט עס קיינמאָל ניט געהאַט, אומפאַרמיידלעך געמוזט פירן דערצו, אַז ניט בלויז די טראַדיציאָנעלע גלויבונגען, נאָר דאָס גאַנצע סיסטעם פון אידישן געזעץ, פון די פּראַקטישע און די ריטועלע מצוות, זאָלן אונטערגעמינעוועט ווערן. די צרה איז געווען, וואָס מענדעלזאָן איז ניט געגאַנגען געננוג ווייט אין דער באַגרינדונג פון זיין פּרינציפּ. אַלץ וואָס מענדעלזאָן האָט געטאָן, איז געווען צו לעגיטימירן צוטרוי־ען צו די דיקטירונגען פון שכל. ער האָט אָבער ניט געמאַכט דעם צווייטן שריט: ער האָט ניט אָנגעוויזן אַף וועלכן וועג די דיקטירונגען פון שכל קאָנען סינטעטיזירט ווערן מיט די געזעצן פון דער תורה. אים פּערזענלעך האָט עס ניט געשאַדט: הגם ער האָט ניט דורכגעפירט דעם סינטעז אין דער טעאָריע, דאָך אין זיין לעבנס־פּראַקטיק האָט ער ניט אָפּגעוויכט אַף א האָר פון טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער. זיינע תלמידים אָבער האָבן זיין פּרינציפּ פון דאָגמעלאָזיקייט איבערגעזעצט אין א לעבנס־פּראַקטיק, וואָס איז געווען פולשטענדיק אויסגעטאָן פון אַלץ, וואָס איז געווען אויסגעשפּראָכן אידיש. און מערערע פון די אָנגעזעענע אויסטייטשער פון יודנטום האָבן מיט רעכט באַקלאָגט אָט די טענדענץ ביי זיינע תלמידים. אָבער די סטראַטעגיע זייערע אַף אָפּצושלאָגן די טענדענץ האָט קיין שום פּעולה ניט געהאַט. אָנשטאָט צו קאָנצענטרירן זייער אַטאַקע אַף דער פאַלשער אַרגומענטאַציע, וואָס האָט פון דער הנחה פון „דאָגמעלאָזיקייט" גלייך געצויגן דעם שלום אַז א באַזונדערער אידישער לעבנסשטייגער איז לחלוטין איבריק — אַנשטאָט דעם האָבן זיי גענומען אַטאַקירן די הנחה גופא פון געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט.

אפילו ווען דאָס יודנטום געשיכטלעך זאָל געווען זיין פּונקט אַזוי דאָגמאַטיש ווי דאָס קריסטנטום און מאַכמעדאַנענטום, וועט עס דען פירן צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעם היינטיקן אידנס לאָיאַליטעט צום יודנטום? ווי קאָן דאָס באַשטיין אַף דאָגמעס העלפן דעם יודנטום היינט צוטאָג אנטקעגנשטיין די אויפפאָדערונגען פון מאָדערניזם? ס'איז שווער אַרויסצוקריגן ביי מענדעלזאָנס קריטיקער, וואָס פאַר אַן אויספיר זיי מאַכן פון דעם פּונקט וואָס זיי גיבן זיך אַזוי פיל מי פעסטצושטעלן. מיינען זיי, אַז דאָס יודנטום איז נאָך אַלץ געשוואָרן צו די טראַדיציאָנעלע „אני מאמינס"? אָט האָט דר. שעכטער 1), צום ביישפּיל, פאַרלאַנגט פון מאָדערנעם אידן, ער זאָל זיך אונטערשרייבן אונטערן שפּרוך, אַז דער וואָס לייקנט, אַז

די תורה איז דער קוואַל פון דער לערע וועגן תחית המתים, פאַרלירט זיין חלק עולם הבא. און וואָס איז מכוח יענע אידן, וואָס געפינען עס ב״שום אופן ניט פאַר מעגלעך אָנצונעמען דעם גלויבן אין תחית המתים אָדער דעם גלויבן, אַז גאָט אַליין איז דער מחבר פון דער תורה (וואָס מענדעלזאָן אַליין האָט יאָ אָנגענומען) — דאַרפן זיי אַריינגעלייגט ווערן אין חרם?

און ווען אפילו מענדעלזאָנס בעלי טענות וועלן ניט באַשטיין דוקא אַף די טראַדיציאָנעלע דאָגמעס, נאָר וועלן זיך באַנוגענען מיט דער באַהויפּטונג, אַז אידן באַדאַרפן וועלכע ניט איז דאָגמעס אָדער פּרינציפּן, אַף צו אונטערשיידן זיי פון ניט אידן — וואָס זאָלן זיין די דאָגמעס אָדער פּרינציפּן? וועלכע אויטאָריטעט איז מער בינדנדיק — פון דער טראַדיציע אָדער פון שכל?

דער איינציקער וועג, ווי מיר קאָנען האָפן צוצוקומען צו אַ וועלכן עס איז באַגרינדעטן שלום בנוגע דעם גאַנצן ענין — בנוגע דער ראָלע פון דאָגמעס, פּרינציפּן און גלויבונגען אין יודנטום — דער איינציקער וועג איז צו פּרובן פאַרשטיין גענוי, וואָס מען מיינט מיט מסכים זיין אַף דאָגמעס — אַ הסכמה, וואָס מענדעלזאָן פון איין זייט האָט קענטיק געהאַלטן פאַר איבריק און זיינע קריטיקער פון דער אַנדער זייט האָבן געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק.

דאָגמעס אלס צייכן גיכער פון גרופּע־געטרייהייט, איידער פון הסכמה

דאַרפן מיר אונטערזוכן די נאַטור פון גלויבן. איז ערשטנס, גלויבן אַן איינשטעלונג, וואָס איז ניט באַשרענקט אַף רעליגיע אַליין. צווייטנס, איז גלויבן אַ פּראָדוקט פון די פאַרשיידנסטע סיטואַציעס. אָט די צוויי פּשוטע פאַקטן ווערן, שיינט עס, אינגאַנצן איגנאָרירט אין אַלע דיסקוסיעס וועגן דעם אָרט פון גלויבן אין יודנטום. אין אַלע אַזעלכע דיסקוסיעס ווערט גלויבן באַטאָנט אַזוי שטאַרק, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון רעליגיע, אָנגעהעריק צו איר סאַמע עסענץ. אָבער עס איז שוין געוואָרן אַ שאַבלאָן, אַז גלויבן שפּילט פּונקט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין וויסנשאַפט און אין אַלע סאָציאַלע באַציאונגען, ווי אין רעליגיע. ווי וואָלט עס מעגלעך געווען פאַר אַ וויסנשאַפטסמאַן צו ציען שלוסן פון דעם וואָס ער זעט, ווען ער וואָלט ניט געטרויט זיינע חושים און די אַלגעמיינע כללים פון שכלדיקן דענקען? צוגעגעבן,

אז דער וויסנשאַפטלעכער גלויבן איז ניט אַזוי תמימותדיק און אסך מער אָפּהענגיק פון באַשטעטיקונג מיט פאַקטן, ווי דער רעליגיעזער גלויבן. איז עס בלויז א פראַגע פון גראַד. אָבער אפילו די תמימותדיקסטע אמונה אין וועלכער עס איז רעליגיעזער תורה קאָן אויך צעטרייסלט ווערן, ווען זי שלאָגט זיך אָן אָן א סעריע פון ווידערשפּרעכנדיקע פאַקטן. און די ראָלע, וואָס די אמונה שפּילט אין אונזערע מענטשלעכע באַציאונגען, איז צו וואויל באַקאַנט צו פאָדערן באַווייזן. ווי וואָלט עס מעגלעך געווען צו לעבן אף די באַדינגונגען פון קאָאָפּעראַציע מיט אנדערע, ווען מיר וואָלטן ניט געגלויבט אין דער ערלעכקייט פון די יעניקע מיט וועמען מיר האַנדלען, אָדער וואָלטן קיין צוטרויען ניט געהאַט צו זייער גוט־פּריינטלעכקייט?

נון, אַזוי ווי גלויבן איז ניט באַשרענקט אף רעליגיע בלויז, קאָן גלויבן ניט זיין דער סימן, וואָס מאַכט דעם חילוק צווישן רעליגיע און אַנדערע גייסטיקע איינשטעלונגען. אויב אַזוי, וואָס מאַכט מען צזאַ רעש איבער דער פּראַגע, צי ס'איז יאָ אָדער ניט פאַראַן דער גלויבן־עלעמענט אין דער אידישער רעליגיע?

דער פאַקט איז, אַז אומגלויבן — פאַרלייקענונג — שפּילט פונקט אזאַ וויכטיקע ראָלע אין רעליגיע, ווי גלויבן. אין יודנטום איז געווען פּונקט אזאַ מוז צו לייקענען די עקזיסטענץ פון פילע געטער, ווי צו גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון איין גאָט. זאָגן דען ניט די בעלי התלמוד, אז לייקענען די עקזיסטענץ פון פאַלשע געטער איז גלייכווערטיק מיט אַנערקענען די אויטאָריטעט פון גאָטס תורה? [2] די הקירה, אַז די אָפּלייקענונג פון פאַלשע געטער איז אין תוך אַ באַשטעטיקונג פון זייער ניט עקזיסטענץ איז ניט מער ווי א פּלפּול. פאַרוואָס מאַכן אַזאַ וועזן פון דעם חילוק צווישן א גלויבן, וואָס באַשטעטיקט, און א גלויבן, וואָס פאַרלייקענט? אומגלויבן געהערט פּונקט אַזוי צו רעליגיע, ווי גלויבן. אין יעדן פאַל, עס איז פּונקט אזאַ אומזין צו דיסקוטירן צי עס זיינען פאַראַן גלויבונגען אין יודנטום, ווי צו דיסקוטירן, צי עס זיינען פאַראַן עמאָציעס אָדער מעשים אין יודנטום. אידייען, שטעלונגען פון גלויבן און אומ־גלויבן, זיינען אָנגעהעריקייטן פון יעדער פאַזע פון מענטשלעכן לעבן. צווישן די עלעמענטאַרע פאַקטן, וואָס אפילו אן אָנפאַנגער אין פּסיכאָלאָגיע לערנט, איז דער פאַקט, אַז עס איז נישטאָ קיין מאַ־ניפעכטאַציע פון באַוואוסטזיניקן לעבן, וואו עס זאָלן אינגאַנצן פעלן די עלעמענטן פון דערקענטניש, עמאָציע און ווילן. פאַרוואָס־

ישע מאכן אזא איבערטריבענעם וועזן פון דער פראגע, צי קאן מען זיך פארשטעלן יודנטום אן אידייען צי אן גלויבונגען? זיי זיינען במילא דא.

אפשר וועלן מיר זיך דערקלייבן צו דעם באטייט פון מענדעלזאנס אידייע וועגן א דאגמע־פרייען יודנטום, ווען מיר וועלן דורכאנאליזירן די פארשיידענע גייסטיקע איינשטעלונגען, וואס ווערן אלע איינגעשלאסן אין דער קאטעגאריע גלויבן, און דערנאך פרובן אויסזונדערן יענע איינשטעלונג, וואס מענדעלזאנס קריטיקער האבן אין זינען ווען זיי רײדן וועגן גלויבן, אן וועלכן דאס יודנטום קאן זיך ניט באגיין.

די באצייכנונג „דאגמע" טייטלט, ווי עס שיינט, צו דער וויכטיקייט פאר דער רעליגיע ניט פון גלויבן בכלל נאר פון א ספעציעלן טיפ גלויבן. ווען דוד ניימארק — אין זיין אפהאנדלונג „די פרינציפן פון יודנטום אין היסטארישן אומרים" (פארעפענטלעכט נאך זיין טויט אין 1929) — ציט די אויפמערקזאמקייט צו דעם פאקט, אז זיינע פארגעגנער אין קריטיק פון מענדעלזאנען האבן פארפעלט צו כאפן דעם אמתן זין פון דאגמע, האבן מיר דא, דוכט זיך שוין, א בפירושן צוזאג, אז ער וועט אונז לאזן הערן די כאראקטעריסטיק פון יענעם ספעציעלן מין גלויבן, וואס האט, הייסט עס, אין יודנטום קיינמאל ניט געפעלט און וואס דערפון דארף געדרונגען זיין, אז דאס יודנטום קאן זיך אן אים ניט באגיין. אבער אומזיסט אונזער דערווארטונג. „וואס איז דאגמע"? — פרעגט ער. און זיין ענטפער איז: „דער עיקר־סימן פון דאגמע איז, וואס רעליגיע פאדערט א באשטימטן גלויבן". ניט געקוקט אף דער לויזקייט פון דעם אויסדרוק, שטויסן מיר זיך אן, אז ניימארק מיינט דא צו זאגן, אז דער שטרייט־פונקט איז ניט וועגן דעם, צי די אידישע רעליגיע שליסט איין גלויבונגען בכלל. די פראגע איז, וויל ער אונז פארזיכערן, צי די אידישע רעליגיע פאדערט ספעציפישע גלויבונגען. דאס איז דער עלעמענט פון פאדערונג וואס פארוואנדלט א גלויבן אין א דאגמע. און דער וועג צו דערקענען דעם עלעמענט איז: צי עס זיינען פאראן פעסגעשטעלטע פארמולעס; צי עס איז פאראן א חוב צו חזרן א פעסטגעשטעלטן אני מאמין; צי עס זיינען פאראן אויטאריטאטיווע ספרים, מיט וויכוחים, מיט ענדגילטיקע פסק־דינים און פארבאטן.

די אלע כאראקטעריסטיקעס וואס ניימארק שרייבט צו צו „דאגמע", זיינען בלויז אויסדרוקן פון דער פאדערונג מצד א רעלי־

גיעזער גרופּע אָנצוהאַלטן אַ ספּעציפֿישן גלויבן. אָבער אַזאַ פאָדערונג איז ניט קיין אינעווענייקסטער טייל פון דעם גלויבן, אָדער פון דער האַלטונג פון גלויביקן, נאָר עפּעס דרויסנדיקעס צו דעם גלויבן. לויט ניימאַרקען, איז עס דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון דער פאָדערונג, וואָס באַגלייט געוויסע גלויבונגען — דאָס וואָס פאַרוואַנדלט די גלויבונגען אין דאָגמעס. אַזוי אַז אַלע אַרגומענטן, וואָס ער האָט צונויפגעבראַכט, לויפן אויס אין דעם טעזיס, אַז יודנטום איז ניט אַנדערש ווי קריסטנטום און מאַכמעדאַנענטום אין דעם, וואָס עס איבט דרוק אויפן יחיד, ער זאָל צושטימען צו ספּעציפֿישע גלויבונגען. דעם יחידס ראָלע אין דעם פּראָצעדור, זעט אויס, אינטערעסירט ניימאַרקען לחלוטין ניט. אויב דאָס איז אַלץ, וואָס ניימאַרק האָט געזוכט צו באַווייזן, וואָס זשע האָט ער בייגעטראָגן צו דער פאַרשטענדניש פון דער סאַמע קערן פון דעם איצטיקן יודנטום־פּראָבלעם, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס אַסך אידן זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען גלויבונגען, וואָס זיינען דערווידערלעך צו זייער שכל?

אָבער ווען מיר נעמען יאָ אין באַטראַכט די האַלטונג, אָדער דעם גייסטיקן צושטאַנד פון דעם גלויביקן גופא, מערקן מיר פאַרשיידענע מינים גלויבונגען, וואָס צעפאַלן אין פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס:

1) אומבאַטראַכטע גלויבונגען. דאָס זיינען אידייען, וואָס דעם מענטשנס גייסט גיט זיין הסכמה אויף זיי בלויז דערפאַר, וואָס זיין אויפמערקזאַמקייט איז צוגעשמידט צו זיי ביז צו דער אויסשליסונג פון אַלע אַנדערע אידייען. וויליאַם דזשיימס האָט אָנגעוויזן, אַז דער מענטשלעכער גייסט איז גענייגט אָנצונעמען פאַר ווירקלעך אַלע די אידייען, וואָס קומען צו אים אין שלאָף. אָט די איינגשאַפט פון גייסטיקער פאַרשלאָפנקייט כאַראַקטעריזירט דאָס רוב מענטשן, בפרט די אומגעבילדעטע, אפילו ווען זיי זיינען וואַך. צוליב אָט דעם טעם ווערן פון זיי אָנגענומען אָן שום קריטיק אַלע יענע אידייען, וואָס קומען צו זיי אין פאַרלויף פון זייערע טעגלעכע דערפאַרונגען, ספּעציעל יענע אידייען, וואָס ווערן זיי אונטערגעזאָגט פון דעם געפיל פון מורא, וואָס פאַרשמעלערט בכלל דעם גייסטיקן אויסבליק, אפילו ביי מענטשן מיט גאַנץ פלינקע מוחות. צו אָט דער טענדענץ פון מענטשלעכן גייסט דאַרף צוגעשריבן ווערן די רייכע פאַרשיידנאַרטיקייט פון איינרעדענישן און אָבערגלויבנס בנוגע די מיסטעריעזע כוחות וואָס הויזן כלומרשט אין די פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן

פון דער סביבה, און בנוגע די צערעמאָניעס, מיט וועלכע די כוחות קאָנען באאיינפלוסט ווערן אָפּצוהיטן פון בייז און צו טאָן טובות.

2) באַטראַכטע גלויבונגען, וואָס זיינען צווייערליי: א) שכל־דיקע, און ב) אינטואיטיווע. ביידע מינים זעצן פאָרויס דעם עלע־מענט פון מחשבה. אין ביידע איז דער גייסט גענוג וואך צו קאָנען כּוֹאַכטן ווענן מעגלעכע אַנדערע אידייען להיפוך צו דער אידייע, וואָס איז געקומען אפן געדאנק. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער גייסט איז אַט דעם וואכזאַמען צושטאַנד נעמט אָן אַ געוויסע אידייע פאַר אמת אָדער גילטיק. אויב דער גייסט טוט עס, ווייל די געזעצן פון לאָגישן דענקען מאַכן אַלע להיפּוכדיקע אידייען אומהאַלטבאַר, האָבן מיר דאָ אַ באַטראַכטן גלויבן פון ראַציאָנעלן מין. אָבער די מערסטע אידייען פּרעזענטירן זיך זעלטן מיט אַזאַ שאַרפער פונאַנדערשיידונג צווישן זיי און זייערע היפּוכים, וואָס קומען אין קאָפּ אריין. צום ביישפּיל, אונזערע גלויבונגען בנוגע די פּערזאָנען, מיט וועלכע מיר האַנדלען, אָדער וואָס זייערע לעבנס קומען אין באַרירונג מיט אונזער לעבן — אַט די גלויבונגען אונזערע לאָזן זיך ניט גע־וויינלעך שכלדיק אַנאַליזירן. ווען מיר טרויען אַ פריינט, ווען מיר פּאַרלאָזן זיך אַף זיין וויליקייט און פייאיקייט צו העלפן אונז אין אַן עת צרה, איז עס ניט דערפאַר, ווייל מיר איגנאָרירן בשעת מעשה יעדע מעגלעכקייט, אַז ער זאָל אונז אַנטוישן. ניט צוליב טעמים, וואָס זאָלן אונז צווינגען איינגאַנצן אויסצושליסן יעדע מעג־לעכקייט פון אַן אַנטוישונג אין אים, קלייבן מיר אויס צו פאַר־האַלטן זיך צו אים מיט צוטרויען. מיר טוען עס מערסטנס צוליב טעמים פון אַן אינטואיטיוון כאַראַקטער. אַט דער מין אינטו־איטיווע גלויבונגען איז דער סוד פון די מערסטע פּראַקטישע באַשלוסן וואָס מיר נעמען אָן כסדר, באַשלוסן וואָס קאָנען ניט וואַרטן אַף די אַלע פאַקטן, וואָס זיינען נויטיק אַף צו געבן זיי, די באַשלוסן, אַ פּערפעקט ראַציאָנעלע אונטערשטיצונג. און דערביי דאַרף מען האָבן אין זינען אַ וויכטיקן פּרט, אַז די אינטואיטיווע גלויבונגען, ניט ווייניקער ווי די ראַציאָנעלע, געהערן צו דער פּערזענלע־כער דערפאַרונג פון דעם גלויבנדיקן.

3) טראַדיציאָנעלע גלויבונגען זיינען אידייען, וואָס ווערן איבערגעליפערט פון דור צו דור. די איבערליפערער פון די גלוי־בונגען קאָנען גלויבן אין זיי אָדער אומבאַטראַכטערהייט אָדער באַטראַכטערהייט; און אויב באַטראַכטערהייט, קאָן עס זיין אָדער ראַציאָנעל־באַטראַכט אָדער אינטואיטיוו־באַטראַכט. דאָס זעלביקע

גילט אויך פאַר די איבערנעמער פון די טראַדיציאָנעלע גלויבונגען — זיי קאָנען זיי איבערנעמען אי אומבאַטראַכטערהייט, אי באַטראַכטער־הייט; אויב באַטראַכטערהייט, איז אָדער על פּי שכל, אָדער על פּי אינטואיציע. אין בײדע פאַלן ווערן זיי טײלן פון דעם איבערנע־מערס פּערזענלעכער דערפאַרונג. מיר הויבן אָן אונזער באַוואוסטזײ־ניק לעבן מיט גלויבונגען, וואָס האָבן זיך אונדז געגעבן דורך די עלטערן, לערער און באַקאַנטע. טראַדיציע איז דער יסוד ניט בלויז פון אונזער רעליגיעזן וויסן, נאָר פון אונזער וויסן בכלל. עס לאָזט זיך פאַרשטעלן, אַז צווישן די טראַדיציאָנעלע אידייען זאָלן אויך זיין אַזעלכע, וואָס זאָלן באַטאָנען די וויכטיקייט פון אַליין איבער־טראַכטן און עקזאַמענירן די אידייען, וואָס איינער באַקומט פון אַנדערע. עס קאָן אפילו ווערן אַ טײל פון דער טראַדיציע דער כלל, אַז אַ טראַדיציאָנעלער גלויבן, וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אין דעם צוזאַמענהאַנג פון אײנעמס דערפאַרונג, זאָל אָן שום געוויסנסביסן אָפּגעוואָרפן ווערן. אָבער פאַקטיש ביז הײַנט צו טאָג האָט נאָך קיין סיסטעם פון טראַדיציעס, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט דעם לעבן פון אַ גרופּע, פון אַ נאַציע אָדער אַ קירך, ווען עס איז געהאַט איינ־געשלאָסן אין זיך אַ דערמונטערונג צו ספקות אָדער שאלות. פאַר־קערט, יעדע אַזאַ סיסטעם האָט אַרײַנגענומען אין זיך די באַהויפּ־טונג, אַז עס איז דער חוב פון יחיד בלינד אָנצונעמען אַלץ, וואָס ער איז געלערנט געוואָרן צו האַלטן פאַר אמת.

ערשט זינט די גריכישע פילאָזאָפיע האָט זיך אַרויסגערוקט אַף דער סצענע, האָט אָט די פאָדערונג מצד די גרופּע־טראַדיציעס גע־נומען אָפּגעשטריטן ווערן. זינט דעמאָלט האָבן די גרופּע־טראַדיציעס געהאַט אַף זיך די עובדה צורעכט צוקומען מיט די דיקטירונגען פון שכל. מיר דאַרפן געדענקען, אַז די גרופּע־טראַדיציעס זײַנען לכתחילה באַשעפטיקט געווען מיט אַלע פאַזן פון לעבן, מיט די פאַקטן פון דער נאַטור, און פון דער געשיכטע, אַזוי גוט ווי מיט די נאָרמעס פון אויפפירונג. אַף אַ געווויסן אופן האָבן זיי אַלע געהאַט אַ שייכות צו דעם גאָט־געדאַנק. אַלע גרופּע־אידייען זײַנען אײנס געווען מיט רעליגיע. אָט די סיטואַציע האָט באַשאַפן שוועריקייטן פאַר די יעניקע, וועלכע, אין זייער גלויבונג נאָך אמת, האָבן ניט געוויאָלט יוצא זיין מיט דעם, וואָס זיי האָבן געלערנט אַף דער סמיכה פון דער פאַרגאַנגענהייט און האָבן זיך דערוועגט צו טראַכטן פאַר זיך אַליין. ווען אַ סכסוך פלעגט אויסברעכן, זײַנען די וואָרט־פירער פאַר די גרופּע־טראַדיציעס באַשטאַנען דערויף, אַז די מיט־

גלידער פון דער גרופע זיינען מחויב אָנצונעמען די טראַדיציעס, אלס באַווייז פון זייער לאָיאַליטעט. די גרופע, אָדער די געמיינדע, אין וועמעס נאָמען די וואָרטפירער האָבן געשטעלט זייערע פאָדע־רונגען, האָט זיך וועניק וואָס געקימערט וועגן דעם, וואָס דער יחיד־מיטגליד קאָן ניט איינגלידערן די טראַדיציאָנעלע גלויבונגען אין זיין אייגענער דערפאַרונג. ער האָט געדאַרפט אָננעמען דעם טראַדיציאָנעלן גלויבן מער ווי א צייכן פון געהאָרכזאַמקייט, איידער ווייסטיקער הסכמה. ווען די טראַדיציאָנעלע גלויבונגען טראָגן מיט זיך די אויטאָריטעט פון דער גרופע, וועלכע באַשטייט דערויף, זיי זאָלן אָנגענומען ווערן ווי אַ צייכן פון געהאָרכזאַמקייט און לאָיאַלי־טעט, יעמאָלט ערשט געווינען זיי דעם טעם, און היינט צו טאָג אויך דעם איבערלעבן ריח, וואָס דערלאַנגט זיך אונז מיט דעם טערמין „דאָגמע".

עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אז יעדער איינער פון די אויבן־אויסגערעכנטע מינים גלויבונגען האָט פונקציאָנירט אין דער אידישער רעליגיע צו וועלכער עס איז צייט אין דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער די פראַגע איז: ביז וואָס פאַר א גראַד האָט יענער מין פונקציאָנירט דורך די פאַרשיידענע פעריאָדן פון דער אידישער רע־ליגיע?

א געהעריקער ענטפער אויף דער פראַגע זעצט פאָרויס א גע־נויערע קענטניש פון דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיע, ווי מיר באַזיצן היינט צו טאָג. דער טראַדיציאָנעלער באַריכט, בפרט וועגן דעם אורשפרונג פון דער אידישער רעליגיע, איז אַזאַ געמיש פון פאַקט און מעשה, אַז עס קאָן ניט דינען פאַר א יסוד פון אַזאַ מין שטודיום. אויך איז ניט פאַראַן א וויסנשאַפטלעך אויפגעשטעלטער באַריכט, וואָס קאָן אָנגענומען ווערן פאַר גענוג פאַרטרויענסווערט פאַר אַזאַ צוועק. אחוץ דעם איז עס ניט דער הויפּט־צוועק פון אָט דער דיסקוסיע צו באַהאַנדלען די פאַרגאַנגענהייט. וועלן דארום בלויז די בולטסטע און אַלגעמיין אָנערקענטע פאַקטן אַרויסגע־פירט ווערן, אָנצואווייזן ווי ווייט דער אָדער יענער מין גלויבן האָט דאָמינירט אויף די פאַרשיידענע אַנטוויקלונגס־שטופן פון יודנטום.

ס'האָט געפעלט דאָגמע אויף די צוויי ערשטע שטופן פון דער אידישער רעליגיע

מען קאָן מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז דער אומבאַטראַכטער מין גלויבן איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר די מערערע, אויב

ניט פאַר די מערסטע עלעמענטן, וואָס האָבן אויסגעפורעמט די רעליגיע פון די וואַנדערענדיקע אבות פון ישראל. אָט די אומבאַטראַכטע גלויבנס זיינען דערוואָרבן געוואָרן ביז צו אַ געוויסער מאָס פּערזענלעך, אָבער אין אַ פּיל גרעסערער מאָס טראַדיציאָנעל. אַזוי גיך מיר האָבן צו טאָן מיט אַ שוין עקזיסטירנדיקער גרופּע מוזן מיר שוין אָננעמען, אַז עס האָט פונקציאָנירט אַ טראַדיציע. וואָרום ערשט דורך טראַדיציע ווערט אַ גרופּע זיך באַוואוסט אַלס דיזעלביקע אין המשך. דער גלויבן, צום ביישפּיל, אַז יהוה איז דער גאָט, וואָס האָט מאַניפעסטירט זיין אָנוועזנהייט אויפן באַרג סיני דורך פייער און רויך, דורך דונער און בליץ — אָט דער גלויבן איז אָן ספק אויפגעקומען אויף פונקט אַזאַ נאַאיוון אומבאַטראַכטן אופן, ווי דער גלויבן ביי די אור-איינוואוינער פון גריכנלאַנד, אַז אָלימפּ איז געווען דער זיץ-אָרט פון די געטער, וואָס האָבן שפּעטער פיגורירט אין דער מיטאָלאָגיע פון די גריכן. די אידייע, אַז די אָנגעזעענע פלעצער און אָביעקטן אויף דער ערדס אויבערפלאַך זיינען באַוואוינט פון געטער, איז צו די וואַנדערנדיקע ישראלים געקומען פונקט אַזוי נאַטירלעך און אומבאַטראַכט, ווי צו אַ קינד קומט די אידייע, אַז די פּופּע פילט און ענטפערט, ווען זי ווערט געטוליעט און געגלעטעט. די ערשטע, וואָס האָבן דעם שטורעם אויפן באַרג סיני, מיט דער באַגלייטנדיקער ערדציטערניש און לאַווע-אויסברוך, אָנגענומען פאַר אַ זיכערן סימן, אַז יהוה באַווייזט זיך צו זיי, האָבן אודאי פאַלש זיך אויסגעטייטשט אָט די נאַטור-דערשיינונג. אָבער אָט דער טעות האָט ניט געמאַכט זייער אומבאַטראַכטע אויסטייטשונג אָדער גילוי-בונג פאַר ווייניקער פּערזענלעכער דערפאַרונג. זייערע אָפּשטאַמלינגע ווידער, וועלכע האָבן איבערגענומען דעם גלויבן אָן שום קריטיק, האָבן אין זייער פאַנטאַזיע נאָך אַמאָל איבערגעלעבט די דערפאַרונג, וואָס איז זיי דערציילט געוואָרן. די אָנוועזנהייט פון יהוה אויפן באַרג סיני איז פאַר זיי געווען ניט ווייניקער רעאַל, ווי פאַר די יעניקע וואָס האָבן בפועל ממש צוגעזען דעם שטורעם אָדער וואולקאַנישן אויסברוך.

אַזוי אַז דער טראַדיציאָנעלער גלויבן איז פון סאַמע אָנהויב אָן ספק געווען אַ גאָר וויכטיקער פאַקטאָר אין דער רעליגיע פון ישראלים, הגם וואָס שייך דעם רעזולטאַט איז קיין חילוק ניט געווען צי די אַרויסרופערן פון גלויביקייט איז געווען די טראַדיציע אָדער די פּערזענלעכע באַאָבאַכטונג. צוליב מאַנגל אין דענקונגס-פיייקייט איז אַלץ, וואָס מען האָט זיי דערציילט, געווען פאַר זיי פונקט אַזוי

באַגלויבט, ווי דאָס וואָס זיי האָבן פּערזענלעך דורכגעלעבט. און מיט דערזעלביקער ניט טראַכטענדיקער תמימות, ווי די וואַנדערנדיקע ישראלים האָבן געגלויבט אין יהוה׳ס אָנוועזנהייט אפן באַרג סיני, האָבן זיי אויך אָנגענומען דעם גלויבן, אַז אַלע אָפּוועקסלונגען אין זייער לעבן האָבן עפּעס אַ שייכות צו זייער געהאָרכזאַמקייט אָדער אומגעהאָרכזאַמקייט צו די געזעצן וואָס זיינען צוגעשריבן געווען צו יהוה.

ווען די ישראלים, נאָך זייער אַריינדרינגען אין כנען, זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די איינגעבאָרענע, וואָס האָבן געהאַט אַנדערע דערפאַרונגען, טראַדיציעס און מנהגים, האָט זיך אָנגעהויבן א טאָפּלטער פּראָצעס פון אומבאַטראַכטער צונויפמישונג פון די גאָטעסדינסטן און פון באַטראַכטער קעגנערשאַפט צום אָרטיקן גאָטעסדינסט. די יעניקע, וואָס זיינען געווען באַוואוסטזיניק וועגן דעם, אַז עס איז דאָ עפּעס אומפאַראייַנבאַרעס צווישן דער פאַרערונג פון יהוה און דער פאַרערונג פון די אָרטיקע געטער, האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די צונויפמישונג־טענדענץ: פון דער מאַיאָריטעט, און האָבן געטאָן אַלץ אין זייער כוח אַרויסצוהייבן די אונטערשיידן. דאָס האָט געפירט ניט נאָר צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די טראַדיציעס, וואָס די ישראלים האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, נאָר צו דער באַשאַפונג פון נייע טראַדיציעס, אין אָפּענטפער אַף דער באַדערפניש אין קאָנטראַסט צווישן דער רעליגיע פון יהוה און דער רעליגיע פון די אָרטיקע בעלים. דאָס קלאַמערן זיך אָן די יהוה־טראַדיציעס, וואָס האָבן גלאָריפיצירט די דערהויבנקייט פון יהוה איבער אַנדערע געטער, האָט דאָך אַנדערש ניט געקאָנט זיין ווי א פועל יוצא פון פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם ענין. אָבער די סאַמע ערשטע מאָטיוון, וואָס האָבן אָנגעטריבן די קנאים פון יהוה, זיינען ווייט געווען פון זיין וואָס מען רופט געוויינלעך ראַציאָנעלע מאָטיוון. זייער פאָרצוג פאַר יהוה איז וואַרשיינלעך זיי אונטערגעזאָגט געוואָרן אָדער פון דער אינטואיטיווער איבערצייגונג, אַז אָנהענגערשאַפט צו יהוה פאַררעכנט זיי צו די אַריינדרינגער און ניט צו די איינגעבאָרענע; אָדער פון זייער קאָנסערוואַטיווער נייגונג צו דעם איינפאַכן לעבן פון זייערע וואַנדערנדיקע אבות אין קאָנטראַסט צו דער סאָציאַלער פאַרדאָרבנקייט פון דער מער קאָמפּליצירטער ציוויליזאַציע פון די איינגעבאָרענע.

אַלזאָ, וואָס עס זענען ניט געווען די טעמים, וואָס האָבן זיי געמאַכט באַוואוסטזיניק אויסקלייבן די רעליגיע פון יהוה און פאַרדאַמען די רעליגיע פון בעל, האָבן די טעמים באַלאַנגט צום קלאַס באַטראַכטע גלויבונגען, און צום מין אינטואיטיוו-באַטראַכטע, וואָס זיינען אויבן באַשריבן געוואָרן. ווען אָט די גלויבונגען זיינען איבערגעליפערט געוואָרן צו די ווייטערדיקע דורות, זיינען זיי אריבער אין קלאַס טראַדיציאָנעלע גלייבונגען פון דעם באַ־טראַכטן מין. די געטלעכקייט פון יהוה איז אַף די דורות ניט אַרויפגעצוואונגען געוואָרן דעספּאָטיש, עס איז אויך פון זיי ניט גע־פאָדערט געוואָרן זיי זאָלן צושטימען אין בלינדער גע־האָרכזאַמקייט. פאַרקערט, די געטלעכקייט פון יהוה איז אַלעמאָל באַ־רעכטיקט געוואָרן דורך אַ רייך אויסגעאַרבעטן סיסטעם פון מעשיות, וואָס האָבן דערציילט וועגן די גרויסע וואונדער, דורך וועלכע יהוה האָט דעמאָנסטרירט זיין מאַכט. און וועגן זיין גרויסן חסד וואָס ער האָט באַוויזן מיט זיין ליבשאַפט פאַרן פאָלק ישראל. אַזוי אַז אין דעם יהוה־גלויבן פון אונזערע אָבות אין דער ערשטער ארץ ישראל עפּאָכע איז קיין פראַגע וועגן דאָגמע ניט געווען. אַף אַזוי' ווייט איז מענדעלזאָן גערעכט געווען.

אָבער מענדעלזאָן גייט שוין צו ווייט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז די תורה פאָדערט ניט קיין גלויבן, וואָס זאָל זיין אין סתירה צום שכל; אמתער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז אַזאַ פראַגע האָט גאָר ניט געקאָנט אויפקומען אין יענעם פּאַרצייטן. שכלדיק דענקן — אין דעם זין, ווי מען פאַרשטייט עס איצט: דער מעטאָד פון לאָגיש און וויסנשאַפטלעכן אַרגומענטירן — פון אַ הנחה אַרונטער דורך אַ טרעפּ־גאַנג פון שלוסן, וואָס צווינגט, ניט איבערלאָזנדיק קיין אַנדער ברירה, צו אַ באַשטימטן לעצטן אויספיר — דער מעטאָד איז דאַמאָלס נאָך ניט קולטיווירט געוואָרן ערגיץ אין דער וועלט. דער איינציקער מין פון דענקנדיקן גלויבן איז געווען, ווען דער באַשלוס איז באַשטימט געוואָרן פון פּראַקטישע טעמים, וואָס זיי ווידער זיינע דיקטירט געוואָרן פון אינטואיטיווע אימ־פּולסן.

אַזוי געפינען מיר אין די געשיכטעס פון שמות, אַז עס איז ניט פאַרלאַנגט געוואָרן פון די ישראלים זיי זאָלן גלויבן משהן אַפן וואָרט. עס איז נאָר פאַרלאַנגט געוואָרן, זיי זאָלן אַנערקענען די מופתים וואָס ער האָט באַוויזן. און ניט צום טאַדעל פון ישראל

זאָגט די תורה: „ווען ישראל האָט געזען די גרויסע שטראָפוועלק, וואָס יהוה האָט דורכגעפירט צווישן די מצרים, האָבן זיי גע־גלויבט אין יהוה און זיין קנעכט משה" 3). די לערע, אז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויסער יהוה, ווערט פאַרגעשטעלט ווי באַוויזן אויסער יעדן ספק 4). דער טעם, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין דער תורה פאַר גאָטס אָראָפּנידערן אויפן באַרג סיני, איז: די ישראלים זאָלן אים הערן ריידן צו משהן 5). דאָס איז געווען די פאָרם, אין וועלכער די טראַדיציע וועגן דער אַנטפּלעקונג אויפן באַרג סיני איז איבערגע־ליפערט געוואָרן פון דור צו דור. די איבערליפערער פון דער טראַ־דיציע האָבן ניט געזאָגט, ווי דער רמב"ם האָט עס געזאָגט שפּעטער: „דערוואַרטעט ניט צו פאַרשטיין. עס איז א מיסטעריע, וואָס איר דאַרפט אָננעמען אין גלויבן" 6). — פאַרקערט, זיי האָבן געזוכט צו דערקלערן די אַנטפּלעקונג אין די טערמינען פון דער דערפאַרונג אָדער וועלט־אויסבליק פון די יעניקע צו וועמען די איבערליפע־רונג איז געווען אדרעסירט. און ניט בלויז דערמוטיקט די תורה צו פאָדערן באַווייזן פון יעדן איינעם, וואָס גיט זיך אָן צו ריידן אין יהוה'ס נאָמען; נאָר פאָדערט בפירוש אז די באַווייזן זאָלן צוגעשטעלט ווערן 7).

אין דעם אַלעמען איז קיין סימן פון דאָגמע נישטאָ; נישטאָ קיין גזר: „גלויב"!

וואָס די גרויסע קאַנאָנישע נביאים האָבן אָנגענומען פאַר יהוה'ס וואָרט צו זיי, דאַרף פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אַזוי פאַרשטאַנען ווערן: — עס איז געווען דער עפעקט און דער רעזול־טאַט פון זייערע גליענדיקע איבערצייגונגען, וואָס זיינען געקומען צו זיי מיט אומווידערשטייליכן צוואַנג; אין ליכט פון די דאָ־מאָלס הערשנדיקע אידייען, האָבן זיי די דאָזיקע איבערצייגונגען אַנדערש זיך ניט געקאָנט אויסטייטשן, ווי נאָר אַלס אויספלוסן פון יהוה. דאָס איז ניט געווען דער צוואַנג פון קאַלטער לאָגישער נויט־ווענדיקייט, נאָר פון יענעם אינערלעכן דראַנג, וואָס כאַראַקטעריזירט טיפע מאָראַלישע אָדער ספּיריטועלע אינטואיציע. און קיין גלויבן האָט ניט געקאָנט אַזוי איניקסט באַהעפטן זיין מיט דער פּערזענ־לעכער דערפאַרונג פון גלויביקן, ווי דער גלויבן פון וועלכן די נביאים זיינען באַזעסן געוואָרן, בשעת זיי האָבן זיך געמיט באַרעדעווודיק צו מאַכן יהוה'ס שליחות דורך זיי. און די יעניקע אין ישראל, וואָס האָבן געהאַט אמונה אין די נביאים, האָבן פּונקט אַזוי גע־האַנדלט אויס זייער אייגענעם פרייען ווילן. זייער גלויבן באַ־

גאנגט צו דעם מין באטראכטע גלויבנס, ווייל די ברירה ניט צוצו־הערן זיך צו די ווערטער פון די נביאים האט ניט נאר זיך פאר־געלייגט זייער באוואוסטזיין, נאר איז געווען א ווירקלעכער פאקט ביי דער מאיאָריטעט פון זייערע צייטגענאָסן. די יעניקע כהנים ווידער, וואָס זיינען געווען אין סימפּאטיע מיט די כונות און צילן פון די נביאים, בעת זיי האָבן צוזאמענגענומען די געזעצן, וואָס זיינען צוגעשריבן געוואָרן צו יהוה, — זיי האָבן זיך באנוצט מיט די טראדיציאָנעלע גלויבונגען, ווי מיט כלים אף איבערצוגיסן די לערעס פון די נביאים אין א פּראקטישן פּראָגראם פון סאָציאלן און רעליגיעזן לעבן. יענע גלויבונגען זיינען געווען אין איינקלאנג מיט די אָנגענומענע אידייען פון יענער צייט, אָבער זיי זיינען בשום אופן ניט געווען באשיצט מיט א פארבאָט — ניט אָפּצו־פרעגן זיי. און דער באשלוס אָנצונעמען די טראדיציאָנעלע גלוי־בונגען האט דארום פאָרויסגעזעצט א היפּש ביסל איבערטראכטונג און איבערלעגונג.

אין דער קאטעגאָריע פון באטראכטע גלויבנס קאָנען מיר אויך ארייננרעכענען אלע יענע אידייען, מיט וועלכע די אידן האָבן זיך אָנגענומען אונטער דעם דרוק פון די שווערע אומשטענדן פון גלות בבל. שפּעטער האָבן זייערע אָפּקומענישן נאָכן צוריקקער קיין ארץ ישראל אויך ארויסגערופן הארבע פרעגענישן. בעת די מעגלעכקייט צוריקצוגעווינען זייער פארצייטיקן פרעסטיזש און צו דערגרייכן פרידן און זיכערקייט איז זיי פארגעקומען אזוי ווייט, האָבן זיי גענומען צווייפלען אין יהוה׳ס מאכט. זיי האָבן אָנגעהויבן פרעגן: איז יהוה ווירקלעך געווען דער באשעפער פון דער וועלט, און רעגירט ער אף אן אמת די שיקזאלן פון די פעלקער? אויב ישראל איז זיין פאָלק, האָבן זיי דען ניט געליטן גענוג פאר די זינד, וואָס זיי זיינען באגאנגען קעגן אים? וואָרום זיינען זיי נאָך אלץ א שפּיל־צייג פאר די גרויסע מלוכות פון דער וועלט און וואָרום זיינען זיי נאָך געצוואונגען צו לעבן אין צעשטרייאונג און ווייט אוועק פון זייער היימלאנד? די אלע פראגן זיינען אויפגענומען געוואָרן און פאר־ענטפערט געוואָרן דורך די אנאָנימע נביאים. און די ענטפערס זיינען געוואָרן א טייל פון דער וואקסנדיקער אידעאָלאָגיע פון יודנטום. אין יענער אידעאָלאָגיע זיינען שוין איינגשלאָסן געוואָרן אזעלכע וויכטיקע גלויבונגען, ווי דער סוף־כל־סופיקער אומקער פון פאָלק ישראל אין זיין לאנד, די קינפטיקע ספּיריטועלע אויבערהער־שאפט און די שליחות פון ישראל.

דורך די יאָרהונדערטער, וואָס האָבן געפּאָלגט דעם צוריק־קער קיין ארץ ישראל, האָט די סומע צוגעקומענע גלויבונגען גע־האַלטן אין איין וואַקסן — אין רעזולטאַט פון די פּרעגנענישן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון דעם ווידערשפּרוך, וואָס איז געווען אַזוי אויגנשטעכיק, אַז ער האָט ניט געקאָנט פאַרשוויגן ווערן — דער ווידערשפּרוך צווישן דעם טרויעריקן גורל פון אַסך גערעכטע מענטשן און דעם שכר, וואָס אידן לויטן גלויבן האָבן דערוואַרט פאַר אַ גערעכט לעבן. צוערשט זיינען געקומען די גלויבונגען, וואָס מיר געפינען אויסגעדריקט אין אייניקע פּסאַלמען און אין די רייד פון איובס פריינט. יענע גלויבונגען פּרובן אוועקמאַכן דעם ווידערשפּרוך מיט דעם אויסרייד, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש, וואָס קומט פון אַן אויבן־אויפיקן צוקוקען זיך צום לעבן. און ווען אָט די לייזונג פון ווידערשפּרוך האָט זיך ארויס־געשטעלט פאַר ניט צופרידנשטעלנדיק, איז די שוועריקייט אויפ־געלייזט געוואָרן דורך דער לערע פון תחית המתים, וואָס האָט געשטאַמט פון פּערזישע און עגיפּטישע קרייזן און דורך דער איבער־טייטשונג פון די אַלטע משיחישע אידעאַלן אין גייסט פון די נייערע אַפּאָקאַליפּטישע און אחרית־הימימדיקע לערנונגען. דאָס איז אַלץ זייער ווייט פון דעם וואָס מיר פאַרשטייען געוויינלעך אונטער דאָגמע. דאָס אַלץ באַלאַנגט נאָך אַלץ צום קלאַס באַטראַכטע, באַרעכנטע גלויבונגען — פּונקט אַזוי ווי, צום ביישפּיל, דער גלויבן היינ־טיקע צייטן, אַז די איבלען פון אונזער עקאָנאָמישער אָרדנונג וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, ווען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלן סאָציאַ־ליזירט ווערן. זיינען זיי אמת אָדער פאַלש, צו אַזעלכע גלויבונגען קומט מען ניט אַזוי דורך שטרענג לאָגישע אָדער וויסנשאַפטלעכע אַרגומענטאַציעס, ווי אַפן וועג פון אינטואיציע. ווען אַ ציוויליזאַציע פּראָדוצירט אַזעלכע גלויבונגען, איז זי לעבעדיק און שעפעריש. דאָס איז געווען דער פאַל מיטן יודנטום דורך די יאָרהונדערטער פון בית שני.

דאָגמעס אַן אַרויסוואוקס פון דעם גלויבן אין עולם הבא

ביים אָנהויב פון דער איצטיקער צייטרעכענונג איז דאָס יודנ־טום שוין געווען היפשלעך אַפּן וועג צו זיין נייער איינשטעלונג אַלס אַ יענע־וועלטיקע ציוויליזאַציע, וואָס דאָס איז אַ לעבנסאיינ־שטעלונג, לויט וועלכער יעדע מענטשלעכע באַשעפעניש קאָן דערגרייכן דערלייזונג, וואָס דאַמאָלס האָט עס געמיינט אַ חלק אין

עולם הבא. אין יענעם פעריאָד איז דער גרעסטער טייל פון דער ציוויליזירטער מערב־מענטשהייט געווען אין א צושטאַנד פון ספּי־ריטועלער יערונג — צוליב דער צעפאַלונג פון די אַלטע נאַציעס, אימפּעריעס און שטאַט־מלוכות, וואָס דאָס ווידער האָט געבראַכט מיט זיך דעם צוזאַמענברוך פון די געצנדינערישע רעליגיעס. עקאָ־נאָמישע און סאָציאַלע אויפרודערונגען האָבן נאָכגעפאָלגט, און דאָס רוב מענטשהייט האָט געלעבט אין באַדינגונגען פון ביטערער נויט און סכנה. ניט זעענדיק קיין ישועה אויף דער־וועלט, האָבן זיי אין זייער פאַרצווייפלונג געווענדט זייער האָפנונג צו א בעסערער און גליקלעכערער צוקונפט־אָרדנונג — אָדער אויף דער ערד, אָדער אין א וועלכער עס איז אַנדערער עקזיסטענץ־ספערע. אין יענער נייער וועלט־אָרדנונג, אָדער אין יענעם שפּעטערדיקן יענע־זייטיקן לעבן, וועלן אַלע, וואָס האָבן געלעבט לויטן ווילן פון גאָט, האָבן א חלק, ווערנדיק באַלוינט מיט גליקזעליקייט פאַר די אַלע ליידן, וואָס זיי זיינען זיך אויסגעשטאַנען אין זייער ערדישער עקזיסטענץ. און אַלע לעבנדיקע הערצער האָבן דערווייל זיך אריינגעטאָן אין אן ערנסטן זוכן און פאָרשן נאָך דער אמתער פאַרטרוי־ענס־ווערטער אַנטפּלעקונג פון דעם אמתן גאָט, וואָס קאָנטראָלירט דעם גורל פון יעדן מענטשנס לעבן. פאַרשיידענע מיסטעריעזע און נאַציאָנאַלע רעליגיעס האָבן געמאָלדעט פּרעטענזיעס, אַז זיי, נאָר זיי ווייסן דעם אמתן וועג צו גליקזעליקייט און אומשטערבליכקייט. דאָס יודנטום, וואָס האָט געפירט מלחמות קעגן פּילגעטעריי און זיך אויסגעאַרבעט א מאָראַלישן קאָדעקס און אן אויפפירונג־דיס־ציפּלין, געשטיצט אויף דעם גלויבן אין איין גאָט, איז אין דער פאָרשטעלונג פון די אידן נאַטירלעך געוואָרן דער זיכערסטער מיטל, וואָס מאַכט דעם מענטשן עולם־הבא־פּייאיק. אָט די פונקציע פון יודנטום איז דאָס געווען וואָס האָט אים געגעבן כוח אויסצושטיין דעם קריזיס, וואָס איז באַפאַלן די אידן נאָך זייער אָנווער פון בית המקדש און פון דער מלוכה. מער ווי א וואָסער עס איז אַנדער פאָלק האָבן די אידן זיך געניטיקט אין אָט דער טרייסטנדיקן יענע־וועלט־שכר, וואָס איז זיי אונטערגעטראָגן געוואָרן פון דער ־ייער פונקציע וואָס די תורה האָט אויף זיך גענומען, ווייל קיין אַנדער פאָלק איז אזוי נאָענט ניט צוגערוקט געוואָרן צום סאַמע תהום פון פאַר־צווייפלונג.

און אין נאָכפאָלגונג פון דעם נייעם צוועק, וואָס די תורה האָט באַקומען פאַר דעם אידן, איז דאָס אונטערגעקומען די דאָגמע,

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

אָדער דאָס באַשטיין דערויף, אז געוויסע טראַדיציאָנעלע גלויבונגען זיינען אומבאַדינגטע „מוזן”. ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו איז ניט שווער צו פאַרשטיין. עס איז קלאָר, אז די קראַפט פון אַן אַגענטור אָדער אינסטרומענט צו ליפערן יענע־וועלטיקע זעליקייט הענגט אָפּ פון דעם, אַף וויפיל זיי ווערן אָנגענומען אלס אזעלכע אין גלויבן. קיין זאַך קען אזוי ניט אונטערשניידן די קראַפט, ווי דער אומגלויבן. עס מוז איניקסט געגלויבט ווערן, אז די אַגענטור אָדער דער אינסטרומענט האָבן די איבערנאַטירלעכע באַשטימונג ראוי צו מאַכן דעם מענטשן פאַר זיין חלק עולם הבא. דאָס וועט אונז העלפן פאַרשטיין וואָרום די פאַרלייקענונג פון געוויסע דאָגמעס, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער משנה פון סנהדרין, מאַכט דעם מענטשן אומפּייאיק צו דערלייזונג. „כל ישראל האָבן א חלק אין עולם הבא, ווייל עס איז געזאָגט געוואָרן: דיין גאַנץ פאָלק וועט זיך רעכענען פאַר צדיקים, זיי וועלן ירשנען די ערד אַף תמיד” 8). די פאָלגנדיקע אָבער האָבן ניט קיין חלק אין עולם הבא: „איינער וואָס זאָגט, אז די לערע פון תחית המתים איז ניט מן התורה, אָדער איינער וואָס זאָגט, אַז די תורה איז ניט מן השמים. ר' עקיבא האָט צוגעגעבן: אויך איינער וואָס לייענט ספרים היצונים, אָדער איינער וואָס פּרעפּלט אָפּשפּרעכענישן איבער וואונדן. אבא שאול האָט צוגעגעבן: אויך איינער וואָס רעדט אַרויס דעם שם הויה” 9).

מיט אַנדערע ווערטער, צו לייקענען, אַז די תורה לערנט אָדער זעצט פאָרויס די לערע פון תחית המתים, איז פּונקט ווי לייקענען די קראַפט פון דער תורה אלס א מיטל פון דערלייזונג ביים סוף פון די טעג, ווייל תחית המתים איז פאַרשטאַנען געוואָרן אַלס פאָרשפּיל צו עולם הבא. און עס איז אויך אויבן אויף, וואָרום די לייקענונג פון דער איבערנאַטירלעכער אָפּשטאַמונג פון דער תורה פסלט דעם מענטשן פאַר דערלייזונג, ווייל לויט די תלמידי חכמים איז דאָס געווען איר איבערנאַטירלעכע אָפּשטאַמונג וואָס האָט באַשאָנקען די תורה מיט דערלייזונגס־קראַפט. רבי עקיבאס צוגאָבן, וואָס די משנה ברענגט, קאָנען אויך פאַרשטאַנען ווערן אין זעלביקן ליכט. צו באַהאַנדלען ווי הייליקע ספרים חיצונים, דאָס מיינט די שריפטן, וואָס זיינען ניט אריינגענומען געוואָרן אין קאַנאָן, איז פּונקט ווי פאַרלייקענען די אויסשליסלעכע קראַפט פון דער תורה. אויך אַזוי דאָס באַנוצן תורה־ווערטער פאַר היילונג פון וואונדן איז א פאַרלייקענונג פון איר פונקציע צו געבן אייביק לעבן. רבי שאולס

צוגאָב באַציט זיך אויך אפנים צו דער באַנוצונג פון שם הויה פאַר אָפּשפּרעכעניש צוועקן.

אז עס איז דאָ אן אינעוועניקסטע שייכות צווישן יענוט־וועלטיקער דערלייזונג און דער געבורט פון דאָגמעס אָדער צווינגנ־דיקע גלויבונגען, שיינט באַשטעטיקט צו ווערן פון דעם פאַקט, וואָס דער טייל משנה, וואָס האַנדלט וועגן די פאַרשיידענע מינים אַפּיקורסות, וואָס מאַכן אַ מענטשן אָנווערן זיין חלק עולם הבא, האָט געגעבן דעם רמב״ם די געלעגנהייט צו פאָרמולירן אין זיין קאָמענטאַר צו משנה זיינע באַרימטע אני־מאמינס. אין זיין לענגערע אריינפיר צו די פון אים אָנגעגעבענע דרייצן עיקרים פון דער אמונה, גיט ער זיין באַגריף וועגן דערלייזונג אָדער עולם הבא דאָ איז ניט דער פּלאַץ אריינצולאָזן זיך אין דער פראַגע צו רמב״מס באַגריף שטימט מיט דעם באַגריף פון דערלייזונג פון די תנאים און אמוראים 10). גענוג צו זאָגן, אז זיין באַגריף איז נעענטער צום פילאָזאָפישן אידעאַל פון אומשטערבלעכקייט, איידער צום אי־דישן אידעאַל פון אַ ניי־באַשאַפענער וועלט. דאָך דאַרף די פאַרזען ווערן דער פאַקט, אז זיין גאַנצע דיסקוסיע וועגן די עיקרים איז מאָטיווירט דורך זייער כאַראַקטער אלס נויטיקע פאַרבאַדינגונ־גען צו דערלייזונג. אין דעם פּרט זיינען די עיקרים פון אמונה — די דאָגמעס — נאָך וויכטיקער ווי די אָפּהיטונג פון די מצוות. אפילו אומגעהאַרכזאַמקייט צו די געבאָטן, וואָס דאָס עובר זיין אף זיי איז שטראָפּבאַר נאָכן טויט, נעמט נאָך ביים זינדיקן ניט אוועק זיין רעכט אף דערלייזונג 11). אין געוויסע פאַלן, וואו עס ווערט יאָ דערמאָנט, אז דער אָנווער פון חלק עולם הבא איי אַ שטראָף פאַר אַ זינד, דאַרף עס ניט פאַרשטאַנען ווערן בוכשטעב־לעך, נאָר ווי אַ גוזמא. ווי אין דעם פאַל פון איינעם, וואָס פאַר־שעמט אַ צווייטן. פון דער אַנדער זייט איז ניט מער ווי לאָגיש, אז אַן אפּיקורסות, וואָס שטעלט אין ספק דעם דערלייזונגס־כאַראַק־טער פון דער תורה, זאָל זיך באַשטראָפן מיט דעם אָנווער פון דערלייזונג.

הגם סיי די משנה און סיי דעם רמב״מס קאָמענטאַר צו דער משנה האַלטן, אז דער פאַר־תנאי צו דערלייזונג איז די אָננעמונג פון דאָגמעס, אונטערשיידן זיך די משנה און דער רמב״ם גאַנץ שטאַרק אין דער פראַגע וועלכע דאָגמעס דאַרפן אָנגענומען ווערן. דער אונטערשייד איז אַן אָנווייז אף דער אַנטוויקלונג, וואָס דאָס יודנטום האָט דורכגעמאַכט, ערשטנס צוליב דעם קאָנטאַקט מיט

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

דעם גריכישן פילאָזאָפישן געדאַנק און צווייטנס צוליב דעם פאַר־מעסט מיט קריסטנטום און מאַכמעדאַנענטום. כדי ריכטיק צו פאַרשטיין אָט די אַנטוויקלונג, וואָלט זי געדאַרפט שטודירט ווערן אַנטקעגן דעם הינטערגרונט פון אוניווערסאַלן באַגער נאָך דער־לייזונג, וואָס אין פינצטערן ערב־מיטלאַלטער איז עס באַגריפן גע־וואָרן ווי אַ צושטאַנד פון גליקזעליקייט אין אַ וועלט־אָרדנונג, וואָס גאָט וועט צו שטאַנד ברענגען אויף אַ קאַטאַסטראָפאַלישן אופן. גע־וויינלעך, ווען מען באַהאַנדלט די מיטלאַלטערלעכע אידישע פי־לאָזאָפיע, ווערט אָט דער הינטערגרונט אויסגעלאָזט און דער אידי־שער בייטראַג צו דער מיטלאַלטערלעכער טעאָלאָגיע ווערט דורך־דעם געשטעלט אין אַ גאַנץ פאַלשן ליכט.

און דער איינציקער וועג צו געווינען אַ געהעריקע פּער־ספּעקטיווע איז צו שטודירן אָט דעם בייטראַג אין ליכט פון דער כונה, פון וועלכער די אידישע מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפן זיינען געפירט געוואָרן. זייער כונה איז געווען אויפצוהאַלטן די פונקציע פון דער תורה אַלס אַ דערלייזונג־מיטל אַנטקעגן אַ טאָפּלטער אַרויספאָדערונג: פון דער פילאָזאָפיע און פון קריסטנטום און מאַכ־מעדאַנענטום. פילאָזאָפיע פאַר די יעניקע, וואָס זיינען צו־געפאַלן צו איר, איז געווען אַ קוואַל פון אומבאַשטרייטבאַרן אמת. אַזוי אָבער ווי געוויסע אידייען און באַגריפן אירע זיינען געווען אין סתירה מיט דער תורה, איז דאָס אויבן אויף געווען אַ שטער די תורה זאָל קאָנען דינען ווי אַ קוואַל פון דערלייזונג, ווייל דער־לייזן קאָן דאָך בלויז דער אמת. זיינען די אידישע פילאָזאָפן אַזוי־אַרום געצוואונגען געווען אויסצוטייטשן מערערע שטעלן אין דער תורה אין אַ בילדלעך־משלדיקן זין, כדי צו ברענגען זי אין איינ־קלאַנג מיט דעם אמת, ווי ער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון די פירנדיקע פילאָזאָפן.

בעת זיי האָבן אַזוי געטאָן, האָבן די אידישע פילאָזאָפן אומ־באַוואוסטזיניק איבערגעאַנדערשט אייניקע פון די כאַראַקטעריסטישע לערנונגען פון דער תורה. צום ביישפּיל, די תורה באַהאַנדלט נסים ווי ווילנס־אַקטן פון גאָט, ענלעך צו די אַקטן פון אַ מענטשן, ווען ער ווערט פּלוצלונג אויפגעפאָדערט צו האַנדלען אין אַ דרינ־גענדיקן נויט־פאַל. אַזאַ באַגריף פון נסים זעצט פאָרויס אַן ענ־דערונג אין גאָטס ווילן. אָבער אַזאַ ענדערונג וואָלט געווען אַ צייכן פון אומפּולקאָמענקייט. צוליב אָט דעם טעם איז אַרויסגע־בראַכט געוואָרן די אידייע, אַז די נסים, וואָס זיינען פאַרשריבן

געוואָרן אין די הייליקע שריפטן, זיינען ניט פּראָדוצירט געוואָרן אַף אָרט און שטעל אַף דער פאָדערונג פון מאָמענט, נאָר זיינען פאַרויסבאַשטימט געוואָרן און באַוואָרנט געוואָרן אין דעם געבוי פון דער וועלט ביים וועלט־באַשאַף.

און נאָך אַ מערקווירדיקערע פאַרענדערונג פון דער טראַדיציאָנעלער לערע איז געווען די פאַרוואַנדלונג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דער באַגריף פון גאָט־אַנטפּלעקונג. דער פילאָזאָפישער באַגריף פון גאָט, צו וועלכן די אידישע פילאָזאָפן האָבן זיך דערהויבן, האָט אויסגעשלאָסן יענע נאַאיווע פאָרשטעלונג פון גאָט־אַנטפּלעקונג, וואָס די פאַרשיידענע געשיכטעס וועגן גאָטס באַווייזן זיך און גאָטס ריידן האָבן געלאָזט הערן. די פילאָזאָפן זיינען איבערגעקומען די שוועריקייט דורך דער באַהויפּטונג, אַז גאָט האָט באַשאַפן אַ לויכטנדיקן קערפּער, וואָס האָט געדינט ווי אַ פאָרטרעטערישע פאָרשטעלונג פון גאָט פאַר די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט די איבערלעבונג פון גאָט־אַנטפּלעקונג. ווען גאָט האָט געוואָלט מאַכן אַ מיטטיילונג צו די נביאים אָדער צום פאָלק ישראל אַפן באַרג סיני, האָט ער, לויט דער באַהויפּטונג פון די אידישע פילאָזאָפן, ספּעציעל פאַר דעם צוועק באַשאַפן אַ קול.

די מורא ווידער, אַז דער מענטש־ענלעכער באַגריף פון גאָט אין דער תורה וועט אויך ווייטער גענומען ווערן בוכשטעבלעך, און אַזוי אַרום וועט די תורה פאַר די פילאָזאָפיש געזינטע אויפהערן צו זיין אַ דערלייזונג־מיטל — אָט די מורא האָט געצוואונגען די אידישע פילאָזאָפן צו פּראָקלאַמירן אַ דאָגמע, וואָס לייקנט אַבסאָלוט יעדע מענטש־ענלעכקייט אין גאָט־באַגריף. אַזוי אַז אַ פילאָזאָף ווי דער רמב"ם, וועלכער האָט געפילט די פולע קראַפט פון פילאָזאָפישן גאָט־באַגריף און גלייכצייטיק אַנטשלאָסן געווען אויפצוהיטן דעם פּרעסטיזש פון דער תורה, האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט אַף אָפּצושלאָגן די מענטש־פאַרענלעכונג, ווי אויסצופורעמען אין אַ דאָגמע די לערע וועגן גאָטס אומקערפּערלעכקייט, וואָס דערפון האָט במילא געפאָלגט, אַז דער וואָס באַגרייפט גאָט מענטש־ענלעך, פאַרזינדיקט זיין דערלייזונג.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ העלפט פון דער אויפגאַבע, וואָס די אידישע פילאָזאָפן האָבן גענומען אַף זיך דורכצופירן. עס איז זיי ניט גענוג געווען צו באַווייזן, אַז די תורה קאָן האַרמאָניזירט ווערן מיט די אָנגענומענע פילאָזאָפישע גאָט־אידייען. עס איז אויך פאַר זיי נויטיק געווען אָנצוטייטלען אַף דעם באַפעלנדיקן

כאראקטער פון יענע אידישע גלויבונגען בנוגע דער תורה, אָן וועל־כע זי וואָלט ניט געקאָנט פונקציאָנירן ווי א דערלייזונג־מיטל. אַט וואָרום עס איז פאַר זיי באַזונדערס וויכטיק געווען צו באַקרעפ־טיקן דעם גלויבן אין דער איבערנאַטירלעכער אָפּשטאַמונג פון דער תורה, ווי אויך דעם גלויבן אין תחית המתים און משיחס קומען. און אין צוגאַב דערצו, האָבן אויך די קעגן־פּרעטענזיעס פון קריסטנ־טום און מאַכמעדאַנענטום פאַר זיי נויטיק געמאַכט צו באַשטעטיקן די ענדגילטיקייט און אומפעלבאַרקייט פון דער תורה.

מיט איין וואָרט, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט אָפּלערנען פון אַן אויספירלעכן איבערבליק איבער דער מיטלאַלטערלעכער טעאָלאָגיע (וואָס אַזאַ איבערבליק קאָן דאָ ניט אונטערגענומען ווערן) — די לעקציע וואָלט געווען, אַז די טעאָלאָגן, פּונקט ווי די תנאים און אמוראים, זיינען הויפּטזעכלעך פאַראינטערעסירט געווען פאַרצו־שטעלן דאָס יודנטום, ווי א לעבנס סיסטעם, וואָס מאַכט דעם מענטשן מסוגל צו יענע־וועלטיקער דערלייזונג. און מיט אָט דעם ענדציל האָבן די טעאָלאָגן אויסגעטיילט יענע ספּעציפישע גלוי־בונגען, וואָס דער איד איז מחויב אָנצונעמען, אויב ער וויל, אַז די תורה זאָל אים באַהילפיק זיין אין באַקומען זיין חלק עולם הבא. אַט די ספּעציפישע גלויבונגען זיינען דאָס די עיקרים אָדער דאָגמעס, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם מיטלאַלטערלעכן יודנטום.

מענדעלזאָנס פּרוּוו צו פאָרמולירן אַ גאַנץ נייעם איינשטעל פאַרן יודנטום

ווען מיר ווענדן זיך צו מענדעלזאָנען, געפינען מיר אין אים א הייסן אידן, וואָס איז פולשטענדיק דורכגעדרונגען געווען מיט דעם גייסט פון ראַציאָנאַליזם און אויפקלערונג. די אויבן־אָנגעקע אי־דייע פון דער אויפקלערונג, וואָס איר אידישער נאָמען איז געווען השכלה — די אידייע, וואָס מענדעלזאָן האָט פּונקט אַזוי ווייניק געקאָנט איגנאָרירן, ווי דער רמב"ם אריסטאָטעלס מעטאַפיזישן גאָט־געדאַנק — איז געווען: אַז דערלייזונג, אָדער אייביק לעבן, איז אַ אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט, אָדער נוצנדיק א טראַדיציאָנעלן טערמין, דער שכר פאַר א לעבן פון פאַרנונפט און רעכטפערטיקייט אויף דער וועלט. ביידע — אי פאַרנונפט אי רעכטפערטיקייט — האָט מענדעלזאָן געהאַלטן, זיינען איינגעבאָרן דעם מענטשנס נשמה און פונקציאָנירן אומאָפּהענגיק פון וועלכער עס איז ספּעציעלער אי־בערנאַטירלעכער אנטפּלעקונג. מענדעלזאָן האָט אויף אַזאַ אופן גע־

בראָכן מיט דעם טראַדיציאָנעלן באַגריף פון דער תורה אלס דעם
איינציקן דערלייזונג־מיטל. „יודנטום", האָט ער געזאָגט, „קאָן זיך
ניט רימען מיט באַזיצן די אויסשליסלעכע אנטפּלעקונג פון די
אייביקע אמתן, אָן וועלכע דערלייזונג קאָן ניט געטראַכט ווערן; קאָן
ניט פּרעטענדירן צו זיין אַן אנטפּלעקטע רעליגיע אין דעם זין ווי
דער טערמין ווערט געוויינלעך פאַרשטאַנען". און דאָ מאַכט ער זיין
חילוק: אַנטפּלעקטע רעליגיע איז איינס און אַנטפּלעקטע גע־
זעצגעבונג איז עפּעס אַנדערש. דער קול, וואָס איז געהערט גע־
וואָרן אפן באַרג סיני, אין יענעם געדענקווירדיקן טאָג, האָט ניט גע־
זאָגט: „איך בין גאָט דיין האר, דאָס אייביקע, זעלבסט־עקזיס־
טירנדיקע וועזן, אַלמעכטיק און אלוויסנדיק, וואָס באַלוינט די
מענטשן אין צוקינפטיקן לעבן לויט זייערע מעשים". דאָס אַלץ איז
די אוניווערסאַלע רעליגיע פון דער מענטשהייט, און ניט יודנטום.
ניט די אוניווערסאַלע רעליגיע פון דער מענטשהייט, אָן וועלכער
מענטשן קאָנען ניט זיין טוגנדהאפטיק און ניט דערלייזט, איז
עס וואָס דאָרט איז אַנטפּלעקט געוואָרן 12). אין דעם פּרט איז מענ־
דעלזאָן געווען א דעאיסט, וואָרום דער תמצית פון דעאיזם איז די
פאַרוואַרפונג פון דער אידייע, אַז דערלייזונג הענגט אָפּ פון צושטי־
מען און נאָכפאָלגן דער אָדער יענער איבערנאַטירלעכער אַנט־
פּלעקונג.

אויב אַזוי, אויב די תורה קאָן מער ניט באַטראַכט ווערן, ווי
אַן אויסשליסלעכער דערלייזונג־מיטל, ווי זשע דען דאַרף זי באַ־
טראַכט ווערן? זיין ענטפער איז געווען: די תורה דאַרף באַטראַכט
ווערן ווי א געטלעכע געזעצגעבונג און ווי אַן עקספּאָזיציע פון
היסטאָרישן הינטערגרונט פון אידישן פאָלק. די אידן זיינען פאַר
אים געווען — ווי זיי זיינען עס געווען דורך זייער גאַנצער
געשיכטע — א נאַציע. ווי א נאַציע האָבן די אידן באַדאַרפט האָבן
א געזעץ קאָדעקס. זיינען זיי גליקלעכער געווען פון די אַנדע־
רע נאַציעס דערמיט, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ א
סיסטעם פון געזעצן, וואָס האָט געשטאַמט דירעקט פון גאָט. דער
פאַקט, נאַטירלעך, האָט געמאַכט די געזעצן בינדענדיק און גיל־
טיק פאַר אַלע ציטן. עס איז קלאָר, אַז אָט דער גלויבן בנוגע דער
אָפּשטאַמונג פון דער תורה האָט שוין געפאָדערט אָנצונעמען אַלץ
וואָס אין דער תורה שטייט. עס איז פאַרבאָטן געווען צו צווייפ־
לען אין די געשיכטעס וועגן די נסים, איינשליסנדיק דעם נס פון
דער גאָט מאַניפעסטאַציע אפן באַרג סיני. דאָך אָט די גלויבונגען

באַלאַנגען, לויט מענדעלזאָנען, צו אַן אַנדער קאַטעגאָריע, ווי די דאָגמעס בנוגע דער תורה, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון מיטלאַל־טער פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר די עיקר־תנאים פון דערלייזונג. פון מענדעלזאָנס שטאַנדפּונקט דאַרפן יענע תורה־גלויבונגען פון אונז אָנגענומען ווערן אויפן סמך פון דער ערלעכקייט און פאַרלעס־לעכקייט פון די יעניקע, וואָס האָבן די גלויבונגען איבערגעליפערט צו אונז. די געטרייהייט פון דעם אידן צום יודנטום דאַרף זיך הויפּטזעכלעך אויסדריקן אין די אָפּהיטונגען פון די געזעצן פון דער תורה. וואָס שייך דערלייזונג, איז זי פון אומשטערבלעכקייט, דאָס קאָן דער איד דערגרייכן דורך דער אוניווערסאַלער רעליגיע פון פאַרנונפט. אַזוי אַז דורך זיין דערקלערן, אַז דאָס יודנטום האָט קיין דאָגמעס ניט, האָט מענדעלזאָן געמיינט צו זאָגן, אַז פון איצט אָן דאַרף מען ניט דערוואַרטן, אַז דאָס יודנטום זאָל פונקציאָנירן ווי אַ מיטל צו יענע־וועלטיקער דערלייזונג — פונקציאָנירן זאָל עס ווי דער לעבנסשטייגער פון די אידן אויף דער וועלט.

מענדעלזאָנס קריטיקער, וואָס האָבן צוזאַמענגעבראַכט אַלע ביישפּילן, וואָס עדותן, אַז אין יודנטום איז פאַראַן אַ גלויבן אין דאָגמעס, האָבן פאַרזען, אַז ער האָט געזוכט צו געבן אַ לחלוטין נייעם איינשטעל דעם יודנטום. אַזוי אָבער ווי ער איז געווען דער ערשטער צו פאָרמולירן די נייע איינשטעלונג, האָבן אים געפעלט די סאַמע נויטיקע קאַטעגאָריעס אויף צו דעמאָנסטרירן איר אמתע ראַדייטונג. ער האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען עס איז נאָך ניט געווען גענוג וויסן וועגן דער געשיכטע און נאַטור פון רעליגיע, און ער איז דערום ניט אימשטאַנד געווען צו באַנעמען איר שייכות צום גרופּע־לעבן. איז אומפאַרמיידלעך געווען, ער זאָל איבערלאָזן די פראַגע וועגן דער שייכות פון די אוניווערסאַלע רעליגיעזע פּרינציפּן צו דער תורה אין אַ ערגערן פּלאָנטער ווי געווען. אָט דער ספּעצי־פישער שטריך פון מענדעלזאָנס פילאָזאָפיע פון יודנטום האָט צע־טומלט די מערסטע ביאָגראַפן זיינע, ווען זיי האָבן אים געפּרובט פאַרבינדן מיט דער רעפאָרמיסטישער באַוועגונג. פון איין זייט איז באַשיינפּערלעך זיין וואונטש צו פאַר׳מערב׳ן דעם אידן. זיין פאַר־טיידיקונג פון טאָלעראַנץ און פון געדאַנקען־פרייהייט פאַר דעם יחיד מאַכט אים פאַר אַ פאַסיקן אורפאָטער פון דער רעפאָרמיסטי־שער באַוועגונג. פון דער אַנדער זייט אָבער, זיין הנחה, אַז אידן זיינען אַ נאַציע, אַז די תורה איז איבערנאַטירלעך אַנטפּלעקט פון גאָט, און אַז עס איז דער חוב פון אידן נאָכצוקומען אירע פאַר־

שריפטן — דאָס אַלץ דערלאָזט ניט אים צו קלאַסיפיצירן אַלס פּיאָנער פון דער רעפאָרמיסטישער באַוועגונג.

דער אמת איז, אַז מענדעלזאָן האָט יאָ אַריינגעפירט אַ נייע עפּאָכע אין יודנטום. ער האָט אויסגעלייגט די אַלגעמיינע ליניען פאַר דעם איבערבוי, וואָס איז נויטיק געוואָרן דורך דער נייער וועלט לאַגע, אין וועלכער דאָס יודנטום האָט געדאַרפט זיך געפינען אַן אָרט. אָבער די ספּעציעלע באַוועגונג, וואָס איז שפּעטער אַ ווײַלע אויפגעקומען אונטער דעם נאָמען „רעפאָרם-יודענטום“, האָט זיך ניט אַנטוויקלט לויט יענע, פון אים אָנגעצייכנטע ליניען. דער רעפאָרמיזם איז באמת שולדיק אַ דאַנק מענדעלזאָנען פאַר זיין איניציאַטיווע אין אויפהויבן די פראַגע וועגן דער נויטיקייט פון אַ אידישער ניי-איינשטעלונג. אָבער דער גייסט, אין וועלכן די ניי-איינשטעלונג איז דורכגעפירט געוואָרן, איז געווען אַ ראַדיקאַלע אָפּווייכונג פון מענדעלזאָנס כונה. וואָרום אַזוי גיך דער רעפאָרמיזם האָט גענומען פאָרמולירן זיין פילאָזאָפיע פון יודנטום, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון מענדעלזאָנס הנחה, אַז אידן זיינען אַ נאַציע, און האָט פאַרוואָרפן איבערנאַטירלעכע אַנטפּלעקונג, ווי אַ יסוד פון דער תורה-אויטאָריטעט, און האָט פאַרפירט אַ שטרייט קעגן מענדעלזאָנס דעקלאַראַציע, אַז דאָס יודנטום האָט קיין דאָגמעס ניט. אַנשטאָט צו באַהאַנדלען די תורה ווי אַ געטלעכע געזעצגעבונג, פאַר דער אידישער נאַציע צו לעבן נאָך איר, האָבן די רעפאָרמיסטן די תורה צוזאַמען מיט דעם רעשט פון דער ביבל געמאַכט פאַר אַ באַזע פון אַן אוניווערסאַלער רעליגיע. און אַלס אוניווערסאַלע רעליגיע מוז יודנטום שוין האָבן גאַנץ באַשטימטע גלויבונגען, פּרינציפּן און דאָגמעס. און עס איז געווען פּערפעקט לאָגיש מצד דוד איינהאָרן און אַנדערע קריטיקער פון מענדעלזאָנען, צו דערקלערן, אַז יודנטום אָן אַלגעמיינע אָדער פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן איז גאָר קיין יודנטום ניט, ווייל פאַר דוד איינהאָרן איז יודנטום בעיקר אַן עטישער מאָנאָטעאיזם אָדער אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע.

מענדעלזאָנס פּרוב אויף אַ נייעם איינשטעל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ דורכפאַל, ווייל דער פּרוב האָט ניט געשטימט מיט קיין איינער פון די צוויי אויפפאַסונגען פון יודנטום, וואָס האָבן געגאָלטן אין זיין צייט: נעמלעך, גיט מיט דער אויפפאַסונג, אַז יודנטום איז אַן איבערנאַטירלעך אַנטפּלעקטע רעליגיע, לכתחילה באַשטימט פאַר דער דערלייזונג פון דער מענטשהייט, און ניט מיט דער

צווייטער, אז עס איז א רעליגיעזע לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס קאָן העלפן דער מענטשהייט צו דערלייזונג, אויב זי וועט רעגולירן איר לעבן לויט די פּרינציפּן פון אָט דער פילאָזאָפיע. מענדעלזאָן אליין איז ניט ביכולת געווען צוצושטעלן א דריטע קאַטעגאָריע פאַר זיין ניי־איינגעשטעלט פאַרן יודנטום, ווייל די נאַטור פון רעליגיע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען גענוג באַקאַנט, און אויך ווייל ער איז נאָך צו שטאַרק דורכגענומען געווען מיט דעם אימפּעט פון טראַ־דיציאָנעלן יודנטום צו קענען באַגרייפן, אז א אידיש לעבן איז מעגלעך אָן דעם גלויבן אין דער איבערנאַטירלעכער אָפּשטאַמונג פון דער תורה. אויב מאָמענטענווייז האָט ער זיך געשטעלט פראַגן וועגן דער היסטאָרישקייט פון די נסים און גאָט־אַנטפּלעקונגען איז ער אָבער געווען צו איבערגעבן צום וואוילזיין פון זיין פאָלק אום צו דערלויבן זיך א צו אָפענעם אויסדרוק פון ספקות, וואָס דאָס וואָלט אים פון פאָלק אָפּגעשניטן.

ניט דאָגמעס, נאָר באַדאַרפן זיינען די קריטעריומס פון אידישער געטרייהייט

זינט מענדעלזאָנס טעג אָבער זיינען פאָרגעקומען פיל ענדע־רונגען, וואָס האָבן היפּשלעך אָפּגעשוואַכט דעם אימפּעט פון דער טראַדיציע און האָבן באַוויזן, אז אידיש לעבן שיקט זיך מיט אָפּליי־קענונג פון טראַדיציאָנעלן גלויבן אין נסים און גאָט־אַנטפּלעקונג. ווען ער וואָלט געלעבט היינט צו טאָג, וואָלט ער מסתמא באַצייכנט יודנטום אַלס א ציוויליזאַציע, אַלס אַן איינגאַרטיקע און איינציק־אַרטיקע קולטור, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אויסגעאַרבעט אין פאַרלויף פון זיין דרייטויזנט־יעריקער געשיכטע. ער וואָלט איבער־פאָרמולירט זיין באַגריף פון דערלייזונג. הגם דערלייזונג איז פאַר אים שוין ניט געווען א חלק אין א קינפטיקער וועלט, וואָס גאָט וועט באַשאַפן אָפּן זעלביקן אופן, ווי ער האָט באַשאַפן די איצ־טיקע וועלט, האָט ער אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז די נשמה איז א זעלבסטשטענדיקער ספּיריטועלער יש, יחידיש און אָפּגעזונדערט פון דער סאָציאַלער סביבה, און איר געווינען פּערזענלעכן גליק איז דער איינציקער ווערטפולער צוועק פון דערלייזונג. ביי דער איצטיקער צייט וואָלט ער זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט צו באַנעמען דערלייזונג, ווי אַן אַלזייטיקע דערפילונג, וואו דער מענטש־יחיד און דער מענטש־מין זיינען אומצעטיילבאַר צונויפגעפלאָכטן — א דערפילונג, וואָס דאַרף נאָך דאָ אויף דער ערד דערפירט ווערן ביז צו פאָרענדיקונג.

אני מאמינס און לעבנס־נויטן

אין אַזאַ דערלייזונג־פּלאַן קאָן יודנטום ליכט געפינען זיין פּלאַץ אלס א ציוויליזאַציע. ווייל א ציוויליזאַציע איז אין תּוך אַן אָרגאַניזירטע און פאַרגעזעצטע מענטשלעכע סביבה, דורך וועלכער דער יחיד דערהויבט זיך ביז פּערזענלעכקייט. אַזאַ סבֿיבה איז א כּסדר שטייגנדיקער, אָרגאַנישער, ספּיריטועלער געביי, אויפגעבויט פון די סאָצאַלע, עסטעטישע און רעליגיעזע ווערטן, וואָס די יחידים — מענער און פרויען — האָבן ארויסגעבראַכט. אַזאַ אויפפאַסונג פון יודנטום פאָדערט אָן ספק א ניי־אָפּשאַצונג פון דער ראָלע, וואָס דאָס יודנטום האָט געשפּילט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. און די ניי־אָפּשאַצונג דאַרף בשום אופן ניט מינימאַליזירן די לעקציע, וואָס די מענטשהייט האָט געלערנט פון יודנטום. וואָרום אויב דאָס יודנטום דאַרף זיך קענטיק מאַכן ווי א קראַפט צום גוטן אין דער היינטיקער צייט, וועט די אומשאַצונג פון זיינע ווערטן, אויסגעדריקט אין היינטיקע באַגריפן, גיכער פון אַלץ אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג. נאָך מער, מענדעלזאָן וואָלט איצט איינגעזען, אַז אויב פּערזענלעכע רעליגיע, ווי א יאָ־אָפּרוף פון דער יחידישער נשמה אַף דער אויפפאָדערונג פון קאָסמאָס, קאָן מער ניט פאַרשטאַנען ווערן ווי צוגעהעריק און באַשרענקט צו איין באַשטימטער ציוויליזאַציע, קאָן פון דער אַנדער זייט קיין ציוויליזאַציע, וואָס וויל שפּילן א ראָלע אין דער אויסאַרבעטונג פון דערלייזונג, אין דער סאָציאַליזירטן זין ווי מיר פאַרשטייען איצט דערלייזונג, קאָן זי אַנדערש ניט ווי נאָר זיין רעליגיעז. וואָרום רעליגיע, ווי א סאָציאַלע דערשיינונג, איז דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין, צו וועלכן א ציוויליזאַציע דערגרייכט, ווען זי נעמט זיך אָן מיט אמביציע צו העלפן אירע אָנהענגער צוצוקומען צו דערלייזונג.

אין ליכט פון דער שייכות פון רעליגיע צו ציוויליזאַציע, איז די אידישע רעליגיע ניט קיין קאָלעקציע פון אַבסטראַקטע אַלגעמייןהייטן וועגן גאָט און מענטש, גענעראַליזירטע באַהויפּטונגען, וואָס ווערט אָנגענומען, אז זיי האָבן אין זיך די קראַפט צו באַשענקען מיט דערלייזונג די יעניקע, וואָס גלויבן אין זיי אָן שום שאלות; נאָר די אידישע רעליגיע איז דער זעלבסטבאַוואוסטזיין־עלעמענט פון יודנטום, באַגריפן ווי די ציוויליזאַציע פון אידישן פאָלק. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט דאַרף די אידישע רעליגיע פונאַנדערגערעדט ווערן ניט אין טערמינען פון גלויבונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר גישט מער ווי פּאַסיווע סטאַטישע אָפּרופן אַפן לעבן סתם; נאָר פונאַנדערגערעדט דאַרף זי ווערן אין טערמינען פון נויטן, נויטבאַדערפטיקייטן,

„באדארפן", וואס דריקן מיט זיך אוים באשלוסן צו קערעווען דעם גאנג פון אידישן לעבן אין דער ריכטונג פון דערלייזונג, יחידישער און סאציאלער.

נאטירלעך, „באדארפן" שליסן איין און זעצן פארוים גלויבונגען. ווי אקטיווע וואונטשן צו ענדערן אן עקזיסטירנדיקע אין א געהאפטער סיטואציע, זעצן זיי פארוים אורטיילן און גלויבונגען בנוגע דער עקזיסטירנדיקער סיטואציע און אורטיילן און גלויבונגען בנוגע דעם געווינטשטן צושטאנד. אבער „באדארפן" גיכער ווי אורטיילן ציען אריין די גאנצע פערזענלעכקייט, מיט אירע עמאציעס, ווערלענישן און דערקענטנישן. אין זיינע „באדארפן" ווערט דער מענטש צום אקטיווסטן און עמאציאנעלסטן זעלבסטבאוואוסט.

ווען מיר ריידן ניט וועגן א יחיד, נאר וועגן א ציוויליזאציע, אז זי ווערט זעלבסט־באוואוסט, נוצן מיר זעלבסטפארשטענדלעך א פיגוראטיוון אויסדרוק. דער בוכשטעבלעכער מיין פון אזא פראזע איז, אז עס זיינען פאראן ציטן, ווען די יעניקע, וואס האבן זיך איינגעלעבט מיט א געוויסער ציוויליזאציע, דערשפירן שארף אירע מענגלעכקייטן. ווען זייער דערשפירן, געוואר ווערן קריגט לשון אין ספעציפישע באהויפטונגען, אין ערפורכט פאר ספעציפישע עלעמענטן אין זייער ציוויליזאציע, יעמאלט ווערט די ציוויליזאציע א רעליגיע. דער יחיד קוקט דאן ארויף צו איר נאך הילף אף זעלבסט־דערפילונג אדער דערלייזונג.

פאלגלעך, אויב מיר ווילן מאכן די אידישע רעליגיע לעבנסנויטיק און באטייטפול, האט עס ניט קיין זין צו באהויפטן, אז געוויסע גלויבונגען בנוגע דער פארגאנגענהייט זיינען די גרונטווירטיקסטע פאר אידישער לאיאליטעט. מאנכע פון יענע גלויבונגען קומען איצט פאר ווי אויסגעדראשענע אמתן, מאנכע ווי צווייפלהאפטע באהויפטונגען און מאנכע ווי פוסטע בארימערייען. דאס מיינט ניט צו זאגן, אז מיר קאנען זיך באגיין אן אלגעמיינע מיינונגען בנוגע דער געשיכטע, די טעותן און שטרעמונגען פון דער אידישער ציוויליזאציע; פארקערט, דאס קענטניש פון דער פארגאנגענהייט פון א ציוויליזאציע איז א מוז. אבער די אויספירונגען פון געשיכטע־קענטניש קאנען ניט פארפעסטיקט ווערן אין א פראגראם, אף וועלכן דאס גאנצע פאלק זאל זיך איינייקן; זיי קאנען ניט דינען ווי א בינדנדיקע דעקלאראציע, וואס אידן האבן בדעה צו טאן מיט זייער יודנטום. די אויספירונגען קאנען בלויז אויסגעדריקט ווערן אין טערמינען פון „געזאלט זיין", וואונטשן, „באדארפן", אף

וועלכע אלע אידן זאָלן קאָנען מסכים זיין, הגם זיי קאָנען אויס-דריקן זייערע וואונטשן אַף פאַרשיידענערליי אופנים, וואָס זיינען צום בעסטן צוגעפּאַסט צו די פאַרשיידנאַרטיקע טעמפּעראַמענטן, הינטערגרונטן און פייאיקייטן.

די פראַגן, וואָס אידן דאַרפן זיך פרעגן, זיינען: „וואָס איינגט-לעך דערוואַרטן מיר, אַז דאָס יודנטום זאָל טאָן פאַר אונזער דערליי-זונג, יחידישער און קאָלעקטיווער? וואָס וואָלט געדאַרפט זיין די געהעריקע פונקציאָנירונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון יודנטום, פון זיינע אויטאָריטאַטיווע טעקסטן, טראַדיציעס, אינסטיטוציעס, סאַנקציעס און קונסטן, כדי די אַלע עלעמענטן פון דער אידישער ציוויליזאַציע זאָלן זיך באַרעכטיקן פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן וואוילזיין און פּראָגרעס?" — דורך דעם סאַמע אַקט פון פרעגן אַזעל-כע פראַגן וואָלטן די אידן געוואָרן שאַרף באַוואוסטזיניק וועגן זייער ציוויליזאַציע, און זי וואָלט זיך גענומען קריסטאַליזירן ווי א לעבנסקרעפטיגע, פונקציאָנירנדיקע רעליגיע.

די ספּעציפישע דינסטן, וואָס אידן וואָלטן דערוואַרט און גע-פאָדערט פון זייער יודנטום, וואָלטן צונויפגעשטעלט א מין גלויבן-באַקענטניש, ענלעך אָדער גלייכוועַרטיק צו די „אני מאמינס", מיט וועלכע די אידישע רעליגיע, אויף איר יענע-וועלטיקער שטופע, פלעגט פּרובן די געטרייהייט פון אירע אָנהענגער. די סומע פון די אַלע דערוואַרטונגען און פאָדערונגען וואָלט דאַן געדינט ווי א קריטעריום פון דער אידישער געטרייהייט היינט צו טאָג, ווען די פילפאַכקייט פון גלויבנס-שטאַנדפּונקטן און פון וועלט-אַנשויאונגען מאַכט אומוואַרשיינלעך און אפילו ניט געוואונטשן גלייכפאָרמיקייט אין אמונה-ענינים. די אמונה-עיקרים, די באַיאָאונגען און באַהויפּ-טואונגען פון יודנטום, וואָלטן מער ניט געווען בלויז דעקלאַראַציעס, וואָס ווערן געחזרט אַף צו להכעיס דעם שכל אָדער דער געשיכטע. נאָר זיי, די באַיאָאונגען, וואָלטן געגעבן קול צו דעם, נאָך וואָס דער איד לעכצט מיטן גאַנצן האַרצן; צו דעם, וואָס איז אים תוכיק נוגע אלס א אידן. זיי וואָלטן אַרויסגערעדט, וואָס יודנטום דאַרף מיינען פאַר אים, כדי אינספּירירט צו ווערן מיט וואונטש עס צו פאַראייביקן, צו באַרייכערן און צו מאַכן עס פאַר א קוואַל פון ברכה פאַר דער גאַנ-צער מענטשהייט.

ווען דאָס קריטעריום פון לאָיאַליטעט צום יודנטום וועט נישט זיין מער א טאַבעלע פון „דאָגמעס" — פון אני מאמינס — וואָס דאַרפן בלינד אָנגענומען ווערן, נאָר די ווירקלעכע שפּירונג פון א

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

באַדערפעניש צו באַרייכערן דעם אייגן לעבן דורך דער אידישער ירושה, וועט עס דאַרפן פאַרמולירט ווערן אין די טערמינען פון פאָלגנדיקע נויטן, וואונטשן, „באַדאַרפן":

מיר ווינטשן דאָס יודנטום זאָל אונז העלפן איבערקומען נסיונות, ספקות און אנטמוטיקונג.

מיר ווינטשן דאָס יודנטום זאָל אונז אָנזאַפּן מיט אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ גערעכטער באַנוצונג פון די ברכות, מיט וועלכע גאָט האָט אונז באַשאָנקען.

מיר ווינטשן דער איד זאָל געטרויט ווערן, אז זיין יאָ זאָל אָנגענומען ווערן פאַר יאָ און זיין ניין פאַר ניין.

מיר ווינטשן צו לערנען ווי צו באַנוצן אונזער פרייע צייט פאַר אונזער בעסטער פיזישער, אינטעלעקטועלער און ספּיריטועלער טובה.

מיר ווינטשן די אידישע היים זאָל נאָכקומען איר טראַדיציאָנעלן שטאַנדאַרט פון גוטע מידות און פרומקייט.

מיר ווינטשן די אידישע דערציאונג פון אונזערע קינדער זאָל ווירקען צו זייער מאָראַלישן און ספּיריטועלן וואוקס און זיי פייאיק מאַכן אָנצונעמען מיט פרייד זייער ירושה אלס אידן.

מיר ווינטשן די סינאַגאָגע זאָל אונז פייאיק מאַכן צו דינען גאָט אין אמת און אויפריכטיקייט.

מיר ווינטשן אונזערע רעליגיעזע טראַדיציעס זאָלן אויסגעטייטשט ווערן אין טערמינען פון פאַרשטענדלעכער דערפאַרונג און זאָלן געבראַכט ווערן אין שייכות צו אונזערע היינציי־טיקע נויטן.

מיר ווינטשן זיך צו באַטייליקן אין אויפבוי פון ארץ ישראל ווי א מיטל פון ווידערגעבורט פון אידישן גייסט.

אני מאמינס און לעבנס-נויטן

מיר ווינטשן דאָס יודנטום זאָל געפינען א רייכן, פּילפּאַכן און כסדר זיך באנייענדיקן אויסדרוק אין דער פילאָזאָפיע, אין דער ליטעראַטור און אין די קונסטן.

מיר ווינטשן אַלע פאָרמען פון אידישער אָרגאַניזאַציע זאָלן דינען צו ספּיריטועלער כונה און עטישער באַמיאונג.

מיר ווינטשן די אחדות פון ישראל דורך דער וועלט זאָל גע־פלעגט ווערן דורך קעגנזייטיקער הילף אין צייט פון נויט און דורך קאָאָפּעראַציע פאַר דער שטאַרקונג פון יודנטום צו אַלע צייטן.

מיר ווינטשן דאָס יודנטום זאָל פונקציאָנירן ווי א קרעפטיקנדיקער איינפלוס צו גערעכטיקייט, פרייהייט און פרידן אין לעבן פון מענטשן און פעלקער.

קאַפּיטל אַכט

די אידישע רעליגיע און די באַזיצלאָזע

די פּאַרצייטיקע שטעלונג צו אָרעמקייט

פּאַרצייטיקע לאָגיק האָט אַלעמאָל זיך באַוועגט אין אַ צירקל פון רעליגיעזע אידייען. אַלע טעמים און דערקלערונגען האָבן אַלע מאָל געפירט צוריק צו אַ וועלכער עס איז אָנגענומענער באַהויפּטונג וועגן גאָט. אפילו דער גלויבן, אַז אַ מענטשנס לעבן האָט עפּעס אַ ווערט, האָט זיך געדאַרפט שטיצן אויף דעם מענטשנס פאַרהעלטניש צו גאָט. צום ביישפּיל, וואָס האָט געקאָנט זיין זעלבסטפאַרשטענדלעכער ווי דער געזעץ קעגן בלוטפאַרגיסונג? דאָך די פּאַרצייטיקע האָבן געפילט אַ באַדערפניש אין אַ שכלדיקן טעם. און דער שכלדיקער טעם איז געווען ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט — בצלם אלהים: „דער וואָס פאַרגיסט בלוט פון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן; וואָרום אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן” 1). אָט וואָרום, אין אַלע ענינים, וואָס זיינען שייך צו אַ מענטשנס חוב צו זיינע מיטמענטשן, איז דער שטיץ־פּונקט פון אַרגומענט געזוכט געוואָרן ניט אין מענטשנס אינטערעס, נאָר אין כאַראַקטער פון גאָט. אָבער הויפּטזעכלעך אין די פּרינציפּן, וואָס מאָטיווירן די אויפפירונג קעגן די אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע, באַגעגנען מיר די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע אילוסטראַציע צו דער גאָט־צענטרישער אינטערפּרעטאַציע פון רעכט און אומרעכט. אויב מיר ווילן זיך דערקונדיקן ביז וואָס פאַר אַ גראַד די אידישע רעליגיעזע ווערטן פון אַמאָל זיינען געווען גאָט־צענטריש, און ווי אַזוי זיי לאָזן זיך איבערזעצן אין הומאַניסטישע טערמינען, האָבן מיר קיין בעסערן וועג ניט, ווי צו מאַכן אַן אויספירלעכן שטודיום פון די הנחות, אויף וועלכע די פּאַרצייטיקע אידישע געזעצן וועגן אָרעמעלייט זיינען געשטיצט געווען.

פון איין זייט, איז דאָס ניט געווען די זאָרג פאַר די אָרעמעלייט, נאָר דער באַגריף פון גאָטס כאַראַקטער, וואָס האָט געגעבן די באַזע פאַר דער פליכט צו העלפן זיי. פון דער אַנדער זייט איז

דער אינטערעס אין קענען גאָטס כאַראַקטער צום גרויסן טייל מאָטיווירט געווען פון דעם געדאַנק, וויפיל אַזאַ קענטניש וואָלט בייגעטראָגן צו דער ריכטיקער שטעלונג צו די אָרעמעלייט. דער פסוק אין תהלים: „גערעכט איז גאָט אין אַלע זיינע וועגן, און גענאָדיק אין אַלע זיינע מעשים” 2) — נעמט צונויף אַלץ וואָס די פּאַרצייטיקע אידן האָבן זיך געדאַגהט צו וויסן וועגן גאָט. זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום מעטאַפיזישע נייגעריקייט, וואָס וואָלט זיי געקאָנט ברענגען צו אַ וועלכער עס איז מעטאַפיזישער אָדער אַבּסטראַקטער אידייע וועגן גאָט. זיי זיינען פאַראינטערעסירט געווען פריער פון אַלץ אין יענע אַטריבוטן פון גאָט, פון וועלכע זיי האָבן געקאָנט אָפּלערנען דעם מין אויפירונג, וואָס וועט אים וואוילגעפעלן. די פאַרצייטיקע רעליגיעס האָבן בדרך כלל פאַרבינדן די גאָטהייט מיט יענע קעגנשטאַנדן אָדער כוחות אין דער נאַטור, וואָס האָבן געגעבן דעם מענטשן דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען קאַפּאַבל צו טאָן אים שאדן אָדער גוטס. די הויפּט־פונקציע פון די רעליגיעס איז באַשטאַנען אין איבערבעטן די געטער און אַרויסקריגן פון זיי חסדים דורך צערעמאָניעס און מתנות. אָבער די אידישע רעליגיע, בפרט ווי די נביאים האָבן זי געטייטשט, האָט געזוכט צו פאַרבינדן גאָטהייט מיט די געזעצן און מנהגים, וואָס האָבן צונויפגעהעפט די מענטשלעכע געזעלשאַפט און וואָס זיינען געווען גרונט־נויטיק פאַר איר אויפהאַלטונג. אָט וואָרום זי זוכט דעם מין פון גאָטהייט אין דעם גייסט פון די העכסטע סאָציאַלע געזעצן און אין די איידלסטע מאַניפעסטאַציעס פון מענטשנס אויפפירונג, מיט דער כונה אויפצוהאַלטן אָט דעם גייסט אין לעבעדיקער ווירקזאַמקייט. אַזוי אַ שטייגער באַטאָנט די אידישע רעליגיע די געטלעכע אַטריבוטן פון גערעכטיקייט און גנאָד הויפּטזעכלעך פאַר דעם צוועק צו דערמאָנען דעם מענטשן, ווי בינדנדיק עס איז פאַר אים נאָכצוקומען די געזעצן, וואָס שפּיגלען אָפּ יענע געטלעכע מעלות 3).

די דריי הויפּט־וויכטיקע ביבלישע הנחות, אויף וועלכע דער חוב פון צדקה צו אָרעמעלייט איז געשטיצט און וועלכע זיינען פון די בעלי התלמוד נאָך ווייטער אויסגעאַרבעט געוואָרן, זיינען ווי פאָלגט: 1) אַז די אָרעמעלייט זיינען גאָטס האָדעוואַניקעס און פּענסיאָנערן; 2) אַז גאָט, ווי דער גאָט פון גערעכטיקייט, פאַרלאַנגט אַז צו די אָרעמעלייט זאָל אומגעקערט ווערן, וואָס איז פון זיי צוגענומען געוואָרן; און 3) אַז גאָט, ווי דער גאָט פון רחמנות, דערוואַרט פון אונז צו סימפּאַטיזירן מיט אַלע די, וואָס זיינען אין נויט און צו טאָן

אלץ וואס איז אין אונזער כוח זיי צו פארלייכטערן. איצט לאמיר זען, ווי יעדער פון די מאטיוון האט געהאלפן אויספורעמען דאס אידישע באוואוסטזיין בנוגע די אנטארבטע, די באזיצלאזע.

1. — לויט דער תורה איז די כהנים און לויים ניט געגעבן געווארן קיין חלק אין לאנד, ווען דאס לאנד איז איינגעטיילט געווארן צווישן די שבטים פון ישראל. ווערנדיק אזוי ארום אנטארבט, זיינען זיי אנגעוויזן געווארן אף גאטס פרייגעביקייט. גאט איז געווארן, אזוי צו זאגן, זייער חלק און נחלה 4). דאס ווערט אנגעגעבן אלס גרונט פאר די פארשיידענע געזעצן בנוגע די אפערונגען, וואס זיינען געווען דער קוואל פון זייער חיונה. אין זעלביקן גייסט זיינען באהאנדלט געווארן דער אביון, די אלמנה, דער יתום און דער פרעמדער. אזוי ווי זיי זיינען געווען אן נחלאות, וואס גאט האט צוגעטיילט דעם רעשט פון פאלק, זיינען זיי בארעכטיקט געווען צו די אנדערע גאטס מתנות. דאס איז דער פרינציפ, וואס באגרינדעט דעם געזעץ, אז זיי זאל געגעבן ווערן א פארציע, צוזאמען מיט די לויים, אין די אפערונגען בעת די גרויסע ימים טובים, ווען עס פאלק האט עולה רגל געווען צום בית המקדש 5). נאך מער, דאס געזעץ האט פארגעשריבן, אז פאר די ארעמעלייט זאל באשטימט ווערן א חלק אין דעם איינטראג פון די פעלדער און גערטנער, אפן זעלביקן שטייגער ווי פאר די כהנים און לויים. יעדן דריטן יאר האט מעשר פון גאנצן גערעטעניש געדארפט אפגעשיידט ווערן פאר די ארעמעלייט 6). דער ספאנטאנער נאכוואוקס פון לאנד אין שמיטה־יאר, ווען דאס לאנד איז ניט באארבעט געווארן, הגם פריי פאר אלעמען, איז הויפטזעכלעך באשטימט געווען פאר דער אונטערשטיצונג פון די ארעמע 7). די פראקטיק איבערצולאזן פאר ארעמעלייט די תבואה ביי די ברעגן פון די פעלדער 8); ווי אויך די נאכזאמלונג פון די פעלדער — דעם זאנגען־אפפאל ביים שניידן און די קערנער, וואס זיינען פארזען געווארן 9); ווי אויך דעם איבערבלייב פון די פרוכטגערטנער און וויינגערטנער — אט די פראקטיק האט געשטאמט מסתמא פון דעם געצנדינערישן מנהג איבערצולאזן די רעשטן פון די גערעטענישן, ווי אן אפערונג פאר די גייסטער, וואס לויט דער פרימיטיווער פאנטאזיע האבן זיי ארומגעוואגלט איבער די פעלדער. און ווען שפעטער האט ביי די בני ישראל זיך איינגעשטעלט דער גלויבן, אז די אביונים זיינען גאטס פענסיאנערן, זיינען די אפערונגען אפגעווענדט געווארן פון די גייסטער צו דער אויפהאלטונג פון די אביונים.

אין די תּלמודישע שריפטן איז ווידער אַרויסגערוקט געוואָרן די לערע, אַז די אָרעמעלייט זיינען באַרעכטיקט צו גאָטס פּאַטראָנאַזש. אַף דעם פּסוק פון משלי: „זאָלסט ניט באַגזלן דעם שוואַכן, ווייל ער איז שוואַך, און ניט דריקן דעם אָרעמאַן ביים טויער" — 10) גיבן די תּלמודיסטן אַזאַ מין פּירוש: „אויב איינער איז אַן אָרעמאַן, ווי קאָן ער באַגזלט ווערן? איז דערפון צו דרינגען, אַז דער פּסוק באַציט זיך אַף די מתּנות, וואָס דער געזעץ באַפעלט אָפּצושיידן פאַר די אָרעמעלייט, דהיינו, די נאָכזאַמלונג, די פאַרגעסענע זאַנגען, די ברעגען פון די פעלדער און דער מעשר, וואָס דאַרף זיי געגעבן ווערן יעדן דריטן יאָר. ווען מען פאַרפעלט זיי צו געבן די מתּנות, מאַכט מען זיך שולדיק אין גזלה: מען נעמט ביי זיי אַוועק, וואָס באַלאַנגט צו זיי. ווי דער אייגנטימער פון פעלד, ניט זייענדיק צעפרידן מיט דעם, וואָס ער באַזיצט, וואָלט בדאַי גרייט געווען צו באַרויבן די אָרעמעלייט דערפון וואָס גאָט האָט זיי באַווילִיקט" 11). די גמרא 12) דערציילט פון אַן אָרעמאַן, וואָס איז געקומען צו רבא און געבעטן שפּייז, האָט ער אים געפרעגט: וואָס ביסטו געוואוינט צו עסן? האָט יענער געענטפערט: געפילטע הון מיט אַלטן ווייַן — „דענקסטו ניט, האָט רבא אים געפרעגט, אַז דאָס איז אַ ביסל צו גרויסע הוצאה פאַר דער געמיינדע?" — עס איז ניט זייער שפּייז וואָס איך עס, האָט דער בעטלער געענטפערט — „גאָט גיט מיר". — און דער בעטלער, וועלכער איז קענטיק קיין עם הארץ ניט געווען, האָט דאָ געגעבן זיין אייגענעם פּירוש אַף דעם פּסוק: „די אויגן פון אַלעמען קוקן אויס אַף דיר, און דו גיסט זיי זייער שפּייז אין ריכטיקער צייט" 13) — „דערפון איז געדרונגען, האָט ער געזאָגט, אַז גאָט וויל אַז איטלעכער זאָל באַקומען די שפּייז וואָס ער באַדאַרף".

אַז די אָרעמעלייט באַלאַנגען צו גאָטס הויזגעזינט, לאָזט אונז אויך הערן דעם מאמר: „האָט געזאָגט הקדוש ברוך הוא צום פאָלק ישׂראל: דו האָסט פיר קלאַסן פאָלק אין דיין הויזגעזינט — דיינע זין, דיינע טעכטער, דיינע קנעכט און דיינע דינסטן. אַזוי האָב איך אויך פיר קלאַסן: די לויים, די פרומע, די יתומים און אלמנות" 14). פון אָט דעם באַגריף וועגן אָרעמעלייט איז אין מיטלאַלטער אַרויסגעוואַקסן דער פּרינציפּ, אַז די עשירות וואָס איינער באַזיצט איז אַ פאַנד, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן פון גאָט, צו פאַרוואַלטן מיט אים לויט גאָטס וואונטש. — „ס'איז גאָטס וואונטש, אַז אַ טייל

פון דעם זאָל געגעבן ווערן צו אָרעמעלייט. דערפאַר געבן צדקה צו אָרעמעלייט איז בלויז אומקערן גאָט וואָס אים קומט" 15).

2. — דער פּראָצעס ווי אַזוי אָט דער גלויבן אין גאָטס גערעכטיקייט האָט ניט נאָר ארויסגעפאָדערט אַ גרעסערע איינזעעניש מיט די אָרעמעלייט, נאָר האָט אויך געפירט דערצו, אַז די אָרעמעלייט זאָלן אידעאַליזירט ווערן, ווי קרבנות פון זייער ערלעכקייט — איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון רעליגיע און עטיק.

פון סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט איז די נביאישע באַוועגונג געווען אַ רעליגיעזער אויסדרוק פון סאָציאַלן געראַנגל צווישן די שטאָט-איינוואוינער פון איין זייט, וועמעס גיטער אפן לאַנד האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן, און די פאַראָרעמטע פּויערים, פון דער אַנדער זייט, וואָס זייערע פעלדער און נפשות זיינען פאַרמשכנט געווען צו די רייכע גוטבאַזיצער. דער נביא האָט אין די פאָדערונגען פון די מאַכטהאָבער געזען אַן אומטרייהייט צו יהוה, אַן איבערטרעטונג פון זיין משפּט. משפּט, ווי דער אויסדרוק ווערט גענוצט אין דער ביבעל, באַציט זיך אויף דעם סיסטעם פון ציווילע און קרימינעלע געזעצן, וואָס זיינען צוגעשריבן געווען צו יהוה, און וואָס זייער כוונה איז געווען — ניט צו דערלאָזן צו דער קאָנצענטרירונג פון גרונט-אייגנטום אין די הענט פון די אַדעללייט, צו דער עקספּלואַטאַציע פון די פּויערים ארענדאַטאָרס און צו דער באַ־נאַפונג פון זייערע פאַרמשכנטע לענדער. אַזוי ווערט דערציילט וועגן נביא שמואל, אַז ער האָט געוואָרנט דאָס פאָלק קעגן איינפירן די אינסטיטוציע פון מאָנאַרכיע מיט דעם אָנווייז אויף דער באַהאַנדלונג, וואָס דאָס פאָלק קאָן זיך אויסריכטן פון אַ מלך, וואָס וועט לאָזן געוועלטיקן זיין אייגענעם משפּט אָנשטאָט דעם משפּט פון יהוה, און אַזוי האָט ער געוואָרנט:

„און אייערע בעסטע פעלדער און וויינגערטנער און אייל-בערטגערטנער וועט ער צונעמען און אוועקשענקען צו זיינע קנעכט. און פון אייערע זאָמען און אייערע וויינגערטנער וועט ער נעמען מעשר, און אוועקשענקען צו זיינע הויפדינער און צו זיינע קנעכט. און אייערע קנעכט און דינסטן און בעסטע בחורים און אייזלען וועט ער צונעמען און פאַרטאָן פאַר זיין אַרבעט" 16).

און אויך אין נאָמען פון יהוה האָבן מיכה און ישעיה פאַרדאַמט די הערשנדיקע קלאַסן פאַר זייער צורוקן הויז צו הויז און פעלד צו פעלד:

„ווי צו די וואָס טראַכטן אומרעכט,
און אַרבעטן אויס בייז אויף זייערע געלעגערס!
אין ליכט פון פרימאָרגן פירן זיי עס אויס,
ווייל עס איז אין דער מאַכט פון זייער האַנט.
און זיי גלוסטן פעלדער און גזלען;
און הייזער און נעמען צו;
און באַרויבן אַ מאַן מיט זיין הויז,
און אַ מענטשן מיט זיין נחלה״ 17).

„ווי צו די וואָס רוקן אַ הויז צו אַ הויז,
גענענען אַ פעלד צו אַ פעלד,
ביז ניט מער קיין אָרט
און איר אַליין בלייבט זיצן אין לאַנד״ 18).

„גאָט וועט גיין אין אַ משפט,
מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק און זיינע האַרן;
דאָס האָט איר אָפּגעגעסן דעם וויינגאָרטן,
די גזלה פון אָרעמאַן אין אייערע הייזער.
וואָס מיינט איר, וואָס איר צעדריקט מיין פאָלק,
און דעם פנים פון די אָרעמע צעמאָלט איר? —
זאָגט דער האַר, גאָט פון צבאות״ 19)

יהוה איז פאַר די נביאים געווען דער גאָט פון משפט, אָדער ווי מיר וואָלטן היינט זיך אויסגעדריקט, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. זייער ליידנשאַפט פאַר גערעכטיקייט איז געווען פון אַזאַ הויכן גראַד, אַז אָט דער אַטריבוט פון יהוה איז פאַר זיי געוואָרן דער סאַמע קריטעריום פון גאָטהייט. די אַנדערע וועזנס, וואָס די כנענים און די אַרומיקע פעלקער פאַרערן, מעגן טאַקי עקזיסטירן, אָבער זיי זיינען ניט ווערט קיין פאַרערונג; זיינען זיי דאַרום ניט קיין געטער. אַזוי האָט אין געדאַנק פון די נביאים אויפגעטויכט די איבערצייגונג, אַז די אַנדערע פעלקער וועלן מיט דער צייט זיך אָפּטרייסלען פון זייערע אייגענע געטער, וואָס פאַרדינען ניט גע־ערט צו ווערן, און זיי וועלן זיך צוקערן צום גאָט פון ישראל.

דער טאָג פון יהוה, ווי מיר האָבן געזען, איז ביז די נביאים ביים פאָלק פאַררעכנט געווען ווי דער טאָג פון נאַציאָנאַלן טריאומף פאַר ישראל. די נביאים אָבער האָבן אים גענומען אויסטייטשן ווי

דעם טאָג פון נאַציאָנאַלן אומגליק. ערשט דורך דעם אומגליק, האָבן די נביאים פּראָקלאַמירט, וועלן יהוה און זיין משפט גערעכט־פערטיקט ווערן. דאָס איז געווען זייער דיאַלעקטיק, געשטיצט אַף דעם באַגריף פון יהוה, ווי אַ גאָט פון גערעכטיקייט. און אַזוי איז עס געוואָרן דער סאַמע שאַרף פון זייער שליחות:

„ווי צו די וואָס באַגערן דעם טאָג פון יהוה,
צו וואָס אייך דען דער טאָג פון יהוה?
ער איז פינצטער און ניט ליכטיק" 20)

„וואָרום אַ טאָג איז דאָ ביי יהוה פון צבאות,
אויף אַלעם שטאָלצן און הויכן,
און אויף אַלעם דערהייבענעם,
עס זאָל דערנידערט ווערן. . . .
און די האָפערדיקייט פון מענטשן וועט געבויגן ווערן.
און די הייכקייט פון לייט וועט דערנידערט ווערן
און יהוה אליין וועט זיין דערהויבן אין יענעם טאָג" 21).

אין דער פאָרשטעלונג פון די נביאים האָט דער צוזאַמענברוך פון דער מלוכה, מיט דעם באַגלייטנדיקן סאָציאַלן חורבן, מיט דעם פאָלקס פאַרטריבן ווערן אין גלות אריין, געזאָלט נאָכגעפאָלגט ווערן פון אַ נייער און גערעכטער סאָציאַלער אָרדנונג, צו וועל־כער דער ווערטפולער רעשט וועט באַלאַנגען:

„און עס וועט זיין,
דער וואָס איז געבליבן אין ציון,
און דער וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ירושלים,
וועט „הייליקער" גערופן ווערן צו אים —
איטלעכער וואָס איז פאַרשריבן צו לעבן אין ירושלים;
ווען יהוה וועט אָפּוואַשן דעם קויט פון די טעכטער פון ציון,
און דאָס בלוט פון ירושלים שווענקט ער אָפּ פון איר מיט,
מיט אַ ווינט פון גערעכטיקייט,
און מיט אַ ווינט פון פאַרטיליקונג" 22).

זיינען די נביאים אַזוי אַרום געווען די אָנזאָגער פון סאָציא־לער דערשיטערונג און קאַטאַסטראָפע, אַלס פאָרשפּיל צו אַ בע־

כערער וועלט־אָרדנונג. און זייער עובדה איז געווען צו געבן וואָרנונג, כדי די, וואָס וועלן זיך נעמען אין אַכט, זאָלן זיך קאָנען ראַטעווען פון רעם בייזן טאָג.

מיט דער אומפאַרמיידלעכער טענדענץ פון די נביאים צו טייטשן דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבן געזען אין די סאָציאַלע אומשטענדן, ווי א צולהכעיס צו גאָטס געזעץ, האָבן זיי ניט געקאָנט קומען צום באַגריף פון קלאַסנקאַמף. ניט די רייכע און ניט די אָרעמע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט גרופּן, וואָס זאָלן קאָנען פאַררעכנט ווערן ווי צדדים אין אַ קאַמף. פונדעסטוועגן, אין פאַרלויף פון יאָרן, האָט אַזאַ קלאַסיפיקאַציע זיך יאָ אריינגעשמוגלט אין אידישן באַוואוסטזיין, מיט דעם רעזולטאַט, אז די רייכע האָבן אָנגעהויבן קלאַסיפיצירט ווערן, ווי רשעים און גאַטלאָזע; און די אָרעמע און שפלע ווי די גוטע און פרומע. אפן זעלביקן אופן, ווי די וואָס טייטשן די געשיכטע היינט צו טאָג אין די טערמינען פון קלאַסנקאַמף, זיינען גענייגט צו זען אין פראָלעטאַריער בלויז אַ קרבן פון עקספּלואַטאַציע, פאַרקוקענדיק דעם פאַקט, אז אויך ער קאָן ווערן א טיראַן און אַן עקספּלואַטאַר, אויב ער וועט באַקומען די געלעגנהייט. אזוי האָט זיך אַנטוויקלט ביי די אידן א מין רעליגיעזע פראָלעטאַרישקייט, וואָס האָט אידעאַליזירט די אָרעמע און נויט־באַדערפטיקע, פאָרשטעלענדיק זיי ווי צדיקים, וואָס זייער ערלעכקייט האָט זיי געמאַכט פאַר לייכטע קרבנות פון די תקיפע און מזלדיקע.

די אידעאַליזירונג פון די אָרעמעלייט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט נאָך דעם אומקער פון גלות בבל, ווען די מאסע פון אידישן פאָלק איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן צו דלות, און עשירות און מאַכט, האָט אויסגעזען, איז געווען נאָר צו געפינען ביי די פרעמדע־לענדישע אונטערדריקער און ביי דעם קליינעם קלאַס דערפאָלגרייכע אידן, וואָס האָבן זיך געפריינטלט מיט זיי. עניוות און אָרעמקייט זיינען אף אַזאַ אופן געוואָרן די קענצייכנס פון געטרייהייט צו גאָט. די יעניקע, וואָס האָבן פאַרלאָרן אין קאַמף קעגן אַלערליי בייזע סיבות, רעליגיעזע, סאָציאַלע און פּאָליטישע, האָבן אָבער ניט פאַרלאָרן זייער מוט, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז גאָט וועט סוף כל סוף זיך אַנטפּלעקן און מאַניפעסטירן זיין מאַכט, דערנידעריקנדיק די פאַרריסענע תקיפים און דערהויבנדיק די ווייכהערציקע און נויט־באַדערפטיקע (23).

דאָס, וואָס דער נביא איז געווען דער פאָרקעמפער פאַרן אָרעמאַן, האָט איבערגעלאָזט א ניט פאַרגייענדיקן סימן אין אידישן כאַראַקטער. דאָס איז די ווירקונג פון דעם נביא וואָס אין דעם אידנס גייסט האָט זיך פאַרוואָרצלט דער באַגריף, אַז אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד און ניט קיין צייכן פון נידעריקייט. אָרעמקייט קאָן זיין אינגאַנצן דער רעזולטאַט פון די הערשנדיקע שטאַנדאַרטן אין דער געזעלשאַפט, וואָס שטייען אין וועג דער סאָציאַלער רעפאָרם. די אידישע ציוויליזאַציע קאָן זיין איז ניט די איינציקע פון איר מין, וואָס באַטראַכט וואוילטעטיקייט פאַר א רעליגיעזן חוב. ווען עס קומט צו די עלעמענטאַרע נויטן און פליכטן, ענטפערט די מענטשלעכע נאַטור אפן זעלביקן אופן ביי אַלע פעלקער 24). אָבער די אידישע ציוויליזאַציע איז זיכער געשטאַנען איינע אַליין אין דער פאָרקריסטלעכער עראַ מיט איר איינשטעלן זיך פאַר די אינטערעסן פון די אָרעמעלייט, מיט איר איינזען, אַז זייער אָרעמקייט צושטאַנד האָבן זיי ניט געבראַכט אַליין אַף זיך, נאָר ער איז אַף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן דורך די איבלען פון דער סאָציאַלער אָרדנונג.

עס איז גענוג נאָר א בלעטער צו טאָן דעם תהלים, אום באַלד זיך צו איבערציינגן, ווי שאַרף עס ווערט אַקצענטירט די צעטיילונג אַף רשעים־תקיפים און צדיקים־אביונים. די אידעאַליזירונג פון די אָרעמעלייט האָט געמאַכט די אידישע הייליקע שריפטן, דורך אַלע צייטאַלטערס און קלימאַטן, גאָר באַזונדערס מסוגל צו געבן קול און לשון די ליידן פון די אונטערדריקטע און געטראָטענע אין זייער האָפנונגסלאָזן קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער און פייניקער. נאָך מער, דאָס איז געווען אָט די צונויפהעפטונג פון אָרעמקייט און פרומקייט, וואָס דאָס קריסטנטום האָט איבערגענומען פון דער אידישער רעליגיע און איבערזעצט אין אַזעלכע פועל יוצא'ס, וואָס דאָס יודנטום האָט זיי אַף דער מחשבה ניט געהאַט. צווישן די ערשטע רעקרוטן פון קריסטנטום זיינען געווען די „אביוניטן", וואָס ווי זייער נאָמען ווייזט, האָבן דערהויבן אָרעמקייט צו א קולט. הגם די אידישע רעליגיע איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי דאָס קריסטנטום, אין גלאָריפיקאַציע פון אָרעמאַן, האָט זי אָבער איינגעהאַלטן אין פולער קראַפט דעם אויסגלייכונג־פרינציפ, וואָס האָט אינספירירט די נביאים. קיינער אין מאָדערנער צייט האָט אַזוי ניט געשפירט דעם עפעקט פון די מאָראַלע ווערטן, וואָס די אידישע שטעלונג בנוגע אָרעמעלייט האָט געבראַכט מיט זיך, און קיינער

האט מיט אזא פאנאטישער פארביסנקייט ניט באקעמפט אָט די רחמנות־טענדענץ, ווי פרידריך ניצשע. עס איז קיין פראגע ניט, אז די בעסטע אידעאלן קאָנען געמאכט ווערן צו פונקציאָנירן ביז איבערטרייבונג. און די וועלט איז שולדיק א דאנק ניצשען פאר זיין קאָרעגירן די אומזיניקע איינרעדענישן וועגן אָרעמקייט, צו וועלכע די סימפּאַטיע מיט איר הילפלאָזיקייט האט געגעבן געבורט. א קאָרעקציע איז נויטיק געווען, אָבער כל זמן די אידישע און קריסט־לעכע רעליגיעס עקזיסטירן, וועט ניצשעס לייזונג פון פּראָבלעם פון אָרעמקייט דורך דער אויסראָטונג פון די אָרעמעלייט ניט גענומען ווערן ערנסט אין באַטראַכט.

די נביאים האָבן ניט געענדערט אַף א האָר די סאָציאַלע אָרד־נונג, קעגן וועלכער זיי האָבן גערונערט. דער סאמע באַגריף פון ענ־דערן די סאָציאַלע אָרדנונג איז פון זיי ניט געחלומט געוועזן. זיי איז אָבער יאָ געלונגען סענסיטיוו צו מאכן דעם אידישן געוויסן בנוגע צו־הילף־קומען די אָרעמע און נויט־באדערפטיקטע. איינער פון די נאָך־גלות־בבל־נביאים האט געפרעדיקט, אז רעכטשאפנקייט דאַרף זיך אויסדריקן ניט בלויז אין גוטמאכן די אומגערעכטיקייטן, וואָס זיינען באגאנגען געוואָרן קעגן די שוואכע או שוצלאָזע, נאָר אויך אין שפייזן די הונגעריקע, אין באקליידן די נאקעטע. און דערקלערנדיק, וואָס פאר א מין גאָטעסדינסט גאָט פארלאנגט, ניט ער נאָך צו צו דעם:

„איז עס ניט, אָפּצוברעכן פון דיין ברויט דעם הונגעריקן,
און פארוואָגלטע אָרעמע זאָלסטו אריינברענגען אין דיין הויז?
אז דו זעסט א נאקעטן, זאָלסטו אים באדעקן
און פון דיין אייגן פלייש זאָלסטו זיך ניט פארהוילן?" 24)

אין פארלויף פון דער צייט, האט דער גאנצער ענטוזיאזם, וואָס די נביאים האָבן ארויסגערופן לטובת סאָציאַלער רעכטשאפנקייט, זיך צוזאמענגעלאָפן צו צדקה. אזוי האט דאס וואָרט צדקה, וואָס האט לכתחילה געמיינט „סאָציאַלע גערעכטיקייט", געענדערט איר מיין אין „נדבות־געבונג". אין די שפּעטערדיקע אידישע שריפטן הערן מיר אלץ ווייניקער וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט און אלץ מער וועגן אונטערשטיצונג פון די נויטליידנדיקע. אין ספר איוב, וואָס געהערט ווארשיינלעך צום פּעריאָד, ווען די נבואה האט שוין געהאט אויפגעהערט, געפינען מיר שטעלע נאָך שטעלע, וואָס שפּיגלען אָפּ די עולמשע איבערציגונג, אז העלפן די אָרעמע איז

אַ קאַרדינאַלע פליכט, וואָס איר פאַרנאַכלעסיקונג איז אַ קאַרדינאַלע זינד. אליפז התימני, פאַרטיידיקנדיק גאָט קעגן איוב'ס באַשולדיקן אים אין אומגערעכטיקייט, זאָגט צו אים:

„אַ טרונק וואַסער דעם פאַרשמאַכטן פלעגסטו ניט געבן,
און פון דעם הונגעריקן פלעגסטו פאַרמיידן ברויט.
„יאָ דעם מאַן מיטן אָרעם, אים געהערט די ערד,
און דער אָנגעזעענער, ער מעג וואוינען אויף איר."
אַלמנות האָסטו אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן,
און די אָרעמס פון יתומים פלעגן צעדריקט ווערן" 26).

אין לויף פון אַרגומענט ענטפערט איוב אַן אויפגעבראַכטער:

„אויב איך פלעג פאַרמיידן דעם פאַרלאַנג פון די אָרעמע,
און די אויגן פון דער אַלמנה לאָזן אויסגיין;
אָדער איך פלעג עסן מיין ביסן אַליין,
און דער יתום האָט דערפון ניט געגעסן —
ניין; פון מיין יוגנט אָן איז ער אויסגעוואַקסן ביי מיר ווי ביי אַ פאָטער,
און פון מיין מוטער ליב אָן פלעג איך זיי פירן.
אויב איך פלעג צוזען אַן אומגליקלעכן אָן אַ מלבוש,
און אָן אַ צודעק דעם אביון;
אויב זיינע לענדן האָבן מיך ניט געבענטשט,
ווייל מיטן אָפּשער פון מיינע שאָף פלעגט ער זיך דערוואַרעמען;
אויב איך האָב געהויבן אויף אַ יתום מיין האַנט,
ווייל איך פלעג זען מיינע העלפער אין טויער,
זאָל מיין אַקסל פון מיין נאַקן אַראָפּפאַלן,
און מיין אָרעם זאָל פון געלענק אויסגעבראָכן ווערן" 27).

3 — אחוץ דער געטלעכער מעלה פון גערעכטיקייט, וואָס איז געגרופן געוואָרן צו הילף לטובת די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע אין ישראל, האָבן די וואָס האָבן זיך פאַרשולדיקט מיט שלעכטס טאָן צו די אָרעמע נאָך דערמאָנט געוואָרן, אַז גאָט איז אַ גאָט פון מיטלייד. אַ בפירושע דערמאָנונג וועגן דעם געפינען מיר אין דעם געבאָט צו באַהאַנדלען די אָרעמע מיט לייטזעליקייט און איינזעעניש 28). הגם אָט די געטלעכע מעלה ווערט זייער אָפט באַ־

טאָנט ווי א דערמאָנונג אָן גאָטס גרייטקייט צו פאַרגעבן זינד, יוערט זי ניט זעלטענער געניצט אָנצואווייזן אַף זיין גיריקייט צו העלפן די יעניקע וואָס זיינען אין אומגליק. פאַר א קאָנטראַסט צווישן גאָט פון ישראל און די געטער פון אַנדערע פעלקער, באַשרייבט אים דער נביא הושע ווי אַ גאָט, ביי וועמען דער עלנטער געפינט דערבאַרעמונג 29). די קוואַליטעט פון געטלעכער רחמנות איז אומבאַגרעניצט אין איר אָנווענדונג. גוט איז גאָט צו אַלעמען, און זיין רחמנות איז אַף אלע זיינע ווערק 30). דאַרום, ווען איינער איז האַרטהערציק אין זיין באַהאַנדלונג פון די אָרעמע, האַנדעלט ער ווי ער וואָלט אויסגעלאַכט גאָט פאַר זיין באַרעמהערציק. פון דער אַנדער זייט, איינער וואָס לאָזט זיך פירן פון געפיל פון מיטלייד, פאַרקערפערט אין זיך די מעלה, וואָס ער פאַרהערלעכט אין גאָט. „דער וואָס דריקט דעם אָרעמאַן לעסטערט זיין באַשעפער; און דער וואָס דערבאַרעמט זיך אויפן אביון גיט אים כבוד” 31).

דורך דעם געטלעכן אטריבוט פון מיטלייד ווערט די צדקה־פראַקטיק אויסגעברייטערט אין פאַרנעם און באַרייכערט מיט סאַנקציאָנירנדיקער אויטאָריטעט. צדקה ווערט מער ניט באַשרענקט מיט שפייזן די הונגעריקע און באַקליידן די נאַקעטע. זי שליסט שוין איין די האָדעוואַניע פון יתומים, פדיון שבוים, בקור חולים, הכנסת כלה, דאָס ברענגען צו קבורה פאַרלאָזטע טויטע, דאָס ווידוי זאָגן מיט שטאַרבנדיקע און דאָס באַווייזן גאַרטפרייַנטלעכקייט צו דורכווייזנדיקע — די גאַנצע לייַנג און ברייט פון מענטשלעכע ליידן ווערט געעפנט פאַר דעם מענטשנס צו הילף קומען צו זיינע מיט־מענטשן.

דער געטלעכער אַטריבוט פון מיטלייד העלפט אונז אַנטדעקען א גוטן טעם פאַר העלפן דעם נויטליידנדיקן מיטמענטשן, צי האָט ער יאָ אָדער ניט א שייכות צו אונז. ווען דער וואָס איז אין נויט איז אַ קרוב, איז דאָך אודאי דאָ אַ טעם ער זאָל פון אונז געהאָלפן ווערן, וואָרום צו זיין האַרטהערציק קעגן אייגן בלוט מיינט האַנדלען אומנאַטירלעך, אָדער ווי דער פאַרצייטיקער העברעער וואָלט זיך אויסגעדריקט, האַנדלען להיפוך צו גאָטס געזעץ. ווען דער פאַרצייטיקער געזעצגעבער הויבט אָן דעם געבאָט צו העלפן די אָרעמע מיט דער פראַזע: „אויב דיין ברודער איז פאַראָרעמט געוואָרן” 32), האָט ער דערמיט בלויז געוואָלט אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז א מיטגליד פון אייגענעם פאָלק איז אַ ברודער און א קרוב און דאַרום באַרעכטיקט צו אונטערשטיצונג לויט אַלע כללים

פון פארנונפט און נאטור. אָבער ס'איז אים בשום אופן ניט איינגע־פאלן צו זאָגן, אז דער וואָס איז ניט קיין קרוב איז ניט באַרעכ־טיקט צו אונטערשטיצונג. פון דער אַנדער זייט, אויב דער, וואָס ליפערט זיך אויס צו אונזער חסד, איז א פרעמדער אָדער אַן אויס־לענדער, דאַרף זיין עלנטקייט, זיין אויסגעשטעלט זיין צום שאָדן, ווייל עס איז ניטאָ קיינער ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר אים — דאָס אליין דאַרף ארויסרופן אין אונז סימפּאַטיע. אז עס איז נישט מער ווי נאטירלעך אנטקעגנצוקומען מיט רחמנות איינעם, וועלכער איז אין א פרעמד לאַנד, ווערט דעמאָנסטרירט דורך דער אומעטומעדיקער פארשפרייטקייט פון דעם מנהג פון גאסט־פריינטלעכקייט. צווישן די פרימיטיווסטע פעלקער איז דער פרעמ־דער, וואָס זוכט גאסטפריינטלעכקייט, באשיצט דורך הייליקע באַ־וואָרענישן, וואָס מען טאָר אַף זיי ניט עובר זיין אונטער רייזיקע ארויפצוציען אַף זיך גאָטס נקמה. עס איז דארום קיין וואונדער ניט וואָס די גרינגשעצונג פון דער פליכט פון גאסטפריינטלעכקייט ווערט אין דער ביבל פאַרגעשטעלט ווי א זינד איבער אלע זינד, פאַר וועלכע די פארצייטיקע שטעט סדום און עמורה זיינען אזוי שווער באַשטראָפט געוואָרן 33). די פליכט פון ארויסווייזן מילדקייט צום פרעמדן פליסט נויטווענדיק ארויס פון א פּאַראַלעלן אטריבוט אין כאראקטער פון גאָט, וועלכער ווערט געשילדערט ווי א ליב־האָבער פון פרעמדן 34).

אויב די רעליגיע פון די נביאים, אין גרויסן גאַנצן, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער איבערגעבענקייט צו גערעכטיקייט, דאַרף מען וועגן דער רעליגיע פון די תלמידי חכמים זאָגן, אַז זי איז באַהערשט געוואָרן פון געפיל פון רחמנות און סימפּאַטיע. צו זיין אויסגעליידיקט פון רחמנות הייסט, לויט די חכמים, זיין אוממענטשלעך. וועגן די אידישע גבירים פון בבל האָט דער אמורא רב געזאָגט, אַז זיי האָבן געמוזט זיין די אָפּשטאַמלינגע פון ערב רב, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט די אידן, ווען זיי האָבן פאַר־לאָזט מצרים, ווייל ווען א געלערנטער האָט זיי געבעטן זיי זאָלן אים לייען געלט אַף צו עפענען א געשעפט, האָבן זיי אים איינמאָל אָפּגעזאָגט; און ווען ער האָט זיי געבעטן זיי זאָלן לכל הפחות אים געבן אָפּצועסן, האָבן זיי נאָך אמאָל אים אָפּגעזאָגט 35).

רחמנות איז אָנערקענט געוואָרן, ווי אַ נאַציאָנאַלער אידישער שטריך 36), און זי איז באַוואוסטזיניק קולטיווירט געוואָרן ווי דער קוואַל פון אלע גוטע מידות; און רחמנות האָט אריינגעגעבן

אין דער צדקה, ווי זי ווערט פּראַקטיצירט פון אידן, אַזאַ אינער־לעכקייט און טיפקייט, אַז מען דאַרף עס זען אין האַנדלונג, כּדי נעהעריק זי אָפּצושעצן. צום גליק, איז דער סך־הכּל־דיקער פּועל יוצא פון רחמנות אויסגעדריקט געוואָרן אין אַ טערמין, וואָס ברענגט שאַרף אַרויס איר אמתן כאַראַקטער אין אונטערשייד פון פּראָסט־פּשוטן נדבות־געבן. דער טערמין איז גמילת חסדים — די באַשענקונג מיט ליבעס־גנאָד — וואָס ווען איבערזעצט אין האַנדלונג, גיט עס אַריין אַ נייע נשמה אין דער פּראַקטיק פון צדקה. איינמאָל האָט מען דעם באַטייט פון גמילת חסדים באַגריפן, האָט מען זיך שוין גאָר ניט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי מען קאָן זיך אָן איר באַגיין. די גמרא מאַכט עס פאַר דעם גרונט־פּרינציפּ פון צדקה, אַז דאָס איז דער גייסט פון גמילת חסדים וואָס פּאַרוואַנדעלט נדבה אין אַן אמתער וואוילטאַט 37). דער סאָרט נדבות געבן, וואו עס פעלט דער עלעמענט פון גמילת חסדים, ווערט פאַרדאַמט. רש״י, אין זיין קאָמענטאַר צו דער גמרא, מאַכט פאָלגנדיקן אונטערשייד צווישן נדבות־געבן און גמילת־חסדים: „בלויז געבן געלט צו אָרעמעלייט איז נדבות געבן, אָבער ווען מען נעמט אָן זיך אַ טרחא צו העלפן די אָרעמעלייט, איז עס גמילת חסדים, ווי אַ שטייגער, ווען איינער וואַרט ניט ביז די אָרעמעלייט וועלן קומען צו אים, נאָר ער ברענגט זיין נדבה צו זיי; ווען ער זוכט אויס וועגן, ווי זיין בייטראַג זאָל ברענגען דעם גרעסטן סכום גוטס צו די יעניקע, וואָס דאַרפן פון דעם בענעפיטירן. אַזאַ פּערזענלעכער דינסט איז די נשמה פון צדקה־טאַט״ 38). — גמילת חסדים, זאָגן חז״ל, איבערשטייגט נדבות געבן אויף דריי וועגן — דער געבער גיט זיך אַליין, עס העלפט די רייכע פּונקט ווי די אָרעמע און עס לאָזט זיך אָנווענדן אויף די טויטע פּונקט ווי אויף די לעבעדיקע״ 39).

דעם מאָטיוו פון מיטלייד, וואָס איז אַלעמאָל דאָ אין דער אידישער צדקה, איז עס בעיקר צו פאַרדאַנקען, וואָס דאָס יודנטום האָט אַזאַ רעאַליסטישע פאַרשטענדניש פאַר דעם שלעכטס פון אָרעמקייט. אָרעמקייט ווערט באַשריבן ווי אַ ליידן, וואָס איבער־וועגט אַלע אַנדערע מינים ליידן. איוב ווערט געמאַכט צו זאָגן, אַז ער וואָלט גיכער פאַרגעצויגן די אַלע אַנדערע איבלען, וואָס זיינען אים באַפאַלן, איידער אָרעמקייט 40). עס איז ניט בלויז דער פיזישער ווייטיק פון הונגער, אָדער דאָס פעלן פון אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואָס מאַכט אָרעמקייט פאַר אַזאַ אומגליק, נאָר די פּערזענ־לעכע דעמאָראַליזאַציע וואָס זי ברענגט מיט זיך. זאָגט רב: „דער

וואָס איז אָפּהענגיק פון גרויסמוט פון אַנדערע, איז זיין וועלט פאַרפינצטערט". און זיין תלמיד רב חיסדא האָט צוגעגעבן: „אַ לעבן אין אָרעמקייט איז קיין לעבן ניט" 41). דער פאַרלוסט פון פערזענלעכער אומאָפּהענגיקייט, וואָס קומט מיט אָרעמקייט, איז אַזאַ גרויל פאַר דעם אידן, אַז נאָך יעדן מאָלצייט בעט ער גאָט, ער זאָל קיינמאָל זיך ניט נויטיקן אין מתנות פון אַ מענטשנס האַנט.

און ניט אַנדערש ווי דער עלעמענט פון סימפּאַטיע, וואָס ווירקט אין אידישן צדקה־סיסטעם, האָט דאָס אַרויסגעבראַכט די שטרענגע וואָרנונג, ניט צו פאַרגרעסערן די גייסטיקע ליידן, וואָס אָרעמעלייט האָבן אויסצושטיין צוליב זייער אָנגעוויזנקייט אויף צדקה. יעדער מעגלעכער פאַרהיטונגס־מיטל ווערט אָנגענומען צו פאַרשפּאָרן זיי די בושה און די דערנידריקונג פון בעטלען. די משנה גיט אָנצוהערעניש אויף אַ געהיימער קאַמער, וואָס האָט עקזיסטירט אין בית המקדש, וואו די פרומע פלעגן איבערלאָזן זייערע מתנות, אומ־באַמערקט פון קיינעם, און וואו די אָרעמעלייט האָבן געקאָנט קריגן וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, אויך אומבאַמערקט פון קיינעם 42). דער ארץ ישראלדיקער אמורא רבי ינאי האָט איינמאָל דערזען, ווי איינער גיט אַ נדבה צו אַן אָרעמאַן בפרהסיה; האָט ער צו אים גע־זאָגט: „עס וואָלט שוין בעסער געווען דו זאָלסט אים גאָרנישט געבן, איידער געבן און אַרויסשטעלן אים צו שאַנד" 43). עס איז געווען די געוויינלעכע פּראַקטיק פון די חכמים איבערצולאָזן געלט אין געהיים ביי די טירן פון די אָרעמעלייט. אַ צווייטער ארץ ישראלדיקער אמורא רבי יונה האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט צו דעם פסוק אין תהלים, וואָס לייענט זיך: „גליקלעך איז דער, וואָס נעמט אין באַטראַכט די אָרעמעלייט" — און ער האָט דערויף גע־לערנט: „מערקט, עס ווערט ניט געזאָגט, גליקלעך איז דער וואָס גיט צו די אָרעמע, נאָר ווער עס נעמט זיי אין באַטראַכט. עס איז אייער חוב פּראַזיכטיק צו באַטראַכטן אויף וועלכן וועג צו העלפן דעם וואָס נויטיקט זיך" 44). רבי יונה האָט פּראַקטיצירט וואָס ער האָט געלערנט, וואָרום ווען ער פלעגט געוואָר ווערן, וואו אַ באַמיטל־טער מאַן איז פאַראָרעמט געוואָרן און ער שעמט זיך צו ווענדן זיך נאָך שטיצע, פלעגט ער גיין צו אים און זאָגן: „איך האָב געהערט אַז אַ קרוב אייערער איז געשטאָרבן אין אַ וויטן לאַנד און האָט אייך איבערגעלאָזט אַ ירושה. נעמט עס דערווייל, און ווען איר וועט זיין אין בעסערע אומשטענדן, וועט איר עס מיר צוריקצאָלן".

— און ווען דער מאַן פלעגט ניט וועלן אָננעמען די אָנגעבאָטענע הילף, פלעגט רבי יונה אים זאָגן: „נו גוט, נעמט עס דערווייל ווי א מתנה".

די הומאַניסטישע אויסטייטשונג פון די געטלעכע אַטריבוטן פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט

דער דאָ־געבראַכטער איבערבליק איבער דער רעליגיעזער אי־דעאָלאָגיע, וואָס ליגט אין יסוד פון די פּאַרציטיקע אָרעמקייט־געזעצן פון די אידן, קאָן איבערלאָזן אין סך הכל דעם איינדרוק, אַז עס האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט די היינטיקע סאָציאַלע פּראָב־לעמען. ס'האָט א פּנים, ווי מ'וואָלט געוואָלט לייזן היינט צו טאָג די פּראָבלעמען פון אַסטראָנאָמיע, צוריקפאַלנדיק צום פּטאָלאָמייאישן סיסטעם פון ספערן.

די רעליגיע אָבער איז פּונקט אַזוי ווייניק געבונדן צו גאָט־צענטריזם, ווי די אַסטראָנאָמיע צו ערד־צענטריזם. גאָט־צענטריזם איז בלויז אַן איבערגייענדיקע פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון רעלי־גיע, וואָס איז אָפּגעהאַנגען געווען פון א באַגרעניצטער קענטניש פון דער מענטשלעכער נאַטור און געשיכטע. עס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אָננעמען נסים און איבערנאַטירלעכע אַנטפּלעקונג, ווי נאָר־מאַלע דערשיינונגען. נאָך מער, עס איז געווען דער פונדאַמענט פון אויטאָריטעט אין דער פאַרגאַנגענהייט. די הויפּט מניעה, וואָס לאָזט ניט אָפּטרעטן פון די טראַדיציאָנעלע מעטאָדן און כללים פון אויפפירונג, וואָס האָבן איבערגעלעבט זייער נוצלעכקייט, איז די פּרעטענזיע, אַז זיי האָבן זייער אורשפּרונג אין גאָט. ווען רע־ליגיע וואָלט פאַרמשפּט געווען, אָן אַפּעלאַציע, צום גלויבן אין נסים און צו בלינדער געהאָרכזאַמקייט צו דער אויטאָריטעט פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָלטן אירע טעג געווען געציילטע. אָבער עס זיינען דאָ געווען אָנווייזן, אַז די אידישע רעליגיע האַלט זיך אין באַפרייען פון גאָט־צענטריזם און נעמט אָן דעם הומאַניסטישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון אויפפירונג — אין יענער פאָרם זיינע, וואָס לייקנט ניט די פונקציע פון רעליגיע. די אידישע רעליגיע קאָן באַהויפּטן אָנצונעמען הומאַניזם, אַלס א מעטאָד און וועגווייזונג אין באַ־שטימען די מיטלען און די אינסטרומענטן, וואָס זיינען אויסגע־רעכנט צום בעסטן צו דינען דער פאַרמערונג פון מענטשלעכן וואויל־שטאַנד; די אידישע רעליגיע קאָן אפילו אָננעמען די גלאָריפי־קאַציע פון דעם וואוילשטאַנד, אַלס דער העכסטן קריטעריום פון

דער עטישקייט פון יחידישע אַקציעס און סאָציאַלע אינסטיטו־ציעס; אָבער די אידישע רעליגיע באַשטייט גלייכצייטיק דערויף, אַז די שטעלונג וואָס מענטשן פאַרנעמען צום לעבן אין גרויסן גאַנצן — דאָס מיינט די רעליגיעזע שטעלונג — איז פון סאַמע אויבער־שטער וויכטיקייט, ווייל די שטעלונג איז עס, וואָס גיט אריין זין און גילטיקייט אין אלע עטישע באַמיאונגען.

אַזוי אַז אָננעמענדיק הומאַניזם במקום דעם טראַדיציאָנעלן גאָט־צענטריזם, באַטרעט די אידישע רעליגיע א נייע שטופּע פון איר געשיכטלעכער קאַריערע — די הומאַניסטישע. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז זי וועט פאַרבראַקירן און פאַרוואַרפן די אַלע יענע ווערטן, צו וועלכע זי האָט זיך דערראַנגלט אף איר גאָט־צענטרישער שטופּע. דאָס וואָלט באַטייט איבעררים פון המשך און טויט; דאָס וואָלט געווען אַן אומזיסטע פאַרשווענדונג פון אָנגעזאַמלטער ספּיריטועלער ענערגיע. אַנשטאָט דעם וועט די אידישע רעליגיע זיך באַנוצן מיט די רעזולטאַטן פון דער הומאַניסטישער פאָרשונג גופא, כדי אומצושאַצן אָדער איבערצוטייטשן די אַמאָליקע ווערטן אירע. זי וועט מאַכן נוץ פון דעם נייעם ליכט, וואָס איז גע־וואָרפן געוואָרן אף דער מענטשלעכער נאַטור, ספּעציעל ווי זי האָט פונקציאָנירט אין די פאַרשיידענע רעליגיעס פון דער וועלט, פון דער פּרימיטיווסטער ביז דער ציוויליזירטעסטער, און אַזוי אַרום באַשטימען, וועלכע טראַדיציאָנעלע אידישע ווערטן שפּיגלען אָפּ יענע אינעווייניקסטע נויטווענדיקייטן אָדער פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, וואָס וועלן זיכער אַלעמאָל זיך דורכזעצן, עס מאַכט ניט צו וועלכער שטופּע פון קולטור מיר זאָלן זיך דערהויבן.

אדאנק דער נייער פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע פון רעליגיע, קאָנען מיר זיך איצט גרונטעווען אונטער דער אויבערפלאַך פון מאַנכע פון די משונהדיקסטע גלויבונגען און צערעמאָניעס און אַזוי אַרום אַנטדעקן, ווי עס אַרבעטן די פונדאַמענטאַלע באַדערפנישן, (א חוץ שפּייז און געשלעכטס־הונגער) — וואָס זיי קאָנען אַנ־דערש ניט באַפרידיקט ווערן, ווי נאָר דורך אַ רעליגיעזער לעבנס־אויפפאַסונג. מיט דער הילף פון אָט די נייע וויסנשאַפטן, דאַרף די אידישע רעליגיע בכוח זיין אויסצופאָרשן די ספּיריטועלע און עטישע ווערטן וואָס זי האָט באַשאַפן און אַרויסציען פון זיי יענע אמתן, וואָס האָבן אַ פּערמאַנענטן באַטייט פאַרן מענטשלעכן לעבן.

איינמאָל לערנען מיר זיך אויס צו לייענען די אָנגעזאַמלטע ירושה פון אַ רעליגיע ניט אין די טערמינען פון אירע אייגענע איבער־

נאַטירלעכע פּרעטענזיעס, נאָר ווי אַ פּסיכאָלאָגישן געפלעכט פון מענטשלעכער דערפאַרונג, געווינט די ירושה אַן אומפאַרגלייכלעכן ווערט, ווי אַ באַלערנענדיקער אָנווייז אַף די טענדענצן פון אונזערע מענטשלעכע אַספּיראַציעס. אַפילו אין די געניע און באַווייזבאַרע וויסנשאַפטן איז ניט אַלעמאָל פאַר זייער טובה צו פאַרוואַרפן לגמרי די טעותדיקע השערות און שלוסן, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונז פון דער פאַרגאַנגענהייט. מערערע פון די באַאָבאַכטונגען פון דער פּטאָלאָמייאישער אַסטראָנאָמיע האָבן ערשט באַקומען זייער ריכטיקע אָפּשעצונג אין קאָפּערניקוס׳ אַסטראָנאָמיע. נאָך אמתער איז עס בנוגע סאָציאַלע אידעאַלן און אַספּיראַציעס — דאָ איז פון הויפּטוויכטיקייט די באַשטעטיקונג פון א טענדענץ דורך די דערפאַרונגען פון אַמאָל. די באַשטעטיקונג האָט אפשר ניט די קראַפט פון אַ לאָגישן, אָדער מאַטעמאַטישן, אָדער פיזיקאַלישן באַווייז, אָבער זי שטעלט אונז צו דעם נויטיקן מאָראַלישן אימפּעט וואָס גיט טריב־קראַפט צו אַזעלכע אידעאַלן און אַספּיראַציעס, וואָס ווען ניט באַלויכטענע פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָלטן זיי געבליבן פּאַסיוו און לעבלאָז. עס איז דערום ביז גאָר ראַטזאַם אויסצושיידן און אַרויסצוהייבן די הומאַניסטישע אָנצוהערענישן פון די דריי הויפּט־מאָטיוון אין דער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע פון די פּאַרצייטיקע אידישע אָרעמקייט־געזעצן: — גאָט אַלס דער פּאַטראָן־באַשיצער פון די אָרעמע, די פליכט צו באַהאַנדלען זיי אין גייסט פון גאָטס גערעכטיקייט און די אומבאַדינגטע נויטיקייט צו העלפן זיי אין גייסט פון גאָטס רחמנות.

עס איז דער אָנגענומענסטער אמת אין דער וויסנשאַפט פון רעליגיע, אַז דער פּאַרצייטיקער מענטש ז׳ניט געווען ביכולת צו פאָרמולירן אין ווערטער דעם באַגריף פון געמיינדע־אחריות, אַלס אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ. דער גאָט־פּאַטראָן פון אַ שטאַם, אַ שבט, אַ פאָלק איז אין דער ווירקלעכקייט די אָביעקטיווירונג פון יענעם אומזיכטבאַרן סאָציאַלן כוח, וואָס ווערט געבאָרן דורך דער קעגנזייטיקער באַווירקונג פון די יחידים פון אַ גרופּע — אַן אומזיכטבאַרער כוח, וואָס זיין ממשות אָבער פּרעסט אַף יעדן יחיד פון דער גרופּע מיט אומווידערשטייטלעכער קראַפט. ווען מיר, מיט אונזער אַנטוויקלטער פייאיקייט צו אַבסטראַקציע, געפינען נאָך אַלץ פאַר נויטיק אויפצושטעלן סטאַטועס פון פרייהייט און גערעכטיקייט און אַרויסצוהענגען פאָנען, צו אילוסטרירן דעם באַגריף פון לאַנד און פון אַלץ, וואָס לאַנד באַטייט פאַר אונז, ווי האָבן מיר

נקקאָנט דערוואַרטן, אַז די פּאַרציײַטיקע זאָלן זיך באַגיין אָן אַ זיכטבאַרער אָדער פאַרבילדלעכטער רעפּרעזענטאַציע פון דער גע־מיינדע, אַלס אָרגאַנישע גאַנצקייט? פאָלגלעך, ווען מיר לייענען אַזאַ דעקלאַראַציע ביים מחבר פון תהלים: „גאָטס איז די ערד און די פול־קייט פון איר״ 45), וואָס דער בוכשטעבלעכער מיין דערפון איז, אַז צו גאָט באַלאַנגט די ערד, מיט אַלע זאַכן אויף דער ערד, איז פון הומאַניסטישן שטאַנדפּונקט אויסגעטייטשט, מיינט עס, אַז באַזיץ איז ניט קיין שייכות צווישן דעם יחיד־באַזיצער און דעם קעגנ־שטאַנד פון באַזיץ, נאָר באַזיץ איז אַ שייכות, וואָס ווערט פאַר־מיטלט אָדער צוגעטיילט פון דער געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצער. גאָט שטייט דאָ פאַר דער געזעלשאַפט. פונקט אַזוי איז מיט דעם פאַקט, אַז קיין יחיד באַלאַנגט ניט באמת צו זיך אַליין — אָן אָנגענומענער אמת אין דער מאָדערנער סאָציאַלער וויסנשאַפט. אָט דער פאַקט איז שוין אַריינגעמיינט אין דער פאַרציײַטיקער לערע, אַז אַלע מענטשן באַלאַנגען צו גאָט. פאָלגלעך, די קלאַסיפיצירונג פון די נויטבאַדערפטיקע מיט די כהנים און לויים, אַלס באַרעכטיקטע צו די ספּעציעלע אָפּערונגען, וואָס ווערן גלייבצייטיק באַטראַכט אַלס אָפּערונג צו גאָט, ווען אויסגעטייטשט הומאַניסטיש, באַטייט עס, אַז די געזעלשאַפט נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאַרזאָרגונג פון די אָרעמע. ס׳איז באַוואוסט, ווי ביי אידן האָט דער באַגריף, אַז די אָרעמעלייט זיינען די פענסיאָנערן פון גאָט, געפונען אויסדרוק אין דער אָרגאַניזירונג פון זייערע צדקה־טעטיקייטן. אט די פּראַקטישע פאַרווענדונג פון אַ פאַרציײַטיקן באַגריף באַ־ווייזט, אַז עס איז קאָרעקט אויסצוטייטשן דעם באַגריף ווי אַ פאַרבילדלעכטע אַרויסהויבונג פון דעם אמת, אַז די אָרעמעלייט קאָנען ניט איבערגעלאָזן ווערן צו די קאַפּריזן פון די יחידישע געוויסנס.

פון הומאַניסטישן שטאַנדפּונקט דאַרפן די געטלעכע אַטריבוטן פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט באַטראַכט ווערן ווי פּערזאָניפי־צירונגען פון די טענדענצן אין דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס אַרבעטן לטובת דעם מענטשלעכן וואוילזיין. די אידישע רעליגיע פון דער צוקונפט וועט נערן אָננעמען אָט דעם אויספיר פון מאָדער־נעם געדאַנק און זי וועט אים אַריינוועבן אין איר אייגענעם אידייען־געוועב, כדי דורכדעם צו העלפן אירע אָנהענגער דערשפּירן דאָס לעבן אין זיין זינפולן, און דאַרום אויך געטלעכן סך־הכל. זי וועט ניט דערלויבן אירע אָנהענגער יוצא צו זיין מיט דער פאַרליי־

לענונג פון די פּאַרציייטיקע פּערזאָניפיצירונגען. זי וועט זיי שטויסן צוצושרייבן מער ווי מענטשלעכן באַטייט צו די טענדענצן, וואָס ווירקן צום מענטשלעכן וואוילזיין; זיי זאָלן דערזען אין די טענדענצן אַן אויסשפּרייטונג אין מענטשנס לעבן פון די געזעצן, וואָס געהערן צו דער סאַמע נאַטור פון קאָסמאָס — אַזוי אַז דאָס מיטבאַטייליקן זיך אין סאָציאַלע ווערק אין גייסט פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט איז אַ זעלבסטבאַהעפטונג מיט דעם לעבנס־דראַנג פון וועלט־אַל. דאָס איז די רעליגיעזע מאָטיווירונג, וואָס די אידישע רעליגיע וועט אָן ספק האָדעווען, אַזוי גיך זי וועט אָננעמען די הומאַניסטישע לעבענס־פילאָזאָפיע.

וואָס זיינען גענוי די טענדענצן אין דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס זיינען אין די פריערדיקע צייטן פּערזאָניפיצירט געוואָרן אַלס די געטלעכע אַטריבוטן פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט און אויף וועלכע די רעליגיע וועט אין דער צוקונפט אַרויספּרעסן איר מאָטיווירונג? — ווען מיר זיך דאַרפן באַהעלפן מיט וועלכן עס איז קריטעריום, וואָס זאָל לאָזן אונז דערקענען יענע סאָציאַלע כוחות, וואָס ענטפערן אויף די אידעאַלן פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט, אַלץ איינס צו זיי ווערן געטראַכט ווי טיילן פון דער מענטשלעכער נאַטור אָדער זיי ווערן אַריינגעוואָרפן אין דער נאַטור פון גאָט. דער קריטעריום דאַרף זיין: — ביז וואָס פאַר אַ גראַד יענע כוחות ווירקן סיי צו דער פולשטענדיקער זעלבסט־רעאַליזירונג פון דעם מענטש־יחיד און סיי צו דעם מאַקסימום פון סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע און האַרמאָניע. מיט דעם באַגריף גערעכטיקייט פאַרבינדן מיר אַלעמאָל דאָס באַקומען פאַר יעדן איינעם צו וואָס ער איז באַרעכטיקט. עס איז אַ נאַטירלעכער געדאַנק ביי אונז, אַז די צוועקן פון גערעכטיקייט זיינען געדינט צום בעסטן, ווען יעדער יחיד איז ביכולת אויסצונוצן צום גוטן וועלכע כוחות ער זאָל נאָר באַזיצן. פון דער אַנדער זייט אַנערקענען מיר, אַז גנעדיקייט, מילדקייט און סימפּאַטיע זיינען מעלות, וואָס פירן צו קאָאָפּעראַציע. געפינען מיר אַלזאָ, אַז די מאָדערנע סאָציאַלע אַספּיראַציעס צו אַ מאַקסימום פון זעלבסט־רעאַליזירונג און קאָאָפּעראַציע ענטפערן אָפּ די וואונטשן, וואָס די פאַרצייטיקע האָבן אויסגעדריקט, ווען זיי האָבן צוגעשריבן צו גאָט די אַטריבוטן פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט. די אידעאַלן פון אינדיווידואַליטעט און קאָלעקטיווויטעט, פּונקט ווי די אידעאַלן פון גערעכטיקייט און גנעדיקייט, שליסן אויס, אויפן ערשטן בליק, איינע די אַנדערע.

אָבער די עצם אויפגאַבע פון סאָציאַלן און ספּיריטועלן לעבן באַשטייט אין צונויפּברענגען זיי צו א סינטעז.

די אידישע רעליגיע א שטויס־קראַפט צום קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט

כדי צו פאַרשטיין וואָס פאַר א שייכות דאָס אויבן־געזאָגטע האָט צו דער פראַגע: — מיט וועלכן וועג די אידישע רעליגיע דאַרף זיך פאַרנעמען היינט צו טאָג? — איז נויטיק צו נעמען חשבון פון די סאָציאַלע שטרעמונגען אין דער מאָדערנער צייט. דער אייראָפּעאישער רענעסאַנס פון 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט האָט מיטגעבראַכט די אַנטדעקונג, אַז דאָס מענטשלעכע באַשעפעניש איז א זעלבסטשטעטיקער אַגענט, וואָס איז קאַפּאַבל אויס אייגענער איניציאַטיווע צו ענדערן די קאָנדיציעס, וואָס באַשטימען זיין וואוילזיין. דאָס איז געווען די דערוואַכונג פון מענטשלעכן גייסט צו דעם איינזען, אַז דער מענטש איז ניט פאַרמשפּט צו שפּילן די ראָלע פון א פּאַסיוון אינסטרומענט, נאָר אַז ער איז מיטבאַשעפער מיט גאָט אין פורעמען די וועלט. די אויפקלערונג פון 18־טן יאָרהונדערט איז געגאַנגען אַסך ווייטער אין אונטערשטרייכן דעם מענטשנס מאַכט אין געשטאַלטן דאָס לעבן לויט זיין האַרצנס וואונטש. די דעאיסטן און די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געלערנט, אַז די דערלייזונג איז הי און היינט. דער רעזולטאַט פון זייער לערנען האָט געפונען אויסדרוק אין די פּאָליטישע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן באַצייכנט דעם סוף פון פעאָדאַליזם און דעם אויפשטייג פון פּאָליטישער פרייהייט.

אָבער עס זיינען געווען פיל דענקער, וואָס האָבן באַגריפן דעם אויבערפלעכלעכן כאַראַקטער פון די פּאָליטישע ענדערונגען. זיי האָבן געטענהט, אַז דער פּאָליטישער אינשטעל האָט פאַרפעלט צו פאַרזיכערן יעדן יחיד זיין איינגעבאָרן רעכט אַף לעבן, פרייהייט און נאָכיאָגונג פון גליק. דאָס דאָזיקע רעכט, האָבן זיי אָנגעוויזן, בלייבט א ליידיקייט און פאָרמאַליטעט, כל זמן ראַדיקאַלע ענדערונגען קומען גלייכצייטיק ניט פאָר אין די עקאָנאָמישע יסודות, אַף וועלכע די סאָציאַלע אָרדנונג איז געשטיצט. דער פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגנטום איז אַטאַקירט געוואָרן, ווי דער קוואַל פון אַלע סאָציאַלע חלאתן. און אַזוי האָט דער סאָציאַליזם זיך ארויסגערוקט אַף דער סצענע.

איז אונטערגעקומען קאַרל מאַרקס און האָט פאָרמולירט די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער האָט

אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם, וואָס ער האָט אָנגערופן וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם אין קעגנזאַץ צום אוטאָפּישן סאָציאַליזם. דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם, האָט ער באַהויפּטעט, איז געווען מאַכטלאָז; ער האָט געקאָנט אָנגיין מיט פּרעדיקן די פּרינציפּן פון גערעכטיקייט און גלייכקייט ביזן יום הדין, ניט מאַכנדיק דעם מינדסטן קאַרב אין דער סאָציאַלער אָרדנונג. אין זיין אומוויסנקייט וועגן דער אופן, ווי אַזוי די סאָציאַלע כוחות אַרבעטן, האָט דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם אָנגענומען, אַז די פּאָליטישע רעוואָלוציעס פון 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט זיינען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער אויפקלערונג, ווי אַ פּועל יוצא פון דעם אידעאַליזם, וואָס אַ רוסאָ און אַ וואָלטער האָבן געפּריידיקט. דערזעלביקער טעות האָט די אָפּטימיסטן געבראַכט צו דעם אויספיר, אַז כדי צו פאַרענדיקן דאָס ווערק פון יענע רעוואָלוציעס, איז אַלץ וואָס איז נויטיק איז אויסצושפּרייטן די אויפקלערונג אף די פאַקטן פון עקאָנאָמישן אונטערשלאַג פון מענטשלעכן לעבן.

דער ריכטיקער וועג צו דערפירן צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז לויט מאַרקסן פריער פון אַלץ געווינען אַ וויסנשאַפטלעכע פאַרשטענדניש פון די כוחות, וואָס באַוועגן די געזעלשאַפט, און דאַן אף דער באַזע פון אַזאַ וויסן אויסצואַרבעטן די געהעריקע טעכניק פון רעוואָלוציע. אַזאַ וויסנשאַפטלעכע פאַרשטענדניש ברענגט צו דעם שלוס, אַז קיין סאָציאַלער אידעאַל, נאָר איינציק און אליין דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר באַשטימט די סטרוקטור, די געשעענישן, די קולטור און די אידעאַלן פון דער געזעלשאַפט. פאָלגלעך, זיינען די פּאָליטישע רעוואָלוציעס ניט געווען דער רעזולטאַט פון דער אויפקלערונג פון 18־טן יאָרהונדערט, נאָר דער רעזולטאַט פון דעם וואוקס פון די געלעגנהייטן פאַר פּראָדוקציע און רייכטום, וואָס דאָס האָט איבריק, אומנויטיק געמאַכט די פעאָדאַלע געזעלשאַפט, וואָס מיט איר פאַרעלטערטן סאָציאַלן געשטעל און איר אָפּגעלעבטן סאָציאַלן אויסבליק האָט זי דעם עקאָנאָמישן פּראָגרעס ניט געקאָנט נאָכהאַלטן. די פּאָליטישע רעוואָלוציעס זיינען געווען דער הויך־פּונקט פון דעם אויפשטאַנד פון מיטלקלאַס קעגן פעאָדאַלן סיסטעם, וואָס האָט אים ניט געלאָזט דעם קאָפּ אויפהויבן. זיי זיינען געפּאַכטן געוואָרן אין די אינטערעסן פון דעם נייעם באַזיצער־קלאַס, וואָס די קאָמערץ און די מאַשין־אינדוסטריע האָבן אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט.

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

עס איז דארום לויט קארל מארקסן ריינע משוגעת צו באַטראַכטן די ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, ווי בלויז אַ וויטערער אויסוואוקס פון די פּאָליטישע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונגען; און נאָך אַמאָל משוגעת איז עס צו גלויבן, אַז די עקאָנאָמישע ענדערונגען קאָנען אַרויסגעבראַכט ווערן דורך די אַגענטורן און אינסטיטוציעס פון די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונגען. די יעניקע וואָס מיט זייערע אינטערעסן און סימפּאַטיען זיינען זיי צוגעבונדן צו די באַזיצנדיקע קלאַסן, וואָס האָבן דורכגעפירט די פּאָליטישע רעוואָלוציעס, קאָנען ניט אָנגעטרויט ווערן מיט שטירצן דעם קאַפּיטאַליזם און איינפירן סאָציאַליזם. זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַר די אומבאַגרעניצטע רעכט פון פּריוואַט אייגנטום; וועלן זיי נאַטירלעך זוכן איינצוהאַלטן זייערע געווינסן. פּריוואַט אייגנטום איז געוואָרן זייער הייליקסט הייליקטום. ערשט דער באַזיצלאָזער, דער פּראָלעטארישער קלאַס, נאָר ער אליין, קאָן געטרויט ווערן, אַז ער וועט דערפירן ביז צו דער איינשטעלונג פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. דאַרף דארום די טעכניק פון סאָציאַלער רעוואָלוציע באַשטיין ניט אין אַפּעלירן צום יושר־געפיל אין די הערצער פון מיטלקלאַס, נאָר אין צונויפנעמען די יעניקע, וואָס באַזיצן גאָר נישט, וואָס זייער צאָל מוז אַלץ שטייגן מיט דעם אַנטוויקלונג פון דער מאַשינעריע — צונויפנעמען זיי און מאַכן זיי קלאַסנבאַוואוסט. אָנגעלאָדן מיט קלאַסנבאַוואוסטזיין, וועלן זיי אַרויסרייסן פון איצטיקן באַזיצער־קלאַס די אינסטרומענטן פון פּראָדוקציע צוזאַמען מיט די נאַטור־רייכטימער. דאָס קאָן ניט און וועט ניט דערגרייכט ווערן אָן באַנוצונג פון געוואַלט.

דאָס אויבן־געבראַכטע מאַכט עס קלאָר, אַז אין תוך שטעלט סאָציאַליזם מיט זיך פאָר אַן אויפלעבונג אַף אַ גרויסן מאַסשטאַב פון דעם אַלטן קאַמף קעגן גרויזאַמקייט, אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. זיין אַפּילו איז געשטיצט אַפן יסוד פון עטישע און ספּירימועלע ווערטן. ווי די נבואה פון פאַרצייטן, באַטאָנט ער דעם אמת, אַז ערשט אין און דורך דער עקאָנאָמישער געשטאַלטונג פון מענטשלעכן לעבן מוזן מאָראַליטעט און ספּירימואַליטעט זוכן זייער אויסדרוק. דער סאָציאַליזם האָט פולע פאַרשטענדניש פאַר דעם ווי ווייט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט ווערט דעגראַדירט, ווי אוממעגלעך עס ווערט געמאַכט די פולע און פרייע אַנטוויקלונג

פון לעבן דורך דעם מאָנאָפּאָליסטישן קלאַס־קאָנטראָל איבער די נאַטור־רייכטימער און דער מאַשינעריע פון מאַסן־פּראָדוקציע.

פון דער אַנדער זייט אָבער פאַרטייטשט דער מאַרקסיזם אַזוי דעם פאַרלויף פון עקאָנאָמישן קאַמף, אַז ער זעט גאָר ווייניק גע־מיינשאַפטלעכס צווישן די אַמאָליקע קאַמפן קעגן עקספּלואַטאַציע און דעם קאַמף, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף פירן היינט צו טאָג. לויט דעם מאַרקסיזם האָט די מאַשין־אינדוסטריע אַריינגעבראַכט נייע פאַקטאָרן אין דער עקאָנאָמישער סיטואַציע, און ערשט אין ליכט פון די דאָזיקע פאַקטאָרן קאָן דער פולער באַטייט פון דעם וואָס געשעט פאַרשטאַנען ווערן און דער אופן ווי אַזוי אַרויסצורייסן די מאַכט פון די הענט פון די ווייניקע באַשטימט ווערן. דאָס איז אַ פאַרזוך אַרויסצוואַרפן אַלע אידעאַלע אויסרעכענונגען פון קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט־אָרדנונג. דער מאַרקסיזם וויל אונז מאַכן גלויבן, אַז בלויז די מעטאָדן פון פּראָדוקציע, מיט די עקאָנאָמישע צושפּילן, וואָס באַגלייטן זיי — נאָר זיי דאַרפן גענומען ווערן אין חשבון. דאָס איז די פילאָזאָפיע פון עקאָנאָמישן דעטערמיניזם.

די דאָזיקע פילאָזאָפיע פאַרלירט איר האַפט, ווען געפּרובט מיט די כללים פון לאָגיק. איר אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע איז צו איינפאַך אַרומצונעמען אַלע פאַקטן. זי גרייזט קעגן לאָגיק, ווען זי נעמט אָן, אַז ווייל אַ געוויסע סיבה איז אומבאַדינגט נויטיק אַרויסצוברענגען אַ באַשטימטן עפעקט, איז דערפון געדרונגען, אַז די איין סיבה איז שוין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גאַנצן עפעקט. ווען מענטשן פאָרן אין אויטאָמאָבילן, איז גאַזאָלין אַן אומבאַדינגט נויטיקער מיטל צו ברענגען זיי צו זייער ציל. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז דער גאַזאָלין איז איינציק און אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר ברענגען זיי אַהין. עס קאָן דאָך זיין, אַז זייער וואונטש צו פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַ געשעפט האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָלע. פּונקט אַזוי איז מיט סאָציאַלע געשעענישן. דער פאַקט, אַז עקאָנאָמישע פאַקטאָרן באַדינגען דעם לויף פון דער געשיכטע, מיינט נאָך ניט, אַז זיי אַליין זיינען גענוג צו פאַרענטפערן אַלע געשיכטלעכע דערשיינונגען. אמת, די עקאָנאָמישע נויטן פון מענטשן זיינען פונדאַמענטאַל, אָבער דער מענטש איז ניט בלויז אַן עקאָנאָמישע חיה. און דער פאַקט, וואָס עקאָנאָמישע מאָטיוון שפּילן אַ נויטווענדיקע ראָלע אין מענטשנס אויפפירונג, מיינט נאָך ניט, אַז זיי זיינען די איינציקע מאָטיוון, וואָס באַשטימען

זיינע סאָציאַלע אויפפירונגען, און אז זיי אליין דארפן גערופן ווערן צו הילף דורכצוזעצן א סאָציאַלע ענדערונג.

דעם ווירקלעכן ביישטייער סיי פון סאָציאַליזם בכלל און סיי פון מאַרקסיזם בפרט דאַרף מען זוכן אין דער אידייע, וועלכע איז פון גרונט־באַטייט פאַר דעם מאָדערנער אויפקלערונג — די אידייע אז ערשט ווען דער מענטש וועט אָנווענדן דעם כוח פון שכל, פון שכלדיקן איינזען, צו דער פאַרבעסערונג פון די עקאָנאָמישע באַציאונגען, וועט א בעסערע וועלט דערפון אַרויסקומען. סיי דער כאָציאַליזם און סיי דער מארקסיזם קלאָגן אָן די מאָדערנע אינדוסטריעלע אָרדנונג. ביידע פאָדערן אויף דעם מענטשן אויפצוגעבן די איינרעדעניש, אז ער מוז געדולדיק ווארטן ביז אן איבערנאַטירלעכער איבערשאַפונג פון דער וועלט. ביידע באַשטייען דערויף, אז עס איז אינגאַנצן געווענדט אָן מענטשן אַזוי איבערצובויען די וועלט, אז זי זאָל פון גיהנום, וואָס זי איז, פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם אמתן גן עדן, וואָס זי קאָן זיין.

כדי די אידישע רעליגיע זאָל קאָנען שפילן א ראָלע אין דעם לעבן פון די אידן אין דער צוקונפט, דארף זי זאָגן „יאָ" אויף אָט דער נייער אויסטייטשונג פון עולם הבא. זי דאַרף מיט פולער איבערלייגונג זיך אָפזאָגן פון דעם שטאַנדפונקט, אז די דערלייזונג פון מענטשלעכן לעבן קאָן אנדערש ניט דערגרייכט ווערן ווי נאָר דורך פאַסיוון אויסהאַרן. פאַרקערט, זי דאַרף עס מאכן פאַר א מצוה „מקרב זיין דעם קץ" — זי דאַרף ווידער גיין אין געפעכט פאַר די אונטערדריקטע, צוריקאויפכאַפנדיק די שטימונג פון דער נביאישער שטופע פון איר קאַריערע. בפרט די וואָס לערנען און פריידיקן אידישע רעליגיע, דאַרפן איינזען, אז זיי טאָרן זיך ניט דערלויבן מיט זייערע רייד צו שאַפן דעם איינדרוק, אז די אידישע רעליגיע וועט קאָנען ווייטער עקזיסטירן אין דער פאָרם, ווי זי האָט זיך דערלאַנגט צו אונז. זיי דאַרפן זיך אָננעמען מיט קוראַזש איבער־איינצושטעלן די אידישע רעליגיע, זי זאָל זיך אריינפאַסן אין די נייערע נויטן פון טאָג, ספּעציעל אין דער נויט־באַדערפניש צו ציוויליזירן און צו ברענגען אונטער סאָציאַלן קאָנטראָל דעם מענטשנס באַזיצערשע נטיות. און אין אלע פאָרמען פון סאָציאַלן אידעאַליזם דאַרפן זיי באַגריסן די אַרויספאָדערונג צום מענטשנס געוויסן — די אַרויספאָדערונג, וואָס וועט צווינגען די אידישע רעליגיע צוריקצוכאַפן דעם אָריגינעלן נביאישן אימפּולס, וואָס האָט איר געגעבן געבורט.

אבער וועט מען פרעגן, וואס ארט דעם סאציאלן אידעאליזם אלץ אזעלכן, צי די אידישע רעליגיע וועט ווייטער לעבן, אדער זי וועט אומקומען? דער ענטפער איז, אז איטלעכער אידעאליזם, וואס קאן ציען אינספיראציע פון דער געשיכטע, ווערט דורכדעם באקרעפטיקט און געשטארקט. אפילו מארקס שפארט זיך אן אף דער געשיכטע טאקי פאר דער באשטעטיקונג פון זיין באהויפטונג, אז קיין זאך, בלויז די מעטאדן פון דער פראדוקציע האבן א גימשות. עס איז א פארם פון סאציאלן אידעאליזם, וואס מאכט צו קליינגעלט דעם סאמע טערמין „אידעאל". אויב דער צוזאמענשמוים פון די אינטערעסן אליין איז נויטיק צו דערפירן און דורכצופירן די סאציאלע רעוואלוציע, ווארום זשע האט מארקס מיט אזא התמדה געארבעט אף צו פארמולירן זיין באווייז, אז די גאנצע געשיכטע איז עקאנאמיש דעטערמינירט? ער האט זיך דאך געקאנט פארשפארן די גאנצע הארעוואניע. זיינע פליסיקע ליטעראַרישע ארבעטן האבן דאך ניט צוגעגעבן קיין נייעם עקאנאמישן פאקטאר צו די וואס ווירקן שוין. פונדעסטוועגן וואלט דאך געוועזן אומזין צו לייקענען, אז די דאקטרינעס פון מארקס האבן גאנץ טיכטיק מיטגעווירקט אין דער ארויסרופונג פון דער רוסישער רעוואלוציע.

און עס שטימט אויך ניט מיט די פאקטן פון דער געשיכטע אנצונעמען, אז אזעלכע דאקטרינעס קאנען בלויז שטאמען פון מענטשן, וואס האבן אן עקאנאמישן אינטערעס אין דער רעוואלוציע. ראדיקאלן, ווי טאלסטאי און קראפאטקין, וועלכע האבן אין זייער צייט אסך בייגעטראגן צו דער יערונג פון רעוואלוציאנערן געדאנק, האבן אליין באלאנגט צו דיזעלביקע קלאסן, וואס די רעוואלוציע, וואס זיי האבן פראיעקטירט, האט געזוכט צו שטירצן. באשטרייטנדיק אידעאלן, ווי בלויז „ראציאנאליזירונג" פון די קלאסן־אינטערעסן, פארווארפט דער מאדערנער ראדיקאל א וואפן, וואס האט זיך ארויסגעוויזן פאר גאנץ ווירקזאם אין די אמאליקע קאמפן פאר דער באפרייאונג פון די אונטערדריקטע.

דער פאקט, וואס אונזער דענקען האט פאר זיינע קאנדיציעס די פאקטישע אומשטענדן פון אונזער לעבן, און גאר ספעציעל די עקאנאמישע אומשטענדן, מיינט נאך ניט, אז אזא דענקען איז נוצלאז. אינטעלעקט, איינבילדונגס־קראפט, סאציאלער סענטימענט זיינען ארגאנישע פונקציעס פון סאציאלן ארגאניזם, וואס קאנען און מוזן אנגעווענדט ווערן אף צו ענדערן די קאנדיציעס פון לעבן.

אָבער דאָס הייסט שוין אָנערקענען די גילטיקייט פון אידעאַלן און צוטיילן זיי אַ פּלאַץ אין קאָסמישן פּראָצעס, פון וועלכן די גע־זעלשאַפט וויקלט זיך אַרויס.

מיר האָבן געזען וויפיל עס האָט בייגעטראָגן צו דער איינ־ציקאַרטיקער אַנטוויקלונג פון דער אידישער רעליגיע אָט דאָס צופירן צום ווילן פון גאָט דעם דראַנג צו היילן די סאָציאַלע קראַנק־הייטן. דער סאַמע טערמין „גאָט" סימבאָליזירט אונזער אמונה, אַז אונזערע אידעאַלן גופא זיינען אַ טייל פון די שעפערישע כוחות, וואָס ווירקן אין אוניווערס; זיי דעקן אויף דעם געטלעכן מיין פון מענטשלעכן לעבן; זיי זאָגן נביאות אָפּ דער מענטשהייטס באַשערונג. פאַרוואָס זאָלן די סאָציאַלע אידעאַליסטן צווישן אידן נעמען אָפּ זיך די ראָלע פון וואַנדאַלן, און באַוואוסטזיניק צעשטערן די סאָציאַלע ענערגיע, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער אמתער פאַרשטענדניש פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דער אידישער רעליגיע און פון אירע גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דער צוקונפט?

אין יסוד פון יעדן סאָציאַלן איבערבוי איז דער פּרינציפּ פון אויפקלערונג, וואָס ליגט אַרויף אָפּ דעם מענטשנס איניציאַטיווע און פאַרשטאַנד דעם חוב צו טראַנספאָרמירן די קאָנדיציעס פון מענטשלעכן לעבן. דער סאָציאַליזם באַשרענקט די אָנווענדונג פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ צום פּראָצעס פון אַריינפירן די בעסערע סאָ־ציאַלע אָרדנונג. דער מאַרקסיזם גייט אַ שריט ווייטער און ווענדט אָן דעם פּרינציפּ פון איניציאַטיווע צו דער קאַטאַסטראָפע וואָס דאַרף דינען ווי אַ פאָרשפּיל צו דער בעסערער וועלט־אָרדנונג. ער באַהויפּטעט, אַז אויב עס וועט אַמאָל זיין אַ וועלט, וואו עס וועט זיך לאָזן בעסער לעבן, וועט זי אַנדערש ניט קומען סיידן מענטשן וועלן האָבן דעם קוראַזש און די פעיאיקייט אַרויסצורופן די קאַטאַסטראָפע. דאָס איז דער מענטש אליין, וואָס דאַרף פּראָוון דעם יום הדין איבער די פאַרדאָרבענקייטן און פאַרברעכנס פון דער איצטיקער וועלט־אָרדנונג.

די וואָרטפירער פון דער אידישער רעליגיע דאַרפן אַלזאָ איינ־זען, אַז זי מוז פון איצט אָן מאַכן פּלאַץ אין איר גאָט־באַגריף פאַר די כוחות פון דער מענטשלעכן שכל, וואָס ווירקן צו אַ בעסערער און גליקלעכערער וועלט. די אידישע וואָרטפירער פון סאָציאַלן אידעאַליזם דאַרפן ווידער איינזען, אַז די אידישע רע־ליגיע האָט צו פאַרדאַנקען איר סאַמע עקזיסטענץ צו דער דערקענט־ניש, אַז גאָט איז דער באַשיצער פון די שוואַכע קעגן די שטאַרקע.

די אידישע רעליגיע און די באַזיצלאָזע

עס איז דאַרום אומבאַשטרייטבאַר, אז די אידישע רעליגיע קאָן פון זיך צוגעבן גאָר היפשע טרייבקראַפט צו דעם איצטיקן געראַנגל קעגן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. און עס שיקט זיך א דערנענטערונג צווישן די אידן, וואָס זיינען די צוהאַלטער פון דער פאַרגאַנגענהייט פון זייער פאָלק, מיט אירע זכרונות און טראַדיציעס, און די אידן, וואָס קאָנען העלפן זייער פאָלק צו דערגרייכן א צוקונפט, אין וועלכער די האָפענונגען און די אידעאַלן פון די נביאים וועלן געפינען זייער דערפילונג.

קאפיטל נײַן

אַ פּראָגראַם פון שעפערישן יודנטום

האָבן מיר פעסטגעשטעלט די פּרינציפּן, לויט וועלכע דאָס יודנ־טום קאָן און זאָל איבערגעטייטשט ווערן אין צופּאַסונג צו דעם מאָדערנעם אידנס נויטן און באַדערפענישן. בעטן זיך איצט פּראַק־טישע אויספירן. קאָנען מיר אָבער דאָ, אין שלוס־קאַפּיטל, ניט אונטערנעמען אָנצוצייכענען אַ פול פּראָגראַם פון פּראַקטישע טעטיקייטן, וואָס דאַרפן מאַכן דאָס יודנטום פאַר אַ ווירקזאַמער לעבנס־קראַפט היינט צו טאָג. מיר וועלן זיך מוזן באַנוגענען מיט פונקטירן דעם אומרים פון אַ פּראָגראַם.

עס דאַרף אין פאָרויס קלאָר זיין, אַז לייכט וועט די איבערטייט־שונג ניט אָנקומען. די וועלט, פון וועלכער דער איד האָט זיך אַרויסגענומען, און די וועלט, אין וועלכער ער לעבט איצט, ווייזן אַזעלכע שאַרפע און פילפאַכע אונטערשיידן, אַז זיי לאָזן זיך כמעט ניט באַשרייבן. דער איד האָט געטיילט, צוזאַמען מיט דעם רעשט פון דער פאַרצייטיקער וועלט, דעם אַלגעמיינעם גלויבן, אַז דערלייזונג מיינט די דערגרייכונג פון גליקזעליקייט אויף יענער וועלט, אַלס שכר פאַר האָבן געלעבט לויט גאָטס געבאָט אויף דער־וועלט. פאָלגלעך, איז ער פריי געווען פון אַלע זעלבסטפּרעגענישן און כפּקות. ער איז זיכער געווען מיט זיין פריוווילעגירטער פּאָזיציע אין געטלעכן דערלייזונגס־פּלאַן. אָבער די דאָזיקע אַלע באַגריפן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַרגומענטאַציע, אויף וועלכער זיי זיינען געווען גע־שטיצט, זיינען פרעמד דער מאָדערנער וועלט. אין דער קורצער צייט, וואָס דער איד לעבט אין דער מאָדערנער וועלט, זיינען אָט די באַגריפן כמעט אומפאַרשטענדלעך געוואָרן פאַר אים. האָט ער אויף אַזאַ אופן אָנגעוואָרן וואָס איז געווען די הויפּט־באַרעכטיקונג פאַר זיין געטרייהייט צום יודנטום.

דער איינציקער געגינגנדיקער במקום פאַר יענע־וועלטיקער דערלייזונג, וואָס האָט פריער מאָטיווירט דעם אידנס געטרייהייט צו זיין סאָציאַלער ירושה, איז אַ שעפעריש יודנטום. דאָס מיינט, אַז

א פראַגראַם פון שעפערישן יודנטום

דאָס יודנטום דאַרף אַזוי איבערגעבויט ווערן, עס זאָל אַרויסקריגן פון דעם אידן דאָס בעסטע וואָס אין אים איז פאַראַן. עס דאַרף אַזוי איינרעגולירט ווערן, עס זאָל אויסברייטערן דעם אידנס וועלט־אויסבליק, פאַרטיפן זיינע סימפּאַטיעס, אָנזאַפּן אים מיט האָפענונג און פייאיק מאַכן צו פאַרלאָזן די וועלט א בעסערע ווי זי איז געווען — דורך דעם וואָס ער האָט געלעבט אויף דער וועלט.

די אידן, וואָס וועלן גיכער פון אַלץ נעמען אויף זיך די איינרעגולירונג פון יודנטום, זיינען די יעניקע, וואָס קאָנען ניט לעבן אָנעם יודנטום און קאָנען ניט לעבן מיטן יודנטום, ווי ס'איז היינט צו טאָג. בדרך כלל זיינען דאָס אידן, ביי וועמען יודנטום איז א געוויינהייט. זיי שטאַמען פון געדיכט־אידעשלעכע היימען, און דאָס יודנטום איז זיי אריינגעדרונגען אין דעם מאַרך פון די ביינער. אידישער שטייגער פון זעלבסט־אויסדרוק, חברותא מיט אידן־ברידער איז זיי אַזוי נויטיק, ווי לופט אויף צו אָטעמען. זיי וואָלטן גריילעך וועלן אָפּהיטן אידישע ריטואַלן, אָבער א היפּש ביסל פון די ריטואַלן קומען זיי פאַר לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צו די קאָנדיציעס און נויטן פון אונזער היינטיקן טאָג. זיי זיינען פאַרבונדן מיט שול־געמיינדעס, אָבער די גאָטעסדינסטן לאַנגווײלן זיי. זיי באַטייליקן זיך אַקטיוו אין אידישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער עס איבלט זיי פון דער נישטיקייט, אומזיסטיקייט און אומאויפריכטיקייט, וואָס זיי געפינען דאָרט. זיי קאָנען זיך ניט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז עס ווערן געדאַנקלאָז פאַרזען מערערע געלעגנהייטן צו דערגרייכן ביז צו דער נשמה פון דעם אידן און אַרויסצוברענגען פון איר די קראַפט צום גוטן. עס שוויבלט מיט אינערבלייבעכצן פון אַמאָל, וואו עס האָט געקאָנט זיין איבערצייגנדיקע צייטמעסיקייט און צוועקמעסיקייט. אסך פון דעם, וואָס וואָלט געקאָנט געמאַכט ווערן שיין און אַנציענדיק, ווערט איבערגעלאָזט איינגעשטאַנען און פאַרפלאַכט צו ווערן. די לערער און געלערנטע, אַנשטאָט נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון משה רבנו, דעם לערער פון אַלע לערער, וועלכער האָט אַראָפּגענידערט צום פאָלק, פאַרשליסן זיך אין העלפאַנט־ביין־טורעם פון אַבסטראַקטער געלערזאַמקייט.

אַנדערע ווידער קאָנען ניט אויסקומען אָן יודנטום, ווייל נאָך יודנטום איז זייער בענקשאַפט. עס פאַרפאָלגט זיי און גיט זיי ניט קיין רו. אָבער ווי דאָס יודנטום איז איצט איינגעשטעלט, באַט עס

זיי ניט אָן קיין פעלר, וואו זייער טיפסטע טיפעניש זאָל געפינען אויסדרוק. אַזעלכע אידן האָבן אפשר קיינמאָל ניט געזען עפּעס אידישעס אין זייערע היימען, אָבער עפּעס אַ לעכצונג האָט זיך אָפּגערופן אין זיי פון פאַרצייטן, אָדער אַ קינדהייט־דערינערונג איז אויפגעוועקט געוואָרן אין זיי. ווילן זיי איצט פונדאַסניי פאַראייניקט ווערן מיט זייער פאָלק. ווען זיי זיינען פון ראָמאַנטישן טעמפּעראַמענט, קאָנען זיי נעמען אידעאַליזירן אפילו די שוואַכקייטן פון זייער פאָלק. אויב ניט, ווערן זיי אָפּגעשטויסן פון דער פאַרשטיינערונג פון פילע פון פאָלקס גערימטע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס און פון דער ציללאָזיקייט פון די מערסטע פון זיינע געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייטן.

וואָס דאַרפן אָט די אידן טאָן, כדי שעפעריש צו מאַכן דאָס יודנטום?

1 — צום אַלעם ערשט דאַרפן זיי פונדאַסניי אַנטדעקן דאָס יודנטום; דאַרפן זיך אויסלערנען צו דערקענען זיין אמתן פּאַר־נעם און כאַראַקטער. די ניי־אַנטדעקונג פון יודנטום שליסט איין דעם מיין, אַז עס זאָלן פונאַנדערגעטריבן ווערן דער נעפּל פון פרומע סענטימענטאַליטעטן און די מטושטשקייט פון די וואונטש־געדאַנקען, וואָס האָבן איינגעוויקלט דאָס יודנטום זינט די טעג פון עמאַנציפּאַציע. אויס מורא, אַז אין די לענדער, וואו אידן זיינען ביהגער, זאָלן זיי ניט באַשולדיקט ווערן אין טאָפּלטער לאָיאַלי־טעט, האָבן שרעקעדיקע פירער און לערער געמאַכט דאָס יודנטום אויסזען ווי אַ רעליגיע אָדער קולט, און נישט מער. די אָרטאָ־דאָקסן לערנען, אַז עס איז אַן אַנטפּלעקטע רעליגיע, וואָס איז אַזוי דערהויבן איבער די געזעצן פון סאָציאַלן לעבן, אַז עס קאָן בשום אופן ניט באַווירקט אָדער באַדינט ווערן פון זיי. אַלס אַנט־פּלעקטע רעליגיע, איז דאָס יודנטום אין דער נאַטור פון אַן ענד־גילטיקער אויטאָריטעט, איז באַשטימט צו פאַרוואַנדלען די סביבה, אָבער ניט פאַרוואַנדלט ווערן פון איר. די רעפאָרמיסטן טייטשן אויס דאָס יודנטום, ניט ווי אַן אַנטפּלעקטע, נאָר ווי אַ היסטאָריש אַנטוויקלטע רעליגיע, אָבער וואָס האָט פונקט אַזוי ווייניק שייכות צום ערדישן לעבן. לויט די רעפאָרמיסטן איז די איינציקע באַנד וואָס פאַראייניקט די אידן — די מיסיע צו פאַרשפּרייטן דעם אמת וועגן אחדות הבורא און דער ברודערשאַפט פון מענטשן. אָט די אויפפאַסונגען פון יודנטום האָבן עס אַזוי אויסגעליידיקט פון איג־

אַ פּראָגראַם פון שעפערישן יודנטום

האַלט, אַז פאַר די מערסטע אידן האָט יודנטום גענומען מיינען נישט מער ווי אַ געמיש פון פאַרעלטערטע אידייען און אָפּגעלעבטע פּראַקטיקעס, וואָס זיינען געבליבן הענגען ווי אַן אומראַציאָנעלער איבערבלייב פון פאַרצייטן.

אַ צאָל אידן, וואָס האָבן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער ליידיקייט פון רעפאָרמיזם, אָדער מיט דער עקשנות פון אָרטאָדאָקסיע, טרעטן אַרויס פאַר דער באַזייטיקונג פון רעליגיע פון אידישן קאָלעקטיוון לעבן, און זוכן איינצושטעלן די צוקונפט פון אידישן פאָלק אַף דעם גייסט פון נאַציאָנאַליזם. זיי ווייזן אָן, אַז נאַציאָנאַליזם איז די שטאַרקסטע סאָציאַלע ענערגיע אין דער מאָדערנער וועלט, און דערפון שליסן זיי, אַז דער נאַציאָנאַליזם דאַרף קולטיווירט ווערן ווי אַ מיטל צו פאַרפעסטיקן און צו באַפרוכפּערן דאָס לעבן פון אידישן פאָלק. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז אויב נאַציאָנאַליזם דאַרף עס פאַראייניקן די אידן, דאַרף ער זיין פאַרוואָרצלט אין דער געשיכטע און אין גייסט פון אידישן פאָלק; אַניט ווען די אידן בלויז אַריינשפּילן אין יענער נאַציאָנאַליסטישקייט, וואָס האָט באַלקאַניזירט די וועלט. אַזוי אַז די וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן האָבן בלויז פאַרגרעסערט דעם אַלגעמיינעם אידייען־פּלאָנטער, וואָס האָט פאַרטונקלט דעם אמתן כאַראַקטער פון יודנטום.

עס דאַרף נעמען אַ סוף צו די אַלע קרומע באַגריפן און מיספאַרשטענדנישן. די קוואַליטעט און קוואַנטיטעט פון לעבן, וואָס באַטייטן יודנטום, דאַרפן פונדאַסניי אַנטדעקט און ניי־באַטאָנט ווערן. עס דאַרף אַנערקענט ווערן אַלס ניט ווייניקער ווי אַ ציוויליזאַציע. עס דאַרף פיגורירן אין באַוואוסטזיין פון אידן, ווי דער סך הכל פון אַלץ, וואָס איז איינגעשלאָסן אין אַ ציוויליזאַציע — אַ סאָציאַלער געשטעל פון נאַציאָנאַלער איינִיקייט, וואָס איז קאָנצענטרירט אַף אַ באַשטימטן לאַנד, המשך פון דער געשיכטע, אַ לעבעדיקע שפּראַך און ליטעראַטור, רעליגיעזער פאָלקס־שטייגער, מנהגים, געזעצן און קונסטן.

גענומען ווי אַ ציוויליזאַציע, איז יודנטום אַ דינאַמיש לעבנס־סיכטעם, וואָס דערמעגלעכט דעם אידישן פאָלק צו דינען ווי אַ דערלייזונג־אינסטרומענט פאַר דעם איד־יחיד. אין דעם עבר האָט דערלייזונג געמיינט די דערגרייכונג פון גליקזעליקייט אַף יענער וועלט, און די אידישע ציוויליזאַציע איז געווען ניט פון דער וועלט אין איר גאַנצן אויסבליק, אינהאַלט און מאָטיווירונג. איצט

די צוקונפֿט פֿון דער אידישער רעליגיע

ווען דערלייזונג מיינט צו מאַכן דאָס גרעסטע־מעגלעכע פֿון די געלעגנהייטן, וואָס די וועלט באַט אָן, דאַרפֿן די פֿאָרמען פֿון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, די שפּראַך, ליטעראַטור, רעליגיע, געזעצן, פֿאָלקסשטייגער און קונסט אַזוי פֿונקציאָנירן, אַז דורך זיי זאָל דאָס אידישע פֿאָלק העלפֿן דעם איד־יחיד צו פֿירן אַ שעפֿעריש לעבן צו זיין זעלבסט־פֿאַרווירקלעכונג. אידיש לעבן דאַרף ניט אָנגעהאַנגען זיין אַף הויל‍ער לאָגיק, אַף אַבסטראַקטער אויסגעשכלטקייט. ס'מוז האָבן גוף און עצם. און עס מוז פֿונקציאָנירן דורך לעבנסקרעפֿטיקע אינסטיטוציעס און זיך באַרעדעוודיק מאַכן דורך אַ פּלאַסטישער און קרעפֿטיקער אידעאָלאָגיע.

דער איינציקער וועג, ווי אידן וועלן ווען עס איז ביכולת זיין צו קאָאָרדינירן ווי געהעריק זייער אייגענעם לעבנס שטייגער מיט דעם לעבן, וואָס זיי מוזן טיילן מיט זייערע שכנים — דער איינציקער וועג איז דורך נאָך אַמאָל דורכטראַכטן זייערע גלויבונגען, דורך רעאָרגאַניזירן זייערע אינסטיטוציעס און דורך אויסאַרבעטן נייע מיטלען פֿאַר זייער זעלבסט־עקספּרעסיע אַלס אידן. טאַקי צוליב אָט דעם צוועק וועט פֿאַר אידן נויטיק זיין צו אָפּערירן מיט זייער יודנטום ניט בלויז ווי מיט אַ רעליגיע, נאַר ווי מיט אַ ציוויליזאַציע. ווען די אידן וועלן צוטרעטן צו יעדן ספּעציפֿישן פּראָבלעם, האָבנדיק אין זינען אָט דעם אמת, וועלן זיי אַריינטראָגן שעפֿערישע אינטעליגענץ אין יעטווועדער אויפֿגאַבע, וואָס זיי וועלן אונטערנעמען, זאָל עס זיין דעם ווידעראויפֿבוי פֿון ארץ ישראל, די קאַמפּאַניע קעגן דיסקרימינאַציע, די אָרגאַניזירונג פֿון קהילה־לעבן, די גרינדונג פֿון שול־געמיינדעס, די קולטיווירונג פֿון רעליגיע און די דערמונטערונג פֿון אידישער קונסט. זיי וועלן מער זיך ניט באַפֿרידיקן מיט האַלבע געדאַנקען און קאָמפּראָמיסן, וואָס זיינען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם איצטיקן כאָאָס און דעמאָראַליזאַציע און אידישן לעבן. זיי וועלן אָנגעלאָדן ווערן מיט באַשלוס אַזוי צו פֿאַרלעבעדיקן זייער סאָציאַלע ירושה, אַזוי איבערצובויען זייער לעבנס־שטייגער, אַזוי איינצורעגולירן זייער צוקונפֿט, אַז דער אידישער כלל זאָל ווידער קאָנען ווערן דער קוואַל פֿון ספּיריטועלער זעלבסט־דערפֿילונג פֿאַר דעם אידישן יחיד.

כדי דאָס יודנטום זאָל ווידער שעפֿעריש ווערן, וועט עס מוזן אַסימילירן דאָס בעסטע פֿון די היינט־צייטיקע ציוויליזאַציעס. אין דער פֿאַרגאַנגענהייט איז אָט דער פּראָצעס פֿון אַסימילירן די

אַ פּראָגראַם פון שעפערישן יודנטום

קולטורעלע עלעמענטן פון דער סביבה אָנגעגאַנגען אומבאַוואוסטזיניק. פון איצט אָן וועט דער פּראָצעס דאַרפן אָנגעפירט ווערן אַף אַן איבערלייגטן און געפּלאַנטן אופן. דעריין וועט דאָס יודנטום, אָן ספק, מוזן אָפּווייכן פון זיין אייגענער ביז־אַהעריקער טראַדיציע. אָבער באַוואוסטזיניקע און צוועקמעסיקע פּלאַנירונג וועט אַלײן מער א טייל פון סאַמע לעבנס־פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט. קיין ציוויליזאַציע, קולטור, עקאָנאָמיק, רעליגיע, וואָס באַנוצעט זיך מיט ציל־לאָזן טראָגן זיך מיטן שטראָם, האָט ניט דעם מינדסטן שאַנס צו בלייבן לעבן. אָט אין דעם גייסט דאַרום, פון צוזאַמענגען זיך דאָס בעסטע פון אַנדערע ציוויליזאַציעס און פון קאָאָפּערירן מיט זיי, און ניט אין גייסט פון נאָכגעביקייט צום דרוק פון העכערן פּרעסטיזש, וועט דאָס יודנטום אַריינטרעטן אין דעם פּעריאָד, וואָס לאָזט זיך באַצייכענען אַלס די פּערטע שטופע פון זיין אַנטוויקלונג.

אָט די אַנטוויקלונג פון יודנטום זעצט נויטיק פאָרויס ענדערונגען אין זיין אידעאָלאָגיע, זיינע סאַנקציעס, פּראַקטיקעס און סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. דער קריטעריום, וואָס באַשטימט צי אַ פאָרגעשלאָגענע ענדערונג איז צו דער טובה אָדער צום שאָדן פון יודנטום, איז דער גראַד, ווי ווייט זי העלפט דער יודנטום איינצוהאַלטן זיין המשך, זיין אינדיווידואַליטעט און זיין אָרגאַנישן כאַראַקטער.

דער המשך פון יודנטום ווערט אויפגעהאַלטן כל זמן די קענטעניש פון ישראלס עבר פונקציאָנירט ווי אַן אומבאַדינגטער באַשטאַנדטייל פון דעם אידנס פּערזענלעכן זכרון און איז באַגלייט מיט וועלכער עס איז זיכטבאַרער פאָרם אָדער האַנדלונג, וואָס סימבאָליזירט דעם פאַקט. אַן אָרגאַניזם ווערט באַצייכנט ווי „אַ קעגנשטאַנד, וואָס אַנטוויקלט זיך און האַלט אויף אַן איינהייטלעכן סיסטעם פון אָפּענטפערונג אַף די זיך ענדערנדיקע סיטואַציעס". פאָלגלעך, סיידן מיר קאָנען פאַרזיכערן אַ געוויסן גראַד המשך צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט פון אידישן לעבן דורך אַן „איינהייטלעך סיסטעם פון אָפּענטפערונג אַף די זיך ענדערנדיקע סיטואַציעס", יעמאָלט האָבן מיר אַ אידישן פאָלק; אַניט איז דער סאַמע באַגריף פון אידישן פאָלק, אַלס סאָציאַלן אָרגאַניזם, זינלאָז.

די אינדיווידואַליטעט פון יודנטום ווערט אויפגעהאַלטן, כל זמן אַ ניי־איינגעפירטער מנהג, סאַנקציע, אידייע אָדער אידעאַל העלפן אויפהאַלטן ביים לעבן דעם עלעמענט פון אַנדערשקייט פון דער אי־

דישער ציוויליזאציע. ניט אפגעשיידקייט, ניט סעפאראטיזם דארף פון איצט אן זיין דער פרינציפ פון אויסלעבן זיך אלס איד, נאר אנדערשקייט. סעפאראטיזם איז דער קעגנזאץ פון קאאפעראציע, און ניט אין רעזולטאט אן אריינגעוואקסענקייט אין זיך גופא, א שבט'דיקע אפגעשלאסנקייט, א דערווייטערטקייט, וואס פירט צו קולטורעלער און ספיריטועלער פארגליווערטקייט. אנדערשקייט נעדייט צום בעסטן, ווען באגלייט פון אקטיווער קאאפעראציע מיט אנדערע קולטורן און ציוויליזאציעס, אין קעגנזייטיקער השפעה; יעמאלט ווערט דערגרייכט אינדיווידואליטעט, וואס איז פון אלמענטשלעכן באטייט.

דער ארגאנישער כאראקטער ווערט איינגעהאלטן, כל זמן אלע עלעמענטן, וואס שטעלן צונויף די אידישע ציוויליזאציע, שפילן א ראלע אין דעם לעבן פון דעם אידן. יעדער פארזוך נאכצוקומען אדער איבערצוליפערן בלויז געוויסע עלעמענטן פון יודנטום מוז אומבאדינגט זיך פארענדיקן מיט א דורכפאל, ווייל אין יודנטום, אלס ציוויליזאציע, איז דאס נארמאלע פונקציאנירן פון יעדן עלעמענט געבונדן און פארבונדן דורך דעם נארמאלן פונקציאנירן פון יעדן אנדערן עלעמענט. אפילו עס זאל ניט מעגלעך זיין אין חוץ לארץ צו קולטיווירן יעדן עלעמענט ביז צו זיין פולער מאס, איז פאראן א מינימום, אונטער וועלכן מען טאר אים ניט לאזן אראפזינקען, אניט וועלן די אלע אנדערע עלעמענטן פון דער ציוויליזאציע געשטעלט ווערן אין סכנה.

2. — כדי צו מאכן דאס יודנטום שעפעריש איז עיקרשט נויטיק איבערצופארמולירן דעם נאציאנאלן סטאטוס און צו רעארגאנizירן דאס געמיינדע־לעבן פון די אידן. דער פונדאמענטאלער תנאי פאר דער רעארגאניזירונג פון אידישן לעבן איז נאציאנאלע אחדות. אט די אחדות ווערט ניט באשטימט דורך געאגראפישע גרעניצן; זי איז ניכער א קולטורעלע, איידער א פאליטישע דערשיינונג. די אידן זיינען אן אינטערנאציאנאלע נאציע, וואס פונקציאנירט אלס אזעלכע דורך זייער באוואוסטזיין פון א שותפותן עבר, דורך זייער שטרעבן צו א שותפותער צוקונפט און דורך זייער ווילן צו קאאפערירן פאר דער דערגרייכונג פון שותפותע צילן.

פאלעסטינע דארף דינען ווי א סימבאל פון דער אידישער ווידערגעבורט און ווי א צענטער פון דער אידישער ציוויליזאציע.

אָן אַזאַ צענטער, צו וועלכן אידן איבער דער וועלט זאָלן ווענדן זייער אינטערעס, איז אוממעגלעך פאַר אידן באַוואוסטזיניק צו ווערן פון זייער איינהייט אַלס אַ פאָלק. אָן דער ספּירטועלער הילף פון אָן דעם ביישפּיל פון יודנטומס צופּאַסן זיך צום מאָדערנעם לעבן אין דער נייער אידישער סביבה, וואָס אַזוינס איז נאָר מעגלעך אין פּאַלעסטינע, וועלן די אידישע ישובים איבער דער וועלט ניט האָבן קיין צווינגענדיקן אָנשטויס פאַר ענלעכע צופּאַסונג־פּאַרזוכן. דאָס יודנטום קאָן ניט אויפהאַלטן זיין כאַראַקטער אַלס אַ ציוויליזאַציע אָן אַ נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינא. די עיקרדיקע אידישע שעפערישקייט וועט זיך אויסדריקן אין העברייאישע פאָרמען, וואָס קאָנען ניט אַזוי לייכט אַנטוויקלט ווערן אין אַנדערע לענדער. דאָרט וועלן אידן זיך צושלאָגן צו גענוג אויטאָנאָמיע אויסצודריקן זייערע אידייען און סאָציאַלן ווילן אין אַלע פאָרמען פון אָרגאַניזירטן לעבן און געדאַנק.

אין דער קולטיווירונג פון זייער קאָלעקטיוון לעבן וועלן די אידן זיך מוזן רעכענען מיט דעם פאַקט, וואָס זיי לעבן אונטער פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע קאָנדיציעס. די אַנטוויקלונג פון יודנטום, אַלס אַ מאָדערנע ספּירטועלע ציוויליזאַציע, וועט זיך אַנדערשן לויט די פאַרשיידענע לענדער. די הויפּט־אַנדערשקייטן וועלן קאָרעספּאָנדירן צו די דריי באַזונדערע געביטן פון דער אידישער פאַרטיילונג — פּאַלעסטינא אַלס די אידישע נאַציאָנאַלע היים; מזרח־אייראָפּאַ מיט איר אָנערקענונג פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, און מערב־אייראָפּאַ און אַמעריקע מיט זייערע קהילה־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען צום מערסטן אין הסכם מיט זייערע פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

אין רעזולטאַט פון אַ ספּעציעלער צוזאַמענטרעפונג פון היסטאָרישע כוחות, איז דעם בירגער פון אַ מאָדערנעם שטאַט ניט נאָר דערלויבט אָנצוגעהערן צו צוויי ציוויליזאַציעס, נאָר ער ווערט נאָך דערמונטערט דערצו: איינע איז די וועלטלעכע ציוויליזאַציע פון דעם לאַנד, וואו דער בירגער לעבט; און די צווייטע איז די קריסטלעכע ציוויליזאַציע, וואָס ער האָט געירשנט פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער ווענדט זיך צו דער ציוויליזאַציע פון זיין לאַנד נאָך ליטעראַרישע און עסטעטישע ווערטן. פון זיין נאַציאָנאַלן לעבן וואַקסן אַרויס זיינע פליכטן פון בירגערלעכער לאָיאַליטעט, וואָס דאָס איז דער קערן פון פּאַטריאָטיזם. און ער ווענדט זיך צו דער

די צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע

קריסטלעכער ציוויליזאַציע נאָר מאָראַלישע און ספּיריטועלע טאַנק־ציעס. די צעשיידונג צווישן קירך און שטאַט האָט אַריינגעזעצט אין צושטאַנד פון טאָפּלטער לאָיאַליטעט די אַלע אָנגעהעריקע צו ביידע אָרגאַניזאַציעס. און דיזעלביקע נויטווענדיקייט, וואָס באַ־רעכטיקט אַ קריסט צו פאָרן קריסטנטום מיט אַמעריקאַניזם, באַרעכ־טיקט אויך דעם אידן צו פאָרן אידישקייט מיט אַמעריקאַניזם. און אַזוי אויך אין אַנדערע לענדער פון אַן ענלעכן פּאָליטישן שניט.

אידיש קהילה־לעבן איז דער ערשטער און הויפּט־תנאי פון קאָאָפּעראַציע צווישן אידן. אין אַמעריקע ספּעציעל וועלן אידן זיך נויטיקן אין אַ געוויסער מאָס קהילה־אויטאָנאָמיע, אויב דעם אידיש־אַמעריקאַנער לעבן זאָל באַשערט זיין צו אַנטוויקלען זיך לויט ברייטע און איינשליסנדיקע ליניעס. די אידישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן איינפאַסן אַלע אַקטיוויטעטן פון די אידן און זיי צונויפנעמען און פאַרגאַנצן אין אַן אָרגאַנישער איינהייט. צו אַזעלכע קהילות וועלן באַלאַנגען אַלע אידן, וואָס פילן זייער פיזישע אָדער ספּיריטועלע קרובהשאַפט מיטן אידישן פאָלק, וואָס זייער פּערזענלעכע פילאָ־זאָפיע זאָל ניט זיין.

שול־געמיינדעס וועלן זיין די איינצעל־צעלן, אָדער איינסלען פון די דאָזיקע קהילות, איינסלען, וואָס וועלן באַשטיין פון גרופּעס אידן, וואָס ווילן אויסדריקן זייער אידישקייט דורך געמיינשאַפטלעכע גאָטעסדינסטן. אָבער די קהילה איז ברייטער פון דער שול־געמיינ־דע און על פּי נויטווענדיקייט וועט זי דאַרפן באַזאָרגן יענע נויטן און אַקטיוויטעטן, וואָס פאַלן ניט אַריין אין די ראַמען פון דער שול־געמיינדע. עס וועלן אויך דאַרפן זיין אַנדערע איינסלען, וואָס וועלן באַשטיין פון גרופּעס און יחידים, וואָס זוכן אויסצודריקן זיי־ער אידישקייט און שעפערישקייט דורך ליטעראַטור, קונסט און טעטיקייטן לטובת סאָציאַלן וואוילזיין און סאָציאַלער גערעכ־טיקייט.

די קהילה זאָל קערעווען דאָס אידישע עקאָנאָמישע לעבן אין פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען. די פּאָזיציע פון מיטלמאַן, וואָס די געשיכטע האָט אַרויפגעצוואונגען אַפן אידן, ווערט עקאָנאָמיש אַלץ אומזיכערער און אומגעזונטער. צוליב גרעסערער עקאָנאָמי־שער זיכערקייט, צוליב דער העכערער ווערדע און מאָראַלישן ווערט פון באַשעפטיקט זיין מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, וועלן אידן זיך

א פראגראם פון שעפערישן יודנטום

דאופן אנשטרענגען אריינצוטרעטן אין די פראדוקציע געביטן פון די גרונט אינדוסטריעס און פון אגריקולטור, וואו נאר עס וועלן זיך אנבאטן אזעלכע געלעגנהייטן.

די קהילה זאל גרינדן צענטערס, וואו מען זאל זיך אפגעבן מיט די ספעציעלע רעליגיעזע, פילאנטראפישע, סאציאלע און דערציערישע פראבלעמען פון יעדער נאכבארשאפט. די דאזיקע צענטערס, סובסידירט פון דער קהילה, זאלן סטימולירן אידישע שעפערישע מי צווישן שריפטשטעלער, געלערנטע, ארטיסטן, מוזיקער און געזעלשאפטלעכע טוער.

די קהילה זאל איינפירן און אנפירן מיט אזעלכע ציווילע טעטיקייטן, ווי די איינשטעלונג פון אידישע בוררים־געריכטן, די דאקומענטירונג פון געבורטן, חתונות, גט'ען און טויטן; די פארטרעטונג פון איין פאר דער ניט אידישער עפנטלעכקייט און די פארטיידיקונג פון אידישע רעכט.

צווישן די פונקציעס פון אידישן קהילה־לעבן דארף די בכורה אפגעגעבן ווערן צו אידישער דערציאונג. אין הילפס־ארבעט, אין סאציאלן דינסט דערפילט די קהילה נישט מער ווי אן עלעמענטארע מענטשלעכע פליכט. אבער דעם העכסטן ציל פון איר עקזיסטענץ קומט א געזעלשאפט נאך אין דער סאציאליזירונג פון אירע מיטגלידער דורך איינגעבן זיי און באריכערן זיי מיט דער ספיריטועלער ירושה. די אידישע דערציאונג אין ברייטסטן זין פון ווארט, אין אנווענדונג אף קינדער, יוגנט און דערוואקסענע, דארף ווערן די הויפט־פונקציע פון דער אידישער קהילה. די אידישע אויסבילדונג פון יונגע אידן דארף געפלאנעוועט ווערן אף א פיל ארומנעמענדיקערן מאסשטאב ווי ביז אהער. די אויסבילדונג דארף פארגעזעצט ווערן דורך א סיסטעמאטישער אנטוויקלונג פון אידישע קורסן פאר דערוואקסענע. צו דער שולע דארף ווייטער צוגעגעבן ווערן די היים. כדי די היים זאל זיך אננעמען מיט געהעריקער אידישער אטמאספערע, דארפן די דערוואקסענע אזוי גוט ווי די יוגנט אנהאלטן זייער אינטערעס אין אידישן לערנען.

די אידישע קהילה וועט דארפן מונטערן און שטיצן די אינסטיטוציעס פון העכערן אידישן לערנען, וועט דארפן אזוי איינטיילן די פליכטן פון די באשעפטיקטע אין קהילה־ארבעט, איבערצולאזן זיי פרייע צייט און געלעגנהייט צו פארמערן זייער וויסן אין זייערע

אויכדערוויילטע בארופן. זי וועט דארפן סטימולירן אין דער אי־דישער היים, דער סינאגאגע, אין דער ארכיטעקטור פון די עפנט־לעכע אידישע בנינים די שעפערישע קונסטן, וואס גיבן אויסדרוק צו אידישע אינטערעסן און אידעאלן.

3. — כדי אפצורופן די שעפערישקייט אין יודנטום, דארף אין זיין טראדיציע אריינגעגעבן ווערן א נייער חיות. דער הויפט־טעם, פארוואס אסך אידן ווייזן ארוים א נעגאטיווע שטעלונג צו זייערע טראדיציעס, איז אן ספק די פארשטעלונג, וואס זיי האבן זיך אויסגעארבעט, אז די טראדיציע איז צונויפגעפלאנטערט, אף ליינמאל זיך ניט ארויסצופלאנטערן, מיט א טעאלאגיע, וואס האט אנגעווארן יעדן לעבעדיקן זין פאר זיי. זיי שטעלן זיך פאר טרא־דיציע, ווי א סעריע איינגעשטאנענע און פארגליווערטע אידייען, וואס אדער זיי דארפן אנגענומען ווערן אין דער פארם, ווי זיי האבן זיך צו אונז דערטראגן, אדער זיי דארפן אינגאנצן פארווארפן ווערן. אט די פאלשע אידייע קאן אנדערש ניט אפגעשלאגן ווערן סיידן דורך דעם איינזען, אז דער איינציקער וועג ווי די טראדיציע קאן צוריק פארנעמען איר ריכטיקן ארט, ווי אן אקטיווער פאקטאר אין אידישן באוואוסטזיין, איז ארויסצושיילן זי פון דעם שאלעכץ פון אמאליקער אינטערפרעטאציע, כדי צוצוקומען צו דעם רעאלן לעבנס זין, וואס איז באהאלטן געווען הינטער דער אינטערפרע־טאציע.

די צוקונפט פון יודנטום איז געווענדט אן דער פארמולירונג פון א אידישער אידעאלאגיע, וואס זאל מעגלעך מאכן פאר אידן, טראץ זייערע פארשיידענע דענק־אופנים, אנצונעמען דעם תוכיקן ווערט פון אידישן לעבן. בלויז דורך באטייליקונג אין אידישע אינ־טערעסן און שטרעבונגען, וואס ציען ארוים דאס בעסטע וואס איז אין אים, קאן דער אידישער יחיד געפינען דערלייזונג דורך זיין פאלק. אבער כדי אזא באטייליקונג זאל האבן א ריכטיקן באפרייענ־דיקן אדער דערלייזנדיקן איינפלוס, דארף זי באגלייט ווערן מיט א קלארער פערספעקטיווע פון דער פולער גאנצקייט פון אידישן לעבן.

דער סאמע קערן פון דעם פראבלעם ווי אויפצושטעלן א קאנסטרוקטיווע איינהייטלעכע אידישע אידעאלאגיע היינט צו טאג, איז אין באפרייען דעם דורכשניטלעכן אידישן מענטשן פון דער

טיף איינגעוואָרצעלטער איינרעדעניש, אַז אום אַ פאָלק אָדער אַ קהילה זאָל קאָנען פונקציאָנירן ווי אַ דערלייזונג־אינסטרומענט, דאַרפן אַלע וואָס שטעלן זיי צונויף טראַכטן גלייך און זיך אויפפירן גלייך. פון אָט דער איינרעדעניש שטאַמט די אומטאָלעראַנץ, וועלכע איז בשום אופן ניט באַשרענקט אַף די היסטאָרישע קירכן בלויז. מאָדערנע נאַציעס זיינען ניט קיין קלענערע בריות אַף אומטאָלעראַנץ. דער פאַלשער אויספיר, וואָס מען דרינגט אַרויס פון אָט דער ביז אַהער ניט אָפּגעפרעגטער הנחה איז, אַז אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך צו מאַכן מענטשן טראַכטן און אויפפירן זיך גלייך, קאָן דאַרום קיין רייד ניט זיין, אַז אַ גרופּע זאָל האַנדלען ווי אַ דערלייזונג־אינסטרומענט. דערלייזונג, באַהויפּטן זיי, איז אַ ריין פּערזענלעכער ענין. אַזאַ שלום איז גלייך אין באַטייט צו ניהיליזם, וואָס לייקנט יעדע געזעלשאַפטלעכקייט. אָבער עס איז אַן אומפאַרמיידלעכער שלום, צו וועלכן יעדער אויפריכטיקער און געוויסנדיקער מענטש ווערט געשטויסן, כל זמן די קירכן און די נאַציעס באַהאַרן אין זייער אומוויליקייט אָדער אומפעיאיקייט צו פאַרבינדן די דערלייזונג, וואָס זיי באָטן אָן, מיט טאָלעראַנץ צו אַנדערש גלויביקע און אַנדערש דענקענדיקע. עס איז אַ ספק צו זיי וועלן אַזוי גיך ענדערן זייער שטעלונג. אָבער פאַר דעם אידישן פאָלק איז אָט דער סינטעז צווישן גלויבן און טאָלעראַנץ אַ פראַגע פון לעבן און טויט. זיין סאַמע קיום הענגט אָפּ פון מאַכן אַ טוגנד פון דער נויט — צו געבן יעדן יחיד, מאַן און פרוי, די ברייטסטע פרייהייט פון שטאַנדפּונקטן, גלייכצייטיק צוטיילנדיק דערלייזונג אַלעמען גלייך.

—

אַ פאָלק באַט זיך ניט אָן דעם יחיד, ווי אַ דערלייזונג־אינסטרומענט, אַפן זעלביקן אופן ווי אַ פילאָזאָפיש סיסטעם: דורך אַפּעלירן צו זיין שכל, ער זאָל אָננעמען געוויסע אַלגעמיינע פּרינציפּן אָדער אַבסטראַקטן אמתן. אַ פאָלק קומט אַלעמאָל צום יחיד מיט אַ געשיכטע וועגן זיך און דער יחיד ווערט געמאַכט צו פילן, אַז עס איז אין אַ טיפערן און אמתערן זין זיין געשיכטע, ווי זיינע אייגענע לעבנס דערפאַרונגען. אין פאַרלויף פון דער געשיכטע הויבן זיך אַרויס געוויסע געשעענישן, פּערזאָנען, פּלעצער, קעגנשטאַנדן — אין קורצן: סאַנקטאַ — וואָס נעמען אָן אַ לעבנסוויכטיקן אינטערעס פאַר אים, ווייל זיי באַלאַנגען צו אַ געשיכטע, וואָס ער באַטראַכט

שוין פאַר זיין איינענער. אָט די כאַנקטא פאַרטײַטשט דאָס פאָלק און די פאַרטײטשונגען בילדן די אידעאָלאָגיע און די פאַרענט־פערונג פון זיין עקזיסטענץ און פון זיינע באַגערן. אין דער פאַרגאַנ־גענהייט, ווען אַלע האָבן געטראַכט גלייך, איז איין טיפּ פאַר־טײטשונג אָדער אידעאָלאָגיע גענוג געווען פּייאיק צו מאַכן די סאַנקטא צו העלפן דעם יחיד זיך אָריענטירן אין דער אַרומיקער וועלט. איין אידעאָלאָגיע, אַ גלייכפאָרמיקע און אומפאַרענדערלעכע, האָט דורכדעם גענומען באַטראַכט ווערן ווי די אומבאַדינגט נויטיקע פאַר דערלייזונג.

איצט ווען אַזא גלייכפאָרמיקייט איז מער ניט מעגלעך, איז קיין אנדער ברירה ניטאָ, ווי צו דערלויבן די אַנטוויקלונג פון פאַר־שיידענע אידעאָלאָגיעס, דורך וועלכע די סאַנקטא, וואָס האָבן גע־שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק אָדער אַ קירך, זאָלן קאָנען איינהאַלטן זייער פּלאַץ אַלס קוואַלן אָדער גע־לעגנהייטן פאַר עטישער מאָטיווירונג און ספּיריטועלער דערהוי־בונג פאַר יחידים מיט פאַרשיידענע לעבנס פילאָזאָפיען. אחדות־גע־פיל און אפילו גלייך־געזינטקייט פאָדערן גאָר ניט, אַז די אינטער־פּרעטאַציע זאָל זיין די זעלביקע, נאָר אַז דער געשטעל פון די רעאַליטעטן, וואָס ווערן אינטערפּרעטירט, זאָל זיין דער זעלביקער. די לעצטע זעלביקייט האָט אין זיך מער פאַראייניקונגס־קראַפט, ווי צ הסכם בנוגע אַבסטראַקטע אַלגעמיינהייטן. ווען אידן וועלן זיך באַגייסטערן פאַר איינע און די זעלביקע סאַנקטא, אָדער אַ געשטעל פון היסטאָרישע רעאַליטעטן, וואָס פיגורירן אין זייער טראַדיציע, און וועלן אויפהאַלטן יענע רעאַליטעטן אַלס די ציל פּונקטן פון זייער עטישער און ספּיריטועלער אָנגעצילעוועטקייט, ניט געקוקט דערויף, ווי ווייט אַפאַרט עס זיינען זייערע לעבנס־אַנשויאונגען — יעמאָלט וועט דאָס פאָלק זיין גענוג פאַראייניקט צו פונקציאָנירן אין זיין קאָלעקטיווער ראָלע אַלס דערלייזונג־אינסטרומענט פאַר דעם אידישן יחיד.

אָננעמענדיק דאַרום, אַז די פילפאַכקייט פון אידעאָלאָגיעס איז ניט אין ווידערשפּרוך מיט אַן איינהייטלעכן גרופּע־גייסט, בלייבט די אויפגאַבע צו פאָרמולירן, לכל הפּחות אין אומרים, אַן אידעאָלאָ־גיע פאַר יענע אידן, וואָס קאָנען ניט צושטיין צו קיין איינער פון די עקזיסטירנדיקע גרופּעס, און וועלכע שפּירן דאָך ס׳באַדערפע־

ניש אין אַזאַ דערלייזונג, וואָס דאָס אידישע פאָלק, ווען געהעריק אויסגעריכט, וואָלט זיי געקאָנט געבן. אידן פון דעם מין זיינען נענוג צאָלרייך און גענוג איינפלוסרייך צו פאַרדינען אויפמערק־זאַמקייט.

די אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל באַפרידיקן זייער נויט־באַדערפע־ניש אין דערלייזונג, וואָלט געדאַרפט האָבן פאַר איר יסוד דעם פּרינציפּ, אַז די טראַדיציאָנעלע סאַנקטאַ זאָלן איינגעהאַלטן ווערן אין די ראַמען פון אידישן באַוואוסטזיין. אָבער די אינטערפּרע־טאַציע, וואָס זאָל געגעבן ווערן צו די דאָזיקע סאַנקטאַ, קאָן ניט זיין די זעלביקע, וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער פאַרגאַנגענ־הייט. אַזוי ווי יעדע אינטערפּרעטאַציע, אום צו זיין גילטיק, דאַרף האַרמאָנירן מיט דעם רעשט פון אַ מענטשנס דענקען, איז עיקרשט וויכטיק, אַז די אידייען, וואָס געהערן צו דער אידישער סאָציאַלער ירושה, זאָלן איבערגעטייטשט ווערן אין ליכט פון מאָדערנעם וועלט־אויסבליק. און כדי אָט דער איבערטייטשונג זאָל געלינגען אַי־בערצושפּאַנען דעם ריס צווישן טראַדיציע און מאָדערניזם, דאַרף זי אויסזוכן צווישן די אָנצוהערענישן פון דער טראַדיציע די יעניקע, וואָס קאָנען דינען צו פאַרשטאַרקן די העכסטע סאָציאַלע און ספּיריטועלע זוכענישן פון היינטיקן טאָג — דהיינו, די פולשטענדיקע זעלבסט־רעאַליזירונג פון דער פערזענלעכקייט פון דעם יחיד און דעם מאַקסימום קאָאָפּעראַציע צווישן די מענטשלעכע באַשעפענישן, ניט געקוקט אַף זייערע פּאָליטישע, היסטאָרישע און ראַסן־צעטיי־לונגען.

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, אַרויסגייענדיק פון די אויבן אָנגעוויזענע הנחות בנוגע דער נייַ־באַלעבונג פון דער אידישער טראַדיציע, דאַרף די אידישע רעליגיע אויך ווייטער אָנגעהאַלטן ווערן ווי דער צענטראַלער כאַראַקטער־סימן פון דער אידישער ציוויליזאַציע. די אידישע גאונות האָט אַלעמאָל געזוכט אויסצודריקן זיך אין רעליגיעזע טערמינען; האָט אַלעמאָל געזוכט צו אינטערפּרע־טירן יעדן איינצעלנעם אַקט און פּראָצעס, סיי אין דער נאַטור און סיי אין מענטשן, אין ליכט פון שעפעריש פאַרשטאַנענער, מיט זין און באַטייט אָנגעלאָדענער רעאַליטעט. ווי אַלע אַנדערע פאַזן פון מענטשלעכן לעבן, איז רעליגיע אונטערוואָרפן דעם פּראָצעס פון עוואָלוציע. די אידישע רעליגיע דאַרף זיך אָנשליסן אָן דער מאָדער־

נער אָריענטאַציע בנוגע רעליגיע, אַלס א ספּיריטועלן אָפּרוף פון מענטשן אַף די אומבאַשטענדיקייטן פון לעבן און אַלס אויסדרוק פון די טיפסטע באַדערפעבישן פון זיין וועזן.

דאָס פּראָבלעם פון אידישער רעליגיע וועט היפּשלעך קלערער ווערן, ווען מיר וועלן נעמען אין חשבון אריין דעם אונטערשייד צווישן פערזענלעכער רעליגיע און פאָלקס־רעליגיע. אידישע פאָלקס־רעליגיע באַשטייט פון אַלע יענע אויסדרוקן פון אידישן לעבן, הון אַלע יענע פאָרמען פון מנהג און געזעץ, דורך וועלכע דער יחיד פאַרזעלביקט זיך מיט דעם לעבן און די שטרעבונגען פון זיין פאָלק. עס איז דארום צו דערוואַרטן, אַז אידן וועלן געפינען אין פאָלקס־רעליגיע א שותפותן ספּיריטועלן אויסגלייך־סימן. פּער־זענלעכע רעליגיע, פון דער אַנדער זייט, איז אין עצם דער וועלט־אויסבליק, וואָס יעדער איינער איז געלערנט און געמונטערט צו געפינען פאַר זיך אַליין. אַט דעם אויסבליק דאַרף יעדער יחיד זיין פריי אויסצואַרבעטן לויט זיינע אייגענע פּערזענלעכע איבערצייגונגען בנוגע לעבן און וועלט־אַל.

אידישע רעליגיע, אַלס א פאָלקס־רעליגיע, דאַרף געפינען אויס־דרוק אין דער פּראַקטיצירונג פון דער מעגלעך גרעסטער צאָל אידי־שע רעליגיעזע מנהגים און פאָלקס שטייגערס, אַף וויפיל זיי פּאַסן זיך אריין אין איינעמס אומשטענדן. עס קאָן ניט זיין קיין אידיש לעבן אָן דער באַנוצונג פון אידישע סימבאָלן אין דער אידישער היים און אָן דער אָפּהיטונג פון שבתים, יום־טובים און מנהגים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט געבורט, חתונה און אַנדערע וויכטיקע לעבנס־געשעענישן.

דאָך די טראַדיציאָנעלע אידישע מנהגים און פאָלקס־שטיי־גערס דאַרפן אונטערוואַרפן ווערן צו פאַרענדערונגען, סיי אין פאָרם און סיי אין מאָטיוו, אַזוי אַז דער מאָדערנער איד זאָל זיי קאָנען אָפּהיטן אין אויפריכטיקייט און מיטן גאַנצן הארצן. אויך נייע פאָלקס־שטייגערס און מנהגים דאַרפן אַנטוויקלט און סאַנקציאָנירט ווערן — צוצוגעבן אידישן באַטייט צו צאָלרייכע געלעגנהייטן אין יחידישען און סאָציאַלן לעבן, וואָס זיינען פאַרלויפיק נאָך אויסגע־טאָן פון ספּיריטועלן מיין.

די אידישע פאָלקס־רעליגיע דאַרף דערמונטערט ווערן צו באַמיאונ־גען אריינצוגעבן אַזויפיל זין ווי מעגלעך אין עפנטלעכער עבודה

אַ פּראָגראַם פון שעפערישן יודנטום

— דורך דעם, וואָס זי וועט געבראַכט ווערן אין אַ וואָס נעענטערער שייכות מיט דער אידעאָלאָגיע פון מאָדערנעם אידן, ווי אויך דורך דעם, וואָס זי וועט געשטיצט זיין אַף די אידישע טראַדיציאָנעלע פאָרמען, אַף וויפיל דאָס קאָן געטאָן ווערן אָן שאָדן פאַר איר כפּירימועלן עפעקט.

עס איז אַ ווייטער מהלך פון דעם איינפאַכן יודנטום פון דער פאַרגאַנגענהייט ביז צום פאַרוויקלטן פּראָגראַם, וואָס ווערט אַרויס־געפאָדערט פון יודנטום אַלס אַ ציוויליזאַציע. געוואוינט ווי מיר זיינען צו טראַכטן וועגן יודנטום, ווי וועגן אַ פאָרמע פון אמת, צי געטלעך אַנטפּלעקטן צי מענטשלעך דערגרייכטן, זיינען מיר גענייגט צו דרינגען דערפון, אַז פאַרוויקלטקייט איז אַ סימן פון געקינסטלט־קייט. איז דאַרום נויטיק צו דערמאָנען, אַז יודנטום אַלס ציווילי־זאַציע איז ניט אַ פאָרמע פון אמת, נאָר אַ פאָרמע פון לעבן. וואָס העכער אַן אָרגאַניזם איז אפן לעבנס לייטער, אַלץ פאַרוויקל־טער און צוזאַמענגעזעצטער איז זיין סטרוקטור. כדי צו בלייבן לעבן, מוז דאָס יודנטום ווערן קאָמפּליצירט. עס דאַרף איינזוויגן אין זיך אפילו איינציקע פון די כוחות און טענדענצן, וואָס סטראַשן אים מיט סכנה, עס דאַרף אַרויסברענגען נייע סינטעזן אַף די העכערע מדרגות פון נאַציאָנאַלן לעבן און אַרויספטרעטן אַף אַ לעבנס־וועג, וואָס וועט אויפגעבן נייע תכליתים דעם ווייטער־גאַנג פון דער ציוויליזאַציע.

אין סך הכל, יענע וואָס דערוואַרטן, אַז דאָס יודנטום אין זיין איצטיקן צושטאַנד וועט זיי באַוואָרענען מיט אַ פאַרטיק גע־מאַכטן פּלאַן פון דערלייזונג אַף דער־וועלט אָדער אַף יענער־וועלט — יענע וועלן מוזן אַנטוישט ווערן. דער איד וועט פריער דאַרפן ראַטעווען דאָס יודנטום, איידער דאָס יודנטום וועט זיין ביכולת צו ראַטעווען דעם אידן. דער איד איז איצט אַזוי אַוועקגעשטעלט. אַז דער איינציקער וועג פאַר אים צו דערשלאָגן זיך צו דערלייזונג איז צוריק אָנצופילן די „ברינימער פון דערלייזונג", וואָס זיינען אין פאַרלויף פון צייט אויסגעטריקנט געוואָרן. ער וועט מוזן נייע אַנט־דעקן, נייע איבערטייטשטן און איבערבויען די ציוויליזאַציע פון זיין פאָלק. כדי דאָס צו טאָן וועט ער דאַרפן נאָכקומען אַ פּראָגראַם, וואָס באַטייט נישט ווייניקער ווי דעם מאַקסימום אידישקייט. טריי צו זיין היסטאָרישער טראַדיציע, וועט ער דאַרפן פאַרבינדן זיין

גורל מיט אלע באוועגונגען לטובת סאָציאַלער גערעכטיקייט און אוניווערסאלן פרידן, און צוטראָגן צו זיי די אינספּירירנדיקע קראַפט פון זיין געשיכטע און רעליגיע. אַזאַ פּראָגראַם פאַרלאַנגט אַ גראַד ערלעכקייט, וואָס ווייכט פון אלע פאָרמען פון זעלבסט-נאַרעריי, פאַרלאַנגט אַ טעמפּעראַמענט, וואָס שטרעקט זיך כסדר צו נייע אויפטוען, פאַרלאַנגט אַ מוט פון דעם מין, וואָס שרעקט זיך ניט צו באַטרעטן ניט אויסגעפּאָרשטע רעגיאָנען. ווען אידן וועלן אין אָט דעם גייסט איבערנעמען פון דער פאַרגאַנגענהייט דעם מאַנדאַט צו האַלטן דאָס יודנטום ביים לעבן און פון דער קעגנוואַרט די דירעקטיוון, וואָס ווערן דיקטירט פון אירע טיפסטע נויטן, וועט דער איצטיקער קריזיס אין אידישן לעבן זיך אַרויסשטעלן פאַר די חבלי לידה פון אַ נייער עראַ אין דער ציוויליזאַציע פון אידישן פאָלק.

נאָטיצן
און
ציטאַטן־אָנווייז

פאָרבאַמערקונג צו די ציטאַטן

ביים ציטירן פון תנ"ך, באַצייכענען די ציפערן אין געוויינלעכער, גראָדער שריפט (1, 2, 3, 4. . .) — קאַפּיטלען; די ציפערן אין קלענערער, קרומלעכער שריפט (1, 2, 3, 4. . . .) באַצייכענען פסוקים.

אזוי אויך ביים ציטירן פון אַנדערע אידישע ספרים באַצייכענען די גראָדע ציפערן די גרעסערע איינטיילונגען פון ספר; די קרומערע ציפערן — די קלענערע איינטיילונגען.

— — — — —

אין קאַפּיטל אכט — „די אידישע רעליגיע און די באַזיצלאָזע" — זיינען די ציטאַטן פון תנ"ך געגעבן לויט יהואשעס תנ"ך־איבערזעצונג.

נאָטיצן
און
ציטאַטן־אָנווייז

צו קאַפּיטל איינס

1) Durkheim, Emile: **Elementary Forms of the Religious Life,** Allen and Univin, London, 430

2) Freud, Sigmund: **The Future of an Illusion,** New York, 1928.

3) Ibid, 43.

4) "Religion nad Science," **The New York Times Magazine,** November 9, 1930, 1.

צו קאַפּיטל צוויי

1) Montefiore, C. G.: **Outlines of Liberal Judaism,** 78f.

2) איוב 13. ד.

3) Oswald Spengler: **Decline of the West,** II, 266.

4) Montefiore, C. G.: **Op. Cit.,** 168.

5) Ibid.

6) ווי די היסטאָרישע רעליגיעס ווערן היינט צו טאָג אויסגעטייטשט, אַפּילו פון דעם ליבעראַלסטן שטאַנדפּונקט, איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין זיי פאַר אן אפּענהערציקן אָפּזאָגן זיך פון דער אַמביציע צו ווערן די רעליגיע פון דער מענטשהייט. אוניווערסאַליזם, מעסיאַניזם, ספּיריטועלער אימפּעריאַליזם, רופט עס ווי איר ווילט, איז דער לאָגישער אויספיר פון זייערע גרונט־הנחות וועגן זיך. קריסטלעכע דענקער אפילו פון די ליבעראַלסטע שולעס ווען זיך

קווינקלען צו באַוויליקן פערמאַנענץ דעם יודנטום. זיכער וועט קיינער ניט באַשולדיקן קלאָוד מאָנטעפיאָרע אין פאַנאַטישקייט, אָבער אפילו ער פאַרזיכערט, אַז „קריסטנטום גופא קומט פאָר דעם אידן ווי בלויז אַ שטופּע אין דער צוגרייטונג פון דער וועלט צו אַ געלייטערטן, אַנטוויקלטן און אוניווערסאַלן יודנטום". ציטירט ווערק, 163. ווי ווייט דאָס איז דער פאַל היינט צו טאָג אפילו אין די ליבעראַלע קריסטליכע קרייזן, קאָן מען אַרויסזען פון דער פראַגע: „איז טאָלעראַנץ מעגלעך?" — געפרעגט אין „קריסטשען סענטשורי":

"Is a Tolerant Christianity Possible?" Eakin, Frank: **Christian Century**, February 26, 1930, 267-269.

אַזוי אינערלעך אָנגעהעריק צום קריסטנטום קומט אים פאָר אומטאָלעראַנץ, אַז ער קאָן זיך ניט שיידן מיט איר, סיידן מען וועט אים גאַראַנטירן אַ וועלכע עס איז „מאָראַלישע גלייכווערטיקייט."

צו קאַפּיטל דריי

1) Durkheim, Emile: **Elementary Forms of the Religious life**, 348-349.

2) Cf. Ames, Edward Scribner: **Psychology of Religious Experience**, Boston and New York, 1910, 280.

3) "Magic, Science and Religion," **Science, Religion and Reality**, New York, 1928, 40.

4) Cf. Durkheim, Emile: **Op. Cit.**, 47.

5) דאָס פּאַפּסטום איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין באַשטיין אַף לאָיאַליטעט צום פּאַפּסט, אַלס אַ פאָרבאַדינג צו דערלייזונג. „צו זיין אַן אונטערטאַן צום רוימישן אויבער־פּריסט, דערקלערן מיר, זאָגן מיר, באַשטימען און פּראָקלאַמירן, אַז עס איז אַבסאָלוט נויטיק פאַר יעדער מענטשלעכער באַשעפעניש צו דערלייזונג" —

Boniface VIII, **Unam Sanctam.**

6) Hayes, Carlton J. H.: **Essays on Nationalism**, New York, 1926, 93-125.

7) Cf. Haydon, A. Eustace: **The Quest of the Ages**, 18ff.

8) **Decline of the West**, II, 69.

נאָטיצן

9) פיכטע פאַרזיכערט, אַז קריסטנטום איז געבראַכט געוואָרן צו די אורעלטערן פון די איצטיקע דייטשן — די טעווטאָנען — ווי אַ טייל פון אַ סטראַטעגיש פּלאַן פאַר דער באַשיצונג פון רוים קעגן די באַרבאַרן:

Addresses to the German Nation, translated by R. F. Jones and G. H. Turnbull, Chicago, 1922, Ch. VI.

10) „דער רוימישער אימפּעריאַליזם. . . האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער צעשטערונג פון גייסט פון נאַציאָנאַליטעט. . . . דאָך די אימפּעריע, הגם צעפאַלן אַלס פאַקט, איז געבליבן אַלס אידייע. יי האָט געהאַט אַ נייע זייער מערקווירדיקע לעבנספאַרלענגערונג: אין אַן אידעאַליזירטער פאָרם, אַלס די רוימישע קירך. . . אין קריסטנטום, קאָנען מיר זאָגן צוזאַמען מיט סילי, האָט די אידישע נאַציאָנאַליטעט געהאַט אַ באַנייטע און אומבאַגרעניצטע אויסשפּרייטונג. די ציוויליזירטע וועלט האָט אָנגענומען ירושלים אַלס איר ספּיריטועלע הויפּט־שטאָט, און דוד המלך און די נביאים.״

Inge, W. R.: **Outspoken Essays,** Second Series, New York, 1923, 61-62.

11) **National Character,** New York and London, 1927, 185.

12) סאַלוטירן די פאָן איז איינער פון די ריטואַלן פון פּאַטריאָטיזם. ווי די ריטואַלן פון דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע, קאָן עס אויך מיסברויכט ווערן, וואָס דער הויפּט־מיסברויך איז די לייכטקייט, מיט וועלכער דער פאָן־ריטואַל ווערט אויסגענוצט אַלס אַ מיטל אויפצורייצן דעם מלחמה־גייסט. אָבער אַנשטאָט צו פאַרדערן די אָפּשאַפונג פון ריטואַל, קאָנען מיר אים פאַרוואַנדלען אין אַ מיטל פון לייטערן דעם פּאַטריאָטיזם פון זעלבסטזוכט.

Cf. Guthrie, William Norman: **Religion of Old Glory,** New York, 1919.

13) Keynes, J. M.: **Essays in Persuasion,** New York, 1932, 297.

14) מגילה 29 א.

15) עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז צווישן די אַזוי גערופענע ראַדיקאַלע עלעמענטן אין פּאַלעסטינא שפּירט זיך

גאַנץ דייטלעך אַ בענקשאַפט נאָך רעליגיעזן זעלבסט אויסדרוק. פאַרגלייך שווייגער, יצחק: „יסוד ההוי שלנו ויצירתו" „הפועל הצעיר" אַפּריל 11, אַפּריל 25, מאַי 1, 1930, XXIII

16) „די סינאַגאָגע איז אַ פּלאַץ פאַר תפילה, ווי עס איז יעדער אַנדערער פּלאַץ — אַן אָפן פעלד צי אַ שלאָף־צימער — וואו דער מענטש שטימט אָן זיין גייסט פאַר אַ צוזאַמענריידונג מיט גאָט. אָבער די סינאַגאָגע איז צום אַלעם ערשט אַ פּלאַץ פאַר עולמשן גאָטעסדינסט, אַ צענטראַלער צוזאַמענקונפט־פּלאַץ און אַן אַפּרוּ־פּלאַץ פאַר דער צעשטרייטער געמיינדע פון אידן. דאָרט פאַרזאַמלען זיי זיך צו באַנוצן, צו באַווייזן און צו באַשטעטיקן זייער לעצטן שותּפותן באַזיץ — די רעליגיע, מיט דער הילף פון אַן עולמשן געבעט־בוך. געוויסע אויסדרוקן אין בוך מעגן יאָ אָדער מעגן ניט אַפּעלירן צו דעם אָדער יענעם מיטגליד פון דער געמיינדע. אויב ניט, דאַרפן זיינע געפילן אין אַכט ניט גענומען ווערן, ווייל די שולד העכסט וואַרשיינלעך ליגט אין זיין ניט גענינגנדיקער פאַרשטענד־ניש פון דעם צוועק, צו וועלכן די סינאַגאָגע איז באַרופן צו דינען. ניכער פון אַלץ פאַרזעט ער די סאַנקציע, וואָס די געשיכטע אָדער די טראַדיציע האָט צוגעגעבן צו דער אָדער יענעם געברויך; און די רפואה דאַרף געזוכט ווערן קודם כל אין אַ פלייסיקן זיך אַריינ־לייענען אין געבעט־בוך. און אפילו ווען ער וועט עס טאָן, איז אומפאַרמיידלעך, אַז די פאָרמען פון עולמשן גאָטעסדינסט זאָלן ניט געניו קאָרעספּאָנדירן מיט די נויטן פון יחידס נשמה. עולמשער גאָטעסדינסט מוז ביז אַ געוויסן גראַד קריסטאַליזירט ווערן דורך דעם עולם סענטימענט און פאַרשטייפט ווערן דורך דער אָנגענומענעם נוסח. די „אַטמאָספערע" פון שול, אום צו נוצן אַ גאַנגבאַרן אויסדרוק, איז נויטווענדיק אַנדערש פון דער „אַטמאָספערע" פון פערזענלעכער תפילה, און יעדער עקספּערימענט, וואָס צילט צו דער צונויפהעפטונג פון ביידע, מוז זיך פאַרענדיקן דערמיט, וואָס עס ווערט צעשטערט דער צוועק, צוליב וועלכן די סינאַגאָגע עקזיס־טירט". —

Magnus, Laurie: **Religio Laici Judaici, 30-32.**

מיר נעמען אָן פולשטענדיק דעם קלאָר געמאַכטן אונטערשייד צווישן פּריוואַטער תפילה און פון עולמשן גאָטעסדינסט; מיר זיינען אָבער ניט מסכים מיט דעם אויספיר, אַז עולמשער גאָטעס־דינסט איז פאַרמשפּט צו שטייפקייט און פאַרגליווערטן נוסח. דער

נאָטיצן

אויספיר איז איין ליניע מיט דער פילאָזאָפיע פון קאָנכער־וואַטיוון יודנטום, וואָס ווערט פאַרטיידיקט אין דעם בוך.

צו קאַפּיטל פיר

1) — ברנפלד, שמעון: „מבוא לכתבי הקודש", בערלין — תל אביב, 1923 — 1929, קאַפּיטלען 1 — 4, וואו עס איז צו געפינען א סך הכל פון דער קריטישער פאָרשונג פון דער ביבעל. — פאַר אינפאָרמאַציע וועגן די יאָרהונדערטער פון נאָך עזרא ביז דורך דעם פעריאָד פון די תנאים — זע:

Schurer, Emil: Geschichte des Judischen Volkes im Zeitter Jesu Christi, Leipzig, 1901-11, ed. 4; Moore, George Foote: **Judaism**, Cambridge, 1927-1930, 3 vol.

2) אף וויפיל די אגדה פאַרנעמט זיך מיט די כאַראַקטערן און פּאַסירונגען, וועגן וועלכע עס האַנדעלט זיך אין די הייליקע שריפטן, איז עס געווען א ווידעראָויפשטעלונג פון ישראלס פּריסטן פּאַרציימן אין די טערמינען פון תורה און מצוות, לויט זייער באַטייט אין דער שפּעטערדיקער צייט. וועגן אדמ'ען האָבן די חכמים געהאַלטן, אַז אים זיינען געגעבן געוואָרן די זעקס עלעמענטאַרע מאָראַל־געבאָטן, בראשית רבא 14. 6, און סנהדרין 56 א. — דיזעלביקע געבאָטן זיינען איבערגעחזרט געוואָרן צו נח'ן. — צו שם ועבר איז צוגעשריבן געוואָרן דער פאַרדינסט, אַז זיי האָבן אנגעפירט מיט ישיבות אף צו לערנען תורה, און אַז יעקב זאָל האָבן אהין אנטלאָפן פון עשו'ס צאָרן. בראשית רבא 68. 5. — אורהם ווערט פאָרגעשטעלט ווי א ראש ישיבה, און אַז ער זאָל האָבן אָפגעהיט די תורה שבעל פה מיט אַלע פּרטים, יומא 28 ב. — די דרייהונדערט און אכצן מענער, וואָס האָבן געפאָכטן אונטער אים קעגן די פיר מלכים, בראשית 14. 14, זאָלן האָבן געווען לערנער פון תורה, נדרים 32 א. — אפילו ווען ישראל איז געזעסן אין מצרים איז דאָס לערנען תורה ניט בטל געוואָרן, יומא 28 ב. — יהושע, דאָג, אחיתפל, דוד און אנדערע זיינען אַלע פאַרטאָן געווען אין לערנען תורה. אין זעלביקן גייסט האָט די אגדה איבערגעטייטשט דעם באַגינען פון ישראל.

3) שופטים 11. 24.
4) שופטים 11. 31.
5) שופטים 8. 27; 17; 18.
6) בראשית 12. 6 — 7; 18. 1 — 19; 26. 23 — 25; 28 — 10 — 22; 46. 1 — 3.
7) ירמיהו 14. 22.
8) שמואל א 5. 6 און ווייטער; 25. 38; שמואל ב 21. 1 און ווייטער; 24. 1, 12 און ווייטער.
9) שמואל א 26. 19; שמואל ב 16. 10 און ווייטער; 15. 31; מלכים א 12. 15.
10) שמואל ב 7. 14 — 15
11) שמואל ב 24. 1.
12) דער נביאישער שטאנדפונקט האט אויך געפונען אויס־דרוק אין תהלים. דארף דארום ניט זיין קיין איבערראשונג, ווען מיר געפינען א קאפיטל תהלים ווי דער 82־טער, וואו הוה ווערט פאר־געשטעלט שטראפנדיק די אנדערע געטער פאר זייער נעמען דעם צד פון די רשעים.
13) ירמיהו 6. 16 און ווייטער; הושע 8. 12.
14) מיכה 3. 11.
15 עמוס 5. 18, 20.
16) טעאקראטיע איז דער טערמין, וואס יאזעפוס פלאוויוס נוצט צו באשרייבן די ארגאניזאציע פון די אידן אין Contra Apionem, II—165
17) פארגלייך יהושע 24. 19.
18) פארגלייך מלכים א 8. 29, 33, 35; דניאל 6. 11.
19) פארגלייך תהלים 19, 119 און נאך.
20) ישעיה 49. 14 — 23; 51. 3; 52. 7 — 12; 54. 1 — 8; תהלים 14. 7; 28; 47; 53. 7. 69. 36, 37; 80; 85; 89. 20 — 52; 106; נחמיה 9. 36, 37; דניאל 9. 4 — 19; 12.
21) סנהדרין 90 א.
22) שמואל א 28. 3; ישעיה 8 19 און נאך.

23) Cf. "State of the Dead," Hastings: **Encyclopedia of Religion and Ethics**, XI, 841-843.

די שטעלונג פון די היינטיקע ספיריטיסטן, וועלכע באהויפטן, אז די טויטע קאנען זיך קאמוניקירן און קאמוניקירן זיך טאקי

נאָטיצן

מיט די לעבעדיקע, איז אַ מאָדערנע אילוסטראַציע דערויף, אַז דער גלויבן אין דער פאַרגעזעצטער עקזיסטענץ פון די געשטאָרבענע איז בשום אופן ניט מחויב צו באַאיינפלוסן איינעמס רעליגיעזע איבערצייגונגען און טואונגען.

24) תהלים 6. 6.
25) ישעיה 38. 18.
26) פאַרגלייך עזרא 4.
27) תהלים 1; 73; 93.
28) דניאל 12.

29) Moore, G. F.: Op. Cit. I, 110-121, 357-442; II, 279-396.

30) אין די צאָלרייכע ביישפילן אין תרגום אונקלוס און געגענטלעך דאָ און דאָרט אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערן גאָט־פאַרמענטשלעכנדיקע שטעלן פון די הייליקע שריפטן איבערזעצט אָדער פאַרטייטשט דורך אומוועג־פראַזן, און עס קאָן זיך דוכטן, אַז די כונה איז אָוועקצואווייכן פון גאָט־פאַרמענטשלעכונג. אין דער אמתן אָבער איז עס ניט די מורא צוצושרייבן גאָט מענטשלעכע אייגנשאַפטן און אַטריבוטן, וואָס דיקטירט די אומוועג־פראַזעאָלאָגיע, נאָר דער וואונטש אויסצומיידן אַן אויסדרוק וואָס זאָל אַרויסרופן אַן אידייע, וואָס איז ווידערשפּרעכיק צו גאָטס אויבערמאַכט און מאַיעסטעט. פאַרגלייך לוצאַטו, שמואל דוד: „אוהב גר״, וויען, 1830, 3 — 5.

31) פאַרגלייך בראשית רבא 1. 13; 12; משנה סנהדרין 4. 5; ירושלמי ברכות 9; הלכה א דרבי אליעזר בן פדת.
32) אבות 1. 14; 4. 13, 22; שבת 153 א.
33) ילקוט תהלים 25.
34) תהלים 1. 2; 12. 7; 16. 11; 19. 8 — 10; 143. 8 — 10; 147. 19 — 20.
35) פתיחתא דאיכה רבא; ירושלמי הגיגה 76 ג.
36) ברכות 5 א. ספרא, אויסגאַבע וויים, בחוקותי 8.
37) דברים 17. 11 — 13.
38) — „משהן אפן באַרג סיני איז געגעבן געוואָרן צו וויסן וואָס זיין יעדן געטרייען תלמיד איז באַשערט געווען צו אַנטדעקן״ — ירושלמי חגיגה 76 ד.

39) דער חסידישער „רבי" איז דער ווידעראויפקום פון אי אינסטיטוציע, וואס איז שוין לאנג געוועזן אונטערגעגאנגען אין יודנ־טום.

40) פארגלייך דעם סטאטוס פון ר'יוחנן בן זכאי מיט דעם סטאטוס פון הנינא בן דוסא, ברכות 34 ב.

41) ספרי, דברים 154.

42) ירושלמי הריות 45 ד.

43) פארגלייך יד החזקה, הלכות מומרים, 3. 4.

44) אבות 2. 9.

45) פארגלייך קידושין 39 ב.

46) ירושלמי פאה 15 ד.

47) קידושין 70 ב; פארגלייך יבמות 47 א.

48) ספרי, בהעלותך 78; בראשית רבא 39. 14; במדבר רבא 10. ו; שיר השירים רבא 5. 16.

49) **Authorized Daily Prayer Book, 48.**

50) תנחומא, לך לך, 6.

51) שיר השירים רבא 1. 6; פארגלייך דעם ווארטשפיל אף די נעמען ירמיהו און עמוס, קהלת רבא 1. 2.

52) מגילה 29 א.

53) בראשית רבא 1. 4; שבת 88 א.

54 ברכות 32 ב.

55) אחד העם: „שלטון השכל" — על פרשות דרכים, בערלין 1913, 4. ו — 37.

צו קאפיטל פינף

1) **"Individuality in our Day," New Republic, April 2, 1930, LXII, 187.**

2) ראבינאוויץ, שאול פנחס: „ר' יום טוב ליפמאן צונץ", ווארשא, 1896. ראבינאוויץ, שאול פנחס: „ר' זכריה פרענקל", ווארשא, 1898 — 1902.

Ginzberg, Louis: **Students, Scholars and Saints**, Philadelphia, 1928, 195-251.

נאָטיצן

3) ברנפלד, שמעון: „מבוא לכתבי הקודש", בערלין, 1923, 1. 13.

4) "A Talmudic Problem," **Jewish Quarterly Review**, New series, 1911-12, II, 88.

5) „דביר", בערלין 1924, 2. 6.

6) קלויזנער, יוסף: „יהדות ואנושיות", וואַרשע, 1910, 1. 136.

7) **Jewish History**, Philadelphia, 1903, Ch. III.

8) לויט דער טראַדיציע, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין מלכים א. 12. 28, האָט ירבעם אויפגעשטעלט צוויי גאָלדענע קעלבער, איינס אין דן, דאָס צווייטע אין בית אל. „קאַלב" איז דער חוזק־נאָמען, וואָס די פּראָפעסאָר פון די הייליקע שריפטן האָבן גענוצט פאַר דער געשטאַלט פון אָקס, וואָס די בני ישראל האָבן געהאַט אָנגענומען. דער חומש שרייבט צו דעם אורשפּרונג פון אָקס־אָנבעטונג צו די בני ישראל אויפן באַרג סיני. א צווייטע טראַדיציע, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין שופטים 17, 18, לאָזט אַנשטויסן זיך, אַז די אָקס־אָנבעטונג אין גאָטהויז פון דן שטאַמט פון די אַריינדרינגער די בני דן. דאָס בילד, וואָס גדעון האָט געלאָזט מאַכן, איז מסתמא אויך געווען פון אַן אָקס, שופטים 8. 22 — 28. פון די אַלע טראַדיציעס לאָזט זיך דרינגען, אַז אָקס־אָנבעטונג איז ניט באַוואוסט געווען צו די בני ישראל אויף זייער נאָמאַדישער שטופע; און זיי האָבן עס ערשט אָנגענומען אַלס אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אַגריקולטורעלער ציוויליזאַציע.

9) Torczinег, Harry: "Die Bundeslade und die Anfange der Religion Israels," **Festschrift . .. der Hochschule fur die Wissenschaft des Judentums**, Berlin, 1922, 219-297.

10) פּאַרגלייך אברהם בן דוד מפּושקירו: קאָמענטאַר אויף „הלכות תשובה", 3. ד. פּאַרגלייך, בנוגע די אַקטיוויטעטן פון די אַנטי־מימניסטן —

Graetz, H.: **Geschichte der Juden**, Leipzig, 1894, VII, 28-58.

11) Powys, John Cowper: **The Meaning of Culture**, W. W. Norton, New York, 1929, 7-8.

12) Barnes, H. E.: **Twilight of Christianity**, New York, 1930.

צו קאפיטל זעקס

1) זע רמב"מס קאמענטאר צו דער משנה („המאור"), סנהדרין, פרק י.
2) קהלת רבא 9. 12.
3) בראשית רבא 39. ו.
4) שמות רבא 29. ו.
5) הלכות תשובה 1. ד.
6) שמות 32. ד.
7) שמות 19. 24.
8) שמות 24. ו.
9) בראשית 28. 12.
10) שמות רבא 42. 2.

11) Nicomacean Ethics, II, VI—9.

12) הלכות תשובה 3. 14.

צו קאפיטל זיבן

1) **Solomon Schechter, The Dogmas of Judaism in "Studies in Judaism" First Series (1911)**

צווישן די אנדערע פירנדיקע קריטיקער פון מענדעלזאנען זיינען:

Leopold Loew, Gesammelte Schriften (1871) Band I, 133-176, and David Neumark, The Principles of Judaism in Historical Outline. פארעפענטלעכט נאך זיין טויט אין 1929.

2) קידושין 40 א.
3) שמות 14. 31.
4) דברים 4. 35.
5) שמות 19. 9.
6) מורה נבוכים, ספר ראשון, סוף קאפיטל 33.
7) דברים 18. 21, 22.
8) ישעיה 60. 21.
9) משנה סנהדרין, פרק י, ו.

נאָטיצן

10) זע פאַריקן קאַפּיטל וועגן רמב״מס איבערטייטשן דעם באַגריף פון עולם הבא.

11) פארגלייך רמב״מס קאָמענטאַר צו דער משנה, סנהדרין, 11. 3.

12) אבות 3. 13; בבא מציאה 58 ב.

13) **Jerusalem,** translated by M. Samuels, London, 1838, p. 102.

צו קאַפּיטל אַכט

1) פארגלייך בראשית 9. 6.
2) תהלים 145. 17.
3) ויקרא 19. 15.
4) במדבר 18. 19 — 24.
5) דברים 16. 11, 14.
6) דברים 14. 28, 29.
7) שמות 23. 11.
8) ויקרא 19. 9, 10.
9) דברים 24. 19, 21.
10) משלי 22. 22.
11) במדבר רבא 5. 2.
12) כתובות 67 ב.
13) תהלים 145. 15.
14) פסקתא, בובער־אויסגאַבע, 100 א.
15) טור הלכות צדקה, 247.
16) שמואל א 8. 14 — 16.
17) מיכה 2. 1, 2.
18) ישעיה 5. 8.
19) ישעיה 3. 14, 15.
20) עמוס 5. 18.
21) ישעיה 2. 12, 17.
22) ישעיה 4. 3, 4 .
23) תהלים 37. 28, 29.
24) פארגלייך

Westermarck, The Origin and Development of Moral Ideas, Vol. I, Ch. XXIII.

25) ישעיה 58. ז.
26) איוב 22 ד — 9.
27) איוב 31. 16 — 22. פארגלייך איוב, 22. 12 — 16.
28) שמות 22. 25, 26.
29) הושע 14. 4.
30) תהלים 145. 9.
31) משלי 14. 31.
32) ויקרא 25. 35.
33) בראשית 19.
34) דברים 10. 18.
35) ביצא 32 ב. פארגלייך יבמות 79 א; במדבר רבא 8. 4.
36) ביצא 32 ב.
37) סוכות 49 ב.
38) דארט.
39) דארט.
40) שמות רבא 31. 12.
41) ביצא 32 ב.
42) משנה שקלים פרק ה', 6.
43 הגיגה 5 א.
44) ויקרא רבא 34.
45) תהלים 24.

באמערקטע דרוק־פעלערן

אף זייט 88, אין דער 7־טער שורה פון אונטן:
שטייט: איבערגעריסן — דארף זיין: איבעררייסן

אף זייט 129, אין דער 13־טער שורה פון אויבן:
שטייט: געטלעכן — דארף זיין: געטלעכער

אף זייט 164, אין דער 13־טע שורה פון אויבן:
שטייט: מווא — דארף זיין: מורה